STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03765

YUDISHE NESHOMES

Samuel Hurwitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „פאלקסבילדונג" ניויארק.

א. ליטווין.

יודישע נשמות.

פערטע אויפלאגע

באנד I

ליטא.

הויפט פערקויף ביי:
סטאר היברו בוק קא.
18 ארטשארד סטריט, ניו יארק.

Copyright 1916
by S. Hurwitz, New York.

All rigts reserved.

אַמאָליגע יודען.

מיין פאטער'ס און מאַמע'ס אנדענקען געווידמעט.

אינהאַלטס-פאַרצייכענעס.

1. גראַף פּאָטאָצקי דער „גר צדק“.
2. רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער.
3. דער „שאגת אריה“.
4. רבי חיים וואָלאָזשינער.
5. ר׳ ישעיה זוכאָוויצער (א למד-וואָווניק).
6. די קדושים פון רוזשינאָי.
7. דער קדוש פון ביאַלאַ און זיין צואה.
8. אַמאָליגע פּאָדראַטשיקעס.
9. אַלעקסאַנדער דער 1־טער און „אסתר׳קע“ די דריטע.
10. קושעלעווסקי—דער ערשטער יודישער דאָקטאָר.
11. אסתר די „גענעראַלשע“.
12. קינקולקין דער אַנטיקוואַר.
13. דער ווילנער „באַלעבעס׳ל“.
14. דער לעצטער יודישער תקיף.
15. דער לעצטער יודישער פּריץ.
16. דער גבור פון ביאַלאַ.

17. נעסוויזש—די גבורים-שטעדטעל.

18. „פאניע קאָבאַנקו" (פירשט ראדזיוויל).

א) „נאַ קאָנאָ טעראַס וויגליאָנדאַם".

ב) אַ יוד פאר אַ „קוקאווקע".

ג) „פאניע קאָבאַנקו" שיסט אַ ספר תורה.

ד) „ריבא בענדזי דראָגא".

ה) „פאניע קאָבאַנקו" פערשפּילט אַ שאַך.

ו) „פאניע קאָבאַנקו" און משה ג"ח.

19. וואָס דער „פנקס" דערצעהלט:

א) אריינגעוואָרפען אַ ווייבעל אין חרם, פאר וואָס זי איז געפאָהרען מיט אַן ערל אָהן אַ שומר.

ב) אַ בית-דין-שמש אַ גנב און זיין שטראָף.

ג) אַ טאַקסע פאר שניידער.

ד) פאר ניט מאַכען קיין סעודה צו אַ ברית.

ה) אַן אָבצאָהל אויף סנדק און מוהל.

ו) געכאַפּט אַ יודען מיט אַ ווייבעל אין אַ חדר מיוחד.

ז) ניטאָ קיין בעלנים אויף קוואַטער און אונטערפיהרער.

ח) פאר זידלען דעם „פרנס-חודש".

ט) וועניגער עולם איז מעהר שמחה.

י) אַ תקנה נעגען לוקסוס.

יא) אַ סדור—אַ משכון פאר קבורה-געלד.

יב) די סעודה פון „חברה קדישא".

יג) וואָס האָט געקאָסט אַ סעודה פון „חברה קדישא" מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק.

יד) מחלוקות און מסירות צוליב דער סעודה.

20. דער בונט פון קיידאַנער באַלמעלאַכעס מיט 100 יאָהר צוריק

21. ווען שקלאָוו איז געווען „ארץ ישראל".

22. פּאָטיאָמקינס „גזרה" (אַ בלעטעל פון דובראָוונער מגילה).

23. נתן—נטע דער שתדלן.

24. אמאָלינער כאַבאַר.

25. מאָהילעווער אנטיקען:

א) אמאָליגע יודישע גבירים און זייער פיהרונג.

ב) דער בוכארער בעל מקובל.

ג) דער שמש מיט'ן ביינערנעם גארטעל.

ד) אין „דאָמאָוויק'ס" מלוכה.

ה) דבורה די קהל'שע רופערקע.

26. רוזשינאָיער פאָלקס־העלדען: דוד דער מלמד, לייבע וואש און הדסה.

27. רבי נחום (א האראָדנער פאָלקספריינד).

28 מאיר דער שוסטער און מיכל דער ציגארענמאכער (מינסקער פאָלקסהעלדען).

29. ניינציגער (פון ווילנער טיפען־גאַלעריי):

א) דער שכן און זיין באלעבאָס.

ב) דער ניינציג יעהריגער קלויזניק

ג) „פטשאָלקע".

פאָרוואָרט.

דער באַנד שריפטען, וואָס ליגט איצט פאַר'ן לעזער, אונ־
טער דעם טיטעל „יודישע נשמות", ווי אויך די איבריגע פינף
בענדער, וואָס קומען נאָך איהם, איז דער רעזולטאַט פון א שטור־
דיען־רייזע, וואָס דער פערפאַסער האָט געמאַכט אין א משך פון
צייז יאָהר, אונגעפעהר, פון דער רוסישער רעוואָלוציע ביז דעם
איצטיגען וועלט־קריג, איבער אַלע יודישע געטאָס פון ליטא,
פוילען און גאַליציען. די דאָזיגע צייז יאָהר זענען געווען א
גרויסע עפּאָכע אין'ם לעבען פון די מזרח־אייראָפּייאישע יודען.
מיט איהר האָט זיך פערענדיגט די לענגערע עפּאָכע פון דעם יו־
דישען פאָלקס־ערוואַכונג — די עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגע־
פאַנגען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און זיך פערענדיגט
מיט דער רוסישער. די דאָזיגע ערוואַכונגס־עפּאָכע איז געווען
זעהר א שטורמדיגע. זי ווערט בעצייכענט דורך א גאַנצע רייהע
מעכטיגע בעוועגונגען ביי יודען. ווי: לומדות, חסידות, השכלה,
ציוניזם און סאָציאַליזם. אַט די אַלע שטורמדיגע בעוועגונגען,
וואָס האָבען פערנומען א שורה פון פיער, פינף דורות, זענען
אָבער ניט געגאַנגען כסדר איינע נאָך דער אַנדערער. זיי האָבען
זיך אָפט צוזאַמענגעשטויסען, צונויפגעפלאָכטען, און, ניט זעל־
טען, איז איין דור אויסגעקומען דורכצוקעמפּפען אין דער נשמה
עטליכע, אָדער אפילו אַלע צוזאַמען. דער קאַמפּף האָט געקאָסט
דעם פאָלק גרויסע קרעפטען. עס האָט אָבער אויך אין איהם
געוועקט און גענעהרט נייע ריזיגע כוחות און דרייסטע האָפנונ־
גען, אזוינע דרייסטע, ווי די גאַנצע יודישע געשיכטע, פ א ר
דעם, האָט אזעלכע ניט געוואוסט פאַר די צוויי טויזענד יאָהר
פונ'ם יודישען גלות.

גרויסע פראַגען האָט די גרויסע עפּאָכע פון דער רוסישער
רעוואָלוציע אוועקגעשטעלט פאַר דעם יודישען פאָלק. פראַגען,
וואָס ריהרען אָן דעם גאַנצען קיום פונ'ם פאָלק, זיין צוקונפט,

זיין עקאנאמישע, נאציאנאלע און פאליטישע ווידערגעבורט.

דעם שרייבער פון אט די צײלען, אלס יודישען שריפט־שטעלער און טיילנעהמער אין דעם קאמפף, איז אויסגעקומען צו בעריהרען א גאנצע רייהע פראגען, וואס ריהרען אן די יסודות פונ׳ם יודישען לעבען. ער האט געהאלטען דעריבער פאר זיין חוב, כדי צו זיין אין שטאנד ערנסט צו בעהאנדלען די דאזיגע פראגען, שטודירען דעם יודישען לעבען אינ׳ם לעבען גופא: קלאר מאכען זיך, ווי ווייט מעגליך, די אינערליכע שטרעבונגען און אויסערליכע איינפלוסען, וואס האבען געווירקט אויף דער יודישער נשמה אין געטא פאר די לעצטע קנאפע אנדערהאלבען הונדערט יאהר. ווארום כדי צו וויסען: וואוהין מיר געהען? מוזען מיר האבען א קריטישען איבערבליק אויף דאס איבערגעלעבטע ביז אהער; מוזען מיר קענען אונזער א י צ ט אין זיין היסטארישער ענטוויקלונג.

אט די אויפגאבע האט זיך דער שרייבער געשטעלט אין זיינע פארשונגס־רייזען איבער די גרויסע געטאס פון מזרח־אייראפא, וואס בילדען צוזאמען א גרויסען צענטער, דעם גרעסטען צענטער פונ׳ם יודישען פאלק, סאי אין כמות, סאי אין איכות, וואו דער פולס פון זיין נאציאנאלען לעבען שלאגט אם שטארקסטען; וואו זיין נשמה שפיגעלט זיך אב אם קענטיגסטען.

זיינע פארשונגען אין די יודישע געטאס האט דער פערפאסער פערצייכענט ניט אין דער פארם פון שווערע וויסענשאפטליכע אבהאנדלונגען, נאר אין דער לייכטערער געשטאלט פון שילדערונגען און בילדער. די פערזאן — דער טוער, דער שאפער פונ׳ם לעבען, איז ביי איהם שטענדיג געווען אויפ׳ן ערשטען פלאן. פאר דעם לעזער געהען דורך, אין דעם שרייבערס ווערק, הונדערטער טיפען, בילדער, געשטאלטען, וואס שטעלען פאר אלע וויינקעלעך פונ׳ם יודישען לעבען, אמאליגען און איצטיגען, אין אלע זיינע שאטירונגען, מיט אלע זיינע וועהטאגען און שטרעבונגען, אין ליכט און אין שאטען. אין זיי איז

גאר נישט אויסגעקלערט. אלץ איז גענומען פונ'ם פרישען לע־בענסקוואל — די פרוכט פון פערזענליכע איינדריקע און בע־אבאכטונגען, אדער פון געשפרעכען מיט מענשען, וואס קענען גוט דעם לעבען און די פערזאנען אויפ'ן ארט.

א בעזונדער אויפמערקזאמקייט האט דער שרייבער גע־ווידמעט די הויכע און שטארקע יודישע נשמות, איבערהויפט יענע איידעלע, שטילע, אונבעקאנטע פאלקסהעלדען, וואס אין זיי שפיגעלט זיך אב, אין אלע צייטען, דאס שענסטע און איי־דעלסטע פון דעם פאלקס נשמה.

די דאזיגע צייכען, אזוי ווי די ווערק, וועגען וועלכע זיי רייד־דען, זענען ניט געשריבען פאר'ן מאמענט. דאך קען דער אוי־טאר ניט דורכלאזען דעם שרעקליכען פאקט, אז, בשעת אט די שורות ווערען געשריבען, איז א האלבע וועלט פערטרונקען אין בלוט. די „מלחמת גוג ומגוג" וואס צעהנדליגע דורות האבען מיט הונדערטער און טויזענדער יאהרען צוריק, און אנגסט און שרעק, פאראויסגעשפירט און פאראויסגעזאגט, איז געקומען און שיינט צו מאכען אן עק צו דער וועלט. לענדער ליגען אין חורבות; פעלקער צאפלען זיך און בלוטען איינע אין די נעגעל פון די אנדערע.

און צווישען אט די קעמפפענדע פעלקער צאפעלט זיך און בלוטעט דאס יודישע פאלק. ווי אלע מאל, צאלט דאס יודישע פאלק די גרעסטע צינז אין אט דעם וועלט־אונגליק.

חרוב זענען זיינע נעסטער — הונדערטער יאהרען געבויט עס געהט אב מיט בלוט אויף די שלאכטפעלדער; עס וואנדערט און וואגעלט אהן א היים, פון איין ארט געטריבען, אין דעם צווייטען ניט ארייננגעלאזען.

צושטערט זענען אונזערע נעסטער, פערניכטעט אונזערע היימען. די אידישע שטעדטעלאך פון ליטא, פוילען, גאליציען, וואו הונדערטער יאהרען האבען זיך, אין דער שטיל, געוועבט

די פעדרים פון דער יודישער נשמה, ליגען אין אש, ווי די גאסען פון ירושלים נאכ'ן חורבן. וואו איז די יוגענד, די שענע בעגייסטערטע יוגענד, פול מיט האפנונג, פול מיט לעבענסדורשטיגקייט, וואס איך האב בעגעגענט אויף מיינע רייזען, וואס האבען מיך בעגלייט און געהאלפען אין מיינע פארשונגען? וואו זענען די טאטעס זייערע, די זיידעס און באבעס, מיט וועלכע איך האב א סך אנגענעהמע אווענדען פארבראכט, און פון וועלכע איך האב אזוי פיעל געלערנט? וואס איז געווארען פון די היילינגע היימישע קברים, איבער וועלכע עס האבען פאר מיר געשוועבט די שענע נשמות פון פריהערדיגע דורות, וואס האבען אזוי פיעל געקעמפפט און געליטען? א, מיינע ליעבע און טייערע, וואו זייט איהר יעצט? וואס איז מיט אייך אלעמען געווארען?

א טיעפער און הייליגער וועהטאג און בענקשאפט צו זיי, צו די יודישע נשמות, פילט אן מיין הארץ, ווען איך בלעטער דורך מיינע פארשריבענע זכרונות, און ווארף א בליק אויף די הונדערטער בילדער און געשטאלטען, וואס איך האב פון דער יודישער שטעדטעל מיטגענומען אין מיין נשמה און שפעטער אויפ'ן פאפיר פארצייכענט. אבער יענע הויכע און שטארקע נשמות, וואס איך האב אויף מיינע רייזען איבער די יודישע שטעדט און שטעדטלאך בעגעגענט, און וואס האבען מיר פון די היימישע קברים מיט אזא צוטרויליכקייט און ליעבע געוואונקען, פארטרייבען פערצווייפלונג פון מיין בוזעם. זיי זאגען מיר — און דער לעזער וואס וועט צוזאמען מיט מיר דורכמאכען אין מיינע ווערק מיינע רייזען איבער די יודישע שטעדט און שטעדטלאך וועט זיך פון זיי אויך איבערצייגען, — אז צעשטערט זענען נאר די ערדישע נעסטען; נאר דאס, וואס מענשען קענען מיט זייערע הענד בויען און מיט זייערע הענד צעשטערען. אונזערע העכערע גיטער אבער און אוצרות, וואס יענע הויכע און שטארקע נשמות האבען פאר אונז געבויט און אונז

בירושה געלאָזען, קענען ניט חרוב ווערן, זיי וועלן איבערלעבן אַט דעם גרויסן איצטיגן חורבן. זיי וועלן לעבן אין די איבער־געבליבענע נשמות, און מיט זייער הילף וועלן מיר קענען אויפבויען, ווי די מענשן נאָכ׳ן ערשטן מבול, צוריק אַ נייעם לעבן.

פאָרוואָרט צו דער דריטער אויפלאַגע

די ערשטע אויפלאַגע פון די „אידישע נשמות“ איז געדרוקט געוואָרן אין רעכטן ברען פון דעם וועלט־קריג. די מלחמה, און דערנאָך די גרויסע אויפטרייסלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אירע נאָכוויי־ענישען, און, בכלל, דער וועלט־קריזיס, וואָס אַט די פעלקער־דראַמעס האָבן אַרויסגערופן, האָבן זיך אָפּגערופן שלעכט אויף דעם אידישן ביכער־מאַרק. די צווייטע אויפלאַגע פון די „אידישע נשמות“ איז מעגליך געווען אַרויסצוגעבן בלויז אין פיר יאָר אַרום נאָך דער ערשטער אויפלאַגע, כאָטש די דאָזיקע ווערק זיינען שוין געווען אויסגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט פריער פונ׳ם ביכער־מאַרק, און דער לעזער האָט זיי געפאָדערט. די 2־טע אויפלאַגע איז אַרויס פון דרוק אין מערץ, 1922. אין אַכט מאָנאַטן אַרום איז שוין די אויסגאַבע געווען אויספאַרקויפט, און איצט, אין דעצעמבער פונ׳ם זעלבען יאָר 1922 ווערט געדרוקט די דריטע אויפלאַגע.

צום באַדויערן איז געווען אוממעגליך צו דרוקן די בילדער־איי־לוסטראַציעס צו די „אידישע נשמות“ אין דער צווייטער און אויך אין דער יעצטיגער דריטער אויפלאַגע. ביי דער ערשטער מעגליכקייט אָבער וועלן די בילדער אַרויס אין אַ באַזונדער אַלבאָם, און די לע־זע וועלן דעם בילדער־אַלבאָם קענען באַקומען אַזוי גיך, ווי ער וועט אַרויס פון דרוק.

דער מחבר.

פאָרוואָרט צו דער פערטער אויפלאַגע

די דאָזיקע 4־טע אויפלאַגע „אידישע נשמות“ פון א. ליטווין איז, אין באַצוג צו דער פאָרם, געדרוקט מיט אַ קליינער ענדערונג. די זעלבע 6 בענד פון די פריערדיגע אויפלאַגן גייען איצט אַרויס אין 4 ביכער. דאָס איז געטאָן געוואָרן כדי צו מאַכן די „אידישע נשמות“ ביליגער אין פרייז און, אויף אַזאַ נ׳אופן, צוטרעגליכער צו די ברייטע שיכטן פון פאָלק. דער אינהאַלט אָבער האָט, צוליב אַט דער פאָרמאַלער ענדערונג, ניט בלויז ניט געליטען, נאָר, פאַרקערט: עס זיינען אין דער איצטיגער 4־טער אויפלאַגע צוגעקומען איניגע זאַכן, וואָס זיינען אין די פריערדיקע אויסגאַבן ניט געווען. אחוץ

דעם איז אין דער איצטיקער אויפלאגע צוגעקומען אַן אויספירליכער אינהאלט פאר אלע 6 בענד „אידישע נשמות“ נאָכ׳ן אלף־בית־סדר. דער דאָזיגער אויספירליכער אינהאַלט לויט׳ן אלף־בית־סדר איז צו־געגעבן געוואָרן אין די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס־שולן און די אינטעליגענטערע לעזער בכלל.

צום שלום אַ קליינע באמערקונג בנוגע דעם 6־טן באַנד „אידישע נשמות“. דער דאָזיקער באַנד („ביי׳ן רבי׳ם טיש“) באשטייט פון אַ גאנצע רייע ארטיקלען, טיפּן און בילדער פונ׳ם חסידישן לעבן. די דאָזיקע ארטיקלען, טיפּן און בילדער זיינען אַיינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: 1) „ליטווישע גוטע אידן“; 2) „ביי די פּוילישע רבייאים“; 3) „חסידות אין גאליציען“. דער דאָזיקער באַנד איז אין דער איצטיקער אויפלאגע צעטיילט אין אַזאַ סדר: די אָפּטיילונג „ליטווישע גוטע אידן“ קומט ביים ענדע פונ׳ם 2־טן בוך (אין די ערשטע צוויי ביכער גייען אַריין די פריערדיקע דריי בענד „ליטע“), „ביי די פּוילישע רבייאים“ איז צוגעגעבן דעם דריטן בוך, וואָס איז געווידמעט פּוילן, עסטרייך און אונגארן. „גאליציאַנער חסידות“ בילדעט די צווייטע העלפט פונ׳ם 4־טן בוך, וואָס איז אין גאַנצן געווידמעט גאליציען.

וועגן דעם אַלגעמיינעם ווערט פון די „אידישע נשמות“ פאר דער אידישער ליטעראַטור און קולטור־געשיכטע האַלט דער פאַרלאַג „פאָלקס־בילדונג“, אין וועמעס אויסגאַבע א. ליטווין׳ס שריפטן ער־שיינען, פאר איבריג צוצוגעבן דאָ עפּעס. אַט די 4־טע אויפלאגע פון די „אידישע נשמות“ איז אַליין דער בעסטער באַווייז, אז דער ערנסטער לעזער פארשטייט, ווי אָפּצושאַצן אַזוינע ווערק.

פאַרלאַג „פאָלקסבילדונג“.

גראַף פּאַטאָצקי דער „גר צדק״.

גאָר אַ בעזונדער געפיהל האט מיך דורכגענומען, ווען איך בין געקומען נעהענטער צו איליע. דאָס שטעדטעל „איליע״ איז בעקאַנט אין גאַנצען תחום. איהר נאָמען איז פערבונדען מיט דער ריהרענדער לעגענדע פונ׳ם „גר צדק״. ס׳איז איבריגענס, מעהר אַ היסטאָרישער פאַקט, ווי אַ לעגענדע. די מעשה מיט׳ן „גר צדק״ איז איינע פון די שרעקליבסטע מאָמענטען אין דער געשיכטע פון די רוסישע יודען. זי איז אויך איינע פון די מערקווירדיגסטע און העכסט כאַראַקטעריסטישע אין דער היסטאָריע פון דער יודישער און פוילישער קולטור. די בעדייטונג פון דער דאָזיגער געשעהענים איז נאָך ניט גענוג אָבגעשאַצט, ניט פון דער יודישער, ניט פון דער פוילישער זייט. זי וואַרט ערשט אויף איהר היסטאָריקער. די צייט אויפצוהויבען דעם פאָרהאַנג אויף דער טראַגעדיע פונ׳ם „גר צדק״ איז נאָך ניט געקומען. מיט אַ דעמערונגס-נעבעל פון לעגענדע איז אָט די שרעקליבע קולטורעלע און סאָציאַלע דראַמע פערצויגען. די מאַטעריאַלען דאַרפען ערשט געקליבען ווערען: פון די יודישע בית עלמינס, פון די שוהלען, פון די אַלטע פּנקס׳ען, פון מעשיות, וואָס אַלטע לייט דערצעהלען זיך—דאַרף דער מאַטעריאַל געקליבען ווערען; אין די טיעף און גראָב געמויערטע סקליעפּעס פון די נאָך איצט לעבעדיגע גרויסע מיוחסים פונ׳ם העכסטען פוילישען אדעל—די גראַפען פּאַטאָצקעס, דאַרפען זיי געזוכט, און

פון דאָרט אַרויסגעבראַכט ווערן. דאַן דאַרף ערשט קומען דער ריב־טינגער היסטאָריקער פון רוסישען און פוילישען געטאָ (ער איז נאָך ביז איצט ניטאָ), וואָס זאָל קענען מיט זיין ברייטער נשמה, מיט זיין טיעף פיהלענד הארץ, אַריינדרינגען אין דער נשמה פון דער גר צדק־לעגענ־דע. דאַן דאַרף קומען דער דיכטער, ס׳דאַרף קומען דער דראַמאַטורג, און אויב דער ערשטער וועט אַ געטליכען פייער בעזיצען און דער צווייטער וועט זיין דער אמת׳ער, פון גאָט געבענשטער אויסדערוועהלטער, וועט די פּאָעמע פון „גר צדק״ זיין שטאַרקער פון בייראָנס און די דראַמע פון „גר צדק״ זיין טיפער פון אַלע שעקספּירס דראַמעס. און קיין סענסאַציע אין דער וועלט האָט ניט געמאַכט אַזוי ציטערן און שוידערן אַ מענשענס הארץ, ווי עס וועט ציטערן און שוידערן איבער דער פינסטערנים פון יענער צייט, אין וועלכער עס האָט זיך געקענט אָבשפּילען יענע שרעקליכע ווירקליכקייט־לעגענדע, וואָס הייסט „מעשה פון גר צדק״, וועט ציטערן און שוידערן איבער די ווילדע שרעקען פון יענער פינסטערער צייט, איבער די יסורים פון יענע בלאָנדזשענדע ליכט־פונקען, וואָס האָבען אומזיסט געמיהט זיך דורכשניידען אָט די דיקע פינסטערנים.

אַזוינע געדאַנקען פילען אָן מיין נשמה, דריקען מיין הארץ און דריקען עס אַלץ מעהר, וואָס נעהענטער איך קום צו איליע, צו דעם פלאַץ, וואו עס האָט זיך אָבגעשפּילט דער פאָרלעצטער אקט פון דעם גר צדק׳ס טראַגעדיע. (דער לעצטער האט זיך אָבגעשפּילט אין ווילנא). עס שווימען מיר אַרויף אויף די געדאַנקען די עטליכע בלעטלאך פון דער לעגענדע, וואָס איך האָב מיט גרויס מיה און מאַטערנים גע־קראָגען איבערשרייבען ביי אַ ווילנער יודען. דער איינציגער עקזעמפּליאַר געשריבען אין יודיש. געשריבען (ריכטיגער—איבערגעשריבען) אין אָנ־הויב פון נייגצעהנטען יאָהרהונדערט אין אַ וואונדערשענער געצאַצ־קעטער האַנדשריפט.

„דיזע געשיכטע—דערצעהלט די לעגענדע—(איך שרייב מיט דעם לשון און אויסלעגענים פונ׳ם מאַנוסקריפּט) איז איין הויבט פון דאָס דערציילונג, וואָס האָט געטראָפען זיך מייטע דעם הייליגען

מאן גר צדק. עס וואהר טרעפין ביי איין ראייכין פירשט איין זוהן, וואס ער וואהר פון זיין געבארינהייט זוייער שיינעם געשטאלט און אויך זוייער קלוגהייט אונד פארשטאנדיגקהייט מיט איהם. דען האט איהם דער פאטער געגעבען לערנען אין די הויבטשולין; און האט גע־זוכט פאר איהם איין גוטין חבר, דען ער זאהל האבען מיט וועמען זיך צו באזינען אונד אויך יעדע זאך קלאר דורכצורויידען..."

דער יונגער פירשט איז געוועזן — פאטאצקי, און זיין חבר — זארעמבא. ביידע האבען ניט געהוליעט, ווי אנדערע יונגע פריצים, נאר האבען אויך געלערנט און געטראכט. די חברים פערלאנגען פונ׳ם הויפטמאן, דעם פירשט פאטאצקי, ער זאל זיי שיקען קיין פאריז זיך פערפאלקאמענען. "אזוי ווי דער הויבטמאן האט געזעהן דאס גרויס גילושטיקייט ווי זויי האבין צום לערנען, דעננכט האט ער צוגיפאלען געטאן זויי און האט זיי ביידען געשיקט נאך פריז... דען ניכט זויי זאלען דערגרויסט ווערין אין נאמען; און זאלין זוייער לערנונג זוייער געשיקט זיין. ערשטען אין אלערליי שפראך; און ווידער אין אויפקלערט פון דער וועלט און ווישענשאפט פון יעדין גלויבין: דען דער הויבט־אריינלוייג פון דעם זון פון הויבטמאן איז אלעם נור גיוועזין אין פאר־טראגונג פון דעם אויפקלעהר. וואשערע גלויבען איז וואהרהאפטיג".

אין פאריז, ווי דער דאזיגער מאנוסקריפט דערצעהלט, זענען די חברים "אלעש גילעגין אין דען אויפקלעהר פון אלערליי גלויבונגען". ביי זיי איז געווארען א קשיא: פארוואס בעהאלט מען פון זיי דעם תנך? פארוואס קריגען זיי ערגיץ ניט צו לעזען וועגען יודישען גלויבען?

צופעליג זענען זיי בעקאנט געווארען מיט אן אלטען יודען און האבען איהם געבעטען, ער זאל מיט זיי לערנען "תנך". פון פאריז פאהרען זיי קיין בערלין, פון בערלין נאך רוים. דארט ווערט דער יונגער פאטאצקי בעקאנט מיט דער הינטערקוליסען־זייט פונ׳ם קאטאליציזם. די איינפאכקייט פונ׳ם יודישען גלויבען, די פערפאלגונגען פונ׳ם יודישען פאלק ציהען איהם שטארק אי צום מארטירער־פאלק, אי צו זיין גלויבען. ענדליך בעשליסט ער: פאהרט אוועק קיין האלאנד און דארט פער־בינדט ער, דער יונגער מאגנאט, דער יורש פון גיטער, טיטולען,

אוצרות און כבוד, זיין שיקזאל אויף אייביג מיט דעם שיקזאל פונ׳ם פאָלק, וואָס איז געיאָגט און פעראכטעט.

טיעף ריהרענד און ביבליש איינפאך איז די מעשה מיט׳ן „גר צדק״, ווי זי איז געשילדערט אין דער יודישער פאָלקס-לעגענדע, לויט איין נוסח איז דאָ געווען עפּעס עהנליכעס אויף א ראָמאַן, וואָס האָט אָבער ניט די הויפּטראָלע געשפּילט אין דעם גר צדק׳ס בעקעהרונג צום יודענטום. זיין רבי אין אמשטערדאם האָט א יונגע און שענע טאָכטער געהאט. דער גראף פּאָטאָצקי, שוין אלס יוד, אלס גר צדק, האָט זי פאר א כלה געוואָלט. דער רב האָט זי איהם צוגעזאָגט צו געבען, ווען ער וועט גוט קענען לערנען.

דער גר צדק לאָזט זיך אוועק צוריק אין פּוילען: דאָרט ביי די בעריהמטע פּוילישע רבנים מעהר זיך אינ׳ם תלמוד צו פערפאָלקאָמע־נען. אָדער האָט איהם אפשר געצויגען די בענקשאפט נאָך דער היים? האָבען איהם געצויגען די ליטווישע פעלדער און וועלדער? ווי נאָר דער בעקעהרטער גראף קומט צוריק אין פּוילען ווערט די „מעשה מיט׳ן גר צדק״ קאָרגער אין שילדערונגען. פאַרוואָס האָט ער זיך אויס־געקליבען איליע, וואו עס איז דעמאָלט קיין ישיבה ניט געווען? וואו דער עולם איז פּראָסט געווען, וואו ער האָט געמוזט לערנען בעהאל־טענערהייט גאַנצע טעג און נעכט, איינער אליין אין בית המדרש?

און אומזיסט האָב איך פינף און דרייסיג וויאָרסט אויף גרעבליעס זיך געטרייסעלט, דורך בלאָטעס צופוס געקראָכען, און א שפּור, כאָטש א ווייטען א נעבעלדיגען שפּור, אין דער שטעדטעל געזוכט וועגען דעם לעבען פונ׳ם גר צדק דאָרטען, איידער מ׳האָט איהם גע׳מסר׳ט און געכאפּט.

איליע איז א ווייט, אָבגעלעגען שטעדטעל אין ווילנער גובערניע. ליגט פינף און דרייסיג וויאָרסט פון דער סטאַנציע מאלאדעטשנא (אויף ליבאווע־ראָמענער באַהן-ליניע) און זעקס און דרייסיג וויאָרסט פון דער שטעדטעל ווילייקע, דורך וועלכע עס געהט דורך די נייע מאָסקווא-ווינדאַווער אייזענבאַהן. נאָר די בעלי עגלות פאָהרען נאָך איצט מיט די שווערע בוידען פונקט ווי מיט הונדערטער יאָהר צוריק,

נאָך סחורה קיין מינסק, אַ שטרעקע פון אַ פופצ… וויאָרסט. איהר קענט נאָך דאָ איצט געפינען אַלטע לייט, וואס זענען זייער לעבען לאַנג פון שטעדטעל ניט אַרויס. ניט די באַהנען, ניט די אויטאָמאָבילען, ניט די רוסישע רעוואַלוציע, ניט די רעאַקציע האָבען דאָ אַן איינדרוק געמאַכט. אילער יודען לעבען אויף זייער אַלטפרענקישען שטייגער, ווי אין די צייטען פון „גר צדק״. די שטעדטעל האָט אין גאַנצען הונדערט געזינדען. אויף די 100 געזינדען איז דאָ 50 קראָמען. פון דעסטווענגען לעבט מען זיך דורך נישט קשה. אַ ביסעל לעבט מען פון פּריץ; אַ ביסעל פון גוי. איבערהויפּט—פון פּויער. [צוויי מאָל אַ וואָך איז אַ מאַרק. אויפ'ן מאַרק פאָהרען זיך אויף אַ סך פּויערן פון דער אומגעגענד. לייזט זיך אין יעדער שטוב. די לעצטע יאָהרען לעבט מען נאָך בעסער. עס פאַלט אונטער דער אמעריקאַנער דאָלער. די גאַנצע יוגענד איז אין אמעריקא. אין איין ניויאָרק, זאָגען מיר היגע יודען, איז דריי אילעס פאַראַן. אַלטע לייט זאָגען, אַז קיינמאָל האָט נאָך איליע אַזוי גוט ניט געלעבט. וואו האָט אַמאָל,—זאָגט דער זקן יעקב אפרים, דער קהל'שער שרייבער, אַ אילער באַלעבאָס—געוואוסט פון טיי. היינט האָט יעדערער אַ סאַמאָוואר, און אין יעדער שטוב טרינקט מען אַלע טאָג טיי. קיין גרעסערע השגה פון וואוילטאָג האָט ניט אַ אילער יוד, ווי טרינקען אַלע טאָג טיי פון פרישען סאַמאָוואר.

צום קהל'שען שרייבער יעקב אפרים בין איך געקומען בעטען: ער זאָל מיר ווייזען דעם פּנקס. איך האָב געוואָלט דאָרטען געפינען עפּעס אַ שפור פון דעם גר צדק'ס טראַגעדיע. נאָר דער אַלטער האָט מורא געהאַט צו ווייזען מיר דעם פּנקס. ער האָט מיך פערזיכערט, אַז אין פּנקס איז גאָר נישט ניטאָ וועגען גר צדק. אַליין האָט ער געוואוסט נאָך ווייניגער, ווי אין „מעשה גר צדק״ איז פערשריבען.

איך האָב מיך געלאָזען צו אַן אַנדערן, בערע זלמנ'ס. ער איז אַ „בערעדטער מענש״, האָט מען מיר איהם נאָך אין מאַלאַדעטשנא פערלויבט. ער האָט ליעב צו פערברענגען. נאָר אָט דער אַלטער האָט אויך אַזוי ווייניג געוואוסט צו דערציילען פון „גר צדק״, ווי דער ערשטער. נאָר פון די „יאָשקעס״ האָט ער צוגעגעבען אַ פּאָר שטריכען.

די „יאָשקעס"—אזוי הייסען די אייניקלאך פון יענעם שניידער, וואָס האָט דעם „גר צדק" געמסר'ט. גע'מסר'ט האָט ער איהם דערפאַר, וואָס דער גר צדק האָט זיין יונגעל פאַר'ן אויער אָנגעדרייט. דער פאַקט איז א שרעקליכער, א שענדליכער. יודען זענען ניט זשעדנע געוועזען אין אייגענע מוסרים, שפּיאָנען, פּראָוואָקאטאָרען, אָבער די מסירה פון א יודען אויפ'ן „גר צדק"—אזא שענדליכען פאַקט האָט די יודישע היס־טאָריע ביז יענעם טאָג ניט געוואוסט. וואָס האָט א יוד געקענט האבען צום „גר צדק", וואָס איז נאָר געזעסען אין א ווינקעל פון בית המדרש און טאָג און נאכט געלערנט?

די לעגענדע וועגען די „יאָשקעס" ווארפט א ביסעל ליכט אויף דער דאָזיגער געשעהעניס. דעם שניידערס יונגעל—אזוי ווערט דער־צעהלט—האָט געשטיפט אין בית המדרש און געשטערט דעם „גר צדק" לערנען. ער האָט איהם פריהער געבעטען מיט גוטען, ער זאָל ניט קונדס'ן אין א הייליגען אָרט, און זאָל בעסער געהן אויפ'ן הויף שפּילען. דער יונגעל איז אָבער געווען א צולאָזענער און האָט דוקא געטאָן דעם „גר צדק" אויף צו להכעיס, און געזידעלט איהם. דאָס האָט דעם „גר צדק" אזוי בענומען, אז ער האָט איהם אָנגעדרייט פאַר'ן אויער און ארויסגעטריבען פון בית המדרש. דערביי האָט ער געזאָלט זיך אויס־דריקען, אז אן אמת יודיש קינד קען ניט זיין אזוי פרעך. מסתמא וועט ער זיך שמד'ען. דעם טאטען, דעם שניידער, האָט דאָס אזוי אריינ־געבראכט אין כעס, אז ער איז אוועקגעלאָפען אין הויף און—גע'מסר'ט.

אי'ן איליע—האָט מיך פערזיכערט דער אַלטער בערע זלמנ'ס — זאָגט מען אויף זיכער, אז דער יונגעל האָט זיך שפּעטער מיט אן אמת געשמדט.

אז דער „גר צדק" האָט זיך דערוואוסט פון דער מסירה איז ער אנטלאָפען אין „סטאַרינקע", א קרעטשים אכט ווערסט פון איליע, אָבער דער קרעטשמער, פון שרעק פאַר'ן פּריץ, האָט איהם ארויסגעגע־געבען. בשעת מ'האָט איהם געפיהרט פון דאנען, א געשמידטען אין קייטען, האָט ער, דער „גר צדק"—זאָגט די לעגענדע—געשאָלטען דעם מוסר, אז זיינע קינדער, אייניקלאך און אור-אייניקלאך ביז צעהן דורות.

זאָלען ניט זיין גלייך צו אַלע מענשען און קיינער פון זיי זאָל ניט שטאַרבען מיט זיין נאַטירליכען טויט.

די משפחה פון דעם מוסר איז ניט אויסגעשטאָרבען. פאַרקעהרט: נאָך איצט איז האַלב שטעדטעל פון די „יאַשקעס״. נאָר ווי דער אַלטער האָט מיך פערזיכערט, איז אין יעדער געזינד פון זיי דער — טויב, דער שטום, דער הינקענדיג, און זעלטען ווער פון זיי שטאַרבט מיט׳ן נאַטירליכען טויט. פאַרשאַלטען איז אויך פון דעמאָלט אָן די קרעטשים. קיין איין קרעטשמער לעבט ניט אויס דאָרט די יאָהרען.

אין מיטען געשפּרעך וועגען די „יאַשקעס״ איז אַריין אין שטוב אַ יונגעל פון אַ שכן עפּעס לייהען. דער אַלטער בערע זלמנ׳ס האָט מיר אַ קוועטש געטאָן די האַנד און אַ מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ, איך זאָל אויפהערען צו רעדען. ערשט נאָכדעם, ווי דער יונגעל איז אַוועק, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האָט ניט געוואָלט רעד׳ען, וואָרום דער יונגעל איז פון די „יאַשקעס״.

— מ׳זאָגט, האָט ער צוגעגעבען, אַז איצט איז שוין פאַרפאַל די צעהן דורות און די קללה פון די „יאַשקעס״ איז אַראָב.

— דאַנקען גאָט, האָט צוגעגעבען די ווייב.

אויף די „יאַשקעס״ ליגט קין׳ס צייכען. וואוהין איינער פון זיי זאָל ניט קומען, וויים מען איהם, און דאָס פאָלק קוקט אויף איהם מיט מורא און פערדאַכט.

פונדעסטוועגען האָט זיך אין דעם טאָן פון בערע זלמנ׳ס געהערט אַ צופרידענהייט און פערגעבונג, ווען ער האָט מיר מיטגעטיילט, אַז, לויט ווי מ׳האָט אויסגערעכענט, האָט זיך שוין איצט געענדיגט דער טערמין פון די צעהן דורות, דורך וועלכע, לויט דער „קללה פונ׳ם גר צדק די „יאַשקעס״ זענען פערשאָלטען.

דער „גר צדק״ איז פערברענט געוואָרען אין ווילנא. לויט די לעגענדע דערצעהלט, האָט זיין מוטער, די אַלטע גרעפין, געקראָגען, מיט גרויס מיה און מאַטערניש, פון פּאַבסט, צי פון פּוילישען קעניג, אַ אונטערגעשריבענע פּאַפּיר, אַז מ׳זאָל איהם לאָזען לעבען. נאָר זי האָט מיט איינינע מינוט פערשפּעטיגט. דער בלוטיגער דעקרעט איז

אויסגעפיהרט געוואָרען. אין יענעם טאָג, דערצעהלען ווילנער יודען, איז געווען אַ מורא׳דיגער שטורם. אַ בת קול איז אַרויס פון הימעל און האט געזאָגט: וואויל צו דיר, אברהם בן אברהם! דיין ליכטיגע נשמה איז גלייך אַוועק צו איהר מקור, צו די הייליגע אבות און אברהם אבינו האט איהר אין זיין שויס צוגענומען.

אַ יוד האט זיך פערשטעלט פאר אַ גוי, (עס לעבען נאָך, זאָגט מען, אין ווילנא זיינע אורא־יניקלאך) און מיט מסירת נפש איז איהם געלונגען צו ראטעווען אַ ביסעל אש פונ׳ם פערברענטען גר צדק. מיט הייליגער מורא און ליבשאפט האבען יודען דעם הויפען אש אין אַ זיכערן אָרט, מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט און געהיימליכקייט, אויפ׳ן אַלטען בית עולם מקבר געווען. אויף דעם אָרט איז אַ בוים אויסגע־וואקסען; אַ מאָדנעם אויסזעהן האט אָט דער בוים; זיינע צווייגען, די אויבערשטע און די אונטערשטע, זעהען אויס ווי אַ מענש מיט הענד און מיט פיס. אין אַלגעמיין קוקט אויס ווי אַ טרייע מוטער האָט זיך איבערגעבויגען איבער דעם קבר פון איהר ליעב קינד. און היט איהם אָב, דעם טייערן קבר, טאָג און נאכט, אז קיין בייז אויג און קיין שלעכטע האנד זאָל איהם ניט שאָדען. קריסטליכע טוריסטען, וואס קומען אין ווילנא, בעזוכען דעם קבר און בעוואונדערן דעם בוים. נאָר יודען האלטען איהם טייער און הייליג. קומט אַ תשעה באב, צי עשרת ימי תשובה, און אין יעדער צרה און אנגסט, וואָס טרעפט זיך אַ יודען, קומט מען אַ הער אויפ׳ן אַלטען בית עלמין, און אויפ׳ן קבר, וואו עס ליגט דער אש פונ׳ם „קדוש", אזוי ווי אויפ׳ן קבר פונ׳ם גאון, גיסט מען אויס די הארץ און מ׳בעט, ער זאָל אַ „מליץ יושר" זיין פאַר די געפלאגטע און געפייניגטע וועמען ער האט אזוי היים געליבט און פאר וועמען, ער האָט זיך פאר אַ קרבן מקריב געווען.

רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער.

ווי טרויעריג און פינסטער עס איז איצט אין בערדיטשעוו, דאָך שטראַהלט די דאָזיגע שטאָדט איבער'ן גאַנצען יודישען תחום מיט א ליכט, וואָס שיינט אריין אין אַלע פרומע יודישע נשמות און קוויקט זייערע הערצער אין שווערע מינוטען פון לעבען. בערדיטשעוו האָט ניט אַזעלכע זכרונות, ווי אַנדערע גרויסע יודישע שטעדט. דאָך איין זכרון האָט זי, מיט וועלכען זי שטאָלצירט אנטקעגען אַנדערע יודישע שטעדט, און פאַר וואָס אַנדערע יודישע שטעדט זענען איהר שטאַרק מקנא. דאָס איז דער אנדענקען פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, וואָס האָט דאָ פערלעבט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען און דאָ איז ער געשטאָרבען.

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער איז איינע פון יענע ליכטיגע פער־זענליכקייטען, וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט ארויסגעבראַכט אין יענער וואונדערליכער צייט, ווען אייראָפּא איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אין רוסלאַנד, אין דער יודישער וועלט, האָט זיך צופלאַקערט דער קאַמפף פאַר און גענען דעם חסידיזם. ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געלעבט אין איין צייט מיט'ן גאון, מיט דעם אַלטען רבי'ן, דעם ערשטען חסידישען רבי'ן אין ליטא, ר' שניאור זלמן לאַדיער. געווען איז ער אַ רב אין פינסק, נאָר, אַ מענש מיט אַ הייסען, לעבעדיגען טעמפעראַמענט, מיט אַ טיפער

נייגונג צו מיסטיק, צו קבלה, איז ער גלייך אריינגעריסען געוואָרען אין קאַמפף און האָט זיך, פריהער אין געהיים, דערנאָך עפענטליך, בעקענט צום חסידיזם און געוואָרען איינער פון זיינע איבערגעגעבענסטע פאָרקעמפער. אין פינסק האָט מען איהם שטאַרק פערפאָלגט און, ענדליך, פון דאָרטען פערטריבען. דאַן האָט מען איהם צוגענומען פאַר א רב אין בערדיטשעוו, וואו דאָס רוב עולם איז שוין בעשטאַנען פון חסידים. דאָרט איז אָבער אויך געוועזען א שטאַרקער געגנערישער צד, וואָס האָט איהם אָנגעטאָן צרות. מען דערצעהלט נאָך איצט אויך אין בערדיטשעוו, אז איינמאָל, בעת ר׳ לוי יצחק איז, אויף א קורצע צייט, אָבגעפאָהרען פון בערדיטשעוו, האָט זיינער א געגנער, א קהל׳שער „עזות פנים״ ארויסגעפיהרט זיין ווייב פון שטאָדט אויף א וועגעל מיסט. דאָס האָט זיך אין יענער צייט גערעכענט פאַר דער גרעסטער שאַנד, וואָס מ׳קאָן אימיצען אָנטאָן. אונטער־שטאָדטיגע יודען האָבען איהר אָבער אריינגענומען צו זיך ביז דער רב איז געקומען צוריק. ר׳ לוי יצחק האָט זיך מיט זיין פיינד פאַר אזא שרעקליכע בעליידיגונג ניט אָבגערעכענט. נאָר בערדיטשעווער יודען זאָגען, אז פון יענעם עזות פנים׳ס הויז האָט זיך אויסגעלאָזען א הויפען מיסט. זיינע אַלע קינדער און קינדס־קינדער זענען משומדים, גנבים, בעטלער.

נאָכדעם האָט שוין קיינער ר׳ לוי יצחק׳ס רוה ניט געשטערט. ער האָט פערלעבט אין בערדיטשעוו ביז׳ן טיפסטען עלטער, און צו די עלטערע יאָהרען איז ער שוין געוועזען אזוי בעריהמט איבער׳ן גאַנצען תחום, ווי דער אַלטער רבי אַליין, וואָס האָט זיך מיט איהם משדך געוועזען. ער האָט געשפּילט די ראָלע פון א „גוטען יודען״ אין וואָהלין. נאָר אויך אין ליטא איז זיין נאָמען געוועזען גרויס און מ׳איז געפאָהרען צו איהם פון אַלע שטעדט. ער האָט צוגעצויגען צו זיך דעם ברייטען עולם דורך זיין דיכטערישער נאַטור און לעבענסלוסטיגען טעמפעראַמענט. דערצו האָט ער בעזעסען פון נאַטור א שטאַרקען טאַלאַנט פון א לידער. ביי זיין טיש איז שטענדיג געוועזען פרעהליך, און ער האָט צוגעלאָזען צו זיך פריי אַלעמען.

פון דעם ספר „קדושת לוי״ — א זאמלונג פון זיינע **תורה און**

דרשות, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר׳ן עולם, געדרוקט פון זיינע פער־עהרער שוין נאָך זיין טויט, איז קענטיג, אז ר׳ לוי יצחק איז געווען א טיפער דענקער, נאַטירליך, אויף דעם געביט פון מיסטיש־רעליגיעזער פאָרשונג. זיינע פרושים אויף דער תורה און דרשות, וואָס זענען פער־בונדען מיט פערשיידענע ימים טובים און תעניתים זענען, ווי די „תורה״ פון אנדערע קאבאליסטען געבויט אויף דער סיסטעם פון „רמז״, וואָס וויל זעהן אין אן ערצעהלונג פון חומש און „תנך״ ניט דעם פשוט׳ן זין וואָס ליגט אין די ווערטער, נאָר א פערבאָרגענע כונה, וואָס האָט כמעט שטענדיג איהר ציעל צו זוכען זיך ערקלערן די סודות פון דער וועלט־בעשאפונג, פון גאָט און געטליכקייט. נאָר פונדעסטוועגען לעזט זיך זיין ספר אָפט מיט גרויס אינטערעס. דער גאַנג פון זיינע געדאַנקען איז ניט, ווי ביי אנדערע קאבאליסטען, פערטונקעלט און פערפלאָנ־טערט דורך פערקירצונגען און אָבגעהאַקטע פראַזען, נאָר לאָגיש אויסגעהאַלטען און קלאָר. אומעטום איז קענטיג פאר אייך א טיף ערנסטער גייסט, וואָס זוכט, אויף זיין שטויגער, דעם אמת פונ׳ם לעבען.

אין ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, ווי אין זיין דענקען, אזוי אין זיין לעבען, האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דאָס שענסטע, דאָס ערהאַבענסטע פון חסידות אין איהר פּרימיטיווער, רייינער געשטאַלט. ער איז געווען א תלמיד פון ר׳ בער מעזריטשער, אָדער, ווי מ׳האָט איהם גערופען: „דער מעזריטשער מגיד״. ר׳ בער מעזריטשער, ווידער, איז געווען דער נעליבטעסטער תלמיד פונ׳ם בעש״ט („בעל שם טוב״) אליין. נאָר אלס פערזענליכקייט איז דער באַרדיטשעווער העכער פון זיין רבי׳ן, דעם „מגיד״; פונ׳ם אַלטען רבי׳ן ר׳ שניאור זלמן פון לאַדי, דעם גרינדער פון דעם רבייאישען טראָן אין ליטא, און, מעגליך, אפילו פונ׳ם בעש״ט אליין. דאָס זעהט מען דייטליך פון די לעגענדעס, וואָס זענען פערשפּרייט אין פאָלק וועגען אָט די אַלע זיילען פון חסידיזם. וועהרענד ארום דעם [illegible]דענקען פון זיי אַלע שוועבען מיסטישע וואָלקען, פון וועלכע פאַר [illegible] איז מעגליך ארויסצובעקומען נאָר קערנדלאַך ליכט. זענען אַלע לעגענדעס, וואָס זענען פערבונדען מיט דער פערזאָן פון ר׳ לוי יצחק

בערדיטשעווער אזוי קלאָר פאַר דעם סאַמע פשוט'ן מענשען, שטראַהלען אַרום איהם מיט אזוי פיל ליכט און וואַרימקייט, מיט אזא טיפע אונענדלי־כע הארציגקייט און ליעבע צו מענשען בכלל און בעזונדערס, צו די מאַסען. די פערשפרייטעסטע און אַלעמען בעקאַנטע לעגענדע, וואָס כאַראַקטע־ריזירט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער אם בעסטען, איז ד י: ער האָט אַמאָל געזעהען, ווי אַ בעל־עגלה שטעהט אין טלית און תפילין און שמירט די רעדער. „רבונו של עולם", זאָגט ער, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט! זעה נאָר דעם בעל עגלה, אַז אפילו בשעת ער שמירט די רעדער, דאַווענט ער אויך.

ר' לוי יצחק האָט ניט געקענט זעהן ביי יענעם אַ טרויעריגע מינע. דער עיקר, זאָגט ער, פון גאָט דינען איז שמחה. אויף זיין שטויגער דריקט ער דאָס אויס (אין דעם ספר „קדושת לוי") אזוי: הקדוש ברוך הוא וויל תמיד משפיע זיין גוטס אויף זיין פאָלק ישראל, נאָר די „סטרא אחרא" לאָזט ניט. איז, בשעת די יודען זענען אין שמחה, עפענט זיך די געטליכע שפע (וואָרום די „סטרא אחרא" האָט דאַן קיין שליטה ניט) און איז משפיע אויף יודען אַל דאָס גוטס".

הייסט דאָס, אז דער עיקר, נאָך ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, איז ניט אַז אַ יוד זאָל זיין פרום! דער עיקר, אַז איהם, דעם יודען זאָל זיין גוט. ער זאָל זיין פרעהליך. נאָר דורך שמחה קען דער מענש זיין פער־בונדען מיט זיין גאָט!

און דעריבער האָט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער ניט געקענט טאָן אַזאַ זאַך, רעדען אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מאַכען דעם צווייטען שלעכט פיהלען. וואָרום דורך דעם וועט דאָך יענער אריין פאַלען אין עצבות, אין אומעטיגקייט, און עצבות רייסט איבער די פערבינדונג צווישען דעם מענשען און די געטליכקייט.

און דעריבער האָט ער אַליין קיינמאָל יענעם ניט געשטראָפט, פאַר וואָס ער איז ניט פרום. אַז איינער האָט געטאָן אַן עברה, זאָגט ער, דאַרף מען אויף איהם ניט שרייען, טאָר מען איהם ניט אויפ־וואַרפען: „דו ביזט אַזוינער און אַזוינער! האָסט דאָס און דאָס געטאָן!" דערפון, זאָגט ער, ווערט יענער ביי זיך אַראָבגעפאַלען, קומט

ער לידי עצבות... און איז אַ מענש מוטלאָז געוואָרען, קען ער זיך ניט בעסערן, קען זיך ניט אויפהויבען.

און דעריבער הייסט ר׳ לוי יצחק, אז מ׳זאָל מיט אַלעמען זיין פריינדליך. האָט איינער אַ פעהלער געטאָן און מ׳וויל ער זאָל זיך בעסערן, דאַרף מען איהם ניט אָבשטויסען, נאָר פערקעהרט, בעהאַנדלען זעהר פריינדליך, אויסזוכען עפּעס אַ מעלה ביי איהם און ווייזען איהם, אז ער איז פעהיג צו טאָן גוטע זאכען. ער דאַרף נאָר אָנשטרענגען זיין רצון.

אָט זענען אייניגע לעגענדען, וואָס כאַראַקטעריזירען אויסגעצייכענט די פּערזענליכקייט פון ר׳ לוי יצחק.

אַמאָל, דערצעהלען בערדיטשעווער יודען, איז געקומען צו איהם אַ יודענע קלאָגען זיך, אז ביי איהר האַלטען זיך קיין קינדער ניט, און געבעטען, ער זאָל איהר אַרויסגעבען אַ תשובה. ״וואָס האָסטו געזינדיגט? פרעגט איהר ר׳ לוי יצחק. ״איך האָב, זאָגט זי, אָפט די פלייש ניט געוויקט״. ״עט,—מאַכט ר׳ לוי יצחק,—פאַר דאָס זאָל דער אייבערשטער שטראָפען? ניין, ניט דאָס! אפשר האָסטו אַן אַנדער זינד בעגאַנגען?״ ״איך האָב,—זאָגט די יודענע—אָפט מאָל די פלייש ניט געזאַלצען״. ״עט! — זאָגט ווייטער ר׳ לוי יצחק—דערפאַר קען דער אייבערשטער ניט שטראָפען אַזוי האַרט. אפשר האָסטו עפּעס אַנדערש געטאָן? די יודענע איז ביסלעכווייז מודה, אַז זי האָט ניט איין מאָל אַ הוהן גע׳גנב׳עט; אַז זי איז דעם מאַן אונטריי געווען; אַז זי האָט עופות אַליין געקוילעט. אָבער ר׳ לוי יצחק שאָקעלט אַלץ מיט׳ן קאָפּ: פאַר דאָס אַלץ קומט ניט אַזא האַרבע שטראָף. אפשר האָסטו נאָך עפּעס געטאָן? פרעגט דער רבי. די ווייבעל קען שוין מעהר ניט געפינען. זי האָט געטאָן אַזוינע שרעקליכע עבירות! וואָס קען זיין מעהר? אָבער ר׳ לוי יצחק הייסט איהר בעקלערען זיך, טאָמער וועט זי געפינען עפּעס נאָך ערגערע זאכען. זי קלערט, קלערט און געפינט עפּעס יע.—איך האָב די אורחים פון מיין אכסניא, זאָגט זי, שבת צו וואַרמעס געגעבען טרייפע קוגעל עסען.

— אָט! — זאָגט ר׳ לוי יצחק—זעהסטו מיין טאָכטער, וואָס דו

האָסט אליין געטאָן, איז גאָט אַ פּאָטער, וועט ער מוחל זיין. אָבער מאַכען שטרויכלען יענעם אין אַן עבירה, אָהן זיין וויסען, דאָס איז ערגער פון אלץ, וואָס דו האָסט געטאָן.

פאַר ראש השנה, בשעת דער „קטרוג" אויף יודען איז גרויס און אַ פיש אין וואַסער ציטערט; בשעת ווייבער זעגען אין שרעק פאַר'ן לעבען פון זייערע מאַנען און קינדער; בשעת אַלע יודען האָבען מורא פאַר'ן „גזר דין" און פאַסטען און וויינען, און שרייען, און האַלטען אין איין מודה זיין זיך אין גאָט ווייס וואָס פאַר אַ פערברעכענס, האָט זיך ר' לוי יצחק בערדיטשעווער געפיהלט זעהר שלעכט. ער האָט דאַן וועלטען גע־קעהרט צו בעווייזען יודען, אַז גאָט איז גאָר ניט אַזאַ בייזער, ער זאָל שטראָפען זיין פאָלק, און—גאָט צו בעווייזען, אַז זיין פאָלק איז אַ טייער פאָלק, אַ שען פאָלק און איז גאָר ניט אַזוי זינדיג. מ'דערצעהלט פון איהם תורות, פסוקים, ווערטלאַך און וויצען (ר' לוי יצחק איז געוועזען זעהר אַ פרעהליכער, אַ ריהרעוודיגער יוד), וואָס שטרייכלען אונטער אַלע אָט דעמזעלבען כאַראַקטער, דיזעלבע ליעבע זיינע צום פאָלק.

ראש השנה ביי נאַכט פלעגט ער זאָגען: רבונו של עולם! דו ביזט דאָך אַ גרויסער בעל מעלות. מ'זאָגט אויף דיר: לך ד' הגדולה והגבורה והנצח וההוד (דיר, גאָט, בעלאַנגט די גרויסקייט, די העל־דישקייט, די אייביגקייט, די שענקייט). דאַרפסטו האָבען נאָך אַ מעלה: דאַרפסט זיך נאָך אויסלערנען שרייבען.

און שרייבען דאַרף גאָט, ס'פערשטעהט זיך אליין, אַ גוטען צעטעל. אַי, טאָמער מאַכט זיך, אַז ראש השנה פאַלט אויס שבת! ווייזט איהם ר' לוי יצחק פון דער גמרא, אַז „פקוח נפש איז דוחה שבת". ד. ה. ווען עס האַנדעלט זיך אין ראַטעווען אַ נפש, קוקט מען ניט אויף שבת...

ר' לוי יצחק פלעגט ניט בעטען ביי גאָט פאַר יודען, נאָר פאָדערן מיט תקיפות. און אַלץ מיט אַ ווערטעל, מיט אַ פסוק.

מ'זאָגט אויף דיר,—טענה'ט ר' לוי יצחק צום רבונו של עולם— „ואתה קדוש יושב תהלות ישראל", ד. ה. און דו, הייליגער, דו זיצט אויף לויבגעזאַנגען פון דעם פאָלק ישראל. הייסט אַז דו זיצט אויף אַזאַ

„זאוילטאָג, טו צאָהל אָרענדע—גיב פרנסה!..

אויף דעמזעלבען שנים האָט ער געטייטשט דעם פסוק פון ישעיה: בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי. דער פשוט'ער טייטש איז: קינדער האָב איך אויסגעהאָדעוועט, דערהויבען און זיי האָבען גע־פעלשט אָן מיר. ר' לוי יצחק נעהמט זיך אָבער אָן פאַר יודען און טייטשט אויף זיין שטייגער: בנים גדלתי ורוממתי—איך טענה: איך האָב אַזעלכע שענע, פיינע קינדער, והם—און זיי טענה'ן—פשעו בי, אַז זיי זענען זינדיג געגען מיר...

ר' לוי יצחק האָט זיך אָבער ניט בענוגענט מיט ווערטער און פסוקים צו פערטיידיגען דעם כלל ישראל. ער פלעגט אָפט ארויס אין מארק און מאכען „דעמאָנסטראַציעס". ער נעהמט, אַ שטייגער אין גאַס, זעהט אַ יונגעלע לויפט אין שול זאָגען קדיש. האַלט ער דעם יונגעלע אָב, מאכט מיט איהם אַ שמועס, זאָגט איהם צו גוטע זאַכען, ער זאָל איצט ניט געהן אין שול. דער יונגעלע ווייס ניט, נאַטירליך, ווער דאָס איז. ווערט בייז, רייסט זיך פון איהם: ער וועט פערשפעטיגען קדיש... און ווען ער לאָזט איהם ניט, שרייט ער אויף איהם: וואָס האָט איהר זיך צוגעטשעפעט! און שילט איהם. דעמאָלט לאָזט ער איהם אָב און ווענדט זיך צום הימעל מיט נצחון: אהא, רבונו של עולם! זעהסט ס'אַרא פאָלק דו האָסט!...

אָדער: ער שטעהט אויף פריה, פערקליידט זיך מ'זאָל איהם ניט דערקענען, און געהט ארויס פרייטאָג אויפ'ן מארק מיט אַ גאַנצען פאַלומעשאָק בולקעס, בראַנפען, פיש און שטופט עס אין סאַמע מויל אַריין די טרעגער און פוהרמאַנעס, וואָס שטעהען מיט זייערע פוהרען אויפ'ן מארק: „נאָט יודען ווער וויל אָנבייסען". ביי די טרעגער און פוהרמאַנעס רינט אַזש די שפייעכץ אויף די ליפען, ווען זיי טוען נאָר אַ קוק אויפ'ן געשמאַקען אָנבייסען. אָבער קיינער ריהרט זיך ניט צו. אַ דאַנק, רב יוד! מיר האָבען נאָך ניט געדאַווענט...

רב לוי יצחק געהט אַוועק און טרומפירט ווייטער: „נו, רבונו של עולם, וואו האָסטו נאָך אַזאַ שענע פאָלק, ווי יודען?...

נאָר ריהרענדער פון אַלץ איז פאָלגענדער פאָלקס-נגון, וואָס

בעלאנגט צו ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער און וואָס בעוויזט זיין טיפע ליעבע צום פאָלק. דעם נגון, זאָגען בערדיטשעווער יודען, פלעגט ער זינגען ראש השנה ביי נאכט. אָט זענען די ווערטער:

„דער טאטע, זכרונו לברכה, האָט מיר דערצעהלט א מעשה:
„ס׳איז אמאָל געקומען צו איהם א יודענע
„און האָט ביטער געוויינט.
„האָט דער טאטע איהר געזאָגט:
„סערדצע, סערדצע, וואָס זשע וויינסטו?
„האָט זי געזאָגט: דער קאָפּ טוט מיר וועה!
„האָט דער טאטע געזאָגט:
„סערדצע, סערדצע, ניטע זשע וויין!
„וואָרום, אז דו וועסט וויינען,
„וועט דיר דער קאָפּ נאָך ערגער וועה טאָן.
„האט זי געזאָגט:
„ווי אזוי זאָל איך ניט וויינען,
„ווי אזוי זאָל איך ניט קלאָגען,
„אז ס׳ע געהען אזוינע פאָרכטיגע טעג.
„האָב איך מורא.
„טאָמער וועלען מיינע קינדער
„ניט זוכה בדין זיין.
„האָט דער טאטע געזאָגט:
„סערדצע, סערדצע! ניטע זשע וויין!
„דער אויבערשטער איז א רחום וחנון,
„דער אייבערשטער איז א רחום וחנון,
„וועט ער מסתמא רחמנות האָבען
„אויף זיינע קינדער,
„און בפרט נאָך
„אויף אזוינע טייערע קינדער,
„כבתוב—אזוי ווי אין פסוק שטעהט:
„הבן יקיר לי אפרים —

„איז מיר אפרים אזא טייער זוהן,
„אם ילד שעשועים,
„איז ער אזא ליעב הארציג קינד,
„כי מדי דברי בו,
„אז ווען איך רייד וועגען איהם,
„זכור אזכרנו עוד,
„טו איך איהם מעהר דערמאָהנען,
„על כן המו מעי לו,
„דערום טוט מיין הארץ נאָך איהם בענקען,
„רחם ארחמנו
„און איך בין פול מיט דערבארעמקייט צו איהם—
„נאום ד׳
„אזוי זאָגט גאָט.

אין זיין אויפפאסונג פון דער גאָטהייט דערהויבט זיך ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער אָפט צו דער וועלטאנשויאונג פון א ספינאָזא. אין די בעציהונגען צווישען מענש און גאָט פערלאנגט ער נאָר איין זאך: דער מענש זאָל גליקליך זיין, זאָל זיך גוט פיהלען. נאָר אין א צושטאנד פון פרייד קען דער מענש בעקומען די השפעה פון דער געטליכקייט.

נאָר ר׳ לוי יצחק איז אויך געווען א טיפע דיכטערישע נשמה. אין גאנצען לאָזט ער זיך זעהן אין זיין בעריהמטער „דודקע־ליעד", וואָס בעלאנגט צו די פערל פון דער יודישער פאָלקסדיכטונג. אָט איז דאָס ליעד:

רבונו של עולם (צוויי מאָל),
איך וויל פאר דיר אויף דער דודקע שפילען:
אנא אמצאך ואנא לא אמצאך—
א וואו קען איך דיך יאָ געפינען,
און א וואו קען איך דיך ניט געפינען?
אז וואו איך געה ביזטו־דו,
און וואו איך שטעה־ווייטער דו,

אַן וואו איך זיץ־אָבער דו,
אַלץ־דו, נאָר־דו, אַך־דו, רק־דו,
דו־דו־דו!... דו־אָו־אָו־דו...
אַז ס'איז גוט—בּיזטו דו,
חלילה ניט—ווייטער דו,
גוט—דו! שלעכט—דו!
אַלץ—דו! נאָר—דו!
אַך—דו! רק—דו!
דו־דו־דו!... דו־אָו־אָו־דו!...
מזרח—דו,
מערב—דו,
צפון—דו,
דרום—דו;
מעלה—דו,
מטה—דו;
נאָר—דו!
אַלץ—דו!
אַך—דו!
רק—דו!
דו־דו־דו! דו־אָו־אָו־דו!...

דער נגון פון ר' לוי יצחק'ס „דודקע-ליעד" בעלאַנגט צו די שענסטע און האַרצגרייפענדסטע פאָלקס-נגונים.

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט ניט געלאָזען נאָך זיך ניט קיין טראַן, ניט קיין טראַנפאָלגער. צו שטאַרק, צו קאָמפּליצירט איז געווען זיין פערזענליכקייט, אַז עמיצער אַן אנדערער זאָל זיין אין שטאַנד פערטרעטען ביין פאָלק זיין פּלאַץ. ער האָט אויך זיינע קינדער ניט ערצויגען דערצו. זיין העכער פאַר'ן פאָלק, הערשעווען איבער איהם איז געווען געגען זיין נאַטור, געגען זיין גאַנצער וועלטאַנשויאונג. דאָס וואָס ער האָט געשפּילט די ראָלע פון א „גוטען יוד" איז אַליין פון זיך געוואָרען, איז אַרויסגעוואַקסען פון זיין רייך בעגאַבטער פערזענליכקייט

פון זיין גרויסען טאלאנט פון א פאָלקסלעהרער און פאָלקספיהרער. וואָס איז די מעשה זאָגט, ער, אין זיינע תורה וואָס אין „תנך" ביי די מלכים געשטעהט אלץ: וימלוך—וימת, וימלוך—וימת (געוואָרען קעניג און געשטאָרבען, געוואָרען קעניג און געשטאָרבען)? דערפון לערנען מיר, אז וויבאלד א מענש הויבט אן זיך גרויס צו האלטען און אויפהויבען זיך איבער אנדערע, איז דאָס גופא זיין טויט. אין דעם „קעניג" שטארבט דער „מענש". אין געגענזאץ צו א סך גוטע יודען האָט ער זיך שטענדיג געהאלטען נאָהענט צום פשוט'ן פאָלק, צום המון. דעריבער איז ער ביי די פרומע יודען דער געליבטעסטער פאָלקסהעלד געבליבען; דעריבער איז קיין גוטען יוד'ס אנדענקען ניט ארומגערינגעלט ביין פאָלק מיט אזא קראנץ פון הארציגע, ריהרענדע לעגענדען, ווי דער אנדענקען פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער.

איך בין געווען אין ר' לוי יצחק'ס „אוהל" אויפ'ן בערדיטשעווער בית עולם. בערדיטשעווער יודען ווייסען, פיהלען, אז אָט דער מויערל איז דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, וואָס זיי פערמאָגען פון זייער פערגאנגענהייט. און זיי האלטען דעם „אוהל" זעהר טייער. דער הייליגסטער וואונש פון יעדען בערדיטשעווער פרומען יודען איז צו ליגען נאָהענט צו ז י י ן קבר. אָבער דער פלאץ ארום און אין אלע זייטען איז שוין פערנומען. אפילו דער שטיקעל פרייער פלאץ ביי'ן סאמע אריינגאנג אין „אוהל" איז פערנומען. דאָ ליגט ר' לוי יצחק'ס אן אור אייניקעל, וואָס איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען. וועגען אָט דעם קבר דערצעהלען בערדיטשעווער יודען זעהר א ריהרענדע געשיכטע. אויף דעם דאָזיגען איינציג-איבריג געבליבענעם פרייען פלאץ, נעבען דעם אוהל, זענען געווען צוויי „פרעטענדענטען"

(בעלנים)—ביידע ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער׳ס אור־אייניקלאך. א לאנגע צייט האבען זיי זיך גע׳דין־תורה׳ט ביי „בית דין״ וועגען דעם פלאץ. בית־דין האט זיך אבער אלץ ניט בעשלאסען צו פסק׳ענען: וועמען בעלאנגט דאס רעכט צו ליגען ביי׳ן זיידען צופוסען. איינער פון די פרעטענדענטען, דער עלטערער, האט זיך אבער געפיהלט „אויף דער צייט״... ער האט מורא געהאט: טאמער שטארבט ער און וועט ניט ליגען נעבען דעם געליבטען זיידען. איז ער זיך מישב און—האט פער־באפט דעם קבר מיט גוואלד: האט אויסגעגראבען דארט א גרוב, אנגעטאן זיך אין תכריכים, אריינגעלעגט זיך א לעבעדיגער אין קבר און עטליכע שעה נאכאנאנד געוויינט און תהילים געזאגט. אזוי האט ער געטאן אלע אין דער פריה.

געגען אזא אונערווארטעטען מיטעל אריינצוקריגען אין בעזיץ דעם קבר האט מען גאר נישט געקאנט טאן. אין א קורצע צייט ארום איז זיין הייליגער וואונש ערפילט געווארען.

נאך א לעבעדיגערער דענקמאל נאך ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער איז געבליבען די שול, וואו ער האט געדאווענט און געלערנט. די שול הייסט נאך זיין נאמען. דארט געפינט זיך די בעזונדערע ווינקעל־שטיבעל, וואו ער פלעגט זיצען און לערנען. עס שטעהט נאך דארט אין שטיבעל דער טיש, ביי וועלכען ער פלעגט לערנען און די באנק אויף וועלכער ער פלעגט זיצען. אויף דערזעלבער באנק, ביי דעמזעלבען טיש האב איך פערבראכט אייניגע שטונדען אין א געמיטליכען שמועס אין דער געזעלשאפט פון ר׳ לוי יצחק׳ס אן אוראייניקעל, וואס לעבט נאך איצט, און אנדערע בערדיטשעווער זקנים, וועמען איך האב צו פערדאנקען דעם גרעסטען טייל פון די פאקטען און לעגענדען, מיט וועלכע איך האב זיך בענוצט אין מיין איצטיגער שילדערונג. נאטירליך האב איך געמוזט שטעלען „תקון״, פשוט גערעדט—מכבד זיין דעם עולם מיט לעקאך און בראנפען, ווי דער מנהג איז ביי חסידים. דער־פאר האט דער חסידישער פשוט׳ער עולם פערבראכט מיט מיר זעהר גערן, האט מיר אויך איינגעטיילט א חלק און, בכלל בעהאנדעלט מיך, ווי אן אייגענעם מענשען. א וואונדערליכע שטימונג האט מיך בעהערשט

אין יענעם אָוועגד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הונדערט און דריי יאָהר, וואָס זענען אַוועק נאָך ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער׳ס טויט זענען פערשוואונדען, און אינ׳ם לעבעדיגען שמועס ביי זיין טיש, אויף זיין באַנק, אין זיין שטיבעל האָט גענומען אַן אנטייל ער אליין, דער „באַרדיטשעווער״, דער גרויסער פאָלקספריינד, וואָס האָט געלערנט, אַז די „השפעה״ פון „אלקות״ קען זיין נאָר מתוך שמחה; אַז די פער־בינדונג צווישען מענש און גאָט קען זיין נאָר, ווען דער מענש איז צופרידען, איז ערדיש־גליקליך.

אין דער צייט פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער איז אַרויס די „גזרה״: יודען זאָלען זיך געבען „פאַמיליעס״, ד. ה. פאַמיליען־נעמען. געקומען דער גוי, דער טשינאָווניק;

— נו, פּאַניע ראַבין, ווי זאָל מען דיין פאַמיליע שרייבען? דער קיסר האָט געהייסען: יודען זאָלען אויך, ווי די רוסען, האָבען פאַמיליעס.

ר׳ לוי יצחק האָט ניט פערשטאַנען: צו וואָס, מען דאַרף דאָס.

דאַכט זיך, ער האָט שוין צוויי נעמען, און אַ דריטען אויך. נאָר דער גוי האָט ניט געוואָלט אָוועקגעהן. נאָר אַ פאַמיליע! דער קיסר האָט געהייסען!

ר׳ לוי יצחק האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס אויפגע־הויבען די אויגען צום הימעל און נאָר געזאָגט: דערבאַרעמדיגער!...

ר׳ לוי יצחק׳ס אייניקלאך רופען זיך ביז היינטיגען טאָג מיט דעם פאַמיליען־נאָמען „דערבאַרעמדיגער״.

דער „שאגת אריה".

דאָס איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע רבנים אין יענער וואונדערליכער צייט, ווען אייראָפּא האָט געשמעקט מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און ביי די ליטווישע יודען איז געווען אין העכסטען בּרען דער קאַמף צווישען פאָלק און די רבנים פון איין זייט און די גבירים און קהל'שע פיהרער פון דער אַנדערער.

דער „שאגת אריה" האָט געלעבט אין איין צייט מיט דעם ווילנער גאון. מ'זאָגט, אַז אין חריפות איז ער געווען העכער פון'ן גאון, און צוזאַמען מיט איהם האָט ער געגאָלטען פאַר'ן גרעסטען אויטאָריטעט אין תלמוד'ישע פראַגען פון יענער צייט. פונדעסטוועגען איז דער „שאגת אריה" ניט אַרומגערינגעלט מיט אַזאַ רוהם און גלאַנץ ביי די שפּעטערדיגע דורות, ווי דער ווילנער גאון. און מיט דעם נאָמען איז פערבונדען דער שיקזאַל פון אַ מענשען, וואָס איז געווען אַ רעטעניש אין זיין צייט און געבליבען אַ רעטעניש ביז'ן היינטיגען טאָג.

זיין נאָמען איז אַרומגערינגעלט מיט לעגענדעס, אַזוי ווי דער נאָמען פונ'ם ווילנער גאון. אָבער די לעגענדעס כאַראַקטעריזירען ניט אַזוי די הייליגקייט, ווי די שאַרף אָריגינעלע פערזענליכקייט פון אָט דעם געניאַלען מענשען. עס איז גענוג צו ווייזען אויף איינע פון די דאָזיגע לעגענדעס אום צו זעהן, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַזאַ מאָרנע רב, וואָס האָט ניט זיין גלייכען צווישען די רבנים פון זיין צייט.

און נאָך איהם.

אָט די לעגענדע דערצעהלט, אז מ׳האָט איהם פון מינסק, וואו ער איז געווען רב, ארויסגעפיהרט אויף אָקסען. דאָס איז געווען אין יענער צייט, דער גרעסטער בזיון, וואָס מ׳האָט אַ מענשען געקענט אָנטאָן. פאַרוואָס די מינסקער שטאָדט-פיהרער האָבען זיך ערלויבט אזא שענדליכע האנדלונג געגען אזא גאון איז אונבעקאנט. אז ער האָט קיין גרויסען פערברעך ניט בעגאנגען, ווייזט דער פאקט, וואָס מ׳האָט איהם באַלד נאָכדעם צוגענומען פאַר אַ רב אין וואָלאָזשין, וואו ער איז געווען רב שוין פריהער.

פון וואָלאָזשין איז דער „שאגת אריה״ אוועק, ווייל ער האָט געבעטען נאָך אַ גילדען אַ וואָך, (ער האָט גענומען פיער גילדען און האָט פערלאַנגט אַ פינפטען) און מ׳האָט איהם ניט געגעבען. אנדערע זאָגען, אז ער האָט קיין געלד ניט געבעטען. ער האט נאָר פערלאַנגט קינעלאַך פון קהל (פון קעראָסין האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, און ליכט זענען נאָר געווען חלב׳נע, און די האָט מען זיך ערלויבט צו געברויכען נור ערב שבת און יום טוב אויף ליכט בענטשען; אָן דער וואָכען האט מען, ביי נאַכט, געארבייט, גענעסען און געלערנט פאַר קינעלאַך). נאָך אַ דריטע לעגענדע זאָגט, אז דער „שאגת אריה״ האָט בעקומען ניט פיער, נאָר צוויי גילדען אַ וואָך שבירות און ער האָט געבעטען אַ הוספה בלויז צעהן גראָשען.

קהל האָט אויפגערופען אַנ׳אסיפה און, נאָך אַ לאַנגען ישוב-הדעת, האט מען בעשלאָסען, אז ס׳איז ניטאָ פון וואַנען צו נעהמען די צעהן גראָשען און דער רב האט געמוזט זוכען אַן אנדער שטעדטעל.

דער דאָזיגער פאקט בעווייזט די גרויסע אָרימקייט פון די יודישע געמיינדעס אין יענער צייט. ס׳איז אָבער אויך מעגליך, אז דאָ האט געשפּילט אַ ראָליע ניט אזוי די אָרימקייט, ווי די בעציהונגען פון די קהל׳שע פיהרער, די גראָבע-יונגען, צו זייערע גייסטיגע לעהרער. מ׳יר ווייסען צ. ב., אז, ווען מ׳האָט געדאַרפט געבען אַ „טשינאָווניק״ באַבאַר, האט מען ניט געקאַרגט קיין הונדערטער און קיין טויזענדער גילדען און אפילו רענדלאַך. דערפון פלעגען געוועהנליך, די „שתדלנים״ אָבלעקען

אַ פעטען-ביינדעל. דער ווילנער גאון, צ. ב., האָט בלויז אויף דער עלטער איינגעשטימט צו נעהמען ביי קהל שכירות, עטליכע גילדען אַ וואָך. נאָר אפילו אָט די קאַרגע שכירות האט יאָהרענלאַנג דער שמש, דורך וועלכען מ'האָט דאָס געלד געשיקט, צו גע'גנב'עט פאַר זיך. נאָר פאַר'ן טויט האָט ער זיך מודה געווען. אינדעסען געפינען מיר אין דעם בעוואוסטען ווערק פון בערשאַדסקי, „די ליטווישע יודען", אין רוסיש, אַ דאָקומענט, וואָס ווייזט, אַז פאַר דער אָפיציעלער מאַכט און פאַר דער געמיינדע האָבען די קהל-פיהרער דערלאַנגט אַ חשבון, אַז זיי צאָהלען דעם גאון 1400 גילדען אַ יאָהר, אַ חוץ דירה און אָפטע מתנות.

נעסוויזשער יודען האָבען מיר דערצעהלט, אַז זייער אַמאָליגער רב ר' ראובעלע—אויך איינער פון די מערקווירדיגסטע אַלטע רבנים—האָט געמוזט פערלאָזען שטעדטעל, ווייל ער האָט געבעטען אַ פערטען גיל-דען—אַ הוספה אויף דער וואָך שכירות, און קהל האָט ניט געוואָלט געבען. ר' ראובעלען—דערצעהלט די לעגענדע—איז שווער געווען צו פערלאָזען די שטאָדט, וואו ער האָט אַ סך יאָהרען פערבראַכט. קומענ-דיג אונטער שטאָדט מיט אַלע זיינע טלומקעס, האָט זיך ר' ראובעלע אָבגעשטעלט און געוואָרט: טאָמער וועט מען איהם אומקעהרען. מ'האָט דאָס געמאָלדען דעם פרנס-חודש.—זאָל ער פאָהרען! האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד דער פרנס-חודש,—מיר'ן קריגען אַ רב פאַר דריי גילדען אַ וואָך אויך.

דער „שאגת אריה" האָט, נאָך מינסק, פערבראַכט אין וואלאָזשין נאָר איין יאָהר. צי איז איהם געווען ווייניג צו לעבען מיט זיין געזינד פאַר עטליכע גילדען אַ וואָך? אָדער עס האָט איהם גלאַט געצויגען אין דער ברייטער וועלט—איז ניט בעוואוסט. נאָר באַלד איז ער ווידער אַוועק פון וואלאָזשין אָבריכטען גלות. ער איז אין גיכען בעוואוסט גע-וואָרען אין דער גאַנצער וועלט מיט זיין ספר „שאגת אריה". איידער ער איז אוועק פון וואלאָזשין, האט ער צוגעזאָגט ר' חיים'קעס מוטער (דעמאָלט איז ר' חיים'קע נאָך געווען אַ יונגער בחור), אַז מיט איהרע קינדער וועט זיך בענטשען די וועלט. די ברכה האט ער איהר געגעבען דערפאַר, וואָס זי האָט איהם ערלויבט צו לערנען און איהר מאַנ'ס

ש״ס. ווארום אין גאנץ שטעדטעל איז נור געווען איין ש״ס—ביי ר׳ חיים׳קעס פאטער. דאס איז געווען אזוי טייער, אז לייהען א ספר פון שטוב פלעגט מען קיין מענשען ניט. ס׳מעג זיין דער רב אליין. ר׳ חיים׳קעס מוטער האט, בשתיקה פון איהר מאן, געליהען דעם „שאגת אריה״ א גמרא צו לערנען דערין. דאס איז געווען אזא גרויסער "חסד, אז ער האט איהר דערפאר געבענשט.

דער „שאגת אריה״ איז געווען א שטאלצער און א בייזער יוד. אז מ׳האט איהם ארויסגעפיהרט אויף אקסען פון מינסק אונטער שטאדט, האט ער זיך אבגעקעהרט און געזאגט: עס ברענט נאך ניט? און באלד—דערצעהלט די לעגענדע—האט מינסק אנגעהויבען צו ברענען. און פון דעמאלט אן האט די שטאדט געברענט, כמעט אלע יאהר. דאס האט איהר דער „שאגת אריה״ פערשאלטען. אזוי דער־צעהלען מינסקער יודען ביז היינטיגען טאג.

פון וואלאזשין איז דער „שאגת אריה״—אבריכטענדיג גלות—געקומען קיין קעניגסבערג. דארטען איז דעמאלט געווען רב א בעד־וואוסטער ר׳ ליב עפשטיין. דער „שאגת אריה״ איז געקומען צו דער רבצין אין קיך, געגעבען איהר אביסעל גרויפען—האט עס נאך פון ליטא מיט זיך געטראגען אין א זעקעל,—און געבעטען, זי זאל דאס איהם אויסקאכען. ברויט וועט ער אליין ברענגען. אז דער רב איז געקומען פון שול, האט איהם די רבצין דערצעהלט פון דעם מאדנעם נאסט. „דאס איז געוויס ניט קיין פשוט׳ער יוד״—האט דער רב גע־קלערט, מ׳דארף זיך מיט איהם פארהערען אין לערנען. אז ער וועט קומען נאך אמאל—האט ער פארזאגט דער רבצין—זאל זי איהם, דעם רב, באלד מודיע זיין.

אז דער „שאגת אריה״ איז געקומען, האט איהם די רבצין מיט גרויס דרך ארץ אריינגעבעטען צום רב. ביי׳ן רב אין חדר האט דער „שאגת אריה״ געזעהן אויפ׳ן טיש זיין ספר. ער האט זיך פארשטעלט פאר א פשוט׳ן באלעבאס, וואס קען א ביסעל לערנען און איז געשטא־נען פאר׳ן רב. דער רב האט זיך גענומען מיט איהם אביסעל מפלפל זיין. דא האט דער כלומרשט פשוט׳ער באלעבאס ניט געקענט

אויפגעשלטען די ראָלע, און געפיהרט געגען רב א שטאַרקען שטרייט. אין „פלפול" איז קיין גרעסערער פאַרן „שאגת אריה" אין יענער צייט ניט געווען. ענדליך איז דער קעניגסבערגער רב אַרויס פון געדולט און שרייט, וויזענדיג אויפ'ן אָפענעם ספר, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש.

— און אַז איך וועל אייך וויזען, אַז אַזוי מיינט בפירוש דער „שאגת אריה"?

— דער „שאגת אריה"! האָט דער גאַסט אויסגעשריען, נו, און וואָס? איך קען אַזוי לערנען, ווי דער „שאגת אריה".

אַזאַ „חוצפה" פון אַ פשוט'ען באַלעבאָס האט געמאַכט שטוינען דעם רב.

— ר' יוד,—מאַכט ער צום אורח מיט כעס,—איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? איהר קענט דעם „שאגת אריה"?

— געוויס קען איך איהם זעהר גוט, האָט דער „שאגת אריה" היציג געענטפערט.

דער רב איז אַ ביסעל ווייכער געוואָרען. אַ ליטווישער יוד, וואָס קען דעם „שאגת אריה" פנים אל פנים... אַזאַ געלעגענהייט דאַרף מען אויסנוצען.

— אַזוי,—מאַכט ער צום גאַסט, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר איהם,—קענט איהר, הייסט עס, דעם „שאגת אריה"? ווי אַזוי? וואו האט איהר איהם געזעהן? וואו איז ער איצט?

— ער איז דאָ,—האָט דער אורח רוהיג ערקלערט.

— וואָס הייסט?... וואָס רעדט איהר?...

נאָר באַלד האָט, ווי אַ בליץ, דורכגעלייכט דעם רב'ס געדאַנק.

— רבי! האָט ער אַ געשריי געטאָן, אויפבאַפענדיג זיך פון זיין שטוהל, דאָס זייט איהר... דער „שאגת אריה"... סטייטש... איהר שטעהט און איך זיץ...

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען געקומען פון מעץ שלוחים קיין קעניגסבערג צום רב, ר' לייבעלע עפשטיין, מיט אַ „כתב־רבנות". זיי האָבען איהם געוואָלט צונעהמען צו זיך פאַר אַ רב.

מעץ, אָט די אַלטע יודישע שטאָדט, איז געווען איינע פון די

גרעסטע יחסנ'טעס אין יודישען געטא פון דער גאנצער וועלט. מעצער רבנות האט זיך גערעכענט פאר איינע פון די גרעסטע. פאר'ן קעניגס-בערגער רב איז דאס געווען א גרויסער כבוד. נאר ער האט זיך פון די רבנות אבגעזאגט.

— דא איז פאראן א גרעסערער פון מיר, וואס איז מעהר ראוי צו זיין ביי אייך רב—האט ער געמעלדט די שלוחים.

דער „שאגת אריה" האט צוגענומען מעצער רבנות.

בשעת ער איז געפאהרען פון קעניגסבערג קיין מעץ, האט מען געגעבען טעלעגראמעס אין אלע שטעדט און שטעדטלאך אויפ'ן וועג, אז דער „שאגת אריה" פאהרט. פון אלע סטאנציעס אויפ'ן וועג זענען פארשטעהער פון די יודישע קהילות ארויס איהם אנטקעגען און בע-געגענט איהם מיט גרויס פאראד.

דער „שאגת אריה" איז געווען א מורא'דיג שטרענגער און בייזער יוד. אז ער האט גע'דרש'נט דעם ערשטען, צי דעם צווייטען מאל אין מעץ, אין שול פאר'ן עולם, האט איהם איינער פון די צוהערער איבער-געשלאגען מיט א קשיא. דאס פאסט זיך, פערשטעהט זיך, ניט פאר א רב. אז מ'וויל פרעגען א קשיא, פרעגט מען דערנאך. אין מיטען רייסט מען ניט איבער. דער „שאגת אריה" האט דערויף „רעאגירט" אויף זיין „שאגת אריה'שען" שטייגער: ער האט אראבגעצווינגען א פאנטא-פעל פון פוס און... געלאזען דעם פרעגער אין קאפ...

אין מינסק האט מען פאר אזא מין מעשה דעם „שאגת אריה" אויף אקסען ארויסגעפיהרט. מעץ איז אבער געווען אין אייראפא. דער יוד פון דער קשיא האט זיך איינגעבויגען, אויפגעהויבען דעם פאנטאפעל און א קוש געטאן.

דער „שאגת אריה" איז געווען דער גרעסטער מפלפל פון זיין צייט. ער האט געקענט מיט'ן פלפול דרעהען אזוי קונציג, אז איין מאל האט ער אין א דרשה, צו זיינע צוהערער'ס ערשטוינען, אויפגעוויזען מיט אותות ומופתים, אז חמץ איז מותר אום פסח. אין מינסק האט מען איהם פאר אזוינע גאנגען ארויסגעפיהרט אויף אקסען. נאר מעצער יודען האבען זיך בעסער פערשטאנען אויף זייער נייעם רב. זיי האבען

געהאָרכט און געשוויגען און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין. גראָד איז געווען נאָך ווייט צו פסח. ס'איז ניט געווען, וואָס מורא צו האָבען, אַז מעצער יודען וועלען, מיט'ן היתר פון רב, עסען חלילה, חמץ אום פסח.

און טאַקע באַלד נאָך פורים, שבת „זכור", האט זיי דער „שאגת אריה" ווידער געהאַלטען אַ שאַרפע פּלפּולדיגע דרשה, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען בזה הלשון: פּויערים! איהר האט שוין אַ היתר אויף צו עסען חמץ אום פסח! זייט שוין גרייט עובר צו זיין אויף דער תורה! נו, זאָלט איהר זשע וויסען...

און ער האט אָנגעהויבען אויפצואווייזען מיט אַ נאָך שאַרפערען „פּלפּול", ווי גרויס די זינד איז פון „אכילת חמץ".

דער גאַנצער דרוש, איינענטליך, פריהערדיגער און איצטיגער, איז ביי'ן „שאגת אריה" געווען אַ רינגעלע אין דער גאַנצער קייט פון זיין קאַמפּס-שיטה געגען „פּלפּול". דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס האט געזאָלט בעווייזען, ווי אזוי מיט'ן פּלפּול קען מען פערדרעהען דעם געזונטען שכל, קען מען מאַכען פון שוואַרץ ווייס און פון ווייס—שוואַרץ; ווי אזוי דער פּלפּול, ערנסט גענומען, אַלס מעטאָד, איז געפעהרליך. אין דעם „שאגת אריה" האָט דער פּלפּול געהאַט דעם שטאַרקסטען פיינד און מעכטיגסטען בעקעמפּפער. ער האָט געפיהרט דעם קאַמפּף אויף זיין וואונדערליכען, שאגת אריה'דיגען שטייגער, דורך אַזעלכע אָריגינעלע דעמאָנסטראַציעס. נאָך איהם איז געקומען דער גאון און האָט דורך זיין שטרענגער שיטה נאָך ריינער געמאַכט דעם וועג פאַר'ן ראַציאָנאַליזם. ר' חיים'קע וואָלאָזשינער, דעם גאונ'ס בעסטער תלמיד, האָט גענומען די טעאָריע און האָט זי פערקערפּערט אין פּראַקטיק. ער האָט אַ שולע בעשאַפען. אָט די דריי האָבען אויס־געלייטערט דעם יודישען מוח אין זייער צייט, האָבען איהם בעפרייט פון פינסטערנעס און אבערגלויבען. האָבען פּלאַץ געמאַכט פאַר'ן שכל, פאַר דער מענשליכער געזונדער לאָגיק, דערוויילע, פערשטעהט זיך, אויף דעם שמאָלען געביט פון תלמוד־שטודיום. אין זייער צייט איז דאָס אָבער געווען אַ דרייסטע רעפאָרם. מעגדעלסאָן און די שפּעטער־דיגע משכילים האָבען דעם קאַמפּס־פעלד ברייטער געמאַכט. זיי

האָבען דעם ראַציאָנאַליזם, דעם „פּשט", איבערגעטראָגען צום „חומש" און תנ"ך. נאָך דעם איז שוין פרייער געוואָרען דער וועג צו דער השכלה, צום איינפאַכען, לאָגישען דענקען בכלל.

רבי חיים וואָלאָזשינער.

שוין נײנציג יאָהר, ווי ר' חיים'קע וואָלאָזשינער איז געשטאָרבען, און זעבציג יאָהר, אונגעפעהר, ווי זיין זוהן, ר' איצעלע, איז טויט. און דאָך, ווען איהר קומט איצט אין וואָלאָזין, פיהלט איהר, ווי די נשמות זייערע טראָגען זיך אין דער לופטען, שוועבען, ניט בלויז אַרום דער וואָלאָזינער ישיבה, נאָר אַרום יעדער וואָלאָזינער הויז, זיי לעבען אין די היגע יודישע גייסטער, ווי זיי וואָלטען זיך ערשט נעכטען געשיידען מיט זיי.

און דעריבער קענט איהר ניט האָבען קיין ריכטיגען בעגריף פון וואָלאָזין, ניט בעקאַנט ווערנדיג מיט אָט די צוויי פערזענליכקייטען, די שטאַרקסטע פערזענליכקייטען ניט בלויז אין וואָלאָזין, נאָר אין גאַנצען יודישען תחום פאַר דער גאַנצער צייט פונ'ם פאַריגען יאָהר־הונדערט.

ר' חיים'קע האָט געשטאַמט פון גרויסען יחוס און פון אַ רייכער פאַמיליע. זיין זיידע און זיין פאָטער זענען געוועזען די גבירים פון זייער שטעדטעל. זיין פאָטער איז געוועזען אי אַ למדן, אי אַ פרנס—דער פיהרער פון דער געמיינדע. אין דער יוגענד האָט ר' חיים'קע געלערנט ביי די גרעסטע רבנים: ביי ר' רפאל האַמבורגער און דעם „שאגת אריה“. צו נײנצעהן יאָהר איז ער אַוועק אין ווילנא, און האָט געלערנט ביים גאון. ער איז געוועזען דעם גאונ'ס אַ תלמיד ניט אין דעם געוועהנ־

ליבען זין. ער פלעגט פאַהרען דריי, פיער מאָל אין יאָהר אין ווילנא, אָבזיצען דאָרט צו מאָנאַט צייט און קומען צוריק אין וואָלאָזין. אַזוי האָט ער זיך געפיהרט, ביז ער איז שוין געווען אַליין אַ טאַטע פון דער־וואַקסענע קינדער און בעריהמט פאַר אַ גדול. ר׳ חיים איז געווען דעם גאון׳ס אַ תלמיד אין דעם בריטען זין. ער איז געווען זיין טרייסטער און הייסעסטער נאָכפאָלגער. נאָך מעהר: ער האָט גענומען דעם גאון׳ס טעאָריע און האָט פּ׳ן איהר און פאַר איהר אַ שולע בעשאַפען. ער איז בבלל געווען דער „עזרא“ פונ׳ם נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט ביי יודען. אז ניט ער—זאָגען לומדים—וואָלט די תורה פער־געסען געוואָרען. פון אָנהויב איז ר׳ חיים׳קעס רוהם געווען בלויז אַן אָבשפּיגלונג פון דעם גאון׳ס. שפּעטער, צום סוף פון זיין לעבען, איז זיין אויטאָריטעט געווען שוין געשטיצט אויף זיין אייגענעם פערדינסט. פון דער וואָלאָזינער ישיבה זענען שוין אַרויס טויזענדער תלמידים, וואָס האָבען פאַרנאַנדער געטראָגען זיין תורה איבער דער גאַנצער וועלט. אַחוץ דעם איז זיין ישיבה געווען דער מוסטער פאַר אַ גאַנצע רייהע שטעדט. פאַר ר׳ חיים׳ען איז ניט געווען קיין ישיבות. מ׳האָט בלויז געלערנט אין די בתי מדרשים. די קלויזניקעס האָבען געגעסען טעג, געלעבט אין הונגער, אין שמוץ, אין פעראַכטונג. אַ „פּאַטראָן“ איז געווען ביי דעם פאָלק עפּעס אַ מין ווילדע, קרעציגע, אידיאָטישע בעשעפענים: ר׳ חיים האָט פריהער פון אַלץ געהייסען, אַז זיינע תלמידים זאָלען ניט הייסען מיט׳ן פערעכטליכען נאָמען „ישיבה־בחורים“, נאָר „ישיבה לייט“. ער האָט אויסגעפיהרט די מאָדע פון „טעג“ און האָט איינגעפיהרט די סיסטעם פון „משולחים“—ער פלעגט אַליין אויך אַרומפאָהרען און נעהמען ביי די גבירים געלד אויף דער ישיבה. די תלמידים פון דער וואָלאָזינער ישיבה האָבען ניט בלויז בעקומען אומ־זיסט לעהרע, נאָר אויך פּאַנסיאָן, ניט מיט דער נאַטור, נאָר מיט געלד—וועכענטליכע סומען, וואָס זענען גענוג צום לעבען. יעדער „ישיבה־מאַן“ האָט זיך געקענט לעבען, ווי ער האָט געוואָלט.

די תלמידים פון דער וואָלאָזינער ישיבה האָבען דעריבער אויפגעהויבען דעם רעספּעקט צו לומדים, צו לומדות בכלל אין פאָלק.

פאר ר׳ חיים׳ען איז זעלטען געווען צו קריגען וואו א גמרא. דער „שאגת אריה״ אליין האט געמוזט לערנען אין א פרעמדער גמרא. צום סוף פון ר׳ חיים׳ס לעבען איז די צאהל פון די לומדים, און דער נאכפרעג אויף ספרים געווען אזוי גרויס, אז אין ליטא גופא האבען זיך געיאוועט דרוקען און מ׳האט געדרוקט ש״ס׳ען און אנדערע הייליגע ספרים אין די טויזענדער עקזעמפליארען, און ר׳ חיים איז שוין געווען אין שטאנד צו געבען זיינע געליבטע תלמידים גאנצע ש״ס׳ען א מתנה.

דעריבער קען מען זאגען, אז ביין ענד פון זיין לעבען האט ר׳ חיים וואלאזינער געגאסען אזא כבוד, וואס איז איבערגעגאנגען אין א מורא און ציטערנים. זיין נאמען האט מען דערמאהנט מיט א גרעסערער עהרפארכטיגקייט, כמעט, ווי דעם גאונ׳ס. זיין אויטאריטעט איז געווען אין גאנץ ליטא אונבעשרענקט. ער איז געווען דער גייסטי־גער זעלבסטהערשער פון תחום. אהן איהם האט מען ערגעץ ניט געוואגט צו נעהמען א רב, צו טאן עפעס אין כלל-זאכען.

ווי גרויס אט דער דרך ארץ און מורא פאר ר׳ חיים׳ען איז געווען אין תחום, קען דער לעזער זעהן פון דער לעגענדע מיט ברך (לעז: בייראך) דעם גאליציאנער, וואס איך האב געהערט אין וואלאזין און גיב זי דא איבער אין תוך.

ברך איז געווען א גאליציאנער עלוי און איז געקומען נעהמען מינסקער רבנות. ווי דער שטייגער איז, האט ער שבת געזאגט אין שול. ער האט געמוזט זיין גאר אן אונגעוועהנליכער רעדנער, ווארום מיט זיין זאגען האט ער ממש בעצויבערט גרויס און קליין, ארים און רייך. עס איז געבליבען מ׳זאל איהם נעהמען פאר א רב.

נאר אהן ר׳ חיים׳ען האט מען אין קיין גרויסער שטאדט אין דער ליטא ניט גענומען קיין רב. האט מען געשיקט צו איהם פרעגען. ר׳ חיים האט געשיקט א בריף אנפרעגען אין גאליציען: וואס מיט איהם, מיט ברך׳ן איז דער מעהר. פאר ר׳ חיים׳ען איז געווען ווענעג א שענער רעדנער.

מ׳ווייס ניט וואס פאר אן ענטפער ער האט בעקומען פון גא־ליציען, נאר אין גיכען האט ער געשיקט אין מינסק אן עקסטרא

בעפעהל, אז זיי זאָלען ברך דעם גאַליציאַנער אַרויסטרייבען פון מינסק. פשוט אַרויסטרייבען.

עס איז ענטשטאַנען אַ קאַמפּף צווישען די אַלטע און יונגע. איבערהויפּט האָבען פאַר ברך׳ן געהאַלטען די יונגע גבירים. פאַר דער צייט וואָס מ׳האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער האָט דער גאַליציאַנער דרשן מורא׳דיג אויסגענומען ביי דער שטאָדט. די אַלטע האָבען אָבער געזיגט. מ׳האָט געטאָן אַזוי ווי ר׳ חיים האָט פאַרזאָגט: מ׳האָט דעם קאַנדידאַט אויף אַ רב פשוט אַרויסגעטריבען פון שטאָדט.

די יונגע גבירים האָבען גאָר נישט געקענט טאָן. האָבען זיי וועניגסטענס אָבגעטאָן ר׳ חיים׳ען אַ שפּיצעל: האָבען אויסגעריכט צו איהם אַ שליח מיוחד מיט אַ פערזינגעלטען פּאַקעט.

— איסר! — האָט געזאָגט ר׳ חיים צו זיין זוהן, ערהאַלטענדיג דעם פּאַקעט, — עפען דעם בריף, זעה, וואָס שטעהט דאָרט.

— איסר עפענט דעם בריף און קוועטשט מיט די פּלייצעס.

— וואָס איז? פרעגט ר׳ חיים, — וואָס שרייבען זיי?

— אַ ליידיגער בויגען פּאַפּיר... מעהר ניטאָ ווי צוויי ווערטער און די זענען פערשטריבעלט, „ראשי תבות“.

— זאָג, וואָס שטעהט דאָרט?

— „ק״ק“ „נ״נ“ — מעהר ניטאָ.

— דו ווייסט ניט ווי דאָס מאַכט?

— ניין.

— וועל איך דיר זאָגען, דאָס מאַכט: „קאַליעקאַ קאַליעקו ניע נעאַווידזי...“

דערמיט האָבען די יונגע מינסקער גבירים אָנגעוואונקען, אַז ער האָט פערזענליכע פּניות: איין „קאַליקער“, ד. ה. איין גאון האָט פיינט דעם אַנדערן, קאָנקורענץ...

אין אַ קורצע צייט אַרום איז ר׳ ישעיה, אַ וואָלאָזשינער יוד, אַ קרוב צו ר׳ חיים׳ען, געקומען צו איהם און געבראַכט איהם אַ גרוס פון ר׳ הלל׳ן, ר׳ חיים׳ס זוהן, וואָס איז געוועזן אַן איידים אין גראָדנאָ.

— אַ צדיק אַ יוד — האָט ער צוגעגעבען צום גרוס.

— וואָס איז? האָט ר׳ חיים געפרעגט, פערוואונדערט אויף דער אטעסטאציע.

— אין בית המדרש האָב איך איהם געטראָפען. ער איז גע־שטאַנען אין טלית... אונטער איהם — אַ טייך טרערען...

— וואָס איז? האָט ר׳ חיים נאָך מעהר פערוואונדערט גע־פרעגט.

זיינע, ר׳ חיים׳ס, קינדער דאַרפען זיין שטאָהלענע יודען... קיין וויינענדיגע.

— אין שול האָט אַ מגיד געזאָגט, — האָט ר׳ ישעיה ווייטער ראַפּאָרטירט, — ער האָט די שול געליינט... גרויס און קליין צוגאָסען געוואָרען...

— ווער איז דער מגיד? האָט ר׳ חיים זיך אויפגעכאַפּט אומ־רוהיג און פערדעכטיג.

— ברך... ר׳ ברך... דער גאַליציאַנער.

— איסר! האָט ר׳ חיים אַ געשריי געטאָן צום זוהן. שוין, חיים שפּאַנען דעם פערד און לויף אין גראָדנאָ. אליין זאָלסטו אויפ׳ן בימה ארויף און ברך׳ן פון בימה אראָבטרייבען, און גלייך זאָל ער פון שטאָדט ארויס. אַ טאָג זאָל ער ניט בלייבען. הערסט, איסר! שוין, שפּאַן דעם פערד און פאָהר!

איסר איז געקומען אין גראָדנאָ און האָט איבערגעגעבען קהל דעם טאַטענס אָרדער.

דעמזעלבען טאָג איז ברך דער גאַליציאַנער פון בימה און פון שטאָדט פעריאָגט געוואָרען.

עס זענען אוועק נאָך איינער יאָהר. ר׳ חיים איז שוין אַלט און שוואַך געוואָרען. קוים וואָס ער איז געגאַנגען. האַלב בלינד איז ער געווען. עסען האָט מען איהם געדאַרפט צום מויל טראָגען — זיין אייגענע האַנד האָט זיך געטרייסעלט.

נאָר איין חוש, דאָס געהער, איז ביי איהם, ווי פריהער, שטאַרק געווען.

אַמאָל זיצט ר׳ חיים אין זיין חדר, אָנגעשפּאַרט אויף דער גמרא.

ער האָט מעהר אויסוועניג, ווי אינעווענינ געלערנט. א טרייער תלמיד פון גאון, האָט ביי איהם אויך, ביז דער לעצטער מינוט, „לא פסק פומיא מגירסא" די תורה פון מויל ניט אויפגעהערט. אין מיטען הערט ער, ווי די טיר פון זיין שטוב עפענט און פערמאכט זיך האסטיג, מיט א קלאפּ.

ר׳ חיים האָט אונרוהיג דעם קאָפּ אויפגעהויבען און די אויגען אָנגעשטעלט.

— וואס איז דאָרט?... שרייט ער פון זיין חדר,—ווער פער־מאכט דאָס די טיר?... מיין טיר דארף אָפען זיין... פאר אלעמען... יהי ביתך פתוח לרוחה... זאָל דיין שטוב—זאָגען די חכמים—אָפען זיין; פריי פאר אָרימע לייט, פאר אלעמען.

— דאָ איז דאָ,—האט דער זוהן איסר איהם געמעלדעט אונ־ענטשלאָסען... דאָ איז געקומען... ער וויל... בעט זאלסט איהם אריינלאָזען...

— ווער?...

— ברך... דער גאליציאנער...

— וואָס האט ברך ביי מיר צוטאָן?—האט ר׳ חיים אויסגע־שריען, אָבער באלד דערמאָהנט זיך, וואס ער האט ערשט געזאָגט: יהי ביתך—דיין שטוב זאָל זיין, פתוח לרוחה—אָפען פאר אלעמען.

— זאָל ער אריין! האט ר׳ חיים ערלויבט.

— רבי!... האט ברך געשטאמעלט, ניט וואגענדיג צוגעהן נאָהענט צו ר׳ חיים׳ען, איך פערלאנג... איהר... זאָלט מיר... א תשובה... ארויסגעבען...

— איך? א תשובה? האָט ר׳ חיים׳קע געענטפערט,—דיר? ברך׳ן? דו ביזט דאָך א גאון! דארפסט האָבען מיין תשובה? ווייסט אליין וואָס דו האָסט צו טאָן.

מעהר האָט ר׳ חיים ניט גערעדט.

ברך איז אוועק.

אין א צייט ארום—דערצעהלט די לעגענדע (און אזוי איז פער־שריבען אין „תולדות הגר״ח") האָט מען זיך דערוואוסט, אז ברך האָט

זיך גע'שמד'ט.

נאָר מיר שיינט וואַרהאַפטיגער דער נוסח ווי „פּטשאָלקע", ר' ישעיה'ס 93-יעהריגער זוהן האָט מיר דערצעהלט. וואָרום ער האָט עס בקבלה פון זיין טאַטען, וואָס איז געווען אַ שטוב-מענש ביי ר' חיים'קען.

לויט אַט דעם נוסח איז אין אַ יאָהר אַרום ברך דער גאַליציאַנער ווידער געקומען צו ר' חיים'ען. דאָס מאָל האָט איהם דער נייסטיגער זעלבסטהערשער פון יודישען תחום אויפגענומען פריינדליך. ברך איז שוין געווען אַ בעל תשובה. ער האָט דאָס יאָהר גלות אָבגעריכט. דאָס האָט ער זיך אליין אַ תשובה גענומען—אָן אָבקומענעס פאַר זיינע געהיימע זינד, וואָס, אַ חוץ גאָט, האָבען אויף דער וועלט נאָר צוויי מענשען געוואוסט: ער—ברך אליין, און ר' חיים.

דער וואָלאָזינער גאון האָט איהם אליין פאָרגעלייגט: פאָהר אַ הין, אין יענער שטאָדט. דאָרט וועסטו רב זיין.

ברך איז אַ הין געקומען. מ'האָט איהם מיט כבוד אויפגענומען. איהם אַ כתב־רבנות געגעבען. נאָר ער האָט אויף דעם „כסא הרבנות" זיך ניט געוואָלט זעצען, וואו די שטאָדט זאָל ניט שיקען אַ שליח מיוחד צו ר' חיים'ען און ניט ברענגען פון איהם אַ בעשיינפערליכע הסכמה.

— וואָס האָט דאָס געקענט זיין פאַר אַן עברה? „האָב איך געפרעגט האַלב ביי „פּטשאָלקען", האַלב פאַר זיך אליין, וואָס ר' חיים האָט דערפאַר אַזוי איינגעשפּאַרט און גרויזאַם פערפאָלגט ברך דעם גאַליציאַנער.

— אָן עברה! האָט „פּטשאָלקע" אויסגעשריען. דאָס איז, מיינט איהר, אָן עברה, ווי מיר פּראָסטע מענשען פערשטעהען. ביי אונז אָן עברה—הייסט מחלל שבת זיין, עסען טרייפס, גנב'ענען... ביי „זיי" אָבער איז דאָס אַנדערש. זיי זענען, פערשטעהט איהר מיך,ביידע געווען די גרויסע קעפּ, די גאונים, ... נורא'דיגע מקובלים... און דאָרטען, פערשטעהט איהר מיך, אין קבלה... איז דאָך געווען: איין פּינטעלע... ניט אַזוי... איז שוין אויס... אַ כופר בעיקר... אַראָב ואיז גאַנצען... די אמונה... אויס!... פערשטעהט איהר מיך...

נאָך אַ פּאָר לעגענדען־שטריכען, וואָס מאַכען בולט'ער די אינ־טערעסאַנטע פּערזענליכקייט פון ר' חיים וואָלאָזינער.

אַמאָל איז צו איהם, דורכפאָהרענדיג וואָלאָזין, געקומען צו גאַסט אַ חסידישער רבי. ביי'ן טיש האָט מען, נאַטירליך, געזאָגט תורה. דער רבי האָט אויף זיין שטייגער געטייטשט דעם „פּזמון": אזכרה אלהים ואהמיה—איך דערמאָהן זיך, אַ גאָט, און טו בענקען, בראותי כל עיר על תלה בנויה,—ווען איך זעה יעדע שטאָדט איז שטאָלץ און שען, ועיר אלהים משפלת עד שאול תחתיה—און גאָט'ס שטאָדט (ירושלים) איז ערנידריגט ביז צום גרוב. דער רבי האָט ערקלערט זיין פּשט: „עיר" איז לשון „התעוררות" ליידענשאַפט, תאוות. נאָך זיין פּירוש קלאָגט אַלזא דער פערפאַסער פונ'ם „פּזמון", וואָס אַלע תאוות גיט דער מענש נאָך, נאָר די „עיר־אלהים" די שטרעבונג צו דער געטליכקייט, איז ביי איהם גאָר די לעצטע.

ר' חיים האָט אויסגעהערט און געשוויגען.

אויף מאָרגען איז דער רבי ווידער געווען ביי ר' חיים'ען. ר' חיים האָט מיט איהם פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען די אייראָפּעאישע הויפּטשטעדט, זייער גרויסקייט, ריינקייט און שענקייט. דער רבי האָט געהערט און געשטוינט: ווי קומט עס, אַז אַזא גאון זאָל רעדען אַזעלכע „דברים בטלים". ר' חיים האָט דאָס בעמערקט און ערקלערט, אַז דאָס רעדט ער אייגענטליך וועגען נעכטיגער תורה. צו וואָס זאָל מען פערדרייען דעם איינפאַכען זין? עיר—איז פּשוט אַ שטאָדט און דער „פּיטן" (לעז: פּאַיטאָן) (דער דיכטער) קלאָגט מיט אַן אמת וואָס אַלע שטעדט זענען רייך און גליקליך, נאָר ירושלים איז וויסט און פערלאָזען.

ר' חיים איז געווען אַ גרויסער ענו און, בכלל, גרויס אַלס פּער־זענליכקייט. דאָס זעהען מיר פון דעם פאַקט, וואָס כאָטש ער איז געווען, ווי געזאָגט, פאַקטיש דער גייסטיגער זעלבסהערשער פונ'ם יודישען תחום אין זיין צייט, פונדעסטוועגען האָט ער זיך ניט געהאַלטען

פאר קיין רב, ניט פאר קיין אב בית דין, און פלעגט זיך אונטערשרייבען פשוט: „יליד וואלאזין" ד. ה. „דער וואלאזינער", אדער „חיים דער וואלאזינער מלמד". פון דער מאסע כתבים, וואס ער האט געלאזען, האט ער פאר זיין לעבען גאר נישט געדרוקט, נאר פארן טויט האט ער געבעטען זיין זוהן, ער זאל דרוקען בלויז זיינעם א קליין ספר׳ל „נפש החיים".

אין נעגענזאץ צום גאון, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען פערלעבט איינגעשלאסען, איז ר׳ חיים געווען א וועלטליכער מענש, א גרויסער כלל־טוער, האט גע׳שם׳ט פאר א מדינה-חכם. שוין גאר צו דער עלטער איז ער געפאהרען אויף א רבנים־אסיפה אין פעטערבורג.

זיין גאנצען לעבען האט ער אבגעגעבען דער ישיבה. ער האט קיינמאל, ניט פון זיין שטעדטיל, ניט פון ווערמען עס איז, ניט גענומען קיין גראשען געלד. די ערשטע יאהרען האט ער נאך פון זיין אייגענער קעשענע די ישיבה אויסגעהאלטען.

דאס איז געווען אמענש מיט א געבארענעם טאלאנט פון א פאלקס-פיהרער. אין אלץ האט ער זיך געלאזט פיהרען בלויז מיט׳ן געזונדען פערשטאנד. ער פלעגט ארויספאהרען אין וועג דוקא אום מאנטאג; האט בעשטימט די חתונה פון זיינעם א זוהן צום סוף חודש, כדי דערמיט צו מאניפעסטירען זיין פעראכטונג צום אבערגלויבען פון פאלק. אין אייראפא וואלט פון אזא גייסט געווים ארויס א קארל־מארקס, אדער א בערנע. די בעדינגונגען פונ׳ם יודישען לעבען אין ליטא האבען דעם יודישען זשעני נעהאלטען איינגעשלאסען בלויז אין דעם געביט פונ׳ם תלמוד. אבער אפילו אין אט דעם ענגען געביט, איז זיין ווירקונג געווען אונגעהייער. ער האט אויפגעהויבען אין פאלק דעם רעספעקט צו אינטעליגענץ, האט בעשאפען א גייסטיגען אדעל, אין דער צייט, ווען דער טאנגעבער פון לעבען איז געווען דער אויפגעקומענער נגיד, דער גראבער יונג—דער פרנס־חודש. ער האט איז קאמפף מיט די חסידות, וואס האט זיך כמעט אויסגעוועבט, שוין אין זיין צייט, פון א הארץ-קולט צו א געצענדינסט און א פינסטערן רבי׳אישען אבסאלוטיזם, א סך בייגעהאלפען דער אבשוואכונג פון אבערגלויבען אין פאלק, וואס איז

געוועןַ דעמאָלט שטארק פארגרעבט און פערווילדעט.

אויף אזא נ׳אופן האט ער, ר׳ חיים וואלאָזינער, ריין געמאכט דעם וועג צו דער גייסטיגער ערוואכונג פון די רוסישע יודען. זיין זוהן, ר׳ איצעלע וואלאָזינער, איז שוין געגאנגען ווייטער פון איהם: ער האָט געגעבען זיין הסכמה אויף מענדעלסאָנ׳ס „תרגום אשכנזי״, דייטשע איבערזעצונג פון דער ביבעל. פאר זיין אייניקעל, ר׳ הערש ליב, האָט די וואלאָזינער ישיבה אויסגעשריבען צייטונגען און זשורנאלען אויף זעקס שפראך: העברעאיש, רוסיש, פוליש, דייטש, פראנצויזיש און ענגליש, און די וואלאָזינער ישיבה איז געוואָרען דער פלאנץ-גארטען פון דער השכלה.

ר׳ ישעיה זוכאָוויצער.

איך בין געוועזן אויף זיין קבר, אויף דעם מירער יודישען בית הקברות: אַ קליינער אָרימער שטיין, וואָס איז אַ דריטעל איינגעזונקען אין דער ערד. קוים, קוים וואָס איהר קענט איבערלעזען די מיט גראָהען מאָך בעוואקסענע אותיות: „פ״נ החסיד ר׳ ישעיה ב״ר מרדכי״. דער יאָהר איז שוין ניט קענטיג. מעהר איז אויפ׳ן קליינעם, אָרימען שטיין ניטאָ. די דאָזיגע קורצע אויפשריפט האָט ער, דער פערבאָר־גענער „למדן־וואָווניק״, אַליין פערפאַסט און מעהר ניט געהייסען שרייבען. וואָס אַ יאָהר זינקט אַלץ טיפער דער שטיין אין דער ערד. נאָר אַ געדיכטער שטרויך בעשיצט איהם פון אויבען און פון אַלע זייטען און די לעגענדע אַרום דעם צדיק׳ס גייסט לעבט טריי אין פאָלקסמויל און שיצט זיין אַנדענקען פון פערגעסענהייט.

ניט ווייט פון דער מיר, אַ ניין וויאָרסט, איז פאַראַן אַ דאָרף זוכאָוויטש. נאָך איצט לעבען אין דאָרף ר׳ ישעיה זוכאָוויצער׳ס אייניק־לאָך. נאָר דער מיהל און די קרעטשים, וואָס ר׳ ישעיה האָט געהאַלטען אין אַרענדע, זענען שוין ניט דיזעלבע. אָבער דער גייסט פונ׳ם למדן־וואָוניק שוועבט נאָך ווייט אַרום, און טאַטעס גיבען איבער טריי זייערע קינדער, און זיידעס—די אייניקלאָך, פון דעם הייליגען מאַן,

וואָס איז דאָ אין אַ שטיבעלע אין וואַלד געזעסען, און פון זיין שטיבעלע פלעגט ער אָפט אין די הימלישע פּאַלאַצען שפּאַצירען און אין איין מינוט אין אַלע ווינקלען פון דער ערד פול געווען.

ר׳ ישעיה זובאָוויצער איז געווען אַ האַלב היסטאָרישע, האַלב לעגענדאַרישע פּערזענליכקייט. אין גאַנץ ליטאַ האָט מען געוואוסט, אַז אין זובאָוויץ איז דאָ אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער למדן. נאָר ווער, וואָס האָט קיינער ניט געוואוסט צו דערצעהלען. ר׳ ישעיה זובאָוויצער האָט געלעבט אין איין צייט מיט׳ן ווילנער גאון, מיט ר׳ זלמן לאַדיער; איז געווען — זאָגען יודען — אַזאַ צדיק, ווי דער, און אַזאַ גאון ווי יענער. נאָר דערצעהלען פון איהם האָט מען ביי זיין לעבען גאָר ניט געוואוסט. שוין ביי זיין לעבען איז ער אַ לעגענדע געוואָרען. ער האָט געלעבט ווי אַ פּראָסטער קרעטשמער: ביי טאָג אַרום זיין שטוב, אין פעלד, אין מיהל; ביי נאכט — פערשפּאַרט אין זיין איינזאַמער שטיבעל אין וואַלד. קיין מענשען, קיין חסידים האָט ער צו זיך ניט צוגעלאָזען. קיין מופתים ניט געפּראַוועט, קיין לומדות ניט אַרויסגעוויזען; געלעבט ווי אַ פּשוט׳ער יוד, אַ ישובניק.

דאָס האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון פאָלק, און דער עולם האָט זיך געמיהט מיט אַלע קרעפטען צו פאָרשען, צו דערגעהן דעם מהות פון דעם למד־וואָווניק און וואָס טוט ער אין זיין איינזאַמער שטיבעל אין וואַלד. נאָר אומזיסט׳ ר׳ ישעיה זובאָוויצער האָט ניט געוואָלט די וועלט זאָל וויסען פון איהם.

נאָר די גויים פון זיין דאָרף האָבען עפּעס געשפּירט, זאָגט מען, און זיי פלעגען מיט אַ ביוון פערטרייבען זיינע בהמות אין זייערע קאָרן. ר׳ ישעיה פלעגט פערציטערט ווערען פון דעם געדאַנק, אַז זיינע בהמות עסען פרעמדס, טוען אַן אימיצען שאַדען. ווי מ׳פלעגט איהם נאָר אָנזאָגען, אַז זיינע בידלע זענען „אין הזיק״, פלעגט ער לויפען אויף גיך אַליין אַרויסטרייבען זיי. אָט דאָס האָבען טאַקע די גויים געוואָלט. „גדזיע שאיע באַדזי״ — פלעגען זיי זאָגען — „טאַם זשיטאַ ראָדזי״ — וואו ישעיה געהט, דאָרט געראָט ברויט.

נאָר איין מינסקער סוחר, אַ פרומער יוד, — דערצעהלט די

לעגענדע—האָט זיך פאַרגענומען: ער מוז וויסען, וואָס מיט ר׳ ישעיה׳ן איז דער מעהר. פאָהרען צום „למד־וואָווניק״ איז געווען אומזיסט: ר׳ ישעיה האָט קיינעם ניט צוגענומען. אָבער אַריינפאָהרען ווי אַן אורח צו איהם אין קרעטשים—דאָס האָט יעדער געקאָנט. ר׳ ישעיה איז געווען דער גרויסער „מכנים אורח״.

איז געקומען אַמאָל דער מינסקער גביר, כלומרשט, ווי אַן אָרימער דורכגעהער, צו איהם אויף שבת. פרייטאָג צו נאַכטס, ווען אַלע ביי ר׳ ישעיה׳ן אין שטוב האָבען זיך צולעגט שלאָפען, האָט זיך דער אורח אויך געמאַכט שלאָפענדיג. נאָר ווי עס איז געקומען נאָך האַלבע נאַכט, איז ער אויפגעשטאַנען און שטילערהייד אַוועק אין זאַקען צום שטיבעל אין וואַלד, וואָס ר׳ ישעיה איז געזעסען. אַ שפאַלט אין שטי־בעל איז ניט שווער געווען צו קריגען. האָט ער אַריינגעקוקט אין שפאַלט און האָט געזעהן, ווי דאָרט ברענט אַ ליכט און עס שטעהט אַ שוואַרצע ברעט. אויף דער ברעט זענען געווען אויסגעשריבען די זינד, וואָס ר׳ ישעיה האָט פאַר׳ן טאָג געטאָן. דער „למד־וואָווניק״ אַליין איז געשטאַנען פאַר דער ברעט און געוויינט און געקלאָגט אויף זיינע זינד מיט גרויס בכיות און תחנונים. אַזוי זענען פאַרביי עטליכע שעה. ענדליך האָט דער מינסקער גביר דערזעהן, ווי פון אויבען האָט זיך אַראָבגעלאָזען איבער דער ברעט אַ ווייסע האַנד—האָט אָבגעמעקט פון דער ברעט אַלע זינד און האָט אָנגעשריבען: „וסר עוונך וחטאתך תכופר״. דאָס איז טייטש: דיין זינד איז אָבגעטאָן און דיינע עברות—פערגעבען. דאַן האָט דער צדיק אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגען און איז געגאַנגען אין שטוב שלאָפען.

ר׳ ישעיה זוכאָוויצער איז קיינמאָל פון זיין דאָרף ניט אַרויס. ער האָט אויך ערגעץ ניט געדאַרפט געהן. ער האָט מיט דער ערד ווייניג שייכות געהאַט. נאָר אין ווילנער מקוה טובל זיין זיך פלעגט ער געהן אַלע ערב שבת. ער פלעגט אַרויסגעהן אַ שעה פאַר ליכט בענשען—זאָגען פרומע יודען—און פונקט צו ליכט בענשען קומען צוריק אין זוכאָוויץ. ר׳ ישעיה האָט ניט געברויכט פאַר זיין שפּאַציר אין ווילנער מקוה, ניט קיין אויטאָמאָביל, ניט קיין אעראָפּלאַן. ער האָט געהאַט

א שנעלערע פליה־מאשין. ער האָט געהאַט „קפיצת־הדרך". ער האָט נאָר געדאַרפט דעם „שם" אַרויסזאָגען, האָט זיך די ערד אונטער איהם געגעבען אַ דרעה, און ער איז אין איין אויגענבליק געווען אין ווילנא, אָדער צוריק בײַ זיך אין זוכאָוויץ—אַ פּאָר הונדערט וויאָרסט פון ווילנא.

מ׳דאַרף פאַרשטעהן, אז ר׳ ישעיה איז ניט אויסען געווען דוקא די ווילנער מקוה, ער האָט געקענט קריגען אַ מקוה נעהענטער, אין דער מיר. נאָר אין דער ווילנער מקוה פלעגט ער זיך אין געהיים זעהן מיט׳ן ווילנער גאון, און דאָרטען אָבהאַלטען מיט איהם בעראַטונגען וועגען הימלישע ענינים, אָדער וועגען כלל־ישראל.

אין יענער צייט, דערצעהלען יודען, איז געווען נאָך אַ גרויסער צדיק, ר׳ ליב חסיד. ר׳ ליב חסיד איז אויך געווען פון די בעהאַלטענע. ער איז געזעסען אויף אַ ישוב און געווען אַ גרויסער אָרימאַן. נאָר אַז ער פלעגט דאַרפען אויסגעבען אַ טאָכטער, פלעגט ער קומען קיין וויל־קאָמיר. ווילקאָמיר איז געווען אַ שטעדטעל פון לומדים און גבירים. ווילקאָמירער יודען האָבען שוין געוואוסט, אַז, ווי ר׳ ליב חסיד קומט, דאַרף וועדען פיער הונדערט גילדען אויף „הכנסת כלה" פאַר זיין טאָכ־טער. מעהר ווי פיער הונדערט גילדען האָט ר׳ ליב חסיד ניט גענומען. האָט ער געהאַט פאַר פול זיין סומע, האָט מען איהם געמעגט געבען טויזענדער, פלעגט ער אָבגעבען צוריק. דעריבער פלעגט שטענדיג זיין אַ קאָנקורענץ צווישען ווילקאָמירער גבירים. יעדער האָט געוואָלט דעם צווייטען פאַרלויפען דעם וועג, כדי ער זאָל חלילה ניט אויסענבלייבען מיט זיין חלק אויף „הכנסת כלה" פאַר ר׳ ליב חסיד׳ס טאָכטער.

אַמאָל איז ר׳ ליב חסיד אָנגעפאָהרען אין ווילקאָמיר עפּעס אונ־געריכט. די ווילקאָמירער גבירים האָבען זיך דערוואוסט, האָט מען איהם אָנגעהויבען טראָגען אויף הכנסת כלה. נאָר צו אַלעמענס בע־וואונדערן האָט ער אָבגעשיקט צוריק, ניט געוואָלט נעהמען ביי קיינעם אַ גראָשען. דער עולם האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו פרעגען איינער ביים צווייטען: וואָס איז דער מעהר מיט ר׳ ליב חסיד? איז ער שוין ניט געוואָרען. נאָך אַ פערלויף פון אַ פּאָר וואָכען איז ר׳ ליב חסיד געקומען פון וועג צוריק אַ היים און מעלדעט זיין געזינד מיט גרויס

שמחה: איך האָב אייך געבראַכט אַ טייערע מתנה. נאָך איהר בין איך דאס טאַקע געפאָהרען. מ׳האָט זיך געזעצט עסען. דאָס געזינד האָט מיט אונגעדולד געוואַרט, דער טאַטע זאָל שוין ארויסנעהמען און ווייזען די טייערע מתנה. מ׳האָט אָבגעגעסען. מ׳האָט גענומען בענטשען. פאַר׳ן בענטשען מאַכט ר׳ ליב חסיד צו זיינע קינדער: „הערט צו קינדער, וואָס פאַר אַ שענע מתנה איך האָב אייך געבראַכט; אַז איך וועל זאָגען אין בענטשען „מכל טוב״ זאָלט איהר שווייגען, ניט ענטפערן „אמן״, ווי אַלע מאָל איז ביי אונז דער שטייגער געווען. און אַז איך וועל אויסזאָגען „אַל יחסרנו״ אָט דאָ זאָלט איהר ענטפערן „אמן״.

אָט דאָס איז געווען ר׳ ליב חסיד׳ס טייערע מתנה. ביי איהם איז פּלוצלונג געוואָרען אַ שאלה: וואו מ׳דאַרף ענטפערן „אמן.״ צי נאָך „ומכל טוב״, צי נאָך „אַל יחסרנו״. און כאָטש ער איז אַליין געווען דער גרויסער צדיק און איז געווען אַ גרויסער מקורב צום ווילנער גאון, איז ער אָבער געפאָהרען קריגען אַן ענטפער אויף זיין שאלה צו ר׳ ישעיה זוכאָוויצער. ד. ה. ער איז געפאָהרען זעהן: ווי אַזוי איז זיך ר׳ ישעיה נוהג. צוליב דעם איז ער דאָ דורכגעפאָהרען ווילקאָמיר.

די דאָזיגע לעגענדע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ ליב חסיד, וואַרפט אונדירעקט אַ שיין אויף דעם גרויסען אויטאָריטעט, וואָס דער בעהאַלטענער למד־וואָווניק האָט געהאַט ניט בלויז ביין פּראָסטען עולם, נאָר אפילו צווישען די גרעסטע לומדים פון זיין צייט.

פון די איבריגע לעגענדעס וועגען דער פּערזענליכקייט פון ר׳ ישעיה זוכאָוויצער וועל איך ברענגען נאָך אַ פּאָר, מעהר כאַראַקטע־ריסטישע. דער פּריץ, ביי וועמען ר׳ ישעיה האָט געהאַלטען אין אַרענ־דע די קרעטשמים און דעם מיהל, פלעגט איהם אַלע ערב פסח אַריינ־שיקען אַ קעלבעל. אַמאָל—דערצעהלען יודען—האָט דער פּריץ געוואָלט פּרובען זיין ראַנדאַר: צי איז ער באמת אַ צדיק, צי ניט. האָט ער איהם אריינגעשיקט אַ קעלבעל, וואָס ער האָט אויפגעהאָדעוועט מיט חזיר׳שע מילך. די קעלבעל האָט מען געשאָכטען, איינגעזאַלצען און אוועקגע־שטעלט אין פּאָרהויז. אין עטליכע טעג אַרום געהט ר׳ ישעיה פאַרביי,

האט ער געזעהן, ווי דאס פלייש פון דער קעלבעל איז פון אויבען בע־ צייגען מיט א שפינוועבס. האט ער עס געהייסען ארויסווארפען.

אין א פאר טעג ארום פרעגט איהם דער פריץ: ווי שמעקט איהם דאס קאלבען־פלייש? האט ר׳ ישעיה מודה געווען, אז דאס פלייש האט ער ארויסגעווארפען, ווייל דאס שפינוועבס איז ביי איהם געווען א סימן, אז ס׳איז טרייפס. דאן האט איהם דער פריץ מודה געווען, אז ער האט איהם געוואלט אויספרובען.

אן אנדער ערב פסח, דערצעהלען וויימער יודען, האט ר׳ ישעיה זיך געכאפט, אז ער האט פערגעסען די בראנפען צו פערקויפען אין חמץ. ער האט אויף גיך געהייסען ארויסטראגען די פעסער מיט די בראנפען און לאזען זיי אויפ׳ן פעלד. די גויים האבען אפילו גרויס דרך ארץ געהאט פאר ר׳ ישעיה׳ן, נאר דער יצר הרע פון בראנפען האט גובר געווען, און פאר דער וואך פון פסח האט מען ביסלעכווייז אויס־ געצאפט די ביטערע ביז׳ן דעק. ווי גרויס איז אבער געווען זייער וואונ־ דער, ווען זיי האבען אויף מארגען נאך יום טוב דערזעהן, ווי מ׳צאפט זיי בראנפען פון די נאר וואס אריינגעטראגענע פעסער. ס׳הייסט די פעסער זענען פול געווען מיט בראנפען, כאטש די גויים האבען אויסגעצאפט.

די אלע לעגענדעס ארום דער פערזענליכקייט פון ר׳ ישעיה זבאוויצער האבען א וויכטיגע בעדייטונג. זיי ווייזען, אז דאס פאלק האט תמיד געשעצט דעם פשוט׳ן יודען, וואס לעבט נעהענטער צו דער נאטור, וואס מאכט קיין וועזען ניט פון זיך, וואס היט זיך צו פערנעהמען א פרעמדען גראשען, און וואס בעציהט זיך מיט גלייכער ליעבע צו יודען און צו גויים. פון דער אנדערער זייט ווייזען זיי, ווי שטארק ס׳איז געשעצט געווען א הויכע מאראלישע יודיש פערזענליכ־ קייט אין דער ארומיגער קריסטליכער וועלט. ס׳איז א פאקט, אז זעלטען וועלכער גלח געניסט ביי קריסטען אזא רעספעקט און פער־ עהרונג, ווי א יודישער הייליגער—דאס זעהן מיר בעשיינפערליך אפילו אין אונזערע צייטען.

די קדושים פון ראָזשינאָי.

אין דער געשיכטע פון בלוט-בלבולים אויף יודען פערנעהמט ראָזשינאָי זעהר א בכבוד'יג אָרט. דער בעריהמטער ראָזשינאָיער בלוט־בלבול איז פאָרגעקומען עטליכע יאָהר נאָך „גזרת ת״ח״, אָדער „גזרת חמעלניצקי״. דער פאקט פון יענעם „עלילת דם״ האָט געמאכט אזא איינדרוק אויף די ראָזשינאָיער יודען, אז נאָך איצט רעדט א ראָזשי־נאָיער יוד וועגען אָט דער בלוטיגער געשיכטע אזוי, ווי דאָס וואָלט נעכטען פאסירט. אין ראָזשינאָי לעבט אַנ'אור-אור-אור-אור אייניקעל פון יענע מארטירער, וואָס האָבען פרייוויליג אויף זיך גענומען צו זיין דער קרבן פאר זייער געמיינדע. דאָס שטעדטעל האָט גרויס דרך-ארץ פאר איהם. אין זיין פאמיליע לעבט די טרויעריגע לעגענדע, ריכטיגער די טרויעריגע געשיכטע אזוי פריש, אז, ווען איהר הערט זי דאָ, אין דער שטוב, וואָס שטעהט, דוכט זיך, אויף דעמזעלבען אָרט, וואו די קדושים, זיינע אור־אור־אור־עלטערן, האָבען געוואוינט, דוכט זיך אייך, אז איהר לעבט איבער אַלע יענע שרעקען צוזאמען מיט זיי, מיט די אייניקלעך, וואָס דערצעהלען אייך אָט די שרעקליכע היסטאָרישע לעגענדע.

איך גיב דאָ איבער די דאָזיגע טרויעריגע געשיכטע, אזוי ווי איך האָב זי דאָ, אין ראָזשינאָי, געהערט פון דעם אייניקעל פון די קדושים און פון אנדערע שטעדטילדיגע זקנים. איך האָב דאָך די פאקטען

קאָנטראָלירט דורך אַנדערע קוועלען פון אַלטע פּנקסים, וואו דער ראַזשינאַיער בלוט-בלבול האָט זיך אָבגעשפּיגעלט. ווייל אין איהם, אין ראַזשינאַיער עלילת דם, איז, מעהר ווי אין אַ סך אַנדערע בלוט־בלבולים פון יענער אומגליקליכער תקופה, קענטיג זיין פּאָליטישער אונטערשלאַג.

יענע צייט, ביז גזרת ת״ח, איז גראַד געווען איינער פון די ליכ־טיגסטע מאָמענטען אינ׳ם לעבען פון די פּוילישע יודען—ווייל די יודען האָבען זיך דאָ געפונען אונטער דער מאַכט פון די פּוילישע קעניגען און מאגנאטען.

אין יענער צייט איז געווען קעניג פון פּוילען דער בעריהמטער קאזימיר, וואָס האָט בעהאַנדעלט פריינדליך די יודען און האָט, לויט דער לעגענדע, געהאַט אַ יודישע געליבטע—אסתר׳קע. ראַזשינאַי האָט דעמאָלט אָנגעהערט צום מאגנאט סאַפּיעהאַ, וועלכע האָט אויך, אַזוי ווי דער קעניג קאַזימיר, זיך גוט פערהאַלטען צו זיינע יודען.

ראַזשינאַי איז נאָך דעמאָלט געווען—לויט דער שילדערונג פון אַן׳אַלטען פּנקס—אַשטאָדט פול מיט חכמים וסופרים. די אָנגעזעהנסטע באַלעבאַטים זענען דאָ געווען רב טוביה און רבי ישראל באַכראַך. זיי זענען אַ הער געקומען, איינער פון קאָבלענץ, דער צווייטער פון וויען. ס׳איז מעגליך, אַז דער דוקעס סאַפּיעהאַ, וואָס האָט געוואָלט ענטוויק־לען ביי זיך אין לאַנד האַנדעל, האָט זיי אַליין אַראָבגעבראַכט. אַלענ־פאַלס, זענען זיי ניט געקומען,—ניט געבעטען. זיי האָבען בעקומען געוויסע פּריווילעגיעס ביים מאגנאט, וועלכער האָט זיי געגעבען—לויט דער שילדערונג פון פּנקס—פולע בירגער־רעכט. זיי האָבען זיך געבויט שענע הייזער אין מיטען שטאָדט. האָבען געפיהרט גרויסע געשעפטען, זענען רייך געוואָרען און גליקליך געלעבט. אַ חוץ זייערע עשירות זענען זיי געווען גרויסע לומדים און בעלי-צדקות, האָבען די קינדער זייערע ערצויגען אין תורה און אין גוטע מדות—ווייל אין פּוילען, זאָגט ווייטער דער פּנקס, איז די תורה זעהר טייער און געליבט געווען ביי אַלעמען. אָט די צוויי לייט, ר׳ טוביה און ר׳ ישראל, וועלכע זענען אויך געווען קרובים, האָבען אין גיכען בעקומען אַ שם אין גאַנצען לאַנד, ווי גרויסע

גבירים און לומדים און האָבען געטאָן שדוכים מיט די גרעסטע גאונים.

אָט די כאַראַקטעריסטיק קאָן אייגענטליך אָנגעווענדעט ווערען צו דער אַלגעמיינער לאַגע פון דעם יודישען רייכערן און מיטעלן קלאַס אין פוילען פון יענער צייט. אַזעלכע אויפגעקלערטע יודען, ווי טוביה און ר׳ ישראל באכראך, וועלכע זענען געשטאַנען אין זעהר נאָהנטע געלד-בעציהונגען צו דעם העכערן פוילישען אדעל, האָבען אויף די מאַגנאַטען געהאַט אַ שטאַרקע קולטורעלע ווירקונג. דאָס גופא האָט אָבער געברענט ווי אַ פייער די יעזואיטען, וועלכע האָבען אין דער צייט פון קאַזימיר דעם גרויסען קיין שליטה ניט געהאַט.

ארויסטרעטען געגען דעם קעניג און געגען די שטאַרקע מאַג־נאַטען דירעקט—דערצו זענען די יעזואיטען געווען צו־שוואַך. האָבען זיי פריהער געדאַרפט ברעכען די מאַכט פון די הויף־יודען. געגען די הויף־יודען איז שוין לייכטער געווען אָנצורייצען דעם אבערגלויבישען פוילישען המון.

אָט דאָ הויבען זיך אָן וועבען די פעדים פון דעם ראָזשינאָיער עלילת־דם. די יעזואיטען האָבען זיך שטאַרק געגרייט און האָבען פון איהם פיעל ערוואַרט. פונקט ווי די „שוואַרצע" אין אונזער צייט האָבען זיך שטאַרק געגרייט און אַ סך ערוואַרט פון „מעשה יושטשינסקי" אין ביילים׳ס פּראָצעס.

די אָרגאַניזאַציע און דער גאַנצער נוסח פון דעם ראָזשינאָיער עלילת-דם איז אייגענטליך דערזעלבער, ווי ביי יושטשינסקי, ווי אין אַלע בלוט-בלבולים. דער וועג איז אַן׳אויסגעטראָטענער, אַן׳אַלטער.

אין אַ פינסטערער פאַר־פסח׳דיגער נאַכט—דערצעהלט דער אַלטער ראָזשינאָיער פנקס—האָט מען אונטערגעוואָרפען אין ר׳ ישראל׳ס קעלער (דעם קעלער ווייזט מען אייך נאָך איצט אין ראָזשינאָי) אַ טויטען קריסטליכען יונגעל. זיין קערפּער איז געווען אין אַ סך ערטער צושטאָכען. אויף מאָרגען איז אַ גרויסער עולם פון פוילישען המון אָנגעפאַלען אויף דאָס הויז און געשריען, אַז דאָס האָבען די יודען אויסגעצאַפּט דעם קינד׳ס בלוט צו זייערע מצות, וואָס זיי ברויכען אויף פסח. אַ מאַסע יודען האָט מען פערשמידט אין קייטען און אריינ־

געווארפען אין א פינסטערע תפיסה. דריי יאָהר האָט זיך געצויגען דער משפט און די גאנצע צייט איז די שטאָדט געווען אין בעלאגערונגס־צושטאנד. די יעזואיטען האָבען דערווייל געפיהרט א מורא'דיגע אגי־טאציע צווישען דעם המון און האָבען בעקומען איבערן פאָלק אַנ'אונגע־הויערע מאכט. עס שיינט, אז די גרויסע מאגנאטען און דער קעניג אליין, וועלכע האָבען געוויס ניט שטארק געגלויבט אינ'ם בלבול, האָבען גאָרנישט געקאָנט מאָן געגען דער העצע. איבער די אין קייטען געשמידטע יודען און מיט זיי צחאמען איבער דער גאנצער שטעדטיל האָט געשוועבט א גרויסע געפאהר: אלע האָבען זיך געפונען צווישען לעבען און טויט. צחאמען מיט זיי איז געווען אין געפאהר די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין פוילען. די יעזואיטען האָבען מיט א כיוון אָבגעצויגען דעם משפט, כדי דערווייל צו פיהרען זייער אגיטאציע און אָנפייערן דעם פאנאטיזם פונ'ם המון. די יודען האָבען זיך געלאָזט קאָסטען א סך געלד. פופצעהן טויזענד מיט ניין הונדערט און ניינציג גילדען—דערצעהלט דער פנקס—האָט אָבגעקאָסט דער בלוט־בלבול. אָבער זיי האָבען זיך ניט געקאָנט דערשלאָגען זייער רעכט. ענדליך, האָבען זיי אויסגעפיהרט נור דאָס, אז מען זאָל דעם משפט מעהר ניט אָבלעגען. די יעזואיטען האָבען אָבער געמאכט, אז די ריכטער זאָלען זיין נור די פויערים און דוקא פון ראָזשינאָי און דער סביבה, דאָס הייסט פון דעמזעלבען המון, איבער וועלכען זיי האָבען אינגאנצען געהאַט די שליטה.

אויפ'ן געריכט האָט מען, נאטירליך, נישט געקאָנט בעווייזען די שולד פון די אָנגעקלאָגטע. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט ארויסצוטראָגען זיי א טויט־אורטייל. „אזוי ווי די אמת'ע שולדיגע זענען ניט ענטדעקט,—האָבען גע'פסק'ענט די ריכטער,—ס'איז אָבער קיין ספק נים, אז די יודען האָבען יאָ געשאָכטען דאָס קריסטליכע קינד, בכן מוזען צוויי פון די אָנגעזעהענסטע יודען געטויט ווערען פאר דער גאנצער געמיינדע".

ר' ישראל און ר' טוביה האָבען אויף זיך פרייוויליג גענומען צו זיין דער קרבן פאר זייער פאָלק. פרייטאָג, ערב ראש השנה,—

דערצעהלט דער פנקס—איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף זיי דער בלוטיגער פסק. די קדושים האָבען פריהער אָבגעזאָגט ודוי און מתפלל געווען צו גאָט און דערנאָך האָבען זיי אויסגעשטרעקט זייער האַלז צום הענקער. אַ גרויסע שרעק און פינסטערניש איז אָנגעפאַלען אויף אַלעמען. ו י ריכטער האָבען זיי געוואָלט שענקען דאָס לעבען, ווען זיי וועלען אָנגעהמען דעם קאטוילישען גלויבען פון „ליעבע און מחילה”. אָבער די מאַרטירער האָבען מיט פעראַכטונג אָבגעוואָרפען דעם פאָרשלאָג.

די לעגענדע דערצעהלט, אַז די אַלטע מוטער פון איינעם פון די קדושים האָט זיך דאָך דערשלאָגען צום קעניג, און בעקומען פון איהם אַ דעקרעט צו בעפרייען די אונשולדיגע. זי איז אויפ׳ן וועג ג׳אַריין אין אַ שוהל צו הערען קדושה, מיט די פּאָר מינוט, וואָס זי האָט קדושה געהערט, האָט זי פערזוימט. זי איז אָנגעקומען מיט׳ן קעניגליכען דעקרעט דאָן, ווען דער טויט־אורטייל איז שוין געווען אויסגעפיהרט.

ר׳ טוביה איז צום ערשטען געטויט געוואָרען. זיין אָבגעהאַקטער קאָפּ—זאָגט די לעגענדע—איז ניט געפאַלען גלייך אויף דער ערד, נאָר האָט זיך געדרעהט אַ שטיקעל צייט אין דער לופטען, און בשעת מען האָט דעם אנדער קדוש אונטער דער האַק געלעגט, האָט ר׳ טוביה׳ס קאָפּ געשריען: אשריך, ישראל! וואויל צו דיר, ישראל!

די בלוט-דורשטינקייט פון די יעזואיטען איז אָבער דערמיט ניט געשטילט געוואָרען. אין אַ צייט ארום—דערצעהלען מיר ראָזשינאָיער זקנים—האָבען זיי, די יעזואיטען, אַנ׳ערב פּסח געוואָלט איבער׳חזר׳ן דעם „עלילת דם”. אָבער יענע נאַכט איז פערוואָגעלט געוואָרען דעם דוקעס׳ שלאָף. ער האט געהערט עפּיס אַ טומעל. האט ער געשיקט די קנעכט, זיי זאָלען ארונטערגעהן זעהן, וואָס איז דאס. די קנעכט זענען געקומען צוריק און האבען איהם דערצעהלט, אַז אייניגע מענשען האָבען געטראָגען עפּעס איינגעוויקעלט און אריינגעוואָרפען צו אַ יודען אין קעלער. אויף מאָרגען האט זיך אויפגעהויבען אַ לאַרם, פּונקט ווי בשעת דעם פריהערינגען בלוט־בלבול. דאָ האָט אָבער דער דוקעס געפאָדערט אַ שטרענג געריכט. אויפ׳ן געריכט האָבען זיינע דינער אויג

אויף אויג אָנגעוויזען די פאַלשקייט פון די עדות און מ׳האָט זיי געמאָן דעמזעלבען פסק, וואָס מ׳האָט געזאָלט טאָן דעם יודען.

ס׳איז קיין ספק ניט, אז אַט די לעגענדע האָט איהר גרונד אין דערווירקליכקייט. וויסענדיג די שטימונג פון דער אַרומיגער צורייצטער פויערשער בעפעלקערונג, האָבען די יודען נאַטירליך געוואָרט, ס׳זאָל זיך איבער׳חזר׳ן דער בלוטיגער בלבול אַ לאַנגע צייט דערנאָך אַלע ערב פסח. יעדע פון די ערב פסח׳דיגע און פסח׳דיגע נעכט, איז דע־ריבער ביי דער אומגליקליכער יודישער בעפעלקערונג געווען מיט אַנ׳אמת אַ „ליל שמורים״, אַ וואך־נאַכט. מ׳האָט זיך געריכט און געשטעלט וועכטער, וואהרשיינליך מיט דעם וויסען פון דעם דוקעס, וועלכער האָט מעהרסטענטיילס געשיצט זיינע יודען געגען דעם ווילדען צאָרן פון די יעזואיטען און די פויערים. ס׳איז דעריבער ניט שווער צו גלויבען, אז עטוואָס ענהליכעס צו דער מעשה, וואָס ווערט דערצעהלט אין אַט דער לעגענדע, האָט ווירקליך פּאַסירט.

אינטערעסאַנט איז נאָך איינע אַ לעבעדיגע, אַ פרישע לעגענדע. אין שטעדטיל זאָגט מען, אז די אייניקלעך פון די ריכטער, וואָס האָבען פער׳משפט צום טויט די צוויי קדושים, ר׳ ישראל און ר׳ טוביה, זענען קיינער ניט געשטאָרבען מיט זייער נאַטירליכען טויט. זיי וואוינען הינטערן שטעדטיל, יעדער ראָזשינאָיער יוד קען זיי. צווישען די אונ־שולדיגע אייניקלעך פון די הענקער און די אייניקלעך פון די מאַרטירער הערשט ביז היינטיגען טאָג אַ בייזע, אַ פיינדליכע שטימונג. אַ געפיהל פון אונבעפרידיגטער נקמה פילט אָן די ברוסט פון יעדען ראָזשינאָיער יודען, ווען ער דערזעהט אויפ׳ן מאַרק די קינדער פון זיינע אַמאָליגע הענקער.

נאָך היינטיגס יאָהר,*) איז, ווי עס שיינט, אינגאַנצען געשטילט געוואָרען דאָס נקמה-געפיהל אין די נאָך איצט געפייניגטע נשמות פון די ראָזשינאָיער יודען. „דעם פאָריגען יום כפור—דערצעהלט מיר אַנ׳אור־אייניקל פון דעם מאַרטירער ר׳ ישראל—בשעת מען האָט

*) געשריבען אין יאָהר 1912.

געמאַכט אזכרה די נשמות פון די קדושים, איז עמיצער אריינגעלאָפען און דערצעהלט, אז אַ גוי האָט, שטעכענדיג אַ חזיר, אריינגעשטאָכען זיך אַליין דאָס מעסער אין הארצען און איז געשטאָרבען. אין גיכען האָט מען זיך דערוואוסט, אז אָט דער גוי, וואָס האָט זיך אַליין דערשטאָכען, איז דער לעצטער דור פון די קדושים׳ס ריכטער״...

אָט אזוי איז אין ראָזשינאָי די לעגענדע מיט דער ווירקליכקייט צונויפגעפלאָנטערט. די מרה־שחורה פון „גזרת ת״ח״ פון פאר דריט־האַלבען הונדערט יאָהר הענגט ווי אַ שווערע גיפטיגע, כמאַרע אין דער לופטען און סמ׳ט נאָך איצט די נשמות. און אזוינע ווירקליכקייטען ווי „מעשה יושטשינסקי״ זענען ווייניג מסוגל פונאַנדערצוטרייבען די כמאַרעס און מאַכען אַ סוף צום טרויעריגען מיספערשטענדניס פון די גרויע, שרעקליכע צייטען.

דער קדוש פון ביאַלע און זיין צואה.

אין ביאַלע עקזיסטירען לעגענדעס אויך פון אנ'אנדער סאָרט יודישע גבורים. גבורים ניט פון קערפּער, נאָר פון גייסט. העלדען מאַרטירער, וואָס האָבען אָבגעגעבען זייער לעבען פאַר'ן כלל.

אזוינע לעגענדעס האָב איך אויך געהערט אין אנדערע שטעדט, ווי אַ שטייגער, אין לובלין, לוצק, רוזשינאָי. נאָר ערגיץ האָבען זיך אָט די לעגענדעס ניט דערהאַלטען אזוי לעבעדיג, ווי אין ביאַלע.

די אָרענע, אויף וועלכער די דאָזיגע העלדען האָבען געווירקט, איז געוועהנליך געווען אַ בלוט-בלבול.

אין בלוט-בלבולים זענען די פּוילישע יודען, ווי די ליטווישע, ווי די וואָלינער, קיינמאָל ניט זשעדנע געווען. כמעט אלע מאָל איז מען אָבגעקומען מיט שרעק, מיט תפיסה, מיט אויסקויף-געלד. דער אמת האָט זיך פריהער, אָדער שפּעטער ארויסגעוויזען. דער אמת האָט זיך ארויס-געוויזען, אום דער שענדליכער בלוטיגער ליגען זאָל זיך אויף מאָרגען ווידער בענייען מיט דיזעלבע שרעק, תפיסות, גזרות און תעניתים, און אויסקויף-געלד.

ניט זעלטען אָבער האָט זיך די בלוט-דורשטיגע יודען-העצער איינגעגעבען אזוי צו בעהאַלטען און פערפּלאָנטערן די געהיימע פעדים פון דער בלוטיגער בייקע, אז דעם אמת האָבען אלע געוואוסט, אָבער ארויפשווימען פון אויבען האָט ער ניט געקאָנט, און אַ גאַנצע יודישע

געמיינדע, און אפשר ניט איינע, איז געווען אין געפאהר אויסגעקוילעט אדער פערברענט צו ווערן לעבעדיגערהייט דורך די הענד פון דעם צורייצטען פינסטערן המון.

אפטער, ווי אלע מאל, און ווילדער, און סיסטעמאטישער האבען זיך איבערגע׳חזר׳ט אט די שרעקליכע בלבולים אין יודישען תחום פון רוסלאנד א צעהנדליג יאהר נאכאנאנד נאך דער „נזרת ת״ח״. די בלוטיגע כוואליע פון דער „חמעלניטשינע״ האט אויף א לאנגע צייט נאך דעם געלאזען אין די הערצער פון דעם צורייצטען קריסטליכען המון גיפט און האס געגען יודען. די יעזואיטען, וואס האבען קונציג אויסגענוצט אט די פיינדליכע שטימונג, האבען זיך מיט אלע קרעפטען געסטארעט איינצופלאנצען זי טיפער און ברייטער אין די הערצער פון די פינסטערע פוילישע מאסען.

אין אזוינע פערצווייפלונגס־מאמענטען פלעגט ארויסקריכען ערגיץ פון א ווינקעל אנ׳אבגעריסענער יוד, א שוסטער, אדער א וואסער־טרעגער, אדער אזוי אנ׳ארימאן איז דאס געווען, און האט געמעלדעט דעם עולם, אז ער איז גרייט צו זיין א קרבן פאר׳ן כלל ישראל. ער וועט אויף זיך נעהמען די שולד און וועט שטארבען, כדי אלע יודען זאלען לעבען, זאלען פריי זיין.

אין לוצק קאנט איהר זעהן דעם נאמען פון אזא פאלקס־העלד אויף דער פאפירענער טאוועל איבער דער בימה. אין די טעג פון „הזכרת נשמות״ דערמאהנט דאס פאלק מיט ליעבע און דאנקבארקייט אויך אט דעם נאמען.

ביאלע האט פערגעסען דעם נאמען פון אט דעם „קדוש״, וואס האט אבגעגעבען זיין לעבען פאר זיין פאלק. איך ווייס ניט צי מ׳איז איהם מזכיר נשמות אין שוהל. אבער אין פאלק לעבט די לעגענדע שטארקער, ווי אין לוצק.

„גאבדעם, ווי מ׳האט אראבגעהאקט דעם קדוש דעם קאפ, — אזוי דערצעהלט די ביאלער לעגענדע, — האט דער קאפ זיך געדרעהט אויפ׳ן ארט, וואו דער בלוטיגער פסק איז געשעהן, און אויסגערופען: אזוי פיל און אזוי פיל דורות זאל וויסט זיין דער ארט און קיינער זאל

קיין חויז ניט בויען, וואו יודיש אונשולדיג בלוט איז פערגאָסען געוואָרען.

חודרערסעד יאָהרען האָט ביאַלע געהיט די צוואה. קיינער האָט ניט געוואַגט צו פערשוועכען דעם אנדענקען פון דעם קדוש. דער היסטער פּלאַץ איז אַ מאָנומענט געווען דעם, וואָס האָט זיך פאַר דער גאַנצער געמיינדע אַ קרבן געבראַכט.

אָבער דער איצטיגער איינענטימער פונ׳ם פּלאַץ, וואו דער בלוטיגער מאָרד איז געשעהן, האָט פערגעסען די צוואה און איז אונ־דאַנקבאר געוואָרען דעם, וואָס האָט זיינע זיידעס מיט זיין לעבען פון טויט אויסגעקויפט. בנימין ליב הייסט אָט דער אונדאַנקבאַרער, גייציגער מענש. ער האָט אַ הויז אויף דעם אָרט געשטעלט, האָט דאָרט דירות און קראָמען געבוים, בכדי אנדערע, אַזוי ווי ער, זאָלען אין דייער טעגליכען גראָשענעם חאַוען זייער דערלייזער פערגעסען.

אָבער דאָס געוויסען פון שטעדטיל איז אונרוהיג און דאָס פאָלק קאָן נישט שענקען דעם אונדאַנקבאַרען גייציגען מענשען. עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ לעגענדע, אַ פרישע לעגענדע, אַז באַלקעס פאַלען פון יענעם הויז, וואָס שטעהט פעררעטעריש אויף דעם הייליגען מאָרד־פּלאַץ. דאס ווארפט זיי דעם מארטירער׳ס גייסט. די נשמה פונ׳ם קדוש וויל ניט שענקען, וויל ניט ליידען די אונדאַנקבארקייט פון די, פאַר וועמען ער האָט זיין לעבען אַוועקגעגעבען.

אין דער דאָזיגער לעגענדע קלינגט אַנ׳אונבעוואוסטער פאָלקס־באַיקאָט. זי ווערט ענערגיש אונטערגעהאַלטען אין שטעדטיל און קיינער וואַגט ניט אין בנימין־ליב׳ס הויז זיך אַ דירה צו דינגען.

אמאליגע פאַדראַטשיקעס און גבירים.

אמעשה מיט א יודישען פּאַדראַטשיק לייזער דער־ליאַן, וואָס איז, צוליב זיין שענער טאָכטער, געוועזן דער ליבלינג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען, און צוליב דער זעלבער שענער טאָכטער איז ער געוואָרען פאַרלאָרען.

דער טיפּ פּאַדריאַטשיקעס נעהט איצט אויס ביי די רוסישע יודען.

ער געהט אונטער מחמת צוויי סבות: ערשטענס וויל די רעגירונג פון זיי פּטור ווערען און גיט אָב געבן די פּאַדראַדען פּאַרשטעהער פינ׳ם שווארצ־מאה׳דיגען אדעל. צווייטענס איז דער עסק פונ׳ם פּאַדראַטשיק פערבונדען מיט הינטער־טיר קריכעריי און כאַבאַר, און דער יונגער דור פון דעם יודישען גבירישען קלאַס זענען כמעט אלע געשטודירטע יונגע לייט. די אַמביציע ערלויבט זיי נית צו ערנידריגען זיך צוליב פּרנסה, ווי זייערע טאַטעס טוען, און זיי קלייבען בעסער אויס אַ אינטעליגענטע פּראָפעסיע פון דאָקטאָר, אינזשעניער, יוריסט, וואָס טראָגט ווייניגער פּראָפּיט, איז אָבער אַ סך מעהר אָנגעזעהן.

דער פּאַדראַטשיק געהט אַלזאָ אראָב פון דער סצענע אינ׳ם יודישען עקאָנאָמישען לעבען. איך גלויב אָבער, אַז וועניג פון די לעזער איז בעקאַנט, וואָס פאַר אַ ראָלע ער האָט געשפּילט אינ׳ם יודישען לעבען נאָר אמאָל. איבערהויפּט אין רוסישען און פּוילישען געטאָ. עס איז גענוג צו זאָגען, אַז נאָך איידער אַ געטאָ איז געוועזן, איז ער, דער

פּאַדראַטשיק, שוין געקומען. דאָס רוב ניט אַליין געקומען, נאָר איינגעלאַדען פונ׳ם פּוילישען פּריץ. ער איז אָפט געווען דער פּיאָנער, דער פאַרנעהער, דער ערשטער איינוואַנדערער פון יעדען יודישען ישוב. געקומען איז ער אַלס „הויף־יוד״. נאָך איהם, שפּעטער, האָט זיך געצויגען אין פּוילען, זיין משפּחה, אָדער מיטגלידער פון זיין פריהערדיגער געמיינדע. וואָרום אַמאָל האָבען יודען געלעבט אין ענג געשלאָסענע געמיינדען, וואָס זענען, דאָס רוב, אויך געווען פערקניפּעלט צווישען זיך אין קרובה׳שאַפט אָדער מחותנ׳שאַפט.

דער יודישער פּאַדראַטשיק איז געווען אַמאָל גערעכענט פאַר דעם גרעסטען יודישען גביר. ער איז אויך געווען, אין אַ נויט, דער שתדלן, דער פערטיידיגער פונ׳ם פאָלק. פון דער אַנדערער זייט איז זיין לוקסוס־לעבען געווען, ניט זעלטען, די אורזאַך פון בלוט־בלבולים און אַנדערע צרות אויף יודען.

דער יודישער פּאַדראַטשיק האָט געלעבט נאָך נאָר פון אַמאָל — אַ צעריסענעם לעבען. זיין רייכטום האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען ברייט, פיהרען זיך ווי אַ שררה. צווישען יודען איז קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר אַ פּריוויליגיערטען לעבען. דער שנים פונ׳ם יודישען לעבען איז געווען אַ בעשיידענער, אַ שטילער. דערצו איז דער קאָנטראַסט צווישען דעם פּאַדראַטשיק און דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון דער איבריגער יודישער געמיינדע געווען אַ צו שטאַרקער. גאַנץ אָפט איז ער געווען דער איינציגער נגיד, דער איינציגער „בעל צדקה״ און די גאַנצע קהילה האָט געלעבט אַרום איהם. די שול־און חברה־גבאות האָט ניט געקענט בעפרידיגען זיין אַמביציע און עהרגייץ. דערצו איז ער אָפט געווען מעהר וועלטליך, אין רעליגיעזער הינזיכט — אַ סך פרייער פון זיין געמיינדע. דעריבער האָט זיך דער גרעסטער טייל פון די אַמאָליגע פּאַדראַטשיקעס צושמד׳ט אין אַ גאַנצע רייה בעריהמטע פאַמיליעס פונ׳ם פּוילישען אַדעל שטרעמט דאָס בלוט פון יענע הויף־יודען, וואָס האָבען זיך געשמד׳ט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק.

מיט דעם אונטערגאַנג פון פּוילען בייט זיך די פיזיגאָמיע פון

דעם יודישען פּאָדראַטשיק. די רוסישע רעגירונג קען זיך אויך אַזוי ווענין בעגעהן אָהן איהם, ווי דער פּוילישער קעניג און מאַגנאַט. פאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטען און ניקאָלאַי דעם ערשען ענטוויקעלט זיך שטאַרק די צאָהל פון אַזוינע „קרוין־יודען". דער אונטערשייד פון די רוסישע „קרויד־יודען" און די פריהערדיגע פּוילישע „הויף־יודען" איז אָבער אַ גרויסער. דער „הויף־יוד" איז געווען מיט זיין שררה ענג־פּערקניפּעלט. דער פּריץ האָט אָהן איהם ניט געקענט אויסקומען אַפילו אין זיין געזעלשאַפטליכען און אינטימען פּריוואַט־לעבען. דער „קרוין־יוד" איז אָבער נאָר געווען אַ מחותן מיט'ן רוסישען „שררה" נאָר אין געשעפטען, איבערהויפּט, צוליב „כּאַבּאַר־ביזנעס". אַחוץ דעם איז מען געווען פרעמד. דעריבער איז, אין פאַריגען יאָהר הונדערט, דער יודישער פּאָדראַטשיק שוין מעהר „יוד", איז נעהענטער צו זיין געמיינדע, וואו ער זוכט צו בעפרידיגען אַלע זיינע אַמביציעס.

די חויפּטראָלע, אין דער ערשטער העלפט פון פאַריגען יאָהר־הונדערט, האָבען געשפּילט פיער פּאָדראַטשיקעס: לייזער דע־ליאָן, אָדער—דילאָן אין נעסוויזש, דוד איידעלמאַן, שמעריל צוקערמאַן און חיים שמעון קאַהאַן—אין מאָהילעוו.

לייזער דילאָן, לויט ווי נעסווידשער יודען האָבען מיר דערצעהלט און זיין אור־אור־אייניקעל, אַ דאָקטאָר אין ווילנא, האָט מיר בעשטע־טיגט, האָט געשטאַמט פון אן איינגעוואַנדערטע פּאָרטוגעזיש־יודישע פאַמיליע, די בעריהמטע יחוס־פאַמיליע דע־ליאָן. זיין טאַטע און זיידע זענען געווען הויף־יודען ביי די פּוילישע מאַגנאַטען, וועלכע האָבען אָט די פאַמיליע, אָהן אַ ספק, געבראַכט מיט זיך אין פּוילען פון אויסלאַנד, אַלס זייערע פינאַנץ־פיהרער. לייזער דע־ליאָן איז שוין אָבער געוואָרען פון אַ „הויף־יוד"—אַ „קרוין־יוד" ביי דער רוסישער רעגירונג. ער איז געווען אַ פּאָדראַטשיק ביי דער מיליטער אין דער צייט פון דעם ערשטען רוסיש־פראַנצויזישען קריעג, אין יאָהר 1812. ער האָט געמוזט ברענגען אַ סך נוצען דער רוסישער רעגירונג, אַלס קלוגער מענש און בעל עצה. אַז זיין ראָלע איז געווען מעהר, ווי די פון אַ פּאָדראַטשיק, ווייזט דער פאַקט, וואָס די פּוילישע פריצים האָבען איהם געהאַסט,

און ער פלעגט שטענדיג אומגעהן אין דער בעגלייטונג פון צוויי קאזאקען, וועלכע פלעגען נאך איהם נאכגעהן אפילו אין שול, און ווארטען אויף איהם אין שול, ביז ער פלעגט אבדאווגען און דאן בעגלייטען איהם צוריק א היים. בכלל איז ער געווען פעררעכענט פאר א מין חויכען בעאמטען ביי דער קרוין. ניט בלויז די קאזאקען, וואס פלעגען איהם בעגלייטען, האבען איהם געמוזט פאלגען,—ער האט געקענט געברויכען טילימער, ווען און אויף וואס ער האט געוואלט. אזוי האט ער צ. ב., זייענדיג אין כעס, אויף דעם גראף טשאפסקי, איינער פון די גרעסטע פוילישע יחסנים, געשיקט צו איהם אין הויף אויף „עקזעקוציע" א ראטע קאזאקען. זיי האבען ביי איהם אין הויף אנגעמאכט אזא חורבן, אז דער האנאראווער אדעלינער גראף האט געמוזט קומען צו דעליאנען איבערבעטען איהם. דאן האט ער אראבגענומען די עקזעקוציע.

וועגען לייזער דע־ליאנס עשירות געהען אום אין פאלק גאנצע לעגענדעס. אזוי האט צ. ב. דער שרייבער פון אט די ציילען, נאך אלס קינד, געהערט פון זיין מוטער וועגען א גרויסען נעסוויזשער יודישען גביר, וואס צו זיין טאכטער'ס חופה האט מען אויסגעשפרייט די וועג פון שולהויף ביז צו זיין שטוב מיט סאמעט און נאך דער חופה האט מען די סאמעט צושניטען און צוטיילט ארימע לייט. אין נעסוויזש האט מען מיר אט די לעגענדע בעשטעטיגט. נעסוויזשער יודען דערצעהלען, אין דעם נאמען פון זייערע טאטעס און זיידעס, אז מ'פלעגט זעהן, ווי לייזער דע־ליאן פלעגט ארויסטראגען לופטערן גאנצע קאסטענס אסיגנאציעס.

לייזער דע־ליאן איז געווען א ברייטע האנד און א גרויסער בעל צדקה. די קלענסטע נדבה איז געווען, א רענדעל. ער פלעגט אפט בעזוכען די בתי־מדרשים און, נים בעמערקט, ארייננטאן די לערנער אין דער גמרא גילדערנע רענדלאך און האלבע אימפעריאלען. פלעגט הארפען מיט געלד וואו עס איז נאר געווען א נויט, ווער עס האט נאר אויסגעשטעלט א האנד. ער איז געווען ארומגעהאנגען מיט מעדאליען, און בשעת אלעקסאנדער דער ערשטער, דערצעהלט מען, איז געווען אין נעסוויזש, פלעגט ער איינשטעהן ביי לייזער דעליאן אין די זאלען, פלעגט האלטען זיינע קליינע קינדער אויפ'ן שוים, און

ארומגעהן מיט איהם אליין אונטערן האנד שפּאַצירען.

אַזאַ כבוד און גדולה האט געמאַכט דע־ליאָנס נאָמען בעריהמט צווישען אלע רוסישע יודען, און בשעת עס האט געדאַרפט פאָרקומען די ערשטע אסיפה אין פּעטערבורג וועגען „השכלה“ האבען ווילנער יודען אויסגעקליבען אין דער דאָזיגער קאָמיסיע צוזאמען מיט ר׳ חיים וואָלאָזשינער און אַנדערע יודישע גדולים—לייזער דע־ליאָן.

דער סוף פון אַט דעם לעגענדאַרען יודישען פּאָדראַטשיק איז געווען אַ טראַגישער. אָבער נאָך אַ טיפערע טראַגעדיע האָט זיך אָבגע־שפּילט מיט זיין אינגסטער טאָכטער. אויף איהר חתונה בעציהט זיך די לעגענדע, וואָס איך האָב אויבען געבראַכט, אַז דער וועג פון שולהויף בידן הויז איז, בשעת איהר חופּה, געווען אויסגעלעגט מיט סאַמעט.

די דאָזיגע טאָכטער—נעסוויזשער יודען געדענקען נוט איהר נאָמען: זי האָט געהייסען רבקה רחל,—איז געווען אַ גרויסע גערעטענעם און אַ מערקווירדיגע פּארשוין. זי האָט געזאָלט זיין אַזוי בעריהמט אין דער יודישער געשיכטע, ווי „אסתר“ פון דער מגילה און „אסתר׳קע“ די געליבטע פון דעם פּוילישען קעניג קאַזימיר דעם גרויסען, וואָרום אין איהר האָט זיך פערליבט אַלעקסאַנדער דער ערשטער.

די דאָזיגע לעגענדע, וואָס אין איהר תוך, ליגט, אָהן אַ ספק, אַ שטיק אמת, איז איינע פון די ריהרענדסטע, און טרויעריגסטע. זי גיט אַ דאַנקבאַרען שטאָף פאַר אַ קינסטלער צו בעשאַפען פון איהר אַ מערקווירדיגע דראַמע. נאָר איך וועל דערצעהלען די מעשה פשוט, אַזוי ווי איך האָב זי געהערט פון דעם מויל פון נעסוויזשער יודען.

אַלעקסאַנדער דער ערשטער און „אסתר׳קע“ די דריטע.

פאַר דער גאַנצער צייט פון דער יודישער היסטאָריע, איז דער פאַל מיט רבקה-רחל, די שענע טאָכטער פון דעם נעסוויזשער יודישען פאַדראַטשיק לייזער דע־ליאָן *) דער דריטער, ווען אַ יודישע טאָכטער געווינט די ליעבע פון אַ קעניג. עס איז שווער צו זאָגען, ווער פון די דריי אסתר׳ס איז געווען שענער. אָבער עס איז קיין שום ספק ניט, אַז „אסתר׳קע“—רבקה־רחל איז געווען די שענסטע פון אַלע דריי—מאָראַליש; איז געווען די ליבליכסטע, די רייִנסטע יודישע טאָכטער.

בשעת ביי „אסתר“ פון דער „מגילה“ און ביי אסתר׳קע, די געליבטע פונ׳ם פוילישען קעניג קאַזימיר, איז געווען גערעכענט פאַר אַ גליק צו האָבען אַ געקרוינטען געליבטען, איז רבקה-רחל און איהר טאַטע לייזער דעליאָן פון אַזאַ גליק ניט נתפעל געוואָרען. לויט די יאָהרען ווייזען, איז זי אין יענער צייט געווען אַ קינד בערך פון 13—14 יאָהר. נאָר אַז מ׳זאָל נעהמען אין בעטראַכט, אַז אין יענע צייטען, האָט מען צו 14—15 יאָהר, און זאָגאר נאָך פריהער, קינדער שוין חתונה געמאַכט, איז ניט שווער צו דערלאָזען דעם געדאַנק, אַז דער

*) אינטערעסאַנט איז, אַז דער דאָזיגער גביר האָט וועניג געאַכט אויף זיין שפּאַניש-פּאָרטוגעזישען יחוס און האָט זיך שטאַרק משתדל געווען אין די קאַנצעליאַריעס איבערצומאַכען זיין פאַמיליע פון דע־ליאָן אויף דילאָן.

קיסר אלעקסאנדער דער ערשטער, פילענדיג זיך מיט איהר, ווי מיט אקינד, האט זיך אין איהר פערליבט, ווי אין א פרוי.

אינטערעסאנט איז, אז אין דער איצט לעבעדיגער פאמיליע דילאָן, ווייס מען גאר פון אלעקסאנדער׳ס ליעבע צו דער שענער רבקה־רחל, ווי צו א קינד, און זיי ווייסען גאר ניט פון דער ראמאנטישער געשיכטע. דער ווילנער דר. דילאָן און זיין מוטער (אן אוראייניקעל פון לייזער דעליאָן), האבען מיר איבערגעגעבען, אז לויט, ווי אין זייער פאמיליע ווערט די מעשה דערצעהלט, פלעגט אלעקסאנדער אפט נעהמען די מיידעל רבקה־רחל אויפ׳ן שויס, פלעגט גלעטען איהרע רייצענד שווארצע האר און זי האט געשטיפט מיט זיינע קייזערליכע עפאלעטען און ארדענס. זיי האבען זיך אבער געוואונדערט, ווען איך האב זיי איבערגעגעבען די איינצעלהייטען פון די בעציהונגען צווישען דעם קיסר און דער יודישער שענהיים, לויט ווי נעסוויזשער יודען האבען מיר דערצעהלט. אט די איינצעלהייטען ווייזען דייטליך, אז אלעקסאנדער דעם ערשטענס ליעבע פאר דאס יודיש קינד איז ניט געווען—קיין קינדער־שפיל... (דר. דילאָן און זיין מוטער זענען אויף זייער לעבען קיינמאל אין נעסוויזש ניט געווען).

אט ווי נעסוויזשער יודען האבען מיר דעם דאזיגען מערקווירדיגען ראמאן געשילדערט: לויט דעם קיסר׳ס פערלאנג, פלעגט לייזער דע־ליאָן אפטמאל שיקען זיין יונגסטע טאכטער צו איהם מיט א שליחות, (דער קיסר פלעגט איינשטעהן טאקע אין דע־ליאָנ׳ס זאלע) און אלעקסאנדער׳ס קאבינעט איז, מסתמא, געווען נאהענט צו לייזער דעליאָנס וואוינונג.

אז די מיידעל פלעגט קומען צום קיסר אין קאבינעט, פלעגט די זיך האלטען זעהר ערנסט און שטעהן נעהענטער צום טיר. אמאל האט דער קיסר געוואלט צו קיטלען די טיר פון אינעווייניג, איז די צונעלאפען און—אבגעקייטעלט. ער האט נאך אמאל געוואלט צו קייטלען, האט זי נאך אמאל אבגעקייטעלט.

ענדליך האט דער ראמאן אנגענומען אן ערנסטען כאראקטער, אלעקסאנדער האט אפען געבעטען דע־ליאָנען, ער זאל איזום אבגעבען

זיין טאַכטער. דע־ליאָן, וועלכער האָט זיך געהאַלטען שטאָלץ און פריי מיט'ן קיסר, האט באַלד גענטפערט, אז די יודישע תורה ערלויבט נים אָבצוגעבען אַ טאכטער נים קיין יודען. דער קיסר האט גאר נישט בעמערקט דערויף און איז באַלד צוועקגעפאהרען אין אַ ברונזדער שטימונג.

דע־ליאָן האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט: וואָס האָט ער דאָ געטאָן? ער איז צוועקגעלאָפען צום רב, צו ר׳ מאיר׳קען, און איהם דערצעהלט די מעשה. ר׳ מאירקע, און ער אַליין אויך, האָבען זיך דערשראָקען. דאָס שמעקט דאָך מיט אַ סכנה פאַר אַלע יודען... און וואו עס איז נוגע אין „פקוח־נפש״, פאַר'ן כלל ישראל, איז דעם איינ־צעלנעם. דעם פרט, נים בלויז מותר, ער איז אויך מחויב צו ברענגען אַ קרבן...

מ׳האָט גלייך געזעצט אַ בית דין און דער בית דין האָט גע־פסק׳ענט, אז דער יודישער טאטע מעג און מוז ברענגען זיין טאָכטער פאַר אַ קרבן צוליב דעם כלל־ישראל.

לייזער דע־ליאָן האָט גלייך געהייסען שפּאַנען פערד און האָט זיך געלאָזען אָניאָגען דעם קיסר. ער האָט איהם דעריאָגט אין דער שטערטעל רידאָוועק. ער האָט איהם געמעלדעט זיין איינוויליגונג. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט... דער קיסר האָט אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנד: „נע־נאַדאָ״! מ׳דאַרף נים!... און נים רעדענדיג מיט איהם מעהר קיין וואָרט, איז ער געפאָהרען ווייטער.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ טעג יודען האָבען איבערגעלעבט נאָך דער מעשה. מ׳האָט ערוואַרט אַ שרעקליכע נקמה. מ׳האָט זיך געריכט אויף גזרות.

אין דער אמת׳ן איז דאָס געווען אונגעהערט. ווען דאָס וואָלט געהאט פּאַסירט מיט דער טאָכטער פון דעם גרעסטען און פאַר־נעהמסטען פירשטען, וואָלט מען אַזאַ צופאַל געהאַלטען פאַר דער גרעסטער עהרע און אַ גליק. דערפון וואָלטען ענטשטאַנען נייע משפחות פונ׳ם העכסטען יחוס. דאָס וואָלט פיליכט געווירקט אויף פאָליטישע געשעהעניסען, וואָלט געשאַפען נייע עפּאָכען אין דער היסטאָריע. די

משפחה דע־ליאַן וואָלט אפשר איצט בעלאַנגט צום העכסטען רוסישען אדעל, וואָלט געווען פערוואַנדט מיט׳ן רוסישען קייזערליכען הויף...

נאָר לייזער דע־ליאַן האָט בעסער געוואָלט געבען זיין טאָכטער א וואוילען יודישען יונגעל פאר א מאַן, איידער צו זעהן זי אין דער ראָלע פון א קעניגליכער קעבס־ווייב און אפילו פון אזא גרויסען און מעכטיגען וועלטהערשער, ווי אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז דעמאָלט געווען.

די מורא אָבער פון די נעסוויזשער יודען איז געווען אומזיסט, קיין גזרות, קיין צרות אויף יודען זענען ניט געקומען.

דערפאַר אָבער האָט זיך אין גיכען אויסגעגאָסען דער צאָרן אויף לייזער דעליאַן און זיין הויז. מ׳האָט איהם ארעסטירט און בע־שולדיגט, אז ער האָט געמאַכט פאַלשקייטען אין זיינע פאָדראַדען; זיין פערמעגען האָט מען קאָנפיסקירט; זיינע אָרדענס צוגענומען, צוגענומען פון איהם אַלע רעכט, און יאָהרען לאַנג האָט ער געשמאַכט אין טורמע.

דאָס איז אָבער, א פנים, ניט געשעהן גלייך נאָך דער געשיכטע מיט זיין טאָכטער. וואָרום ער האָט נאָך, ווי עס זעהט אויס, צייט געהאַט חתונה צו מאַכען זיין יונגסטע טאָכטער, די העלדין פון אַלעק־סאַנדער דעם ערשטענ׳ס ראָמאַן. ער האָט זי חתונה געמאַכט נאָך מיט מעהר שיק און פאַראַד, ווי די פריהערדיגע קינדער. אָט דער יונגסטער איידעם האָט מיט איהם געטיילט זיין שיקזאַל. נאָך מעהר: ער אַליין איז שפּעטער בעפרייט געוואָרען. מ׳האָט איהם צוריקגעגעבען זיינע רעכט, זיינע גיטער. דער איידעם אָבער האָט יאָהרען לאַנג געפוילט אין אָסטראָג און איז דאָרטען געשטאָרבען.

האָט דער דאָזיגער פאַלען פון לייזער דע־ליאַן געהאַט א שייכות צו דער אויבען דערצעהלטער געשיכטע מיט זיין טאָכטער? איז דאָס געווען נקמה?...

מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם ווייטערדיגען שיקזאַל פון אָט דעם יודישען פאָדראַטשיק און „תקיף״ האָב איך ניט געקענט דערגעהן אין נעסוויזש. ס׳איז מעגליך, אז אַלעקסאַנדער דעם ערשטענס

פערליבענעם אין דער שענער רבקה־רחל איז געווען בלויז איינער פון די הונדערטער טעמפעראמענט-קאפריזען, וואס טרעפען אפט אין די קייזערליכע הויפען. ס'איז מעגליך, אז די גרויסע פאליטישע געשע־עניסען פון יענער צייט, וואס האבען אלעקסאנדער דעם ערשטען אויפגעהויבען צו דער ראלע פון א וועלט-הערשער, און ער האט אין פאליטישער גרויסקייט און מאכט קאנקורירט מיט נאפאלעאנען, ס'איז מעגליך, זאג איך, אז, אלס העלד פון א וועלט־דראמע, האט אם דער מעכטיגסטער קיסר פון אייראפא באלד נאך זיין פערלאזען נעסוויזש, פערגעסען זיין ראמאן מיט דער יודישער מיידעל. עס קען זיין, אז דער אונטערגאנג פון דעליאן איז א נאטירליכע פאלגע פון זיין ניט סימ־פאטישער ראלע פון א מין פיסקאל, וואס ער האט געשפילט פאר דער רוסישער רעגירונג. ס'איז מעגליך, אז די פוילישע מאגנאטען, וואס האבען פאר איהם מורא געהאט און איהם געהאסט (א סימן זיין קאזאקען־וואך) האבען באלד בעמערקט, אז ער האט אנגעווארען זיין פריהערדיגען חן ביי דעם קיסר, און אזוי ווי זיי האבען געהאט פער־בינדונגען אין די רוסישע הויכע פענסטער, האבען זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט איהם צו בעגראבען.

פון דער אנדער זייט איז אבער א רעטענים: פארוואס האט זיך אויסגעגאסען דער גאנצער צארן אויפ'ן איידעם, וואס איז נאך געווען זעהר יונג. און ווען ער האט אין די פאדראדען, אויפ'ן שטויגער פון אלע פאדראטשיקעס, געמאכט פאלשקייטען, איז ער דאך געווען ניט מעהר, ווי א ווערקצייג אין די הענד פון זיין שווער, ביי וועמען ער איז געווען אין די פאדראד־עסקים.

עס לאזט זיך אויך ניט גלויבען, אז אלעקסאנדער דער ערשטער מיט זיין כאראקטער פון א „נוקם ונוטר", מיט זיין יעזואטישער נאטור, (ווי עס זאגט אויף איהם עדות זיין אייגענער אייניקעל—גרויספירשט קאנסטאנטין מיכאילאוויטש אין זיין ווערק איבער זיין זיידען) זאל לאזען אין גאנצען אונבעשטראפט די „חוצפה" פון א יודעל, וואס האט געוואגט צו שטעלען זיך געגען זיין ווילען, דעם ווילען פון אזא וועלטהערשער, פאר וועלכען, אייראפעאישע קיסארים האבען זיך

געבויגען.

טרויעריגער אָבער איז נאָך געווען דער שיקזאַל פון דער שען רבקה־רחל. פאַראַן נאָך אין נעסוויזש זקנים, וואָס געדענקען אי' ניט פון יענער צייט פון איהר גלאַנץ, פון איהרע גליקליכע קינדערשע יאָהרען, נאָר פון איהר שרעקליכער, טרויעריגער עלטער. א קינדערלאָזע, אַן עלענדע, א פאַרלאָזענע, האָט זי זיך, אין גרויס אָרימקייט און נויט, געוואַלגערט אין נעסווישער הקדש, האַלב־וואַהנזיניג פון די גרויסע צרות, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, און דאָרט אין הקדש איז זי געשטאָרבען.

ניט פאַרדינט אַזאַ סוף, האָט די, וואָס האָט פערוואָרפען די ליעבע פון אַ הערשער און ניט געוואָלט פערבייטען די עהרע פון אַ צנוע'דיגער יודישער טאָכטער אויף קייזערליכע פּאַלאַצען...

קושעלעווסקי — דער ערשטער יודישער דאָקטאָר אין רוסלאַנד.

ווער פון די עלטערע מינסקער און נעסוויזשער, קלעצקער, סלוצ־קער, און קאָפּוליער, און סטובצער יודען האָט ניט געהערט פון דעם וואונדערליכען דאָקטאָר קושעלעווסקי?

די פּערזענליכקייט פון דר. קושעלעווסקי פערנעהמט אונבעדינגט אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דער קולטור־געשיכטע פון די רוסישע יודען פאַר׳ן ניינצעהנטען יאָהרהונדערט.

דער דאָזיגער מערקווירדיגער דאָקטאָר איז אייגענטליך ניט געווען דער ערשטער יודישער דאָקטאָר אין רוסלאַנד. יודישע דאָק־טוירים זענען געווען אין רוסלאַנד מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, נאָך איידער רוסישע דאָקטוירים זענען געווען. עס זענען געווען אַפילו יודישע הויף־דאָקטוירים ביי די אַמאָליגע פּוילישע, ליטווישע קעניגען און אַפילו ביי די ערשטע רוסישע פירשטען און קיסרים. נאָר דאָס זענען געווען יודישע דאָקטוירים, וואָס האָבען געשטודירט אין אויסלאַנד און זענען געווען רעקאָמענדירט דורך די אייראָפּייאישע קעניגליכע הויפען, וואו יודישע דאָקטוירים זענען ניט געווען קיין זעלטענהייט.

קושעלעווסקי איז געווען דער ערשטער יודישער דאָקטאָר, וואָס האָט געשטודירט אין רוסלאַנד גופא. ער איז געווען די ערשטע פרוכט

פון דער השכלה אויפ׳ן רוסישען באָדען.

שוין זיין ווערען דאָקטאר איז פערבונדען מיט לעגענדעס, וואָס כאראקטעריזירען יענע צייט, וועלכע איז אייגענטליך נאָר ניט אזוי ווייט פון אונז.

קושעלעווסקי איז ניט געווען קיין דירעקטע קינד פון דער השכלה, אין נעסוויזש, אָדער א דערבייאיגער שטעדטעל, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, איז נאָך דעמאָלט פון דער השכלה קיין שפור ניט געווען. און קושעלעווסקי אליין, אפילו ווען ער איז שוין געווען דאָקטאָר, האָט צום פריי־גייסט פון דער השכלה קנאפ וואָס בעלאַנגט. ער איז געווען און געבליבען א ליבאוויטשער חסיד זיין גאַנצען לעבען, און פלעגט פאָהרען צום רבי׳ן גלייך מיט אנדערע חסידים. איהם אליין האָט מען ניט גערופען „הער דאָקטאָר״, ווי אנדערע דאָקטוירים, נאר „רבי״. *) ווייל נאָך זיין געוועהנליכען אויסזעהן, און זיין פיהרונג, איז געווען א קנאפער אונטערשייד צווישען איהם און א רב. כאָטש אין א טאבעל־טאָג, ד. ה. אין א טאָג פון אן עפענטליכען רוסישען יום־טוב, פלעגט ער געוועהנליך קומען אין שוהל און געהן אויף וויזיטען אין א שפּאָגע און א „קרעפּק״ (א דרייעקיגע היטעלע פון העכערע רוסישע בעאמטע), ארומגעהאנגען מיט מעדאַלען, וואָס ער האָט בעקומען צוזאמען מיט׳ן „טשין״ פּאָל־קאָווניק, פון דער רוסישער רעגירונג.

אינטערעסאנט איז: ווי אזוי קושעלעווסקי איז געוואָרען א דאָקטאָר. געוואָרען א דאָקטאר איז ער ניט פון זיך אליין, נאר ווייל דער פריץ האָט געהייסען. א לעגענדע דערצעהלט, אז ער איז געווען אן איידעם פון ראדזיווילס שניידער. א שניידער פון שלאָס האָט בעלאנגט צו די רייכסטע באלעבאטים פון נעסוויזש. דער אידעאל פון אן אויפגעקומענעם יודישען נגיד איז אמאָל געווען צו בעקומען אן איידעם א „צאצקע״—אן עלוי, כדי דורך איהם צו ווערען פערקניפּעלט מיט די „פני״ פון מזרח־וואנד. און אז גאָט האָט געהאָלפען א שניידער

---

*) דערפון שטאמט, וואָס אין נעסוויזש רופט מען ביז היינטיגען טאָג א דאָקטאָר—רבי.

צו בעקומען פאר אַן איידעם אַ וואוילען יונגעל, האָט ער זיך מיט איהם, נאַטירליך, בעריהמט אויך פאַר'ן פריץ. אָפּט פלעגט מען ברייגגען דעם איידעם צום פריץ פערהערען, נאַטירליך, ניט אין תורה, נאָר אין חכמה.

ט, האָט קושעלעווסקי דער „עלוי" שטאַרק אויסגענומען ביי'ם פריץ. און ראַדזיוויל, וועלכער פלעגט נעהמען אַ גרויסען אַנטייל אין'ם לעבען פון זיינע יודען, האָט ביי זיך בעשלאָסען, אַז איידער זיין שניידער'ס איידעם זאָל זיין אַ רב, אַ מלמד־אַ באַנק־קוועטשער איז גלייבער ער זאָל ווערען אַ דאָקטאָר. און אין איין שענעם פריה־מאָרגען שיקט ער רופען זיין שניידער און מעלדעט איהם זיין בעשלוס.

אַז דער פריץ האָט געהייסען, מוז מען פאָלגען. און דער עלוי קושעלעווסקי האָט איינגעפּאַקט זיין פעקעל און פון דער נעסוויזשער ישיבה האָט ער זיך געלאָזען אין ווילנער פוילישען אוניווערזיטעט. דער נעסוויזשער ראַדזיוויל—„פּאַניע קאָכאַנקו" איז געווען ווילנער „וואָיע־וואָדא"—אַ מין גובערנאַטאָר—און ער האָט שוין דעם גאַנצען שטודיום גענומען אויף זיין רעכענונג. צוגרייטען זיך צום אוניווערזיטעט האָט ביי דעם עלוי ק. לאַנג ניט געדויערט. אין פינף־זעקס יאָהר אַרום איז ער שוין געקומען צוריק אין נעסוויזש געקרוינט מיט'ן טיטעל „דאָקטאָר".

אין אַזאַ נוסח ווערט דערצעהלט די דאָזיגע לעגענדע אין מינסק. אַזוי אונגעפעהר איז זי אויך פערשריבען אין צווייטען באַנד „פּערע־זשיטאָיע" (זאַמעלבוך געווידמעט מאַטעריאַלען פאַר דער קולטור־געשיכטע און געשיכטע פאַר די רוסישע יודען). אין דריטען באַנד לייקענט איינער אָפּ די דאָזיגע לעגענדע. נעסוויזשער יודען אָבער האָבען זי מיר בעשטעטיגט, כאָטש אַ ביסעל אין אַן אַנדער נוסח. אַנשטאַט „ראַדזיוויל" רופען זיי דעם פריץ אָבוכאַוויטש, און אַנשטאַט דעם שניידער, ווערט דערצעהלט די מעשה פון דעם אַרענדאַר. אָבער דער כאַראַקטער פון דער לעגענדע ווערט דערפון נישט געענדערט. דער עיקר איז, אַז די השכלה אין נעסוויזש איז געקומען ניט פון אינעווייניג, נאָר פון דרויסען: דער פריץ האָט געהייסען—ווערט פון אַ רב—אַ דאָקטאָר. איבריגענס ווייזט דער דאָזיגער פאַקט גופא, אַז

נעסוויזש איז קיינמאָל ניט געווען קיין שטאַרק "פאַנאַטישע שטאָדט. אַ רב איז אַ ודאי גוט. אַ דאָקטאָר—מהיכי תיתא. אָבער ער זאָל טראָגען אַן ארבע כנפות און זאָל האָבען חן ביי גאָט און ביי'ן פריץ.

און קושעלעווסקי איז טאַקע געווען אַזאַ דאָקטאָר, וואָס האָט געטראָגען אַ קורצען ראָק און אַ לאַנגען טלית קטן, איז געגאַנגען מיט אַ געגאָלטע באָרד און געפאָהרען צום ליבאַוויטשער רבי'ן, האָט געהאַט אַ שטערן ביז'ן האַלבען קאָפּ, ווי אַ פילאָזאָף, און פלעגט רויכערן דעם טשיבאָק, ווי אַ חסיד. ביי פריצים פלעגט ער גאָר ניט עסען, נאָר טיי מיט בולקעס און די זענען געווען יודישע, וואָס ער פלעגט מיטפיהרען פון דער היים. ער איז געווען אַ בעל צדקה: פלעגט שטיצען אָרימע, איבערהויפּט לומדים. מעהר פון אַלעמען האָט ער ליעב געהאַט קינדער. שבת פלעגט ער נישט שרייבען קיין רעצעפּט, נאָר פלעגט געהען אַליין אין אַפּטייק און הייסען מאַכען די רפואה אַזוי און אַזוי.

און נישט קוקענדיג, וואָס קושעלעווסקי איז, אַזוי צו זאָגען, געוואָרען אַ דאָקטאָר לויט'ן קאַפּריז פון פריץ, איז ער דאָך געווען אַ דאָקטאָר לויט'ן בערוף, אַ מענש, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן שפּיץ פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט פון זיין צייט, אַ גרויסער פּסיכאָלאָג און אידעאַליסט. אַ חוץ דעם—ניט קיין טרוקענער מענש, ניט געלעבט אָבגעזונדערט פון פאָלק; געווען אַ פרעהליכער יוד, אַ גרויסער וויצלינג און האָט ליעב געהאַט אָבצוטאָן שטוקעס, פּונקט ווי „שייקע פייפער" און „מאָטקע חב"ד", וואָס האָבען געלעבט מיט איהם אין איין צייט. זיינע שטוקעס און וויצען געהען אום אין פאָלק, איבערהויפּט אין נעסוויזש, קאַפּוליע, מיר, קלעצק, סלוצק, מינסק—ביז היינטיגען טאָג.

זיינע שפּיצלעך און שגעונות, זיין פרומקייט און נאָהנטקייט צום פאָלק האָבען אָבער אויף אַ האָר ניט געמינערט זיין אויטאָריטעט אַלס דאָקטאָר. זיין מעדיצינישע רעפּוטאַציע איז געווען אונגעהייער גרויס ביי יודען און ביי קריסטען. פריצים פלעגען צו איהם פאָהרען און רופען איהם צו זיך פון הונדערטער מיילען אַרום. ביי יודען פלעגט ער קיין געלד קיינמאָל נישט נעהמען, נאָר פאַר דער פוהר פלעגט מען דאַרפען בעצאָהלען, אויב דער חולה איז געווען אויסער'ן שטאָדט. נאַטירליך

פלעגט מען זיך ערלויבען מטריח צו זיין דעם „רבי'ן“ נאָר דאַן, ווען דער חולה האָט זיך שוין גראַנגעלט מיט'ן „מלאך המות“, און גאַנץ אָפט פלעגט קושעלעווסקי קומען צו דער לויה, אָדער אפילו נאָך דער לויה פון דעם חולה, צו וועמען מען האָט איהם גערופען. נאָר אפילו דאַן פלעגען די אבלים זיין צופרידען זעהן דעם רבי'ן און הערען פון איהם א גוט וואָרט.

דער צוטרוי צו קושעלעווסקי'ס א רעצעפט איז געווען אָהן א גרענעץ. דער פראָסטער המון און די פויערים האָבען געהאַלטען, אז שוין די פאַפּירעל אַליין, וואָס ק. גיט, האָט אין זיך א וואונדערבאַרע קראַפט. וועגען דעם נעהען אום אין פאָלק גאַנצע לעגענדעס. אזוי, צום ביישפּיל, דערצעהלען מיר נעסוויזשער יודען—איז געקומען אמאָל א פויער צו קושעלעווסקי'ן און האָט זיך געקלאָגט אויף שטעבענעס צי ברעכענעס אין רוקען. ק. האָט אָנגעשריבען א שמירעכטס און געוויזען איהם, אויף וועלכען אָרט ער זאָל עס צולייגען צום רוקען. דער גוי האָט פערשטאַנען דעם דאָקטאָר'ס עצה פשוט. ער האָט גענומען די שמירעכץ, צוגעלעגט צום פעלץ אויף יענעם אָרט, וואו דער דאָקטאָר האט אָנגעוויזען און געלעגט זיך מיט'ן פעלץ אין בעט אריין. אויף מאָרגען—זאָגען נעסוויזשער יודען—איז ער אויפגעשטאַנען געזונט, ווי א שטיין.

אַן אנדער פאַציענטקע, א גויע, האָט ער פערשריבען ארצעפט און געהייסען נעהמען דאָס אין וואסער דריי מאָל א טאָג. די פויערטע האָט איינגעווייקט דעם רעצעפּט אין א קרינגעל וואסער און האָט געזופט די וואסער, ווי דער דאָקטאר האָט געהייסען, דריי מאָל א טאָג, און—איז געזונט געוואָרען...

יודען פלעגען האלטען קושעלעווסקי'ס א רעצעפּט, ווי א הייליגע קמיע. זיין פאַפּירעל פלעגט איבערגעהן פון טאַטעס צו קינדער, צו קרובים, שכנים, גוטע פריינד. מ'פלעגט עס נעהמען,—פערשטעהט זיך, ניט ווי די פויערים, דאָס פאַפּירעל, נאָר טאַקע די עצם רפואה—צו אלע קרענק. נאָר אָפט פלעגט מען גאָר ניט נעהמען, גלויבענדיג, אז דעם „רבינ'ס“ „רפואה“, ד. ה. דאָס פאַפּירעל וועט שוין העלפען אזוי,

ליגענדיג אונטער'ן קישען.

איבריגענס פלעגט קושעלעווסקי דער דאָקטאר היילען מיט אזעלכע רפואות, וואָס האבען געקאָסט ניט מעהר, ווי א פּאָר גראָשען און דער חולה פלעגט גאנץ אָפט קענען מאכען זיי אליין. ער פלעגט היילען, דאָס רוב, מיט גראָזען און מיט היגיענישע מיטלען. ק.—זאָגען די מינסקער יודען—פלעגט ניט טאפּען דעם דופק, ניט קלאַפּען אין הארצען צו פערשטעהן דעם חולה'ס קרענק. ער פלעגט איהם נאָר א קוק טאָן אין די אויגען און האָט שוין געוואוסט די גאנצע ביאָגראַפיע פונ'ם קראַנקען.

אין נעסוויזש האט מען מיר געוויזען דעם מויער, וואו ק. האָט געוואוינט. דער מויער האט בעלאנגט צו איינעם אברהמ'ל, וואָס איז געווען א שכור און איז דעריבער אָרים געוואָרען. פון א באַלעבאָס פון א מויער איז ער געוואָרען א זאמד־פיהרער.

ק. האָט קיין מזל ניט געהאַט צו קינדער. איין זוהן זיינער איז משוגע געוואָרען און געשטאָרבען אין דער יוגענד. א צווייטער, קושע, איז געווען א פּרעסער, א זויפער און א צולאזענער יונג. אמאָל—דער־צעהלען מיר נעסווישער יודען—איז דער זוהן קושע געקומען צום טאַטען:

— גיב מיר דריי רובל!

— אויף וואָס דארפסטו?

— אָן פיהרט מען א וואָגען קאנארייקעס, איך וויל קויפען א פּאָר.

דער פאָטער האט א קוק געטאָן אין פענסטער און מאכט צום זוהן:

— זעה, ווער פאָהרט דאָ?

— אברהמ'ל דער זאמד־פיהרער.

— נו, האט קושעלעווסקי געזאגט, זעה, פון דיר זאל ניט ווערען וואָס פון איהם. בעהאַלט בעסער די דריי רובל אויף קויפען א פערדעל...

דערזעלבינער זוהן—זאָגט מען—האט זיך גע'שמד'ט. איז אָבער אויף דער עלטער א וועק אין אויסלאַנד און געשטאָרבען א יוד.

— זיין טאטענ'ס זכות איז איהם בייגעשטאַנען—זאָגט מיר א נע־סווישער יודענע. ווארום קושעלעווסקי דער דאָקטאר איז געווען גאָר פון די הויכע סאָרטען יודען.

„אסתר די גענעראַלשע".

אז אין רוסלאנד זענען געווען און פאראן יעצט געשטודירטע יודען מיט'ן טשין „פּאָלקאָווניק" — דאָס ווייס מסתמא יעדער לעזער. עס זענען אויך געווען יודען, וואָס האָבען זיך אַרויפגעארבייט, אין דינסט ביי דער רעגירונג, ביז דעם ראנג פון אַ גענעראַל. אין גוטע יודישקייט האָט אָבער אַ יוד דעם טיטעל „עקסעלענץ" — וואָשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" נים געקענט בעקומען. די רעכט, די פּענסיע און דעם כבוד, וואָס אַ גענעראַלסקי'ר טיטעל גיט, זענען אָבער געווען צו „יצר הרע'דיג". און אַ יוד, וואָס האָט בעוויזען אַרויפצוקלעטערן אויף די שטאַפּלען פונ'ם דינסט־לייטער ביז „עקסעלענץ" האָט זיך גע־ועהנליך נים אָבגעשטעלט פאר געוויסע „פּאָרמאַליטעטען", וואָס זענען איהם געשטאַנען אין וועג, אבי צו דערגרייכען די „רויטע ליאַמ־פּאַסען" פון אַ גענעראַל. אַ יוד — אַ גענעראַל איז אין רוסלאַנד קיינמאָל נים געווען.

אָבער, ווען עס איז נים געווען קיין גענעראַל אַ יוד, איז דערפאַר געווען אַ גענעראַלשע־אַ יודענע. און טאַקע אַן אמת'ע, אַ כשרה יודענע, וואָס האָט געדאַווענט דריי מאָל אַ טאָג און געלייענט „תחינות" און דעם „צאינה וראינה".

דאָס איז נים קיין אַנעקדאָט, נאָר אַ פאַקט. אַזאַ אַנטיקעל האָט טאַקע געקענט זיין נאָר אין ווילנא, דעם אָרט פון אַ סך אַנדערע

יודישע אנטיקען. גערופען האט מען איהר „אסתר די גענעראלשע".

ד[illegible]עהלט האט מיר די מעשה איהרער א פלימעניק—קינקולקין, [illegible]קט נאך זיין מוהמען, „אסתר די גענעראלשע", זעהר גוט. געשטארבען איז זי במעט ערב דער רוסישער רעוואלוציע. געלעבט האט זי איבער הונדערט יאהר. פון די הונדערט יאהר האט זי א יאהר פופציג געלעבט פון איהר גענעראלסקע פענסיע.

אז זי פלעגט קומען איין מאל א מאנאט אין קאזנאטשייסטווע אין איהר אלטפרענקישער „סובע" מיט'ן „קאפאטור" אבנעהמען די פענסיע, פלעגט זיך דער רוסישער טשינאווניק פון דער קאזנאטשייסטווע שטעלען און דערלאנגען איהר מיט דרך ארץ דאס געלד מיט די ווערטער: איזוואלטע פאדפיסאטסיא, וואשע פרעוואסכאדיטעלסטווא, ס'הייסט: בעוויליגען זיי אונטערצושרייבען, אייערע עקסעלענץ...

ווי אזוי קומט די יודענע אסתר צו ווערען א גענעראלשע?

דאס איז געווען אין די גוטע צייטען פון אלעקסאנדער דעם ערשטען, אין דער ערשטער העלפט פון זיין רעגירונג. אין יענע טעג, ווען עס האט נאר וואס אנגעהויבען צו בלאזען,—אויסדריקענדיג זיך אויפ'ן מליצה־שטויגער—„דער ערשטער ווינטעלע פון השכלה", די רוסישע רעגירונג האט אנגעווענדט אלע מיטלען צו מאכען „יודען פאר מענשען": „אבצוטאן פון זיי דעם פינסטערן וואלקען פון פאנאטיזם" און „לאזען אויף זיי שטראהלען די ליכטיגקייט פון דער אייראפייאישער ציוויליזאציע".

דעמאלט איז פארגעקומען א מערקווירדיגע קאנקורענץ צווישען דער רוסישער רעגירונג און דער פוילישער אין דער שטרעבונג „מזכה" צו זיין יודען מיט אייראפעישע בילדונג. די רוסישע און פוילישע אוניווערזיטעטען האבען זיך מיט אמאל פאר זיי געעפענט. און פון ווילנער פוילישען אוניווערזיטעט, וואס איז ביז דעמאלט געווען פערמאכט פאר יודען, האט זיך געיאוועט דער ערשטער יודישער דאקטאר קושעלעווסקי, וואס האט בעקומען זיין בילדונג אין רוסלאנד. דער וואונדערליכער קושעלעווסקי, וואס איז שוין ביי זיין לעבען

געוואָרען כמעט אַ לעגענדאַרע פּערזענליכקייט אין יודישען תחום. אין יענער צייט און פּונ'ם זעלבען ווילנער אוניווערזיטעט, איז אויך אַרויס די ערשטע געשטודירטע יודישע דאָקטאָר־אַקושערין—אסתר די גענעראַלשע.

ווי אזוי אַ יודישע פאמיליע אין ווילנא האָט זיך, מיט הונדערט יאָהר צוריק, דערוועגט צו לאָזען שטודירען אַ מיידעל, און דערצו נאָך מאַכען איהר פאר א דאָקטאָרקע,—דאָס איז אַ רעטעניס, וואָס איך האָב נעסטארעט זיך צו לייזען און האָב ניט געקענט. איהר פלימעניק קינקולקין האט וועגען איהר פריהערדיגער ביאָגראַפּיע, וועגען איהר ערציהונג אין דער יוגענד. מיר גאָר נישט געקענט זאָגען. דער פאקט אָבער, וואָס עס האט זיך בעוויזען אַ יודישע פרוי—אַ „דאָקטאָרקע", אַ געשטודירטע אקושערין, איז געווען צו יענער צייט אזא מערקוויר־דיגקייט, אז מ'איז געוואהר געוואָרען פון איהר אין פּעטערבורג, אין רוסישען קייזערליכען הויף, און אין גיכען איז זי געוואָרען דער קייזערינס לייב־אַקושערין.

אין קייזערליכען הויף האָט זיך די ערשטע יודישע אקושערין ניט געפיהלט גוט. אזוי ווי דער ערשטער יודישער דאָקטאָר קושעלעווסקי, איז אויך די ערשטע יודישע אקושערין—געווען אַ פרומע. די בילדונג האָט גאָר נישט געענדערט אין זייער רעליגיעזער וועלט־אנשויאונג. אַלס לייב-אַקושערין האט זי געמוזט נעהמען אַן אנטייל אין אַלע הויפישע עפענטליכע פאראַדען, פייערטעג און באַלען. זי האט זיך אָבער צו קיין עסען און טרינקען אין הויף ניט צוגעריהרט. האָט גע־פיהרט איהר איינגעשלאָסענעם, שטרענג רעליגיעזען לעבען. אין קיי־זערליכען הויף האט מען עס געמוזט דולדען; ווייל מ'האָט זיך צופיל גענויטיגט אין איהר. ענדליך, נאָך אַ גאַנצע רייהע יאָהרען דינען אין הויף, האט זי זיך אָנגעגעבען אין דימיסיע, און דאָס האט מען ווידער איהר געמוזט בעווילינגען.

צוליב איהר דימיסיע איז ארויס אַ קריג און אַ בעהאַלטענע שנאה צווישען איהר און איהר משפחה. די מעשה דערפון איז, אז זי האט געדאַרפט נאָך אין גאַנצען איניגע יאָהר פערדינען איהר טערמין.

דאן וואלט זי געהאט גרויסע מתנות, פריוויליגיעס און—דער עיקר—א רייכע פענסיע, וואס וואלט געקענט מאכען גליקליך איהר אליין און איהר גאנצע פאמיליע. אסתר די גענעראלשע האט אבער ווייניג געהאלטען פון ערדישען גליק. האט געקוקט מיט בעדויערן אויף איהר גייציגער פאמיליע און האט, אפילו ארויסגעהענדיג אין דימיסיע, געלעבט ניט אין איהר היימישען קרייז, נאר אין איהר בעזונדער גייסטיגער וועלט, ארומגערינגעלט מיט וויסענשאפטליכע ביכער אין איינינע שפראך און מיט הייליגע מוסר-ספרים און תחינות.

מ׳ווייס ניט אקוראט, צי האט אסתר די גענעראלשע אמאל חתונה געהאט, צי ניט. וואהרשיינליך—ניט. איהר פריוויליגירטע ראלע פון א הויף-דאמע און אינטעליגענטע פרוי צוזאמען מיט איהר פרומקייט האבען איהר אבגעריסען אי פון דער געהויבענער געזעלשאפט פונ׳ם הויפישען אדעל, אי פון איהר פריהערדיגער יודישער ספערע. אט דאס האט געמוזט זיין, אהן א ספק, די אורזאך פון איהר פערזענליכער לעבענס-טראגעדיע. איהר פלימעניק, קינקולקין, האט מיר דערצעהלט, אז אמאל האט זי געלאזען ארעסטירען זיין פאטער, ד. ה. איהר ברודער, אויף דריי מעת לעת, דערפאר, וואס יענער האט איהר דערעסען מיט זיינע טענות, פארוואס זי איז ארויס אין דימיסיע פאר דער צייט. איהר פאמיליע האט דאס איהר קיינמאל ניט געקענט שענקען. „אונזערע קינדער און קינדסקינדער וואלטען געווען גליקליך", האט זיך בעקלאגט איהר פלימעניקס. „ווען זי וואלט ניט געווען אזוי פרום".

„אסתר די גענעראלשע" האט געהאט, א חוץ איהר טיטעל, און פענסיע, א בעזונדער איינגעהענדיגע פאפיר פון קייזער, צי פון דער קייזערין,—א דאנק פאר איהר טרייען דינסט. זי האט פון דעם פאפיר קיינמאל קיין געברויך ניט געמאכט. נאר איינמאל—דערצעהלט איהר פלימעניק און זיין פרוי—האט זי ארויסגענומען די פאפיר, און דאס איז געווען צוליב אזא מעשה:

אין גאס, אין שכנות נעבען איהר וואוינונג, האט א גוי אנגעשלאגען און צובלוטיגט א יודיש קינד. זי האט דאס ניט געקענט פארטראגען, איז אוועק אין פאליציי-הויז און געווענדט זיך צום

פּריסטאַוו מיט אַ קלאַגע, און האָט פערלאַנגט מ׳זאָל דעם גוי אַרעסטירען. דער פּריסטאַוו האָט איהר אָנגעקוקט מיט פעראַכטונג און געזאָגט: „וואָס איז דאָס דיין עסק, אַלטע זשידאָווקע?"

— שווייג, דו, בוראַטשניק! האָט זי אויף איהם געגעבען אַ טופּ מיט׳ן פוס,—וועמען „דוצט" דו?

ביי די רייד האָט זי אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש איהר פּאַפּיר. ווי דער פּריסטאַוו האָט עס אַ קוק געטאָן, איז ער אַ פערשטיינערטער געוואָרען. ער איז איהר געפאַלען צו די פיס און מיט אַ ציטערנדיג קול געשטאַמעלט: זייט מיר מוחל, אייער עקסעלענץ...

קריגען דאָס פאָטאָגראַפישע בילד פון דער ערשטער יודישער געשטודירטער אקושערין איז מיר ניט געלונגען. ווי אַן אמת פרומע יודינע—זאָגט איהר פאַמיליע—האָט זי זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פאָטאָגראַפירען.

קינקולקין — דער אַנטיקוואַר.

קינקולקין דער אנטיקוואר, ד. ה. דער הענדלער מיט אלטע ביכער־אנטיקען איז אויך איינער פון די מערקווירדיגסטע יודישע טיפּען פונ׳ם אלטען דור. ער איז געווען א ברודער פון אסתר דער גענעראַלשע, האָט אויך געלעבט אריבער הונדערט יאָהר און איבערגעלעבט זיין שוועסטער מיט עטליכע יאָהר. אין דער יודישער פּרעסע, אפילו אין די ווילנער יודישע צייטונגען איז וועגען זיין טויט גאָר ניט געווען דערמאָהנט. דערפאַר איז אויף זיין לויה געווען די גאַנצע פּוילישע אינטעליגענץ און אַריסטאָקראַטיע. א הספד האָט געמאַכט אויף זיין קבר ניט א רב, נאָר א גענעראַל. און אויב יודישע צייטונגען האָבען וועגען איהם גאָר נישט געשריבען, איז פול געווען מיט איהם די גאַנצע אייראָפּעאישע פּרעסע. בעזונדערס אָבער — די פּוילישע בלעטער און זשורנאַלען. אומעטום איז דאַן געווען געדרוקט זיין ביאָגראַפיע מיט זיין בילד.

מיט וואָס זשע האָט קינקולקין זוכה געווען צו אזא גרויסען רוהם און דוקא אין דער גויאישער וועלט? קינקולקין איז געווען א פּשוט׳ער יוד. האָט זיך מיט׳ן יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען ניט אינטערעסירט. ער פלעגט פּינקטליך דריי מאָל א טאָג געהן דאַווענען אין שוהל. בין מנחה למעריב פלעגט ער זיצען ביי׳ן שיעור, הערען עין יעקב, מדרש אין ר׳ ישראל סאַלאַנטער׳ס קלויז.

און דאָך פלעגען קומען צו איהם די גרעסטע פּוילישע געלעהרטע

און אריסטאָקראַטען פון אלע עקען וועלט „נאַ גאַווענדע", ס'חייסט אויף א שמועס. אלע זיינע ווערטער פלעגט מען דרוקן—טאַקע אין דעם פשוט'ן זין פונ'ם וואָרט. פוילישע דיכטער, געלעהרטע, היסטאָריקער, זשורנאַליסטען פלעגן מיט איהם שטונדען-לאַנג פערברייננגען און פאַרנאַטירען ביי זיך יעדען געשפרעך מיט איהם.

וואָס זשע איז דאָס געווען פאַר א מעשה? פאַרוואָס האָט אַט דער פשוט'ער, תמימות'דיגער יוד, וואָס האָט כמעט ניט געקענט ניט קיין יודיש, ניט קיין פויליש, געהאַט אַזא חן אין דער פוילישער געזעלשאַפט?

דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס קינקולקין איז געווען אַן „אַנטיקוואַר", האָט געהאַט א געשעפט אין ווילנא פון אלטע ביכער-אַנטיקען. צופעליג זענען די ביכער געווען פוילישע און ניט יודישע. איז ער, קינקולקין, געבליבען פרעמד דער יודישער וועלט. דערפאַר אָבער איז זיין בוכהאַנדלונג געוואָרען א היסטאָרישע אין דער געשיכטע פון דער פוילישער קולטור און ליטעראַטור. קינקולקינ'ס בוכהאַנדלונג דאַטירט פונ'ם יאָהר 1793.

בשעת דער אלטער קינקולקין האָט געעפענט זיין קרעמיל, כמעט אויפ'ן זעלבען פּלאַץ, וואו זי געפינט זיך איצט, אין ווילנא, אויף דער ברייטער גאַס, איז ער געווען דער ערשטער און איינציגער יודישער אַנטיקוואַר אין ליטא און פוילען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס קיין איין פוילישער געלעהרטער, דיכטער און גלאַט אינטעליגענט האָט איהם ניט געקענט מיידען. די פוילישע שריפטשטעלער האָבען שטאַרק ליעב געהאַט דעם תמימות'דיגען, זעהר אָריגינעלען און טיפּישען יודישען אַנטיקוואַר. די דיכטער מיצקעוויטש און סיראָקאָמליא זענען געווען זיינע פערזענליכע פריינד. צוליב זיין פריינדשאַפט מיט דעם לעצטען פוילישען דיכטער, האָט ק. זאָגאַר געליטען. בשעת דעם לעצטען פוילישען אויפשטאַנד האָט מען ארעסטירט דעם יודישען אַנטיקוואַר צוזאַמען מיט זיין פריינד, דעם דיכטער סיראָקאָמליא.

אַט דאָס איז די אורזאַך, פאַר וואָס דער נאָמען קינקולקין איז בעריהמט אין דער גאַנצער פוילישער וועלט. זיין זוהן, שוין אויך א

פראָרער יוד, צו וועמען עס איז איבערגעגאַנגען בירושה דער איבער הונדערט יאָהריגער אנטיקוואר־געשעפט פון פוילישע ביכער האט מיר געוויזען א גאַנצען פאַק צייטונגען און זשורנאַלען, פראַנצויזישע און פוילישע, פון אלע עקען וועלט, וואו עס איז געווען געדרוקט די ביאָגראַפיע מיט דעם בילד פונ'ם אלטען ק. באַלד נאָך זיין טויט.

ווי געזאָגט האט ער געלעבט מעהר, ווי הונדערט יאָהר. ער האט געפיהרט זעהר א פינקטליכען לעבען. ביז דעם לעצטען טאָג איז ער געווען געזונד און פלעגט געהן דאַווענען אין שוהל דריי מאָל א טאָג.

דער „ווילנער באַלעבעס׳ל״.

(די לעבענס־דראַמע פון אַ יודישען מוזיקאַלישען געני).

זעכציג יאָהר איז אַוועק זינט ער איז געשטאָרבען, און זיין אנדענקען לעבט צווישען די ווילנער יודען, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט נעכטען זיך געשיידען פון זיי. און כאָטש זיין אנדענקען איז פריש, האָט אַלעס וואָס מען דערצעהלט וועגען איהם אַ כאַראַקטער פון אַן אַלטער, אַלטער לעגענדע. הערט איהר זיך אָבער איין אין דער לעגענדע, באַמערקט איהר, אַז די לעגענדע איז אייגענטליך קיין לעגענדע ניט, יעדער שטריך אין איהר איז אַזוי טריי דער פערזאָן, און דער צייט, און דער סביבה, אין וועלכער ער, דער העלד פון זיי, דער „ווילנער באַלעבעס׳ל״ האָט געלעבט, אַז איהר איבערצייגט זיך לייכט, דאָס די אונגלויבליכע מעשה איז אַן אמת׳ע, איז געוועזן אַ ווירקליכקייט. און ווען די ווירקליכקייט שיינט לעגענדאַריש, איז דאָס דערפאַר, וואָס זי איז אַ ראָמאַנטישע און אַ טראַגישע, אַ קלעמענדע און אַ האַרצנרייפענדע, ווי איהר בעגעגענט זעלטען אין די סאַמע פאַנטאַסטישע אויסגעקלערטע מעשיות און ראָמאַנען. די טראַגעדיע פונ׳ם ווילנער „באַלעבעס׳ל״ דאַרף נאָך ערשט געשריבען ווערען, און זי וועט געשריבען ווערען. וואָרום זי איז זעהר עהנליך צו דער טראַגעדיע פונ׳ם יודישען פאָלק, און קיין ראָמאַן, און קיין היסטאָרישע אונטערזוכונג איז ניט פעהיג אַזוי טיף צו כאַראַקטעריזירען דעם מאָמענט פון דער יודישער

גייסטיגער ערוואכונג, אין בעגין פון דער חשכלה-עפּאָכע, ווי די דראַ־מאַטישע פּערזאָן פון דעם ווילנער באַלעבעס׳ל.

דער גיהנום פון די גייסטיגע יסורים, וואָס די ערוואַכטע יודישע יוגענד האָט געהאַט אויסצושטעהן אין יענער שרעקליכער און דאָך טיף אינטערעסאַנטער צייט, עטנדעקט זיך פאַר אונז, ווען מיר עפענען די צוויי טראַגעדיעס, די דענקמעלער פון יענער צייט: דער „פּוילישער יונגעל" פון לינעצקי און ליליענבלום׳ס „חטאות נעורים". אָבער פון די טיפסטע נשמה־יסורים, פון דער הארץ־טראַגעדיע, פון יענע ערשטע שוואַלבען פון דער השכלה, האָבען מיר נאָך קיין דענקמאָל ניט, און אָט דער דענקמאָל וועט זיין די געשריבענע דראַמע פון דעם ווילנער באַלעבעסל׳ס טראַגישען לעבען און די ערהאַלטונג און פערשפּרייטונג פון זיינע זיסע נגונים, וואָס האָבען געווירקט מיט אַזאַ צויבער אויף די הערצער פון זיין דור.

רב יואל דוד לעווענשטיין—אַזוי האָט זיך גערופען מיט זיין נאָמען דער „ווילנער באַלעבעס׳ל"—איז געוועזען אַ חזנ׳ס אַ זוהן. זיין פאָטער האָט געהייסען ר׳ הירש ליפּאַיער (ליבאווער יודען רופען ליבאווע—ליפּאַי) און איז געוועזען ווילנער שטאָדט־חזן. די יודען פון באַלטישען געגענד האָבען, נאָך אַ צייט, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען די השכלה אין דער ליטא, געהאַט אַ שטרעבונג צו בילדונג. בשעת דער פאָטער לעווענשטיין איז אַריבער אויף חזנות פון ליבאו קיין ווילנא, איז דער קליינער יואל אַלט געוועזען זעקס יאָהר. נאָך אין דער פריהער קינדהייט האָט ער אַרויסגעוויזען שטאַרקע סמנים פון אַ אונגע־וועהנליכען טאַלאַנט, און דער פאָטער האָט פיעל געזאָרגט פאַר זיין ערציהונג. מיט נאָהענט פון אַ הונדערט יאָהר צוריק האָט דער ווילנער חזן שוין געהאַלטען צו זיין זוהן ניט בלויז די טייערסטע מלמדים, נאָר אויך לעהרער אויף פּויליש און דייטש. אויך לעהרער אויף פידעל און קלאַוויר. צו עלף יאָהר האָט דער קליינער יואל דוד שוין געדאַווענט אין ווילנער גרויסער שוהל פאַר׳ן עמוד אויף אַ בענקעלע. זיין דאַווענען האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז ריינקע יודעלס, די ווייב פון מאַטע סטראַשון, איינער פון די גרעסטע ווילנער מיוחסים, גבאים און גבירים,

האָט בעשלאָסען דעמזעלבען שבת אין דער ווייבערשער שוהל, אַז דער קליינער חזן מוז ווערען איהר איידים. באַלד טאַקע האָט מען געשריבען מיט מזל תנאים. צו דרייצעהן יאָהר איז ער שוין געווען אַ באַלעבעס׳ל. אין אַ יאָהר אַרום איז געשטאָרבען זיין פאָטער, און דער פערצעהן יאָהריגער יואל דוד איז געוואָרען אויף זיין פאָטער׳ס פּלאַץ אויבער־חזן אין דער גרויסער שוהל פון דער גרעסטער יודישער קהילה אין ליטא. דאָס איז געווען אַן אונערהערטע זאַך. די גבאים פון דער גרויסער שוהל האָבען געוואָלט ווענינגסטענס דעם „כתב חזנות״ אָבהאַלטען אויף עטליכע יאָהר, ביז דער נייער חזן וועט האָבען אַ „חתימת זקן״—אַ שפּור פון אַ באָרד. נאָר דאָ האָט שיער ניט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע פונ׳ם המון, וועלכער האָט מורא געהאַט, מען זאָל דעם אַנטיקעל ניט אויסכאַפּען אין אַן אַנדער שטאָדט, און האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין, דוקא שוין אַ „כתב־חזנים״ און טאַקי מיט פולע געהאַלט.... פיער רובל אַ וואָך, וואָס איז דעמאָלט, איבריגעס, געווען, גאַנץ פיינע שכירות פאַר אַ חזן.

דער המון האָט אויסגעפיהרט. די גבאים האָבען נאָר מיט מיה אויסגעקעמפּפט ביי דער מאַסע כאָטש „טוספים״ פאַר דעם חזן שני, ר׳ ליבעלע קאַנטאר, דעם ראַבינער און דאָקטאָר קאַנטאָר׳ס אַ זיידע, לאָזענדיג פאַר דעם פערצעהן יאָהריגען אויבער־חזן „כל נדרי״—דער שפּיץ יחוס פון אַלע תפילות.

דער „באַלעבעס׳ל״ האָט געהאַט אויף אַלעמען, אָהן אַן אויסנאַם, את מעהר פון אַלעמען, אויף דער יודישער מאַסע, אַ בעצויבערנדע ווירקונג. נאָך איצט זאָגען ווילנער באַלעבאַטים, אַז עס זענען נאָך ניט געבאָרען געוואָרען די נאָטען, וואָס מ׳זאָל קענען מיט זיי פערצייכענען דעם באַלעבעסיל׳ס „נגונים״. אַז ער פלעגט זיך שטעלען זאָגען „ותערב״ אָדער „ברח דודי״, פון פּסח׳דיגען פּיוט—דערצעהלט מיר ציונסאָן, איינער פון די ווילנער זקנים־משכילים, וואָס געדענקט נאָך דעם „באַלעבעס׳ל״ און זיינע נגונים, פלעגט די גאַנצע פּאָדלאָגע פון „בית המדרש״ פערגאָסען ווערען מיט טרערען. נאָר „ותערב״ „מן המצר״ „הלל״ „מקדש מלך״ (אין קבלת שבת) און „ומפני חטאנו״ זענען בכלל

פון די ריהרענדע שטיקער אין דער יודישער שוהל־מוזיק. דער ווילנער „באַלעבעס׳ל״ האָט נאָר געדאַרפט עפענען זיין מויל אַפילו אין „אַדון עולם״ די גאַנץ געוועהנליכע שלום־תפילה פון יעדען שבת׳דיגען דאַוונען — און ביים ענטציקטען עולם האָבען זיך שטראָמען טרערען געגאָסען, געגאָסען.

נאָר ניט יודען אַליין. קריסטען פון פערשידענע נאַציאָנען, קלאַסען און ראַנגען פלעגען אַ יום טוב, אַ שבת, בעזאָנדערס ביי „כל נדרי״ אָנפילען די יודישע שוהל און טיף אין דער נשמה בעגייסטערט ווערען פון דעם יודישען נאַכטיגאַל׳ס ריהרענדע נגונים. דער בעריהמ־טער פוילישער קאָמפּאָזיטאָר מאָניושקאָ, דאַמאָלסדיגער פּראָפעסאָר פון וואַרשאַווער קאָנסערוואַטאָריום האָט איהם אַמאָל געהערט און איז צוגעשמידט געוואָרען צום יונגען יודישען חזן. ער האָט איהם בעזוכט, געלאַדען צו זיך, געגעבען איהם אַליין לעקציעס אין מוזיק און געמיהט זיך אויף איהם צו ווירקען, ער זאָל לאָזען די חזנות, זאָל פאָהרען קיין אויסלאַנד ענטוויקלען און פערפאָלקאָמנען זיין טאַלאַנט. ער האָט איהם פאָרגעזאָגט, אַז איהם שטעהט פאָר אַ גלענצענדע צוקונפט, אַז מיט זיין נאָמען וועט קלינגען די וועלט.

אין דער צאַרטער, ווייכער, מעלאַנכאָליש־געשטימטער נשמה איז ענטשטאַנען אַ קאַמפּף. דאָס איז געווען אַ קאַמפּף צווישען דער ענגער, פערשטיקטער וועלט פונ׳ם יודישען געטאָ און דער ברייטער פרייער וועלט אַרום, וואָס האָט איהם גערופען, געצויגען צו זיך. דער קאַמפּף איז געווען אַ דאָפּעלטער: צווישען איהם און דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און צווישען דער אַלטער וועלט־אַנשויאונג פון דעם יודישען עלוי און דער נייער — פון אַ אייראָפּעאישען קינסטלער. מאָניושקאָ האָט געקאָסט פיעל מיה, ביז איהם איז געלונגען איינצו־רעדען דעם באַלעבעסיל׳ס שווער און שוויגער, זיי זאָלען איהם אָב־לאָזען אין וואַרשע אויף אַ קאָנצערט. אין אמת׳ן איז געווען געפּלאַ־נעוועט, אַז לעוועונשטיין זאָל לאָזען די חזנות, און מיט דער הילף פון זיינע יודישע און קריסטליכע גוטע פריינד, אַוועק אין אויסלאַנד און אָנקומען אין בערלינער קאָנסערוואַטאָריום. די מיטלען האָט ער

געדאַרפט בעקומען דורך אַ קאָנצערט, וואָס מאַניושקאַ האָט פאַר איהם צוגעגרייט אין ווארשא.

אום דער יונגער יואל דוד זאָל ניט געשטרויכעלט ווערען, האָט מען איהם געשיקט אַרומגערינגעלט מיט אַ סוויטע פון פרומע עהרליכע יודען. בעזונדערס האָט געדאַרפט אויף איהם אַכטונג געבען שייקע פייפער—זיין באַס. נאָר די אַלע פּאָרזיכטס-מיטלען האָבען ווענינ געהאָלפען. דער באַלעבעסיל איז אין ווארשא דאָך געשטרויכעלט געוואָרען.

זיין אויפהאַלטען זיך אין ווארשא איז בעדעקט מיט אַ נעבעל פון לעגענדען. וויפיעל מענשען איך האָב ניט געפרעגט, סיי די זקנים, וואָס האָבען איהם אַליין געקענט, סיי די יודען, וואָס ווייסען גוט די גאַנצע ווילנער היסטאָריע פון פאַריגען יאָהרהונדערט, האָט קיינער ניט געוואוסט צו זאָגען עפּעס בעשטימטעס. בעקאַנט איז נאָר, אַז מיט זיין קאָנצערט אין ווארשא האָט דער „באַלעבעסיל" געמאַכט אַ גוואַלדיגען רושם. די גאַנצע פּוילישע אַריסטאָקראַטיע און די גרעסטע לייט פון די רוסישע מיליטער-בעאַמטע—פון דער יודישער בעפעל-קערונג רעדט מען שוין ניט—האָבען איהם אויף די הענד געטראָגען. מ'האָט איהם מיט בלומען פערוואָרפען. אַ יונגע טאָכטער פון'ם גראַף פּאַסקעוויטש, איינער פון די גרעסטע פּוילישע מיוחסים, איז, נאָכ'ן קאָנצערט, צו איהם צוגעגאַנגען, איהם אויפגעהויבען די געדיכטע קרויזע שווארצע האָר, און, פאַר'ן גאַנצען טויזענד-קעפּיגען עולם, איהם אַ קוש געטאָן. אַ לעגענדע דערצעהלט, אַז נאָך פריהער, פאַר'ן קאָנ-צערט, באַלד ווי דער „ווילנער באַלעבעסיל" איז אָנגעקומען אין ווארשא, איז ער געגאַנגען אַליין שפּאַצירען איבער די ווארשעווער גאַסען. ער איז געגאַנגען פאַרביי אַ רייכען פּאַלאַץ און האָט דערהערט שפּילענדיג פּיאַנאָ. ער האָט זיך אָבגעשטעלט, זיך צוגעהאָרכט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום שוויצער און געפרעגט: ווער שפּילט דאָס. „דעם גראַף פּאַסקעוויטשעס טאָכטער"—האָט דער שוויצער געענטפערט. „געה מעלד"—האָט געזאָגט דער באַלעבעסיל, אַז איינער וויל אַריין און דער שפּילערין עפּעס זאָגען. דער שוויצער האָט נאַטירליך בעקוקט

מיט בעוואונדערונג דעם מאָדנעם זשידאַק פון קאָפּ ביז די פיס און איז, פונדעסטוועגן, אוועק איבערגעבן די שליחות. לעווענשטיין איז געבעטן געוואָרן ארויפצוקומען אין הויז. די פוילישע געזעלשאַפט, וואָס האָט אויבן פערבראַכט מיט דער יונגער פאַניענקע, האָט זיך פון אָנהויב פערוואונדערט: וואָס קען דאָס זיין פאַר אַ זשידאָק? נאָר באַלד איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז דאָס האָט מסתמא גאָט זיי צו־געשיקט אַ יודעל אויף צו מאַכען מיט איהם שפּאַס. יואל דוד איז אריין און האָט פערלאַנגט צו זעהן די פאַניענקע אליין. דאָס האָט נאָך פרעהליכער געשטימט די קאַמפּאַניע פון די פוילישע אַדעליגע יונגע לייט. זיין בקשה האָט מען ערפילט. צו איהם איז ארויס די שפּילערין און פרעגט איהם, וואָס פערלאַנגט ער? ער האָט איהר ערקלערט, אַז געהענדיג פאַרביי האָט ער איהר געהערט שפּילען און בעמערקט אייניגע פעהלערען, וויל ער איהר אויף זיי אויפמערקזאַם מאַכען. די גאַנצע חברה האָט אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער און האָט באַלד גענומען אויסטראַכטען עפּעס אַ שטוקע, וואָס אָבצוטאָן דעם עזות׳דיגען, משוגענעם זשידאַק. נאָר די פאַניענקע איז געוואָרען רויט און האָט איהם פון העפליכקייט וועגען געפרעגט: וואָסערע פעהלערען? ער האָט געבעטען ערלויבנים צו זעצען זיך ביי דער פּיאַנאָ, וועט ער איהר וויזען. אָט דאָ איז די שטימונג פון די יונגע לייט נאָך פרעהליכער געוואָרען. מ׳האָט איהם געלאָזט שפּילען, און חברה האָט בעשלאָסען טאַקי דאָ, בשעת מעשה, ביים שפּילען אָבטאָן איהם אַ שפּיצעל.

אָבער דער באַלעבעס׳ל האָט נאָר גע׳דאַרפט בעריהרען די קלאַווישען און די גאַנצע געזעלשאַפט, איז, ווי פער׳כשופ׳ט, צו די ערטער צוגעשמידט געוואָרען, און די פאַניענקע איז אין אונמאַכט געפאַלען. פון דעמאָלט אָן איז דער באַלעבעס׳ל אָן אָפטער איינגעהער ביים גראַף פאַשקעוויטש געוואָרען, און שטונדען לאַנג פלעגט ער מיט דער פאַניענקע אין מוזיקאַלישע געשפּרעכען, אָדער אין שפּילען פער־ברענגען. ער פלעגט דאָס טאָן אָב׳גנב׳ענדיג זיך פון זיינע בעגלייטער, געהיים.

דער קלאַנג איז נאָך ווילנא געקומען, אַז עפּעס איז מיט׳ן

באַלעבעס׳ל ניט גלאַט. מ׳האָט איהם געשריבען, ער זאָל צוריק אַהיים קומען. אָבער ער האָט זיך ניט געאיילט... מ׳ווייס ניט געווי, וואָס צווישען איהם און פאָסקעוויטשעס טאָכטער איז פאָרגעקומען. נאָר פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו בעזוכען דעם גראַף. איין דעה וויל האָבען, אַז צווישען דעם יודישען חזן און דער גרעפין, וועלכע איז געווען זעהר שען און געראָטען און האָט בעזעסען אַ נשמה פון אַ קינסטלערין, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ראָמאַן. איהרע עלטערן און ארומיגע האָבען דאָס בעמערקט, מ׳האָט זיך בעמיהט צו פער׳מיאוס׳ן דעם „זשיד״ ביי דער יונגער גרעפין. דערמיט האָט זיך פעראייניגט די קנאה פון די קריסטליכע ארטיסטען, און, פיליכט נאָך מעהר, די אונרוהיגקייט פון די עלטערן און אייפערזוכט פון די אַריסטאָקראַטישע בעלנים אויף דער האנד און הארץ פון פאָסקעוויטשעס טאָכטער. דער באַלעבעס׳ל האָט בעמערקט אַ ענדערונג אין דער האַלטונג צו איהם פון די ארומיגע, איז ער געגנוג שטאָלץ געווען אום צו שוינען זיין ווערדע. ער האָט אויפגעהערט צו בעזוכען פאָסקעוויטשעס הויז. דער קוש פון דער יונגער גרעפין דעם באַלעבעס׳ל אויפ׳ן קאָנצערט, איז, פיליכט, געווען אַ דעמאָנסטראַציע געגען די פאָראורטיילען און דער בעליידיגענדער האַלטונג פון איהר געזעלשאַפט צו דעם געניאַלען יודישען קינסטלער. פיליכט איז דאָס אויך געווען אַן אויסברוך פון צערטליכער ליבע, וועלכע איהר פאַמיליע און זיינע ארומיגע האבען געוואָלט דערשטיקען.

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבען דעם ווילנער באַלעבעס׳לס טראַגעדיע, וועלכע ער האָט בעהאַלטען טיף אין זיין צאַרטער קינסט־לערישער נשמה, פון פרעמדע מענשען. אין ווארשוי איז ער ארויס־געטראָטען עטליכע מאָל. מ׳האָט איהם מיט בלומען פערוואָרפען, מיט פּרעזענטען פערשאָטען. די גרעסטע מאַגנאַטען האבען איהם צו זיך געלאַדען און גרויס כבוד איהם אָבגעגעבען. זיין איבערגעגעבענער פריינד און לעהרער מאַניושקאָ האָט פאָרבערייטונגען געמאַכט איהם נאָך אויסלאַנד אויסצוריכטען. די גאַנצע פּרעסע און געזעלשאַפט איז פול געווען מיט די וואונדערליכסטע מעשיות וועגען דעם בעצויבערנדען טאַלאַנט פון דעם יונגען ווילנער יודישער חזן. מ׳האָט איהם פאָר־

געזאָגט וועלטבעריהמטקייט, עשירות, גדולה, אונשטערבליכקייט.

נאָר אינמיטען אָט די אַלע רוישיגע געשפּרעכען אַרום זיין פּערזאָן, איז דער „ווילנער באַלעבעס'ל", פּלוצלונג, אַנשטאַט אין אויסלאַנד—צוריק נאָך ווילנא געפאָהרען. און דאָ זענען אויך די מעשיות ניט קלאָר. אַ טייל זאָגען, אַז שווער און שוויגער צוזאַמען מיט די ווילנער גבאים, וועלכע האבען ניט געוואלט אָנווערען אַזאַ טייערע כלי, האבען אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען איהם אָבצוהאַלטען פון אויסלאַנד. אַנדערע זאָגען, אַז ער אַליין האט ביי זיך ניט געקאָנט בעשליסען, און דערווייל נאָכגעגעבען. ווידער אַנדערע מיינען, אַז דער רעש'דיגער „קבלת פּנים" אין ווארשא, צו וועלכען דער שטילער, פּערטראַכטער, פרומער חזן איז ניט געוואוינט געווען, צוזאַמען מיט דעם אונגעוועהנליכען ראָמאַן, האָבען צו שטאַרק אויף זיין האַרץ און נשמה געווירקט, און זיין גייסט האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען דעם קאַמפּף צווישען צוויי וועלטען, וועלכע האָבען איינע די אַנדערע אין זיין שוואַכען בוזעם געשטורמט.

דער באַלעבעס'ל איז געבליבען חזן אין ווילנא. אָבער אינגאַנצען אומקעהרען זיך, צו דער אלטער וועלט האָט ער שוין ניט געקענט. צו ענג איז איהם געוואָרען, אי אין דער היים, אי אין שוהל. גראָד זענען איהם, מיט אַ קורצע צייט פריהער, זיינע צוויי קינדער, וועלכע ער האָט, ווי אַ צערטליכער פאָטער, היים געליבט,—געשטאָרבען. זיין ווייב איז איהם פריהער קיין פּאָר ניט געווען. איצט איז זי איהם געוואָרען אין גאַנצען פרעמד. ער האָט זיך געוואָלט מיט איהר גט'ן, דאָס האט געבראַכט צו גוואַלדיגע מחלוקת און סקאַנדאַלען. מ'זאָגט, אַז שווער און שוויגער האבען דעם דאַמאָלסדיגען גובערנאַטאָר אַריינגעמישט. ער האָט פערופען דעם באַלעבעס'ל צו זיך און איהם מיט זיין גובערנאַטאָר־מאַכט געדראָהט. נאָר לעווענשטיין איז שטאָלץ געווען. ער האט דעם גובערנאַטאר אַפילו אויסהערען ניט געוואָלט. „דו ביזט איינער אין אַ גובערניע", האָט איהם דער שטאָלצער קינסטלער געענטפערט, „און איך—אין צוואַנציג, און אפשר מעהר. איך האב פאַר דיר קיין מורא ניט". אַ טייל גבירים און אַנדערע שטאָדט-מענשען

האָבען געהאַלטען זיין צד, צווישען זיי אויך דער, אין יענער צייט, גרעסטער ווילנער גביר—דער בעריהמטער יוד'ל אָפּאַטאָוו. דער גט איז געשעהן. אָבער דער „באַלעבעס'ל האט שוין פון זיין פּוייהייט ניט געקענט פּראָפּיטירען. זיין שטילע, צאַרטע נשמה האָט ניט אויסגע־האַלטען און ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ מעלאַנכאָליע. דערזעלבער גביר אָפּאַטאָוו האט איהם נאכהער געהאַלטען ביי זיך. שטאָדט האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען איהם צו ראַטעווען. נאָר עס האט גאָר נישט געהאָלפען. איינזאם פלעגט דער „באַלעבעס'ל״ זיצען ביי זיך אין צימער אָדער געהן פערגייץ אין זייטיגע געסלעך אַליין. צייטענווייז פלעגט ער זיך פערטראַכטען און אָנהויבען ברומען זיינע ליבלינגס-נגונים, דאָן איז אין אַ מאָמענט, שוואַרץ געוואָרען, די גאַס אַרום זיין הויז פון מענשען, און די שטיינער פלענען פערגאָסען ווערען מיט טרערען. אַ מאָל פלעגט ער שטיל, אזוי ווי פאַר זיך, זיצענדיג אין וואַנע, אַ זונג טאָן דעם בעוואוסטען פּיוט „משוי ממים״, און, ווי צוגעצויגען פון אַ מאַגנעט, זענען שוין צעהנדליגע מענשען הינטער די ווענט, צופאַלען גע־וואָרען פון געוויין. זעלטען פלעגט טרעפען אין זיין קראַנקהייט איינצעלנע ליכטיגע מאָמענטען. דאַן האָט מען מיט אַלע מיטלען זיך געסטאַרעט אַריינצובעקומען איהם אין שוהל. נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען אַ „קדר״ ד. ה. אַ טאָטער מיט אַ געפלאָכטענעם בייטש. זיינע פריינד האבען געגלויבט, אז דער טאָטער מיט זיין שפּרוך און בייטש האבען די מאַכט אָבצואווענדען פונ'ם קראַנקען די „מרה שחורה״. כדי אינמיטען דאַוונען זאָל איהם ניט בעפאַלען די „מרה שחורה״, איז ביין עמוד נעבען איהם געשטאַנען דער קדר מיט'ן בייטש. אין די ליכטיגע מאָמענטען, בעזור־כענדיג זיינע פריינד און בעקאַנטע, פלעגט ער דאָרט, אזוי ווי אויפכאַפּען זיך און אַ זונג טאָן. דאַן האָבען זיך שוין אַרום יענער שטוב אויפגעמאַכט טיר און פענסטער, און מענשען זענען געשטאַנען אויף די קעפּ כאַפּען עפּעס אַ טאָן זיינעס. נאָר ווען ער האט בעמערקט די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיגע, פלעגט ער גלייך אויפהערען, און קיין מאַכט אין דער וועלט האט איהם ניט געקענט צווינגען, אָדער אפילו דורך געבעט ווירקען, ווייטער צו זינגען.

ווילנער האבען איהם ליעב געהאט, ווי טאטע און מאמע זייער געראטענעם איינציג קינד. ער איז געווען זייער צויבער, זייער טרייסט, זייער שמערץ, זייער לוסט. און איצט, ווען ווילנער רעדען וועגען „באלעבעס'ל" שפירט מען די זעלבע בענקשאפט און ענטציקונג, גלייך ווי ער וואלט נאך ערגעץ געלעבט, און מ'האפט, אז ער וועט נאך קומען. מ'האט בשום אופן זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז דער נאכטיגאל איז אויף אייביג פערשטומט. שטאדט האט זיך פיעל נער לאזט קאסטען. מ'האט דעם קראנקען געפיהרט אין אויסלאנד, אויסלאנד האט אויף איהם גוט געווירקט. ער איז בעסער געווארען. דאן האבען דאקטוירים געראטען ער זאל ארומפאהרען איבער דער פראווינץ, דאס וועט איהם צעשטרייען. דער מיטעל האט ווירקליך געהאלפען. דער באלעבעס'ל איז געזונד געווארען. צו ווילנא'ס פרייד איז קיין שיעור ניט געווען. נאר ניט לאנג האט זי געדויערט. עס האט זיך צונעטשעפעט צו איהם א האלז־שווינדזוכט. מ'איז געלאפען אין ווארשוי. דארט האבען אלע זיינע פערעהרער יודען, ווי קריסטען די וועלט איינגעלענט. אבער עס האט נישט געהאלפען. ער איז געשטארבען און מקובר געווארען אין ווארשוי—א יונגער מאן פון פיער און דרייסיג יאהר.

אט אזוי האט זיך געענדיגט די טראגישע לעבענס־קאריערע פון איינעם פון די מערקווירדיגסטע יודישע גאונים אין 19-טען יאהרהונדערט. א וואונדער איז, וואס ניט איינער פון זיינע צויבער־נגונים, נאך וועלכע יודען און קריסטען פלעגען אויסגעהן, איז ניט פערצייכענט אין נאטען. ווילנער יודען זאגען, אז עס זענען נאך ניט בעשאפען געווארען די נאטען, וואס זאלען קענען איבערגעבען דעם באלעבעסל'ס טענער. אבער אין אמת לעבען דעם „ווילנער באלעבעסל'ס" נגונים אין פאלק. אהן א נאמען, ווי גלגולים פון הייליגע נשמות בלאנדזשען זיי אום אין פאלק. אונבעוואוסטע חזנים, פאלקס־טאלאנטען, פלעבטען איין פונקען פון זיי אין זייערע נגונים, און ווען און וואו זיי קומען צום חארץ פון פאלק נעהמען זיי געפאנגען זיין נשמה, גיסען אין איהר הייליגע ענטציקונג.

דער „תקיף״.

דער מערקווירדיגסטער טיפּ פון אַ יודישען „תקיף״ אין פאָריגען יאָהרהונדערט, איז אָהן אַ ספק, דער בעריהמטער ווילנער גביר יודיל אָפּאַטאָוו. דאָס איז געווען אַ מענש, מיט דעם געבאָרענעם טאַלאַנט פון אַ קהל׳שען פיהרער. ער אַליין איז געווען אַ פּראָסטאַק, האָט גע־שטאַמט פון דעם נידריגסטען אָרימען קלאַס אין ווילנא, און נאָר אַ דאַנק זיין אונגעהייערער פּערזענליכער ענערגיע איז ער געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַזאַ גרויסע, בעריהמטע יודישע געמיינדע, ווי די ווילנער. פאר יודיל אָפּאַטאָוו האָט ניט בלויז געציטערט ווילנער יודישער קהל, פאַר איהם האט געהאַט דרך ארץ די ווילנער פּאָליציי, די נידריגע און די העכערע. יודיל אָפּאַטאָוו האָט קיינעם ניט געקענט פאָרשטעלען העכער און שטאַרקער פון זיך. עס געהט אין ווילנא אַ ווערטעל: „זיי קריגען זיך איבער יודיל אָפּאַטאָווס נאָז״. דאָס הייסט ניט, אַז יודיל אָפּאַטאָוו האט געהאַט אַ אונגעוועהנליכען נאָז. דאָס בעווייזט נאָר, אַז ניט בלויז יודיל אָפּאַטאָווס פּערזענליכקייט איז געווען אַ טעמא פאר אונענדליכע געשפּרעכען ביין ווילנער עולם, נאָר זיין גאַנצע פיגור איז געווען צוגלידערט: מען האָט גערעדט וועגען זיין נאָז, וועגען זיינע אויגען זיינע ליפּען, וועגען זיין יעדען קעהר און ריהר. קורץ: אי

ביי זיין לעבען, אי נאָך יעצט, אפילו, פינף און דרייסיג יאָהר נאָך זיין טויט *) איז ער געווען און געבליבען דער העלד פון לעגענדעס און מעשיות, אנעקדאָטען און וויצען אָהן אַ צאָהל, ווי דאָס איז זעלטען געווען דער פאַל מיט אנדערע אנטיקען, וואָס ווילנא האָט גענוג געהאַט.

יודיל אָפּאַטאָווס פריהסטע יוגענד, איז בעדעקט מיט אַ וואָל־קען פון לעגענדעס. מען זאָגט, אַז, אלס יונגעל, איז ער געווען אַ שטיוועל־פוצער, אַ פּראָפעסיאָן, וואָס איז שוין לאַנג פערשוואונדען אין דער ליטא, איז אָבער, גאָר אַמאָל געווען שטארק אין דער מאָדע. ער איז געשטאַנען—זאָגט מען—אויפ'ן שוהל־הויף מיט אַ בענקעל, אַ בערשטעל און אַ פושקע שוה־וואקס, און האָט, פאַר אַ קאָפּיקע, געפוצט די שטיוועל יעדען איינעם, וואָס האָט פערלאַנגט. וואָסערע מדרגות יודיל אָפּאַטאָוו איז דורכגעגאַנגען פון אַ שטיוועל־פוצער ביז אַ פּאָדראַטשיק, ווייס קיינער ניט. נאָר מען ווייס, אַז ער איז פּלוצלונג געוואָרען אַ גביר. און ניט פּשוט אַ גביר, נור אַ גביר מיט אזא שטאַט, וואָס פאַר איהם, און נאָך איהם, האט קיינער אין ווילנא ניט געזעהן: מיט איינענע פערד און קאַרעטען, מיט לאַקייען און שווייצארען ביי דער טיר. אָהן אַ דאָקלאַד ד. ה. אהן אַ פריהערדיגע מעלדונג, האט קיינער צו איהם ניט געקענט אריינקומען. דאָס איז געווען מיט 60—50 יאָהר צוריק, ווען קיין איין ווילנער יודישער גביר איז נים איינגעפאַלען צו לעבען מיט אזא שיק. און דאָך האָט קיינער ניט געוואוסט, צי יודיל אָפּאַטאָוו איז ווירקליך אַ גביר. אַ סך מיינען, אַז כאָטש ער האט זיך אויפגעפיהרט פירסטליך, האָט ער קיין איינענס ניט געהאַט אפילו אַ קאָפּיקע. עס איז זאָגאר ביז היינטיגען טאָג אַ סוד, מיט וואָס יודיל אָפּאַטאָוו האָט זיך בעד־שעפטיגט. נור איינינע גיבען זיך איבער בסודי סודות—אזוי ווי זיי וואָלטען נאָך איצט מורא האָבען פאַר איהם—אַז דער ווילנער „תקיף" האָט פּשוט געהאַנדעלט מיט פאַלשע פּאַפּירענע געלד. די קלאַנגען זענען געגאַנגען נאָך פאַר זיין לעבען, און מען זאָגט, אַז וויפיל מסירות

---

*) געשריבען אין 1909

יודיל אָפּאַטאָוו האָט אויף זיך ניט געהאַט, האָבען די מסירות און רעוויזיעס קיינמאָל גאָר נישט ארויסגעבראַכט. וואָרום יודיל אָפּאַטאָוו — אַזוי זאָגט די לעגענדע — האָט געהאַט פאר זיינע פאַלשע געלד דעם זיכערסטען אָרט, וואָס קאָן נאָר געבען. מען האָט זיי פערקויפט אין „קאַזנאַטשייסטווא" (קרויז־קאַסע) גופא.... און צוליב אָט די „ביזנעס" האָט טאַקע יודיל אָפּאַטאָוו געהאַט בעקאַנטשאַפט אין הויכע, גאָר הויכע פענסטער. די אָרטיגע נאַטשאַלסטווא איז פאַר איהם געוועזן בטל. ער איז געווען פערבונדען דורך זיינע „ביזנעס" מיט די גרעסטע לייט אין פּעטערסבורג. ווי ווייט יודיל אָפּאַטאָוו'ס תקיפות האָט דערגרייכט, ווייזט דער פאקט, אַז אויף זיין „אָרדער" האָט מען געשמיסען אין דער פּאָליציי יעדערן, אויף וועמען ער האָט נאָר אָנגעוויזען. איז ער געווען אויף איינעם אין כעס האָט ער געשיקט צו דער פּאָליציי אַן „אָרדער" אויף יענעם'ס נאָמען. גלייך האָט מען יענעם צוגענומען אין צירקעל און מ'האָט איהם דאָרט „אריינגעשאָטען" אַזוי פיעל, וויפיעל יודיל אָפּאַטאָוו האָט געהייסען. אַמאָל, דערצעהלט מען, איז יודיל אָפּאַטאָוו אין כעס געוואָרען אויף זיינעם אַ יודישען משרת, ער האָט איהם געגעבען אַ צעטעל און געהייסען אװעקטראָגען אין פּאָליציי־הויז. דער משרת איז אָבער ניט געווען קיין נאַר. און האָט זיך אָנגעשטויסען, מיט וואָס דער „צעטעל" שמעקט. ער האָט בעגעגענט אין גאַס אַ בעקאַנטען, געגעבען איהם עטליכע קאָפּיקעס און געבעטען — אַזוי ווי ער אַליין איילט זיך ערגעץ אין אַ שליחות — אריינצוטראָגען דעם צעטעל דערביי אין צירקעל. קוים האָט מען אָבער דעם צעטעל געעפענט, האָט מען דעם ארימען יודען געכאַפּט און גלייך „מכבד" געווען, אקוראַט נאָכ'ן „אָרדער". יענעם'ס ווייב איז געקומען מיט אַ געשריי צו יודיל אָפּאַטאָוו, וועלכער האָט זיך שוין פריהער אָנגעשטויסען, אַז די מעשה איז אריבער ניט גלאַט, ווייל דער משרת האָט ניט בלויז ניט אויסגעזעהן, ווי אַ געשטראָפטער בעל תשובה, נאָר אויף זיינע ליפּען האָט נאָך געשוועבט אַ ביטרער שמייכעל. אָפּאַטאָוו האָט איהם אָבער מעהר גאָר נישט געטאָן. דער איינפאַל איז איהם געפעלען געוואָרען, און דער משרת איז געווען ביי איהם דערפאַר

אויסגענומען.

נאָך מעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר יודיל אָפּאַטאָוס „תקיפות“ איז ווייטערדיגער פאַקט, וואָס אַ סך ווילנער עלטערע יודען געדענקען. יודיל אָפּאַטאָוו איז געפאָהרען אין זיין פאַעטאָן מיט זיינע לאַקייען איבער ווילנער גאַסען. ערגעץ אין אַ ענגער געסעל האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס איז געפאָהרען דער פּאָליציימייסטער.

— שטעה—ווער איז דאָרט? האָט יודיל אַ געשריי געטאָן—לאָז דעם וועג.

— שטעה! ווער איז דאָרט? האָט דער פּאָליצמייסטער אויס־געשריען,—פערקעהר זיך אָן אַ זייט.

— קאָק סמייעש? ווי אַזוי וואַגסטו? האָט יודיל אַ דונער געטאָן, אַרויסשפּרינגענדיג פון פאַעטאָן!

— זשיד! האָט דער פּאָליצמייסטער איהם אבגעדונערט צוריק.

— חזיר! האָט יודיל אַ שניט געטאָן און האָט דערלאַנגט דעם פּאָליצמייסטער צוויי פלאַמעדיגע פעטש, געזעצט זיך געלאַסען אין זיין קאַרעטע און געהייסען זיין קוטשער פאָהרען.

מאָנאַטען לאַנג האָט געשטורמט ווילנא מיט דער דאָזיגער געשעהניש. עס זענען געפלויגען עסטאַפעטען פון ווילנא אין פעטערבורג, פון פעטערסבורג אין ווילנא. נור געענדיגט האָט זיך מיט גאָר נישט. יודיל איז געפאָהרען אין פעטערבורג און עס איז געוואָרען רעכט.

פעטש האָט יודיל אָפּאַטאָוו ניט געזשאַלעוועט, אַפילו אין די שפּעטערדיגע יאָהרען, ווען אַרויסגעבען אָרדערס אויף שמיץ האָט מען שוין ניט געקענט. עס איז געווען אין ווילנע אַ פּאָעט משה האַשקעס. ער האָט געשריבען פון ווילנע קאָרעספּאָנדענצען אין „המליץ“. אין איין קאָרעספּאָנדענץ האָט ער קריטיקירט יודיל אָפּאַטאָוו. אין ווילנע איז דאָן אַ קאָרעספּאָנדענט געווען קענטיג. משה האַשקעס האָט יעדער ווילנער יוד געקענט. פון דער קריטיק האָט מען גערעדט אין גאַנץ שטאָדט. דאָס איז געווען אַ גרויסע וואָג־שטיק צו „בעשרייבען“ אויפ׳ן „בלאַט“ דעם פורכטבאַרען „תקיף“.

אַמאָל האָט יודיל אָפּאַטאָוו בעגעגענט משה האַשקעס אין

גאַס. ער האָט איהם אָבגעשטעלט.

— קום אַהער, דו, שרייבעריל. דער „קריטיקער" האָט זיך אָבגעשטעלט און געקוקט שטאָלץ אויף זיין „בעל חבר". אַרום איז באַלד געוואָרען אַ רעדעל.

— דאָס האסטו מיך קריטיקירט אויפ'ן בלאַט?

— אפשר ניט אמת? האָט געזאָגט דער „עזות פנים".

— דו ווייסט אָבער, אַז איך קען אויך קריטיקירען?

— איהר?! און משה חאַשקעס האָט פערביסען אַ שמייכעל אויף זיינע ליפּען.

ניט בלויז ער, נאָר גאַנץ שטאָדט האָט געוואוסט, אַז יודיל אַפּאַטאָוו איז אַן „עם הארץ", קען מיט צרות חתמ'ענען זיין נאָמען.

— יע איך!... האָט יודיל אַפּאַטאָוו געענטפערט, און אַראָבגעלאָזען חאַשקעס'ען צוויי פּעטש מיט זיין אייזערנער האַנד.

אָט דאָס איז יודיל אַפּאַטאָוו'ס קריטיק—האָט ער קאַלטבלוטיג בעמערקט און איז אַוועק רוהיג זיין וועג.

יודיל אַפּאַטאָוו איז בטבע ניט געווען קיין „קמצן". ער האָט געגעבען אַ סך געלד אויף קהל'שע זאַכען. נאָך גבאות און כבוד האָט ער זיך ניט געיאָגט. ער איז געווען צו הויך, צו פיעל „תקיף" איהם זאָל צופרידען שטעלען אַ פּעטע „עליה" אין שוהל און נאָך אַזעלכע כבודים, נאָך וועלכע עס יאָגען זיך קליינע ברואים.

אויף ווילנער יודישע קהל-פיהרער האָט ער געקוקט מיט פעראַכטונג און פלעגט זיך אָפט אויסדריקען וועגען זיי גראָב. אויפ'ן שטויגער פון געוועזענעם שטיוועל-פּוצער. די דאָזיגע בעציהונג זיינע צו „קהל" כאַראַקטעריזירט אַ פאַקט, וואָס איז מעהר עהנליך צו אַן אַנעקדאָט, פון וועלכען ווילנא האַלט זיך נאָך היינט אין די זייטען פון געלעכטער.

עס איז אַמאָל געגאַנגען עפּעס אין אַ נצחון צווישען דעם „תקיף" און „קהל". אַפּאַטאָוו האָט עפּעס געהייסען „אַזוי זאָל געטאָן ווערען". קהל האָט דאָס ניט געקענט, אָדער ניט געוואָלט דערלאָזען. אימיצער האָט בעמערקט דעם „תקיף":

— וואָס וועט ד׳רויף זאָגען ווילנא?

— ווילנא!? האָט דער תקיף אויסגעשריען, זאָל מיר גאַנץ ווילנא... דערביי האָט ער געזאָגט אַ ווערטעל, וואָס איז ניט בעקוועם צו ברענגען אין דרוק.

דאָס ווערטיל, איז, ווי אויף פליגלען, אין איין מאָמענט, צוטראָגען געוואָרען איבער׳ן גאַנצען שטאָדט. קהל האָט זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט. ס׳איז געבליבען, מען זאָל אזא גראָבקייט דעם „תקיף״ ניט שענקען. אָבער וואָס טוט מען? וואָס קען מען געגען איהם טאָן? מ׳האָט גערופען „מאָטקע כאבאד״, און ער האָט זיך שוין אָנגענומען פאַר אַ פאָר רובל, אָבצורעכענען זיך מיט׳ן גראָבען יונג, אויף זיין, מאָטקע כאבאד׳ישען, שטייגער.

אויף מאָרגען נאָך מיטאָג, ווען דער מורא׳דיגער „תקיף״, האָט, ווי זיין שטייגער, געכאַפּט אַ נאָכ־וואָרמעסדיגען דרעמיל, איז אַריינגעלאָפען צו איהם אין קיך, אַ פערסאָפּעטער, אָהן אָן אָטעם, מאָטקע כאבאד. די דינערשאַפט האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איהם:

— וואָס איז רב מאָטקע?

— גיכער... וואו איז רב יודיל... קהל האָט מיר געשיקט... מ׳זיצט אין קהל־שטיבעל...

— ער שלאָפט האָט מען איהם געמעלדעט.

— גיכער... קהל... וועקט איהם אויף!.. האָט מאָטקע געסאָפּעט.

— וואָס זייט איהר, משוגע, רב מאָטע?...

די שטוב לייט האָבען משונה׳דיג אויף איהם אויסגעשטעלט די אויגען. פון מאָטקע כאבאד איז ווירקליך געוועזן אַ משוגעת. גאַנץ שטאָט האָט געוואוסט, אַז ווען יודיל אָפּאַטאָוו שלאָפט נאָך וואָרמעס, טאָר מען איהם ניט וועקען, עס מעג אונטערגעהן די וועלט. און ווער עס האָט געוואַגט צו שטערען איהם פון זיין שלאָף, איז שוין קיין גאַנצער פון זיין גראָבען שטעקען ניט אַרויס. נור מאָטקע איז ניט אָבגעשטאַנען.

— איך זאָג אייך: קהל... עקסטרא... סכנות נפשות... מ׳האָט מיך געשיקט צו רב יודלען... איך זאָל ניט אָבטרעטען... מ׳וואַרט אין קהל־שטיבעל... איך מוז זעהן רב יודלען... סכנות נפשות...

אלע אין שטוב זענען געוואָרען פארציטערטע: די מענשען, די ווייב און די קינדער.

— זאָגט וואָס, רבי מאָטע, וואָס איז געשעהן?

— איך קאָן ניט, האָט מאָטע נאָך אַלץ געסאַפּעט,—נור איהם אַליין... אַזוי האָט מיר קהל געהייסען...

מ׳האָט נאָר נישט געקאָנט מאַכען. די ווייב האָט זיך איינגע־שטעלט אין סכנות און איז געגאַנגען וועקען דעם „תקיף״.

אין אַ מינוט אַרום איז יודיל אַפּאַטאָוו אַריינגעלאָפען ניט טויט, ניט לעבעדיג, אין שלאָפראָק, אַ צעטומעלטער, אַ צעשראָקענער...

האַ!... וואָס איז געשעהן? פרעגט ער בלאָנדזשענדיג ווילד מיט די אויגען אין אַלע זייטען.

— רבי יודיל — האָט מאָטקע געשטאַמעלט, צונויפגעצויגע בלומרשט פון שרעק: קהל האָט מיך געשיקט צו אייך... עקסטרא... מ׳האָט זיך אויפגעקליבען אין קהל־שטיבעל...

רייד! וואָס איז? ווערטער! האָט יודיל געשריען אַלץ מעהר צעשראָקען און ברענענדיג פאַר אונגעדולד.

מאָטקע האָט געשטאַמעלט מיט אַ בלומרשט פערצווייפעלטער שטים: קהל האָט מיך געשיקט... פרעגען... אַנטקעגען דעם, הייסט דאָס, וואָס איהר האָט נעכטען געהייסען... גאַנץ ווילנא... ווייס ניט קהל... צי מיינט איהר: מיט סניפּישאָק צי אָהן סניפּישאָק?...

אַפּאַטאָווען האָט זיך געוואָלט ווערען אַ מחותן מיט דעם נגיד פּאַרנעס, דעם גרעסטען יחסן פון ווילנא. פּאַרנעס האָט אַרויסגעטרי־בען דעם שדכן, וואָס האָט איהם פאָרגעלעגט ווערען אַ מחותן מיט דעם געוועזענעם שטיוועל־פוצער, אָבער דער ווילנער „תקיף״ האָט געזאָגט, אַז ער מוז ווערען אַ מחותן מיט דעם גרעסטען ווילנער יחסן. און ער האָט אויסגעפיהרט. פּאַרנעס איז געווען אַ פּאָדראַטשיק. האָט יודיל אַפּאַטאָוו גענומען קאָנקורירען מיט אַלע זיינע פּאָדראַדען. אין עטליכע יאָהר צייט איז פּאַרנעס געוואָרען אָן אָרימאַן. דאַן האָט ער דעמזעלבען שדכן, וואָס ער האָט פריהער אַרויסגעטריבען, אויפגענומען מיט כבוד, און פּאַרנעס׳ זוהן איז געוואָרען יודיל אַפּאַטאָוס איידים.

אז אנטאָקאלסקי, דער קינסטלער, איז געוואָרען בעריהמט; ער האט געהאט צו טאָן מיט פירשטען און מאגנאטען, און ווילנא האט געהאט דורך איהם גרויס כבוד, האט יודיל אָפּאַטאָוו געזאגט, אז ער איז פאר איהם א גוטער חתן, פאר זיין טאָכטער. און אזוי איז געווען. דער וועלט־בעריהמטער בילד־שניצער אנטאָקאלסקי איז געוואָרען זיין, יודיל אָפּאַטאָווס, איידים.

דער ווילנער תקיף האט געפיהרט א פרייען שטאַט, בשעת מען האט נאָך אין ווילנא פערפאָלגט פאר אַן אפּיקורסיש ביכעל.

ער האָט געהאלטען צו זיינע קינדער פאר א לעהרער דעם בעריהמטען העברעאישען דיכטער מאפו, וועלכען ער האט אָבער מכבד געווען מיט א שטעקען, און יענער איז קוים, מיט די ביינער, פון איהם אנטלאָפען. דערפאר האט מאפו, שפּעטער, ארויסגעשטעלט דעם תקיף פאר דעם העלד אין זיין בעריהמטען ווערק „עיט צבוע“.

דער לעצטער יודישער פריץ.

בעקאנט געוואָרען בין איך מיט איהם, מיט'ן לעצטען יודישען פריץ, מיט יאָהרען צוריק. און דאַן האט ער אויף מיך אַ שטארקען איינדרוק געמאכט. זינט דעמאָלט האב איך איהם ניט געזעהן. איך האָב אויף איהם פערגעסען.

דערמאָהנט האָב איך זיך אויף איהם צופעליג. איך בין פארביי געפאָהרען, אויף מיינע רייזען איבער יודישע שטעדט און שטעדטלאך, פארביי יענע פעלדער און וועלדער, וואו איך האָב זיך, אין מיין יוגענד, מיט איהם בעגעגענט. בין געוועזן ניט ווייט פון יענעם שטעדטעל, וואָס האָט איהם, דעם לעצטען יודישען פריץ, געבאָרען, און וואו ער האָט דאַן, ווי מ'האָט מיר געזאָגט, דערלעבט זיינע לעצטע יאָהרען.

די אומשטענדען האָבען מיר אָבער ניט ערלויבט אָבצושטעלען זיך דאָרט און זעהען זיך מיט איהם. דער צוג האָט מיך שנעל אַוועקגעטראָגען ווייטער און ווייטער פון איהם. אָבער פערגעסען האָב איך איהם שוין ניט געקענט. אַ לאַנגע צייט האָב איך געטראַכט וועגען איהם, ביז אַנדערע מענשען און אַנדערע געדאַנקען האָבען איהם ווידער ארויסגעשטויסען פון מיין זכרון.

אַ פּאָר יאָהר זענען אַוועק. איך האָב אַן איהם אין גאַנצען פערגעסען. ביז אַ צופאַל, גאַנץ אונערוואַרט פאַר מיר, האט מיך, אין אַן אַנדער אָרט, ווייט, ווייט פון יענע וועלדער און פעלדער, ווייט פון

יענער רוהיגער, שטילע, אָבגעלעגענער ליטווישער שטעדטעלע, געבראַכט נאָהענט צו... זיין קבר.

דאָס איז געווען אין אַ פּויליש יודיש־פאַבריק שטעדטעל. דאָס שטעדטעל איז אַ ניי מאָדיש: דריי פערטעל—פערבויט מיט הויכע קוימענס, ברייטע גאַסען, אַלעען, גלאַטע אַספאַלטענע טראָטואַרען, שענע פּערפּוצטע מויערן, נאָכ׳ן וואַרשעווער סטיל, עלעקטרישע בעלייכטונג און נאָך אַזעלכע בעקוועמליכקייטען פון אַ אינדוסטריעלען צענטער. אָן אַ זייט, אָבער פון שטעדטעל, אין אַן עק, טוליעט זיך ענג דאָס אַלטע שטעדטעל מיט זיינע איינגעהויקערטע, צוקרימטע נידריגע הילצערנע הייזלעך מיט צעבראָכענע שינדעל־דעכער... דאָ לעבען די פּראָלעטאַריער, די יעניגע, וואָס שטעלען צו „הענד“ פאַר יענע הויכע פּראַכטפאָלע געביידעס מיט די סך פענסטער, מיט קליינינקע שייבעלאך. האַרט דערביי איז אויך דער בית עולם פונ׳ם שטעדטעל. דאָ זענען די מתים־הייזלעך און מצבות, אויך אַזוי אָרים, עלענד, אויפגעשטיקט אין איין קופּקע, ווי די וואוינונגען פון די לעבעדיגע, דאָרט, אביסעל העכער. איבריגענס זענען די איינגעפאַלענע און צו דער ערד געבויגענע, אָדער אין דער ערד איינגעזונקענע שטיבלאַך און מצבות געווען בלויז עטליכע. דער איבריגער פּלאַץ פונ׳ם „בית חיים“ איז געווען פּשוט פאַרזייט מיט אַלטע, האַלב צעבראָכענע, האַלב צעפוילטע מיט מאָך בעוואַקסענע ברעטלאַך, אויף וועלכע די אויפשריפטען זענען שוין לאַנג אָבגעמעקט געוואָרען דורך דער גרויזאַמער האַנד פון דער צייט. יענע שטעדטעל פון די הויכע קוימענס מיט די אַלעען, מיט די שענע מויערן, עלעקטרי און טעלעפאָן האָט נאָך ניט געהאַט דאָ איהרע פאָרשטעהער. דאָרט איז נאָך אַלץ יונג, האַלט אין רעכטען לעבען, שטרעבען און האַבעוועז,

נאָר איין קבר האָב איך בעמערקט אין אָט דער קופּקע ענג אָנגעוואָרפענע, פון מאָך פערגרויטע ברעטלאַך און מצבות, וואָס איז געווען אינגאַנצען אַ קאָנטראַסט צו דער אַרומיגער עלענדער און פערלאָזענער מתים־שטעדטעל. אויפ׳ן קבר איז שטאָלץ געשטאַנען אַ שענע, אַ טייערע מצבה מיט פריש אויסגעהאַקטע מיט גאָלד בעפאַרבטע

בּוכשטאַבען: „פּה נקבר... אָט דאָ איז מקובר געוואָרען״...

איך האָב איבערגעלעזען דעם נאָמען. ער איז מיר געווען זעהר בעקאַנט. איך האָב נאָכגעפרעגט ביי מיין בעגלייטער, און דער געדאַנק, וואָס האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין מוח, באַלד ווי איך האָב איבערגעלעזען די אויפשריפט, האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר ריכטיג: דאָס איז געווען דער קבר פון דעם לעצטען יודישען פּריץ.

ווי קומט ער אַ הער? אָט דער שטאָלצער פאָרשטעהער פון דעם אָבגעלעבטען יודישען פּריצים־שטאַנד? וואָס פאַר אַ שיקזאל האָט איהם אויסגעריסען פון זיינע פעלדער, סטאַינעס, פּאַרניקעס, פּאַראַב־קעס, און אַלטע פּריצישע פּאַקאָיעס, דארט, טיף אין דער ליטא, און איהם פערוואָרפען אַ הער אין דאָס פּוילישע פּאַבריק־שטעדטעל, אין דעם „תוהו ובהו״ פון רויך, עלעקטרי און פּראָלעטאַרישע „הענד״.

ביז וואַנען איך האָב בעקומען אַן ענטפער אויף מיינע שאלות האָב איך געגנוג צייט געהאַט צו דערמאָהנען זיך די פערגאַנגענהייט פון דעם דאָזיגען מערקווירדיגען טיפּ. בשעת איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען, איז ער געווען אַ יוד נאָהענט צו זיבעציג. גרייז־גראָה, אָבער, נאָך דעמאָלט, הויך, ברייט־שולטערדיג און שטאַרק, ווי אַ דעמב. זיין טראָט—אייזענפעסט, זיין וואָרט געצעהלט, זיין בליק—אָדלער־שאַרף און פירשטליך־בעפעהלעריש. עטוואָס מאַיעסטעטישעס איז געווען אויסגעגאָסען אין זיין גאַנצער פיגור, און בשעת מ׳האָט איהם צוגע־געפיהרט זיין ליבלינגס־פערד, און ער האָט זיך שטאָלץ און זיכער געזעצט אויף איהם רייטען, האָט ער דאַן אויסגעזעהען, ווי אַ פעלד־מאַרשאַל, וואָס האָט צו קאָמאַנדירען איבער אַ גאַנצע ארמעע.

נאָך דאַן איז ער געווען אַ בילד־שענער מאַנספּערזאָן. נאָר אין דער יוגענד—זאָגט מען—איז ער געווען שטאַרק עהנליך צו ניקאָלאַי דעם ערשטען. און מ׳האָט איהם טאַקע גערופען: „ניקאָלאַי״.

די ביאָגראַפיע פון אָט דעם יודישען פּריץ, איז ניט ווייניגער מערקווירדיג, ווי ס׳איז געווען זיין אויסערליכע פּאָסטאַציע. געבאָרען אין אַ קליין שטעדטעל אין מינסקער גובערניע, אין זעהר אַן ארימער פאַמיליע, האָט ער זיך, אַלס יונגעל, געמוזט לערנען פאַר אַ שוסטער.

דער שוסטער־בענקעל איז אָבער געווען צו קליין פאר זיינע אונגעהייערע אונטערנעהמונגס־פעהיגקייטען. אי גיכען ווארפט ער דעם אָהל און קאפיל און לאָזט זיך צום ניעמאן—די דאָזיגע טייך, וואס איז געווען די שפּייזערקע פון טויזענדער יודישע פאמיליעס און אסך פון זיי עשירות געגעבען.

פון אָנהויב לאָזט ער זיך מיט די שיפען, אלס פשוט׳ער טאָג־ארבייטער קיין אויסלאנד. דערנאָך הויבט ער אָן אונטערצוהאנדלען מיט קאָנטראבאנדע. דערנאָך פיהרט ער שוין אליין שיפען מיט געטריידע קיין „גינספעריק״, ס׳הייסט: קיין קעניגסבערג, און לייפּציג. פריהער, אלס אָנגעשטעלטער, פון א פוילישען פריץ. דערנאָך אלס שותף זיינער, און שפּעטער—אלס יורש פון זיינע גיטער, וועלכע יענער האָט פערשכורט. דערנאָך, ווען די באהנען האבען דערשלאָגען דעם געטריידע־האנדעל, האָט ער, דער יודישער פריץ, א טייל פון זיין קאפּיטאל אריינגעלעגט אין די בענק, א טייל אריינגעטאָן אין די באלעבאטישקייט פון זיין „פּאָסעסיע״, און דער פריהערדיגער באלעבאָס פונ׳ם הויף, דער פוילישער פריץ, האט ביי איהם א פענסיע בעקומען און זיינע קינדער געניאנטשעט. צוליב דעם האָט דער יודישער פריץ זיין גאנצען לעבען געטראָגען די פאמיליע פונ׳ם פוילישען פריץ וועמען ער האָט גע׳ירש׳ענט.

דאָס הויפּט כאראַקטעריסטישע פונ׳ם יודישען פריץ איז געווען —זיין איינגעבאָרענער שטאָלץ. דאָס איז געווען דער שטאָלצעסטער יוד, וועמען איך האָב געקענט. כאָטש ער איז געווען אן אויפגעקומענער נגיד און א פּראָסטער, (האָט קוים געקענט דעם „הצפירה״ לייענען) דאָך איז אין זיין האלטען זיך ניט געלעגען קיין פוסטע אָנגעבלאָזענקייט, נאָר א נאטירליכער בעוואוסטזיין פון א שטארקען ווילען, פון א „סעלף־מעיד־מען״, א מענש וואָס האט אלעס אליין זיך צו פארדאנקען.

אין אמת האבען איהם אלע ארומיגע יודישע פּריצים גענומען פאר א מוסטער, סיי אין געשעפטליכע, סיי אין הויזליכע פיהרונגען. ביי זיך אין הויז איז ער געווען א אונבעשרענקטער זעלבסטהערשער. אלעס אין שטוב און אין הויף האט געציטערט פאר זיין בליק. ריידען

האט ער ניט געדאַרפט. ער האט בכלל ווינציג גערעדט. אַלץ—פון די פּאַראַבקעס ביז דער אייגענער ווייב און קינדער און אייניקלאַך—האָט געהאַט פאַר איהם אַבשיי, געמישט מיט שרעק. אַז ער פלעגט דורכ־נעהן אין הויף, צי אין שטוב, האָט זיך אַלץ געשטעלט פאַר איהם, אפילו די ווייב. ריידען עפּעס איהם אנטקעגען האָט קיינער ניט געוואגט. און דאָס איז געווען ניט דורך זיין שטרענגקייט, נאָר דורך דער הויכער מאכט פון זיין שטעל, פון זיין בעפעהלעריש-מאַיעסטעטישער פיגור, פון זיין בליק אַליין.

אַ יודען האָט דער יודישער פּריץ ניט ליעב געהאַט. זיינע יודישע אָנגעשטעלטע (אַ פּאָר יודען—אַ פאַקטער און אַ עקאָנאָם, האָט ער געמוזט האָבען אין זיין הויף), אפילו זיין אייגענעם ברודער—אַ גרויסער למדן—וואָס איז געווען ביי איהם אַ בוכפיהרער, האָט ער בעהאַנדעלט כמעט מיט פעראַכטונג. און דאָס איז געווען ניט אַזוי פון שלעכטקייט, נאָר ווייל זיי, די יודישע מענשען, האָבען זיך מעהר פון די גויים, געבויגט און געציטערט פאַר איהם. דערפאַר האָט ער רעספּעקט געהאַט פאַר דעם, וואָס האָט געהאַט שטאָלץ און מוט צו שטעלען זיך איהם אנטקעגען.

ביי דעם יודישען פּריץ איז געווען, ווי ביי אַלע יודישע פּריצים —אַ פּאַרניק, אַ סטאַניע, אַ קוה־שטאַל, אַ שטוב פאַר פּאַראַבקעס, אַ באָנדאַרניע, אַ סטאָליארניע, אַ בעזונדער שטיבעל פאַר'ן רבי'ן און לעהרער, דאָרט איז שבת אויך געווען אַ מנין, וואוהין עס פלעגען זיך צונויפקומען פון די אַרומיגע נאָהענטע ישובים די עטליכע יודען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, און פלעגען דערפאַר, אַלע שבת נאָכ'ן דאַווענען, איינגעלאַדען ווערען אין די „פּאָקאָיעס" אויף לעקאַך און בראַנפען.

כמעט יעדען טאָג זענען ביין יודישען פּריץ געווען אורחים. דאָ פלעגט קומען אַ רב מיט אַ חבור; דאָ אַ מגיד; דאָ גלאַט אַ שענער יוד אויף „הכנסת כלה", דאָ אַ משולח פון אַ ישיבה. די אַלע מהודר'דיגע אורחים פלעגט מען לאַדען צום טיש. יעדער פון זיי פלעגט דאַרפען זאָגען תורה, אויף וועלכע דער יודישער פּריץ איז ניט געווען אַ שטאַרקער מבין און ליבהאָבער. אַזוי איז שוין אָבער געווען דער מנהג. נאָך דער תורה פלעגט זיך געוועהנליך דער יודישער פּריץ נאָכפרעגען ביי די אורחים:

וואָס טוט זיך ביי די אנדערע יודישע פּריצים. די אורחים זענען, אויף אזא נ׳אויפן, געווען א מין לעבעדיגע פּאָצט פאר די יודישע הויפען. דורך זיי פלעגט אויך דער ישוב-מענש, דער יודישער פּריץ, זיך דער־וויסען, ווי לעבט דער און יענער רב, און וואָס ס׳הערט זיך גלאט אויף דער ווייסער וועלט. גאָר די „סמעטענע״ פון די אורחים פלעגט דער פּריץ, נאָכ׳ן עסען, אריינרופען צו זיך אין חדר. דאָס איז געווען איינע פון די גרויסע זכיות.

ניט געהויבענע אורחים, א שטויגער, ווי: מלמדים, פּשוטע בעל דרשנ׳ס, סתם שנאָרער, קבצנים, דורכגעהער, פּאַקענטרעגער, קאַראַ־בויניקעס, קאַטערינטשיקעס פלעגט מען געבען עסען אין קיך, ערלויבען צו נעכטיגען, און אויף מאָרגען עפּעס געבען אין האנד. ניט געגעסען און מיט ליידיגען פלעגט קיינער ניט אוועק. די געהויבענערע פלעגט מען, נאטירליך, א חוץ א שענער נדבה, יעדערן נאָך זיין גראד, אָב־שיקען צו דער סטאנציע, אָדער צו דער נאָהענטסטער שטעדטעל אויף א הויפישען פערד.

ווען אזעלכע געסט, א שטויגער, ווי א פּאַקענטרעגער, א קאַראַ־בייניק, א יוד מיט ים-חזירלאַך און מזל-צעטעלאַך, א קאַטערינשטשיק, זענען ביים פּריץ אליין ניט געווען קיין מהודר׳דיגע געסט, פלעגען זיי אָבער שטארק חן האָבען ביי דעם פּריץ׳ס קינדער און אייניקלאַך, און סתם אין הויף. מ׳פלעגט מיט זיי פערברייננגען גאַנצענע אָוונדען, איבערהויפּט אין די ווינטער-נעכט, וואָס זענען אזוי לאַנגווייליג אויפ׳ן ישוב. אזוינע אורחים איז מען געווען זעהר גערן, ווייל דורך זיי פלעגט מען וויסען, וואָס ס׳טוט זיך ערגעץ, אויסער דעם הויף, אויף דער ווייסער וועלט. אמאָל פלעגט אָנקומען אין הויף א זינגער, א קונצען-מאַכער, א שפּילער, דאַן איז געווען אין הויף „א פּיקניק״. ס׳פערשטעהט זיך, אז אזעלכע לייט פלעגען זיך ניט טאָרען ווייזען דעם פּריץ אויף די אויגען. די „ספּעקטאַקלען״ מיט די „קאָנצערטען״ פלעגען מוזען פּאָר־קומען ביים פּאַקטער, אָדער ביי די פּאַראָבקעס אין שטוב, אין דער אנוועזענהייט און מיט דער שטאַרקער אַקטיווער בעטייליגונג פון דער הויפישער יוגענד, מיט די קינדער און אייניקלאַך

און דער שפּיץ.

די קינדער און אייניקלאך, ביי דעם יודישען פּריץ, זענען ער־צויגען געוואָרען אויפ׳ן אלט פרענקישען שטייגער. אין די שקאָלעס און גימנאזיעס האָט מען זיי ניט געשיקט לערנען. מ׳האָט געהאַלטען אין הויף צו זיי א רבי׳ן, אָדער א לעהרער, וואָס האָט זיי נעדאַרפט לערנען לשון קודש, רוס, דייטש, אריפמעטיק ביז „דראָב״ און א ביסעל פראנצויז. דעם לעהרער אָדער רבי׳ן, אָדערביידע צוזאמען, האָט מען געהאַלטען ביז די קינדערשע חתונות. אז די תלמידים אָדער תלמיד׳קעס זענען געווען שוין חתנים און כלות זענען זיי געווען פון לערנען שוין פריי. דערפאר האָט דער לעהרער געהאט אן אנדער עובדא: ער האָט גענדאַרפט, ניט זעלטען, שרייבען זיי „ליעבע־בריוועלאך״ און בריף צו די מחותנים, מחותנת׳טעס און זייער גאנצער משפּחה.

אָט אזוי האָט זיך געלעבט דער לעצטער יודישער פּריץ און האָט ניט בעמערקט, ווי אלץ ארום אין דער וועלט האָט זיך שטארק געביטען. ארום איהם איז געוואָרען אלץ שיטערער און שיטערער אין יודישע פּריצים. די שטאָדט און די עמיגראציע האָבען זיי איינגעשלונ־גען, צעשטערט זייערע נעסטער און געענדערט אינגאנצען זייער לעבענס־ארט און פּסיכאָלאָגיע. נאָר דער לעצטער יודישער פּריץ האָט זיך געהאַלטען פעסט: זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. אלע זיינע זיהן, טעכטער און אייניקלאך זענען שוין לאנג אויסגעגעבען געווען אין דער שטאָדט. א גרויסען טייל האָט איינגעשלונגען לאָדז. א קלענערען טייל האָט אפילו דער ים אָבגעריסען. דער גורל האָט זיך שוין אונטערגערוקט אלץ נעהענטער, נעהענטער צו איהם אליין. דער אלטער האָט אָבער פון סיין שטאָדט, פון קיין ים ניט געוואָלט וויסען. זיין שטאָלצער גייסט האָט זיך ניט געקענט שיידען מיט די פרייע פעלדער ארום, מיט דעם גערדיכטען וואלד דערביי, מיט דעם סיווען איינגעהאָבערטען, שטאָל־צען, ווי ער אליין, סטאיענעם פערד. עס האָט אָבער גאָר נישט גע־האָלפען. ער האָט זיך געמוזט שיידען.

זיין אינגסטער זוהן, וואָס איז מיט איהם טריי געבליבען צווישען די פעלדער, האָט געמוזט, נאָך ז י י נ ע קינדער, קיין לאָדז אוועק. די

קאַרגע ליטווישע געלדער האָבען ניט געקענט געבען מעהר אַלטען צום לעבען. מ'האָט געמוזט ראַטעווען די איבערגעבליבענע ביסעל "כחומן" און זוכען זיך אַ נייעם נעסט צו בויען.

אָט אַזוי איז דער איינציגער טרייער זוהן מגולגל געוואָרען אין אַ פוילישע—פאבריק־שטעדטעל, איז געוואָרען אליין אַ פאבריקאַנט. דער אַלטער איז אָבער אַוועק ניט ווייט פון הויף אין זיין קליינע געבורטשטעדטעל. אין שטאָלצער איינזאמקייט, נעהענטער צו די קברים פון זיינע פאָטער'ס זיינע לעצטע יאָהרען צו פאַרברייגגען און דערנאָך לעבען זיי זיין לעצטע רוה צו געפינען. דאָס איז איהם אָבער ניט בעשערט געווען. צי די איינזאמקייט איז איהם אונמעגליך צו פאַר־טראָגען געווען, צי די בענקשאַפט נאָך די קינדער האָט איהם געצויגען, — ער איז אָבער באַלד אַוועק נאָך זיי. בעזעצט זיך אין דער רויכערדי־גער, רוישענדער, האַוועדיגער שטעדטעל, אין אַ וועלט, וואָס איז איהם אינגאַנצען פרעמד געווען.

דער גלות האָט ניט לאַנג געדויערט. דער זוהן, וואָס איז ער צויגען געוואָרען אויף די פעלדער, צווישען סטאַיענע פערד און פאַ־ראָבקעס, האָט ניט געטויגט פאר דער פאבריק. ער האָט „צוגעבאַקט" אַ שענע פאָר טויזענדער, האָט ווי עס איז געראַטעוועט אַ ביסעל געלד, אַוועק אין זיין אלטער היים, גענומען אַ „הויף" אין ארענדע און גענומען לעבען אויף דעם טאַטענס אלטען שטויגער. דער אלטער פריץ אָבער, דער טאַטע זיינער, האָט זיך עס ניט דערוואַרט. ער האָט געפונען זיין אייביגע רוה אויף אַ פרעמדען בית עולם, ווייט פון די זייניגע, אונטער דעם אונערטרעגליכען פייפען פון די פאבריקען. אמת, געבליבען זענען דאָרטען, ניט ווייט פון איהם, אין די פאבריקען, אַ פאָר אייניקלאַך זיינע. זיי קומען אָבער דעם אלטען זיידען ניט געוואָר ווערען. עלענד און פאַרלאָזען איז דער קבר פון דעם לעצטען יודישען פריץ.

דער בוכארער „בעל מקובל“.

צווישען די פארצייטיגע יודישע טיפען, וואס איך האב געפינען אין מאהילעוו, ביי דער פאמיליע איידעלמאן אין אלבאם האט אויף מיך געמאכט א בעזונדער איינדרוק א בילד פון א יונגען יודען אין א שענער מזרח־קליידונג. אויף מיין פראגע: ווער איז דאס? האט מען מיר ערקלערט: דאס איז דער בוכארער „בעל מקובל“.

שוין דער נאמען „בוכארער יוד“ אליין שמעקט ביי אונז מיט לעגענדע, מיט די „עשרת השבטים“. בפרט נאך א „בעל מקובל“ דער־צו. איך בין געווען נייגיריג צו וויסען: וואס איז דאס פאר א פערזאן? און ווי קומט ער צו זיי אין אלבאם?

דערויף האט מען מיר דערצעהלט אזא מערקווירדיגע געשיכטע:

דער דאזיגער בוכארער יוד האט געהייסען ר׳ חיים. זיין שווער איז געווען איינער פון די גרעסטע בוכארער גבירים. די בוכארער יודען וויסען ניט און האלטען ניט פון תלמוד. זיי האלטען אבער פון קבלה, און לערנען איהם. זיינע שוועגער פלעגען קומען יעהרליך קיין ניזשני אויפ׳ן יאריד מיט באוועל און טייערע בירוזא־שטיינער. ער איז געזע־סען ביי שווער און שווינגער אויף קעסט און געלערנט „קבלה“. ס׳האט זיך איהם פערוואלט אין „ארץ ישראל“. כדי אבצוציהען איהם פון דעם געדאנק, האבען זיינע שוועגער איהם אמאל גענומען קיין ניזשני אויפ׳ן יאריד. דא האט ער זיך דערוואוסט, אז אין ליטא איז דא א צדיק

(ר׳ מענדעלע ליבאַוויטשער), וואָס איז קלאָר אי „נגלה״, אי „נסתר״, ד. ה. אי תלמוד אי קבלה. ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו לאָזען זיך אין ליבאַוויטש. אויפ׳ן וועג איז ער אַריינגעפאָהרען אין מאָהילעוו. דאָ האָט ער מיט זיין אונגעוועהנליך שענער, שלאַנקער פיגור געמאַכט אַן אונגעהייערן איינדרוק. ביי דעם גביר איידעלמאַן האט מען איהם אָבגעגעבען אַ שאַלקע און געבעטען ער זאָל דאָ בלייבען אויף אַ צייט לערנען. ער האט געבראַכט מיט זיך טויזענד רובל פון דער היים. דער פּלאַן איז איהם געפעלען געוואָרען. ער האָט געדונגען אַ מלמד, איינעם פון די גרעסטע לומדים אין מאָהילעוו פון יענער צייט (דאָס איז געוועזן מיט אַ פופציג יאָהר צוריק) און זיך געזעצט לערנען. געקליידט איז ער געוועזן אין אַ שטריימעל און אַ זופּעצע פון טייערן, קאָלירטען און געבלומטע זיידענשטאָף. שבת פלעגט ער טראָגען, אנשטאט דער קאָלירטער — אַ ווייסע זיידענע קאַפּאָטע. ראש חודש האָט ער געטראָגען ווידער אַן אַנדער מלבוש, אָבער אַלץ פון זייד. ראש השנה — אַ קאַפּאָטע פון ווייסען זיידענשטאָף, אויבען אַ חאַלאַט פון אַנטיק — ווייסען מאָרע.

געפיהרט האָט ער זיך אַזוי: אַלע טאָג האָט ער געפאַסט. ביי נאַכט נאָך מעריב, פלעגט ער אָנבייסען: אַ טשאַיניק טיי, און דערביי עסען ראָזינקעס, מאַנדלען, פייגען, טייטלען, פיסטאַשקעס, בולקע און לימאָן. נאָכ׳ן עסען פלעגט ער לערנען, און דערנאָך, אַ ביסעל צולעגען זיך שלאָפען. פונקט האַלבע נאַכט פלעגט ער אָבריכטען חצות און וויינען דערביי מיט ביטערע בכיות. שבת האָט מען איהם געדאַרפט דערלאַנגען דריי קעפּ פיש. ער פלעגט עסען די אויגען פון די פיש. (וואָס, על פי קבלה, ווערט דאָס גערעכענט פאַר זעהר וויכטיג). פאַר ראש השנה האָט ער געפאַסט פיער מעת לעת. נאָכאַנאַנד, גאָר נישט אָנבייסענדיג ביי נאַכט, ווי אַלע מאָל. ראש השנה ביי נאַכט האָט ער געמאַכט קדוש. נאָך קדוש האָט ער גע׳חלשט.

מיר האָבען זיך אַלע שטאַרק איבערגעשראָקען, דערצעהלט מיר איידעלמאַנס טאָכטער, אַ פרוי פון נאָהענט צו זיבעציג יאָהר, דעמאָלט נאָך אַ יונגע ווייבעלע, אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך, האָט אונז

בערוהיגט: דאָס איז אַלע יאָהר אַזוי,—האָט ער אונז ערקלערט. אַלע טאָג פאַר מנחה פלעגט ער געהן אין מקוה. פרייטאָג, פלעגט ער געהן אין באָד. די וועש, וואָס ער פלעגט אויסטאָן, איז געווען קלאָר ווי די זון, גלייך, ווי ערשט אָנגעטאָן. אויף זיינע בגדים איז קיין שפּרינקעלע ניט געווען. לערנען פלעגט ער אין צוויי פּאָר תפילין. „שמחת תורה" האָט ער געטאַנצט און געשפּרונגען גלייך מיט אַלעמען. „שבת בראשית" האָט מען ביי אונז געהוליעט ביז שפּעט ביי נאַכט, ער אויך. נאָר ווי עס איז געקומען צוועלף ביי נאַכט, איז ער פּלוצלונג געוואָרען אַן אַנדערער. זיין פּנים האָט זיך פערצויגען מיט אַ טיפען טרויער. ער איז אַוועק צו זיך אויבען אין זיין שטיבעל, האָט זיך געזעצט אַבריכטען חצות און געוויינט ווי אַ קינד.

ביין רבי'ן אין ליבאַוויטש, האָט ער פערבראַכט איין טאָג. אַז ער איז געקומען, דערצעהלט דער אַלטער לעווין,—איידעלמאַנס איידעם, דעמאָלט אַ יונגער מאַנטשיק פון 18—20 יאָהר,—האָבען מיר איהם געפרעגט: מה ראיתם? ס'הייסט: וואָס האָט איהר דאָרט געזעהן? (מיר פלעגען מיט איהם זיך קענען אויפריידען נאָר אויף לשון קודש) האָט ער געענטפערט: הבנים אינם יודעים מאומה והרב חולה, על כן לא דברתי עמהם. ס'הייסט די קינדער ווייסען גאָר נישט און דער רבי אַליין איז קראַנק, האָב איך דעריבער מיט זיי ניט גערעדט.

„ביי אונז, דערצעהלט איידעלמאַנס טאָכטער, די אַלטע פרוי לעווין, האָט ער פערבראַכט אַ יאָהר צייט. דערנאָך איז ער אַוועקגע־פאָהרען אַ חיים. ער האָט אָבער אין בוכאַרע ניט געוואָלט זיצען. עס האָט איהם געצויגען אין „ארץ ישראל". האָט ער גענומען די קינדער און איז מיט זיי אַוועק. דאָרט אין „ארץ ישראל" האָט ער געקויפט אַ שטוב און געלעבט פון דירה געלד. אַזוי ווי ביי די בוכאַרער, ווי אויך ביי די ארץ ישראל—יודען מעג מען האָבען צוויי ווייבער, האָט ער דאָרט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. די ווייב האָט דאָס דערהערט, איז זי געקומען אין „ארץ ישראל". דאַן האָט ער גע'גט די צווייטע ווייב און גענומען איבער אַ נייעס די ערשטע.

מיט צוועלף יאָהר צוריק,—דערצעהלט איידעלמאַנס טאָכטער,

— האָבען מיר געהאַט אַ געדרים פון איהם דורך דעם בעוואוסטען שרייבער יחיאל מיכל פינעס. ס'איז מעגליך, אַז ער לעבט נאָך איצט.

דאָס בילד פונ'ם בוכארער „בעל מקובל" שטעלט פאָר אַ בילדשענעם יונגען יודישען מאַנספערזאָן פון אַ יאָהר עטליכע און צוואנציג פון אַ טיף אָריגינעלען יודישען מזרח־טיפּ. עטעס פירשטליכעס, גייסטיג ערהאַבענעס איז אויסגעגאָסען אין אַלע שטריכען פון זיין פנים און פון זיין שלאַנקער, שטאָלצער פיגור. ווען אַ קינסטלער זאָל וועלען מאָלען די געשטאַלט פון אַ שבתי צבי קען ניט געבען קיין מעהר אָריגינעלע, מעהר כאַראַקטעריסטישע, ווי די פיגור פון דעם דאָזיגען מערקווירדיגען בוכארער „בעל מקובל".

יודישע גבירים און זייער פיהרונג מיט הונדערט יאָהר צוריק.

צווישען די בילדער, וואָס געפינען זיך אין אָט דעם באַנד, וועט דער לעזער בעגעגענען אַ גרופּע טיפּען און בילדער וואָס ווייזען יודישע קליידונג, ספּעציעל פרויען־קליידונג, מיט הונדערט יאָהר צוריק. אויף די דאָזיגע בילדער האָב איך זיך צופעליג אָנגעשטויסען אין מאָהילעוו, אין אַ יודיש־אריסטאָקראַטיש־הויז. זיי רופען אונז צוריק אין דאָס לעבען פון אונזערע באָבעס און עלטער־באָבעס אין יענע אַלטע גוטע צייטען, ווען די יודישע פאַמיליע איז נאָך געווען פּאַטריאַרכאַל; דער פיהרונג ביי יודישע גבירים איז געווען שטאַרק אָריגינעל, איבערהויפּט פון די גבירים—בעלי צדקות, גבירים—לומדים און שטאָדט־פיהרער.

אויף מיינע רייזען איבער'ן יודישען תחום האָב איך תמיד געזוכט אַזוינע שפּורען פונ'ם אַמאָליגען יודישען לעבען. ליידער איז ביי היינטיגע יודישע גבירים כמעט איננאַנצען פערשוואונדען די אַמאָליגע אייגענאַרטיגקייט, רוהיגקייט און פּאָעזיע. אויף די מעבעל, אויף דער קליידונג, אויף די שטריכען פון געזיכט, אויף יעדען קעהר און ריהר ליגט קאַריערע־זוכעניש און אונרוהיגע, גראָבע יאָגעניש נאָך לוקסוס און תאוות. מען רייסט פון זיך אָב דעם אַלטען יודישען לעבען, פערניכטעט יעדען שפּור פון אַמאָליגער שענקייט, פון אַמאָליגע

פריידען און ליידען. עס איז טרויעריג צו זעהן ווי אומעטום פער־שווינדען, אפילו פון די שולען, די קינסטלערישע שניצונגען, די איידעלע, ערהאבענע מאלעריי פון ווענד און באלקען. אלעס ווערט פערשמירט, פערגרעבט; אומעטום הערשט נאָר דער געלד־גאָט.

נאָר אין אַ פּאָר ערטער האָב איך, אויף מיינע רייזען, געפינען שפּורען פון אמאָליגען יודישען פיהרונג: אין רוזשינא, ביי דער אַלטער יודישער יחוס־פאמיליע פינעס, און אין מאָהילעוו ביי די אייניקלאך פון דעם אמאָליגען אריסטאָקראטישען גביר דוד איידעלמאן. ביי די פינעסעס האָט זיך דערהאלטען די גאַנצע הויזליכע באַלעבאַטישקייט און פערפּוצונג, כמעט אין דערזעלבער געשטאַלט, וואָס זיי האָבען געהאט מיט הונדערט יאָהר צוריק. די מעבעל, די בילדער אויף די ווענד, די זילבערנע, מעשענע און קופּערנע כלים, דער חנוכה־לעמפּעל, קדוש־און הבדלה־בעכער, בשמים־פּושקע און אתרוג־האַלטער. אלעס געהט איבער פון דור צו דור כמעט אונגעריהרט. אלעס שטעהט כמעט אויף דעמזעלבען אָרט, ווי עס איז געשטאַנען פּאַר די באבעס און זיידעס. די אומשטענדען זענען גראַד גינסטיג אָט דער אַלטער משכיליש־ארים־טאָקראַטישער יודישער פאמיליע. זיי זענען ניט אַזוי רייך, ווי אמאָל, זענען נאָך אָבער ניט געריהרט פון זייער באָדען, ניט צעריסען דורך עמיגראַציע און באַנקראָטען.

וועניגער איז געבליבען דער גייסט פון אמאָליגען לעבען אין דער פאמיליע לעווין—די אייניקלאך פונ׳ם אמאָליגען מאָהי־לעווער יודישען גביר, בעל צדקה און תקיף—דוד איידעלמאן. דערפאַר ווערען אָבער די זכרונות פון אמאָל אָבגעהיט דאָ אַזוי טייער ווי אין רוזשינאי. נאָך מיט 50—60 יאָהר צוריק האָט מען זיך דאָ גע־פיהרט האַלב־אייראָפּעאיש: געפאָהרען אין די גרויסע שטעדט, אין אויסלאַנד, געלאָזט זיך פאָטאָגראַפירען, געהאַלטען פון אמאָליגע מאָדעס. אָבער אַלץ אין דעם אַלטען יודישען סטיל. דאָס וועיזען די בילדער פון זיידעס און באבעס, פעטער׳ס און מוהמעס, וואָס האָבען זיך דאָ דערהאַלטען ניט שלעכט.

פריהער פון אַלץ וויל איך ווענדען די אויפמערקזאמקייט פון די

לעזער אויף די צוויי פּאַטריאַרכען פּנים׳ם אלטען מאַחילעוו: דוד איי־דעלמאַן און שמעריל צוקערמאַן. די בילדער זענען גענומען אין זייערע בעסטע, מיטעלע יאָהרען. דעריבער זענען זיי דאָ נאָך יונג. אָבער אויףביידען ליגט אַן אָריגינעלער שטעמפּעל פון יודישע גבירים-לומדים און תקיפים. טיפער ערנסט, דורכדרינגענדע בליקען פון קאָפּ-מענשען, שטאָלצער זעלבסטבעוואוסטזיין און הרחבה—ליגט אויףביידע פּנים׳ער, נאָר בעזונדער אָריגינעל, אין אָט דער הינזיכט, איז דער פּנים, די שטאַטור פון שמעריל צוקערמאַן.ביידע זענען געווען די גרעסטע גבירים, די „פּני״ פון שטאָדט, מיט 60—70 יאָהר צוריק. ביידע זענען אויך געווען צווישען זיך שטארק בעפריינדעט. זענען אָבער ניט געווען גלייך אין יחוס. שמעריל צוקערמאַן איז געווען אַ גביר דורך ירושה און ערציהונג. איידעלמאַן איז געווען אין דער יוגענד—אַ מלמד און זיין גביר׳עשאפט האָט ער געהאט צו פערדאַנקען זיך אליין, זיין פּערזענליכער ענערגיע און אונטערנעהמונגס-פעהיגקייט. אזוי ווי שמעריל צוקערמאַן איז ער אויך געווען אַ גרויסער פּאָדראַדטשיק ביי דער מיליטער, האָט געהאט מעדאַלען און אַ בעזונדער טשין „דירעקטאָר פון דער טורמע״, וואָס קיין יוד האט עס ניט זוכה געווען צו זיין. ער האָט זיך דערשלאָ־גען צו אָט דעם טשין דורך אַ סך כאַבאַר. זיין מיין איז געווען צו מקיים זיין „פּדיון שבויים״. ער האָט ווירקליך אַ סך יודען ארויסגענומען פון נעפענגנים. מ׳דערצעהלט גאַנצע לעגענדעס וועגען די פערשיידענע אַרטען, אויף וועלכע מ׳פלעגט אַמאָל אונטעררוקען די בעאַמטע כאַבאַר.

צוקערמאַנס שיקזאַל איז, צום ענדע, געווען עהנליך אויף דער־ליאַנ׳ס. ער האָט געהאט אויך זיך שווערע בעשולדיגונגען, און דעמאָלט איז געווען דער פּסק שטרענג. מ׳האָט איהם פערמשפּט צום טויט. נאָר ראָטשילד, זאָגט מען, האָט זיך פאַר איהם אויסגעשטאַרעט אַ מחילה. וועגען צוקערמאַנס עשירות געהען אויך אום מעשיות, אַז מ׳פלעגט פיהרען צו איהם גאַנצע פוהרען אַסיגנאַציעס. נאָך איהם איז געבליבען אַ בעריהמטע ביבליאָטעק, וועלכע איז אָבער פערלאָרען געגאַנגען פאַר דער שטאָדט.

אחוץ אט די צוויי פאדראטשיקעס דארף מען נאך דערמאנען די אמאליגע מאהילעווער גבירים חאטשע ראטנער און חיים שמעון קאהאן. חאטשע ראטנער איז געווען א גרויסער למדן, א חכם. האט ניט געליטען קיין רב און, בכלל, כלי קודש. חיים שמעון קאהאן איז געווען א גרויסער „הדרת פנים", א אינטעליגענטע נשמה. זיין שטוב איז געווען אפען פאר אלעמען. „אן אפענע האנד און אן אפענע הארץ", זאגען אויף איהם, מאהילעווער יודען, דערמאהנענדיג איהם מיט גרויס דרך ארץ. איבערהויפט איז ביי איהם אפען געווען די שטוב פאר חסידים. יעדער חסיד האט געמעגט קומען צו איהם, עסען און טרינקען, ווי ביי זיך אין דער היים, טאגען און נעכטיגען און ווילען אזוי לאנג, וויפיעל איהם האט זיך אליין געגלוסט. ער איז געווען מיט יעדערן א ברודער. פאהרענדיג אין וועג פלעגט ער ניט דורכלאזען א קרעטשים—אומעטום נעהמען א ביסעל בראנפען, ניט אזוי פאר זיך, ווי—געבען צו לייזען און מכבד זיין די אורחים. א פאקט פון קרעמערשער עהרליכקייט דערצעהלט מען פון זיינער א פלימעניצע, א קרעמערקע, ציפע פייגעל קאהאן. געקומען צו איהר אמאל, א קונד קויפען שניט־סחורה. מ׳איז ניט דורכגעקומען אין מקח. ווען ער איז אוועק האט איהר פערדראסען. „מ׳האט געדארפט לייזען", האט זי געזאגט צו די מענשען אין קראם. דער קונד האט זיך אויך בעקלערט און בעשלאסען צו געבען דעם פרייז, וואס זי האט געבעטען. ער איז אריין און גע־הייסען געבען די סחורה. מ׳האט איהם אבגעשניטען די סחורה. אז ס׳איז געקומען צום בעצאהלען האט מען ביי איהם גענומען נאר אזוי פיעל, וויפיעל ער האט דעם ערשטען מאל פארגעלעגט. א ווארט—איז פערפאלען!—האט די קרעמערין דערקלערט. איך האב דא, צווישען זיך, גערעדט, אז מ׳האט אייך געדארפט לאזען פאר׳ן פרייז.

צו יענער צייט איז געווען רב אין מאהילעוו דער בעריהמטער „מלבים", אדער, ווי מ׳האט איהם גערופען: דער „קעמפענער". דער „קעמפענער" איז בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט מיט זיין פירוש (דעם „קעמפענער׳ס" פירוש) אויף „תנך", און מיט זיין ספר וועגען די „שמות הנרדפים", ד. ה. סינאנימען—פערשידענע ווערטער אין לשון

קודש, וואָס האָבען אָן עהנליכע בעדייטונג, ווי צ. ב. „שמחה" און „ששון" „צער" און „דאגה". דער פירוש איז בעשטאַנען אין פערענטפערן אַלע שווערע ערטער פון „תנך", אויף דעם גרונד פון גראַמאַטיקאַלישע ערקלערונגען. דעם קעמפּענערס פּירוש איז נאָך ביז היינטיגען טאָג שטאַרק בעליבט ביי אַ סך לומדים און אַלט-וועלטיגע משכילים. דער קעמפּענער איז געווען זעהר פרום, איז אָבער אויך געהען וועלטליך. האָט געקענט עטליכע אייראָפּעאישע שפּראַכען. אַ חוץ וואָס ער האָט בעזעסען גרינדליך די העברעאישע. אין מאָהילעוו איז ער געווען אַזוי בעליבט, אַז מ׳פלעגט פאָהרען צו איהם פון אַרום און אַרום פרעגען עצות, ווי צו אַ גוטען יודען. צוליב אָט דעם קעמפּענער, איז ענטשטאַנען אין שטאָדט אַ הייסער קאמפף צווישען חאַטשע ראַטנער—זיין שטאַרקסטער געגנער, און חיים שמעון קאַהאַן—זיין הייסעסטער אָנהענגער. דער קאַמפף האָט זיך געענדיגט מיט אַמסירה אויפ׳ן „מלבים", אַז ער וויל איינפיהרען אַ נייע סעקטע ביי יודען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעגירונג האָט איהם אַרויסגעשיקט, אָדער ער האָט געמוזט אַנטלויפען, פון רוסלאַנד.

רעדענדיג וועגען מאָהילעווער יודישע פּאָדראַדטשיקעס דאַרף מען נאָך דערמאָהנען דעם פּאָדראַטשיק, ישראל ראַטנער, וואָס האָט אויך בעקומען דעם טיטעל „פּאָטאָמסטווענִי פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין" ד. ה. עהרענבורגער, פאַר זיך און קינדס-קינדער. ער האָט געלעבט נעהענטער צו אונזער צייט. צו דער לויה פון אַלעקסאַנדער דעם 3-טען האָט מען איהם געשיקט קיין פּעטערבורג אין דער יודישער דעפּוטאַציע. ער האָט געהאַט אַ בעלמע אויפ׳ן אויג. צוריק פון פּעטערבורג איז ער געקומען אָהן דער בעלמע. שטאָדט האָט זיך פערוואונדערט. פאַר בעקאַנטע, וואָס האָבען איהם געפרעגט: וואו איז אַ היננעקומען די בעלמע? האָט ער דערקלערט, אַז, ווי ער איז געקומען אויפ׳ן פּאַראַד פון דער לויה און דערזעהען דעם נייעם קיסר, איז ביי איהם פון „אימתא דמלכותא", ד. ה. פון גרויס אימה, וואָס ער זעהט דעם קיסר, די בעלמע אַראָבגעפאַלען.

דער שמש מיט'ן ביינערנעם גארטעל.

אזוי ווי ביאלע און נעסוויזש האט מאהילעוו אויך געהאט איהר „גבור", אויף וועלכען מ'האט דערצעהלט, אז ער איז געבארען געווארען מיט א ביינערנעם גארטעל אויף די לענדען. זיין נאמען געדענקען ניט געגוי מאהילעווער יודען. אבער די מעשה, ווי ער האט געראטעוועט די מתים פון די „בורסאקעס" איז געבליבען אין זכרון פון אלט און יונג און מאהילעוו, אזוי לעבעדיג, ווי זי וואלט ערשט נעכטען פאסירט.

די מתים האט מען געדארפט טראגען דורך א געסיל, וואו עס איז געוועזן א בורסע, ד. ה. א קריסטליכע שולע. אין דער גאס, וואו די בורסע איז געוועזן, האט קיין יוד ניט געקענט דורכגעהן פון די „בורסאקעס", די שקצים, הייסט עס, וואס האבען געלערנט אין דער בורסע. פאר די בורסאקעס איז ניט געוועזן געשריבען קיין געזעץ. זיי פלעגען אנפאלען אויף דעם יודען מיט שטעקענס, מיט שטיינער און שלאגען איהם ביז צום טויט. קלאגען זיך האט ניט געהאלפען.

אויף א לויה פלעגט דעריבער שטענדיג מוזען געהן א גרויסער עולם מענשען. דאס פלעגט אבער ווייניג העלפען. פון הינטער די פארקאנעם פלעגען די שקצים פארווארפען די לויה־לייט מיט שטיינער. יעדע לויה האט שטענדיג געקאסט קרבנות און איז געוועזן דעריבער פערבונדען מיט סכנות. ס'איז אבער קיין אנדער וועג ניט געוועזן און קלאגען זיך האט ניט געהאלפען. אפט פלעגט טרעפען, אז די לויה־לייט

פלעגן זיך צולויפען און לאָזען אין טויט שרעקעניש דעם בר־מנן אליין. איבער וועלכען די בורסאַקעס פלעגען זיך איזדיעקעווען. ערשט אין טיפער נאַכט פלעגט וואָגען דער שמש ברענגען דעם מת צו דער קבורה.

שטאָדט האָט געזוכט עצות וואָס צו טאָן און גאָר נישט געקענט אויסטראַכטען. ביז עס איז געוואָרען קברות־מאַן דער שמש מיט'ן ביינערנעם גאַרטעל. ער האָט זיך אָנגענומען אויסלייזען איין מאָל אויף אַלע מאָל די לעבעדיגע און די טויטע פון די בורסאַקעס.

און אָט ווי אַזוי ער האָט עס אויסגעפיהרט.

באַלד, ווי ער איז „קברן" געוואָרען, האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ לעבעדיגע לויה. ד. ה. ער האט זיך אָנגעטאָן אין „תכריכים", אריינגעלעגט זיך אין דער מטה און געהייסען זיך טראָגען, ווי דער שטויגער, בעגלייט פון אַן עולם-יודען דורך דער בורסע־געסיל. ווי זיי זענען געקומען צו דער בורסע האבען זיך, ווי תמיד, געוואָרפען די שקצים מיט שטיינער. די לויה-לייט זענען זיך צולאָפען און דער „בר-מנן" איז געבליבען. די בורסאַקעס—צו איהם. נאָר פּלוצלונג איז דער „מת" אויפגעשטאַנען, האט זיך געלאָזען צו זיי און גאָר אויפ'ן פּשוט'ן שטויגער, מיט אַ שטעקען, אַזוי צו קיילט און צו ביילט, אַז אויף מאָרגען האָבען יודישע רופאים, זיי דערוויישט אַלעמען אין די בעטען טויט-קראַנקע. עטליכע זענען קאַליקעס געבליבען אויף זייער גאַנצען לעבען. אין בורסע־געסיל ווערט נאָך ביז היינט דערצעהלט צווישען די גויים דער מופת, ווי אַזוי דער טויטער זשיד האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך נוקם געווען אָן די בורסאַקעס.

אָבגעטאָן זיין ארבייט האָט דער שמש דער „בר-מנן" זיך ווייטער אוועקגעלעגט רוהיג אין דער מיטה. חברה קדישא איז אונטערגעקומען און איהם אוועקגעטראָגען אויפ'ן „בית עולם". דאָרט האָט דער „בר־מנן" מיט „חברה" געגומען אַ ביסעל בראַנפען. און ער האָט עס כשר פערדינט: פון יענעם טאָג אָן פלעגען די בורסאַקעס אַנטלויפען וואו פעפער וואַקסט, ווי זיי האָבען נאָר דערזעהן פון ווייטען אַ יודישע לויה.

דער „גבור" פון ביאַלע.

די ביאַלער יודען געדענקען נאָך גוט, ווי עס האָט זיך גערופען זייער „שמשון הגבור". דער נאָמען איז טריי איבערגעגעבען געוואָרען פון זיידען צום אייניקעל, פון טאַטען צום זוהן, און דינט אַלס טעמא ניט איין דור פאַר בית-המדרש-שמועסען אין די לאַנגע ווינטערדיגע אָוועגדען.

ער האָט געהייסען שמעון-ליב—אַט דער וואונדערליכער יוד, אַ וואַסער-טרעגער, צי אַ שניידער איז ער געוועז. און לעבען האָט ער געקאָנט נור אונטער די וואונדערליכע ראַדזיווילס, די יעניגע פּריצים, וואָס פלעגען זיך אין סאַמע זומער „מאָנטשקעס"*) מאַכען, און זייער קאָטש איז אין בערען געשפּאַנט געוועז.

ויהי היום, איז דער פירסט ראַדזיוויל דורכ'ן שטעדטיל, אין מיטען תמוז, אויף אַ „מאָנטשקע" געפאָהרען. ווי אין רעכטען שבת-פּראָסט איז זיין שליטען אויף אַ צוקער-שליט-וועג געפלויגען, פון אַ דריילונג „אָדלערס" געטראָגען.

איז צוגעגאנגען שמעון-ליב, פּאַוואָלע, פון אַ זייט, האָט אָנגע-כאַפּט מיט דער האַנד אַ זייט פון שליטען, און די דריי אָדלערס פון ראַדזיווילס בעסטען פערד-שטאַהל, זענען פלוצלונג, ווי אין דער ערד

*) שליטוועגען פון מעהל-צוקער.

איינגעוואקסען, פערגליווערט געוואָרען.

דער שליט־וועג איז גוט: וואָבענלאַנג האָבען אויף איהם די פּאַראָבקעס־געהאָרעוועט; דער שליטען איז נאָך בעסער, און לייכטער און פלינקער פון איהם זענען די אָדלער־פערד. אָבער עס העלפט נישט: שמעון ליב האָט דריי פינגער אין שליטען אריינגעשטעקט, און די דריי אָדלער־פערד האָבען שטעהן געמוזט.

ראדזיוויל האָט זיך אומגעקעהרט און האָט דערזעהן אַ זאַך, וואָס זיינע אבות אבותיו וואָלטען עס ניט געגלויבט. אַ פערשלומפּערט יודעל מיט אַ צוריסען בריליק האָט זיך ערלויבט מיט איהם, מיט ראד־זיוויל'ן, אַ שפּאַס צו מאַכען.

נור אנשטאָט אין כעס צו זיין, איז דער מאַגנאַט אראָב פונ'ם שליטען, און האָט דעם יודען אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן פּלייצע: ביזט אַ כוואַט, שימאָנקע! אזעלכע האָב איך ליעב! דו ביזט שטאַרק, שימאָנקע! איך וויל דיר אָבער ווייזען נאָך אַ שטאַרקערן פון דיר: אַ מאַסקאַל, אַ קאַצאַפּ פון סאַמע מאָסקווע. ועסטו איהם איינלעגען — בעקומסטו פינף רענדלעך.

אין אַ וואָך ארום האָט מען שמעון ליב'ן צו ראדזיוויל'ן אין הויף געבראַכט. דאָרט האָט געדאַרפט פאָרקומען איינע פון די שענסטע פערוויילונגען ביי דער פוילישער שליאַכטע פון יענער צייט: אַ צוויי־קאַמפּף, אַ באָקס צווישען צוויי גבורים—צווישען דעם דאַרען „זשידאָק" שימאָנקע און דעם גראָבען רויטען קאַצאַפּ פון סאַמע מאָסקווע.

דער קאַצאַפּ איז גלייך צוגעגאַנגען צו שמעון ליב'ן און האָט איהם, אָהן הקדמות און אָהן שאלות און טענות, זיינע פינף גראָבע רויטע פינגער אין פנים אריינגעלעגט.

דער גאַנצער קאָפּ איז ביי שמעון ליב'ן אָבגעדרעהט געוואָרען אויף אַ זייט.

ניט ריידענדיג קיין וואָרט, האָט שמעון ליב צום קאַצאַפּ פעסט און זיכער אַ טראָט געטאָן, האָט איהם פאַר'ן קאָפּ אָנגענומען, אויפ־געהויבען אין דער הויך און אַ לאָז געטאָן אראָב צו דער ערד. קיין קאַצאַפּ איז שוין מעהר ניט געווען... צושאָטענע ביינער זענען אויף

דער ערד געלעגען.

געטאָן האָט מען „שימאָנקען“ גאָרנישט. אויף דעם איז עס א באָקס...

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, אז „שימאָנקע“ איז געווען אַן־אוצר פאר אזעלכע שגעונ׳דיגע פריצים, ווי ראדזיוויל. זיצענדיג אין א געזעלשאפט ערגיץ אין פאריז, צווישען נאך אזעלכע שגעונ׳דיגע פריצים, ווי ער, איז זיך געווען מיט וואס צו בעריהמען. קיינער האָט ניט געהאט ביי זיך אין הויף אזא מערקווירדיגען זשידעק „שימאָנקע“, ווי ער.

און „שימאָנקע“ האָט זיך טאקע געפיהלט, מעשה בן יקיר, עפּיס גאָר א בעזונדער יחסן ביים פריץ. ער האָט זיך ערלויבט אזעלכע „קונץ־שטיק“, וואס אַן־אַנדערן, ניט „שימאָנקען“ וואָלטען זיי דעם קאָפּ געקאָסט.

אמאָל האָט דער מאגנאט ראדזיוויל אויף זיין שטייגער, זיך געטראָגען איבער זיין „מאָנטשקע“, אין זיין שליטען מיט בערען גע־שפּאַנט. „שימאָנקע“ איז דאָ, ניט פון הינטען, נור פון פאָרענט. לויפט אפריהער און רייצט זיך, רייצט זיך מיט די בערען.

די בערען האָבען גענומען טראָגען. דער פריץ האָט פאהרען ווייטער ניט געקאָנט. ער האט געהייסען דעם קוטשער מיט אלע קרעפטען זיך אָבשטעלען. אליין איז ער ארויסגעקראָכען פון שליטען און זאָגט צו־זיין „זשידעק“.

„הער, שימאָנקע, מיינסט, ס׳איז א גרויסער קונץ צו רייצען זיך מיט בערען, ווען זיי זענען געשפּאנט? אנו, פּרוב זיך, איך וועל אויסשפּאנען די בערען און דעמאָלט רייץ זיך מיט זיי“.

דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרען אויף א געלעכטער, דאָס איז געווען א בעפעהל.

„שימאָנקע“ האָט זיך געמוזט שטעלען ווי פריהער, אנטקעגען די בערען; די בערען האָט מען אויסגעשפּאנט. איינער פון זיי האָט זיך מיט אימפּעט א לאָז געטאָן אויף שמעון ליב׳ן. פון דער־ווייטען זענען געשטאַנען אַנדערע יודען: ווער אויף פּלייטען, ווער אויף דעכער,

קוים לעבעדיגע פון ציטערנים און שרעק. איין אויגענבליק און...

„שימאָנקע" איז שוין געזעסען רייטענדיג אויפ'ן בער. מיטביידע הענד האָט ער איהם פערקרימט דעם קאָפּ אָן א זייט. דאן האָט ער מיט'ן דעכטען קולאַק געגעבען א זעץ איהם אין קאָפּ און אַראָב־געשפּרונגען.

דער בער האָט אויך א שפּרונג געטאָן, א צובלוטיגטער. בייסען האָט ער מעהר ניט געקאָנט: דער גאַנצער אונטערשטער קינבאַק מיט צייהן און צונג זענען געלעגען אויף דער ערד...

מ'ווייס ניט, וואָס פאר א ראָלע שמעון ליב האָט געשפּילט אין שטעדטיל גופא, צווישען יודען. נור אַלע גויים האָבען געציטערט פאר'ן מנושם'דיגען גבור. אין אַלע דערפער אַרום האָבען די געזינדסטע שקצים געמאַכט פּליטה, ווי זיי האָבען נור דערזעהן פון ווייטען „שימאָנקען".

נור אין איין דאָרף, אפשר, האָבען די שקצים ניט געקענט „שימאָנקען". און אַז ער איז אַמאָל דורכגעגאַנגען דורכ'ן דאָרף, זענען זיי, די שקצים, איהם נאָכגעלאָפען און געזידעלט: זשידעק, זשידעק...

„שימאָנקע" איז געגאַנגען ווייטער רוהיג זיין וועג. נור, אַז די שקצים האָבען איהם גוט דערעסען, האָט ער זיך אָבגעקעהרט, גע־כאַפּט ביי איינעם פון זיי דאָס היטעל, צוגעגאַנגען צו דער נאָהנטסטער שטוב, א הויב געטאָן מיט איין האַנד דעם פונדאַמענט, מיט דער אַנדערער אונטערגעלעגט דאָס היטעל—און אַוועק ווייטער זיין וועג, ווי גאַרנישט געוועזן.

מ'זאָגט, אַז דאָס היטעל ליגט נאָך דאָרט אונטער'ן פונדאַמענט ביז היינטיגען טאָג. נור פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין אויך אין יענעם דאָרף געוואוסט: ווער איז „שימאָנקע"...

די גבורים שטעדטעל.

יעדע שטעדטעל אין יודישען תחום האט זיך איהר בעזונדער ארטיקעל, מיט וואס זי צייכענט זיך אויס פון אנדערע שטעדט און שטעדטלאך. נעסוויזש איז א שטעדטעל פון יודישע גבורים, פון יודען, וואס זענען „געבארען געווארען מיט ביינערנע רייפען" אויף זייער לייב. אזוי, וועניגסטענס, זאגט מען אויף זיי אין שטעדטעל.

אט ווייזט מען אייך אויף איינעם, א יונגען בחור ישראל. אז ס'טרעפט זיך אין א שענק—גויים מאכען סקאנדאלען, רופט מען איהם אריין. טאן טוט ער גארנישט. ער נעהמט נאר א האנדטוך, פארווארפט איהם איף איין גוי, ווארפט איהם, דעם גוי, ארויף אויפ'ן פלייצע און טראגט איהם ארויס, ווי א שעפס. דאן טוט ער אזוי א צווייטען, א דריטען, ביז דעם לעצטען. שטעלען זיך איהם אנטקעגען ציטערט מען. עס מעג זיין הונדערט גויים, ווארום מ'וויים, אז ער האט א „רייף". א צווייטער „רייפינגער" יוד—א שוסטער איז ער—און חיים, דאכט זיך, הייסט ער, איז דא אין נעסוויזש. זאגט מען אויף איהם, אז ער האט מורא פאר א קלאפ. און ווייכט פון א געשלעג. דאס הייסט—ער האט מורא ניט פאר יענעמ'ס קלאפ, נאר פאר זיין אייגענעם. ווארום, זאגט מען, אז ער לעגט נאר אויף איינעם א האנד, איז יענער קאפוט.

נאך א דריטען האט מען מיר אנגערופען—זיין נאמען האב איך

פערגעסען, וואָס האָט געקענט מיט די ציין אויפהויבען א טיש מיט צוויי מענשען, זיצענדיג אויפ'ן טיש.

נאָר די פער פון די אַלע גבורים איז אָהן א ספק, דער „שמשון הגבור” פון נעסוויזש—משה גאָך (אייגענטליך—„נח”—די ערשטע בוכשטאבען פון די העברעאישע ווערטער „גבור חזק”, דאָס הייסט א שטארקער העלד) א האלב היסטאָרישע, האלב לעגענדארע פערזענליכקייט, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט „שמעון ליבן”—דעם „שמשון הגבור” פון ביאלא, פאר דעמזעלביגען ראדזיוויל-„פאניע קאָכאנקו” וואָס איז, פונקט, ווי יענע יודישע גבורים, ביי יודען א לעגענדארע פערזענליכקייט געוואָרען, און אין די יודישע שטעדטלאך ווערען פון איהם די וואונדערליכסטע מעשיות דערצעהלט.

„פּאַניע קאָכאַנקו".

„פּאַניע קאָכאַנקו" איז אַ היסטאָרישע, אַ לעגענדאַרע פּערזאָן. דאָס איז געווען איינער פון די ראַדזיווילס, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט'ן ווילנער גאון, מיט משה מענדעלסאָן, אין יענער צייט, ווען אין אייראָפּאַ האָט געשמעקט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פּוילען איז געווען ערב איהר פּאָליטישען חורבן, רוסלאַנד האָט פערשפּרייט אַלץ גרעסער איהר מאַכט און די פּוילישע יודען זענען געווען אין אַ מין הין־והער פלעט: האָבען געהאַלטען ביי אָנוועהרען אַ שטיפמוטער און בעקומען אַ שטיף-פאָטער.

דער שטיף-פאָטער איז אָבער נאָך ניט געקומען. די שטיפמוטער האָט געהאַלטען ביי „אויס". איהר מאַכט איז שוואַך געווען. יודען האָבען דעמאָלט געקענט אַ ביסעל אָברוהען. זייער לאַגע איז טאַקע דעמאָלט געווען גאָר ניט שלעכט, סיי עקאָנאָמיש, סיי קולטורעל, סיי פּאָליטיש. מ'האָט זיך מיט זיי ווענינ בעשעפטינט, וויילביידע צדדים זענען געווען צו פיעל פערנומען מיט זיך. און טאַקע דערפאַר, וואָס די יודישע לאַגע איז דעמאָלט געווען אי עקאָנאָמיש, אי קולטורעל ניט שלעכט האָבען זיך ביידע צדדים געמוזט מיט זיי רעכענען. דאָס איז געווען די פערמעגענדסטע, די ענטוויקעלטסטע שטאָדטינע בעפעלקערונג.

די ראַדזיווילס זענען בכלל געווען זעהר רייכע און „האָנאָרנע"

פירשטען, בעזונדערס די נעסוויזשער. און פון די נעסוויזשער האָט זיך אויסגעצייכענט דער ליטוויש-פוילישער „וואָיעוואָדאַ" קאַראָל ראַד־זיוויל, אָדער ווי מ'האָט איהם געוועהנליך גערופען: „פּאַניע קאָכאַנקו" אין איהם האָבען זיך פערקערפּערט אַלע שגעונות, קאַפּריזען אין פוסטע גאוה פון אַ פּוילישען פּריץ. אַן „אויפגעקלערטער", אַ כעסן, אָבער ניט קיין שלעכטער. ניט קיין איבערגעשפּיצטער, אָבער ניט קיין גראָבער נאַר; אַ הוליאַקע, אַן אומרוה; האָט האָלד געהאַט אליין צו לעבען און געגעבען יודען צו פערדינען. בעזונדערס די יעניגע, וואָס האָבען נאָכגעגעבען זיינע שגעונות.

אָט אַזאַ איז געווען דער פּוילישער פּריץ אין זיינע בעסטע פּאָרשטעהער, און „פּאַניע קאָכאַנקו" איז געווען פון איהם דער שאַרפסטער, דער קענטיגסטער טיפּ.

ער איז געווען, ווי געזאָגט, אַ „העטמאַן" אַ „וואָיעוואָדאַ"—אַ מין שטאַטהאַלטער. אין יענער צייט, ווען די קעניגליכע מאַכט איז געווען אַ פון אינעווענינג, אַ פון דרויסען געבראָכען, זענען אָט די מאַגנאַטען אין זייערע שטאָלצע שלעסער-פעסטונגען געווען קליינע מלכים. מעהר ווי אַלע שלעסער איז געווען בעפעסטיגט דער נעסוויזשער שלאָס. נאָך יעצט ווייזט מען אייך אין שלאָס די אַמאָליגע באַטאַרייען, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. דער „העטמאַן" האָט געהאַט זיינע אייגענע מיליטער. דער שלאָס איז געווען פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט אַ טיפען וואַסער-גראַבען. שלאָס און שטעדטעל איז געווען פערבונדען דורך אַ הענגבריק. הינטער דעם טיפען און ברייטען וואַסער-גראַבען, די האַר־מאַטען און דעם הענגבריק זענען די ראַדזיווילס געווען זיכער.

„יאַ יעסטעם קרול" — איך בין דער קעניג—פּלעגט „פּאַניע קאָכאַנקו" מיט גאוה טענה'ן, און טאַקע ניט וועלען פאָלגען דעם קעניג'ס בעפעהלען. דעם גאַנצען לעבען האָט ער געהאַלטען אין איין קאַמפּפען מיט דער קעניגליכער מאַכט. נעגען רוסלאַנר האָט [ע]ר דאָ געבתטעוועט, דאָ געבוינגען דעם רוקען. זיין לעבען איז געווען אַ שטורם־דיגער. פון זיינע הוליאַנקעס, שטוקעס און שגעונות זענען געבליבען מאַסען אַנעקדאָטען און לעגענדעס ביי די פּאַליאַקען און ביי יודען. די

שפורען וואָס ער האָט געלאָזען אין יודישען לעבען זענען אזוינע שטאַר־קע, אז ווען א נעסוויזשער יוד דערצעהלט אייך וועגען „פאניע קאַבאנקו", רעדט ער מיט אזא התפעלות, אזוי ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן.

גערופען האָט מען איהם „פאניע קאָבאנקו" דערפאַר, וואָס ער אליין פלעגט זיך צו יעדען ווענדען מיט דיזעלבע ווערטער: „פאניע קאָבאנקו"—„מיין ליעב הארציגער פריינד". אלץ איינס, צי צו זיינעם אַן אמת'ן פריינד, א ברודער, א קרוב, צי צו א פויער. מיט די ווערטער „פאניע קובאנקו" פלעגט ער הייסען א פויער א נידערלעגען שמייסען אויך.

אָט זענען אייניגע אנעקדאָטען-לעגענדען וואָס כאַראַקטעריזירען דעם דאָזיגען מערקווירדיגען שגעונ'דיגסטען פון אלע שגעונ'דיגע פוילישע פריצים-מאַגנאטען.

„נאַ קאָגאָ טעראַם זוינליאַנדאַם"

„פאניע קאָבאנקר" האָט קיין גליק נים געהאט צו פרויען. פונדעסטוועגן האָט ער אליין געהאט א הויכע מיינונג וועגען זיין אויסזעהן. בעזונדערס—וועגען זיינע וואָנצען. ער פלעגט ליעב האָבען צו זעצען זיך אנטקעגען שפּיגעל, דרייען די וואָנצעס און פרעגען ביין לאקאי, וואָס איז געשטאנען פון הינטען: א צאָ, פאניע קאָבאנקו, נא קאָגאָ טעראם ווינגליאָנדאם? צו וועמען, הייסט עס, בין איך איצט עהנליך? דער לאקיי האָט געמוזט אנרופען, כסדר, אלע וויכטיגע יאגד־חיות פון וואלד. נאָך יעדע חיה האָט „פאניע קאָבאנקו" אויף דאָס ניי איבערגעדרייט די וואָנצעס, זיך נאָך שטאָלצער און וויכטיגער, פונקט ווי אן ענדיק, אנגעבלאָזען, און ווייטער געפרעגט: נא קאָגאָ טעראם ווינגליאָנדאם? ביז עס איז געקומען צום לייב. העכער האָט מען שוין נים געקענט געהן, און דער „וואָיעוואדא" האָט דאַן בעשטעטיגט: אָט—טאָ פראוודו מואוויש׳ פאניע קאָבאנקו, ביזט גערעכט! אַן אמת׳ער לייב...

און אָט האָט אמאָל געטראָפען, אז, ווען ס׳איז געקומען צום „לייב", האָט דער לאקיי, אויף דער געוועהנליכער פראגע פון „פאניע קאָבאנקר": נא קאָגאָ טעראם ווינגליאָנדאם? געענטפערט: נא דורניא!

---

*) אויף וועמען בין איך איצט עהנליך.

ס'הייסט אויף—אַ נאַר.

„פאַניע קאַבאַנקו" איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטאָן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף הינטען—ניטאָ קיינער! ס'איז געוואָרען אַ לאַרם, אַ שטרענגע אונטערזוכונג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער לאַקעי איז גאָר אינגאַנצען ביי איהם אין צימער ניט געווען. ער איז אַרומגעלאָפען אומעטום, ווי אַ משוגענער. אַריינגעלאָפען צוריק צו זיך. ניטאָ קיין נפש! נאָר די סטאַטועס, וואָס זענען דאָ געשטאַנען פון דור דורות האָבען אויף איהם געקוקט, און אויף זייערע מאַרמאָרנע ליפּען האָט זיך ווי געקרימט אַ פערביטערטער שמייכעל, ווי זיי וואָלטען נאָכגעזאָגט יענעמ'ס: „נאַ דורניא! נאַ דורניא!".

— האַ! דאָס זייט איהר, פּסיאַקרעווס, האָט ער ווילד אויסגעשריען, אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד און גענומען האַקען רעכטס און לינקס.

אין אייניגע מינוטען איז פון דער רייכער שטיינבילדער-גאַלעריי, וואָס זיינע זיידעס האָבען זייער גאַנצען לעבען געקליבען און אוצרות מיט גאָלד דערפאַר בעצאָהלט—געבליבען נאָר אַ הויפען חורבות און זאַמד.

אַ יוד - פאַר אַ קוקאַווקע.

„פאַניע קאַבאַנקו איז אַמאָל געפאָהרען אין זיין פאַעטאָן. אויפ'ן ג"ג האָט ער בעגעגענט אַ יודען, געהענדיג צופוס.

— שטעה, זשידקו! האָט ער איהם בעפוילען. דער יוד האָט זיך אָבגעשטעלט און טיף זיך איינגעבויגען פאַר דעם מאַגנאַט.

— קענסט קו־קו־ריען ווי אַ קוקאַווקע?

אז דער "וואָיעוואָדאַ" האָט געהייסען, האָט מען געמוזט קענען.

— נו?

דער יוד האָט מיט טויט-שרעק גענומען קוקויען מיט דעם נוסח פון ודוי.

— ניט גוט! פאַניע קאָבאַנקו, האָט דער פּריץ שטרענג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. קריך אַרויף אויף אָט יענעם בוים און מאַך „קו־קו", ווי אַן אמת'ע קוקאַווקע.

אז דער וואָיעוואָדא האָט געהייסען האָט מען געמוזט קריכען.

„פאַניע קאָבאַנקו" האָט אַרויסגענומען די ביקס, זיך גוט געצילט און אויסגעשאָסען—גלייך דעם יודען אין האַרצען.

אין הויף האָט ער זיך בעריהמט:

— דזיס קוקאַווקע זאַסטשאַלעם... היינט דערשאָסען אַ קוקאַווקע...

„פאניע קאַכאַנקו" שיסט א „ספר תורה".

אמאָל איז „פאניע קאַכאַנקו", נאָך א פיינער הוליאַנקע, געווען שטאַרק אויפגעראַמט און געלאָזען זיך מיט קאָמפּאַניע צו דער יודישער שוהל. ער האָט געשיקט רופען דעם רב. דער רב איז געקומען. ער האָט געהייסען עפענען דעם „ארון קודש". מ׳האָט געעפענט דעם ארון קודש. ער האָט געהייסען ארויסנעהמען א ספר תורה. מ׳האָט מיט אנגסט און ציטערנעס געמוזט פאָלגען. דאַן האָט ער זיך געשטעלט אנטקעגען מיט זיין ביקס און אויסגעשאָסען.

געטראָפען האָט ער אָבער ניט דער „ספר תורה", נאָר דעם רב, ר׳ יענקעלע. דער רב האָט מיט זיך פערשטעלט די „ספר תורה" און האָט צוגענומען די קויל, וואָס האָט געזאָלט זי טרעפען.

אויף מאָרגען האָט „פאניע קאַכאַנקו" זיך אויסגעניכטערט. צום גליק איז די וואונד געווען ניט קיין געפעהרליכע. ער האָט דעם רב געהיילט אויף זיין רעכנונג און האָט איהם און זיין פאמיליע גליקליך געמאכט.

אַן אנדערס מאָל האָט „פאניע קאַכאַנקו" געהייסען אַלע יודען פון שטעדטעל ארויסגעהן מיט קאָסעס און שטעלען זיך אויפ׳ן באַרג. „אויף אָט דעם באַרג, וואו איצט איז א מין „שטאָדט-גאָרטען",— האָבען מיר נעסוויזשער יודען געוויזען. זיי זענען געשטאַנען עטליכע ש״ייזה. דערנאָך האָט ער זיי געהייסען געהן א היים.

„ריבא בענדזי דראָגאַ״ *)

אמאָל האָבען זיך אויפגעקליבען ביי „פאַניע קאָבאַנקו״ ארומיגע פריצים אויף א „סיימיק״, דאָס הייסט א קליינעם סיים. די וויכטיגסטע טעמע אויף דער טאגעס־אָרדנונג זענען געווען—יודען. די שטימונג געגען די יודען איז, ווי עס פלעגט אָפט פאסירען אויף די פראווינציעלע קליינע סיימען, געווען זעהר א פיינדליכע. יעדער פריץ האָט פאָרגעלעגט זיינע גזרות: דער האָט פערלאַנגט, מ׳זאָל די יודען ארויסטרייבען פון די קרעטשמעס; יענער – מ׳זאָל זיי פערוועהרען צו טרייבען בראנפען; א דריטער—מ׳זאָל זיי פערבאָטען טראגען שטריימעלאך און אטלעסענע בגדים. און אז. וו. און אז. וו.

„פאַניע קאָבאַנקו״ האָט, אין דער צייט פון די הייסע יודענפיינדליבע דעבאטען, גאָרנישט גערעדט. ער איז געזעסען אָנגעשפּארט אויף די פויסטען און אזוי ווי געדרימעלט.

— א צאָ, „פאַניע קאָבאַנקו״ וואָיעוואדא, ניץ ניע פאָוויעש,— וואָס שווייגסטו עפּעס, פירשט וואָיעוואדא, האָבען זיך ענדליך די פריצים צו איהם געווענדעט. זאָג איצט ארויס דיין עצה: וואָס טוט מען מיט די יודען.

„פאַניע קאָבאַנקו״, האָט זיך אזוי ווי אויפגעוועקט פון שלאָף,

*) פיש וועט זיין טייער.

און האט גענומען רייבען די אויגען.

— נו, רייד, פאניע וואיעוואדא, זאג דיין עצה!

— ריבא בענדזי דראגא, פיש וועט זיין טייער! האט אזוי ווי צו זיך אין פויסט אריין א זאג געטאן „פאניע קאבאנקו".

— דער גאנצער סיים האט איהם אנגעקוקט מאדנע. מ׳איז אמת, געוואוינט געווען צו זיינע שגעונות. אבער דא, ביי אזעלכע ערנסטע דעבאטען, ווען עס האנדעלט זיך אום אזא וויכטיגע פראגע...

— „ריבא בענדזי דראגא"—האט דער וואיעוואדא, געטענה׳ט זיינס, קוקענדיג רוהיג אין זייערע צוהיצטע פנים׳ער, און גערדרעמעלט זיך ווייטער, אנגעשפארט אויפ׳ן פויסט.

ענדליך האט איינער פון די פערזאמעלטע זיך אבגעוואגט און געפרעגט מיט פערדרוס און מיט שטוינען:

— פשעפראשעם, פאניע... פאניע קסיענצו... מיר פערשטעהען ניט... וואס פאר א פיש?... וואס איז שייך תהלים צו געשווילעכטם?..

„פאניע קאבאנקו" האט האלב אויפגעהויבען דעם פנים איבער׳ן פויסט און, אזוי ווי נאך אלץ צובענדיג זיך, האט ער געזאגט:

— פערשטעהט איהר מיך, פאניע קאבאנקו: יודען האבען אמאל געהאט איין המן, האב איך געבטען, צוליב דעם, קיין פיש ניט געקענט קריגען אויפ׳ן מארק. פורים איז ביי זיי געווען. האבען זיי די גאנצע פיש אויסגעקויפט. היינט שטעלט אייך פאר: דא זענען פאראנען אזוי פיעל המנ׳ס... ניין!... איך דאנק אייך, פאנאוויע! איהר ווילט, א פנים, אז קיין פיש זאל שוין קיינמאל צו מיר אין מויל ניט אריינקומען...

„פאַניע קאָבאנקו" פערשפּילט אַ שאָך.

„פאַניע קאָבאנקו" האָט ליעב געהאט צו שפּילען אין שאָך. פערשפּילען אָבער האָט ער פיינט געהאט. בלייבען „מאט" האָט שטענדיג געמוזט ניט ער, נאָר זיין פּאַרטנער.

אַזאַ פּאַרטנער האָט ניט געקאָנט זיין קיין פּריץ. אַפילו דער קלענסטער פּריץ, ווי בעוואוסט, איז זעהר האָנאָרנע. און ווען ער שפּילט שאָך, וויל ער זאָגען „מאט". אז ניט—צו וואָס טויג דער שפּילען?

האָט „פאַניע קאָבאנקו" געמוזט האָבען, אלס פּאַרטנער אין שפּילען שאָך, אַ יודען. און אין נעסוויזש איז טאַקע געווען אַזאַ יוד, שבנא האָט ער געהייסען, און איז געווען אַ גרויסע בריה אויף שפּילען שאָך.

נאַטירליך בעשטעהט די גאַנצע בריה'שאַפט אין שאָך-שפּיל דערין, וואָס מ'סטאַרעט זיך יענעם'ס קעניג נעהמען געפאַנגען; זאָגען איהם „מאַט!".

אָבער וואָס טוט אַ יוד ניט צוליב פּרנסה? שבנא איז געווען דער נגיד פון שטעדטעל און געלעבט האָט מען דאָך פון הויף. בפרט אַז „פאַניע קאָבאַנקו" איז געווען ניט קיין געוועהנליכער פּריץ. ער איז געווען דער „וואָיעוואָדע" איבער האַלב ליטא. ער איז געווען אַזוי שטאַרק, ווי דער „קראָל" (קעניג) אַליין און אפשר נאָך שטאַרקער פאַרן „קראָל".

עס פערשטעהט זיך אליין, אז דערפאר, וואס „פאניע קובאנקו"* האט זיך געקענט בעריהמען פאר זיינע חברים—אנדערע פריצים, אז ער גיט שטענדיג מאט דעם סאמע שכנא, וואס אלע פריצים האבען געוואוסט, אז ער איז א גרויסער שפילער, האט שכנא געהאט פון הויף טאקע גוטע פרנסה און איז, צוליב זיין שאך, געווען דער גביר פונ'ם שטעדטעל.

אזוי פלעגט אפט שכנא זיצען אין זיין יארמאלקע מיט'ן „וואיע־וואדא" איבערן שאך־ברעט און נאך יעדען מאל שפילען איז ביי איהם צוגעקומען פרנסה אין זיין וויין־געשעפט.

אבער שכנא האט זיך ניט געפיהלט גוט, כאטש ער איז געווען דער גרעסטער גביר פון שטעדטעל; כאטש אין שול האט ער געהאט די פעטסטע עליות און אין קהל־שטיבעל איז ער געווען דער ערשטער פרנס־חודש.

געהן געצוואונגענערהייט אויף קוליעס, בשעת איהר האט געזונטע פיס און קענט שפרייזען ווי א העלד; ריידען נארישקייט, אז נאראנים זאלען פון אייך הנאה האבען, בשעת איהר קענט אונטער־האלטען א געזעלשאפט פון קלוגע—דאס, פערשטעהט יעדער, איז ניט זעהר אנגנעהם. אין אזא לאגע זענען גאנץ אפט געווען אלע יודען אונטער די שגעונ'דיגע פוילישע פריצים. און שכנא איז געווען א יוד. און א יוד דארף האבען פרנסה.

אבער שכנא איז ניט בלויז געווען א יוד. ער איז אויך געווען א קונצינער שאך־שפילער. און שפילענדיג אין שאך האט ער ניט אלע מאל געקענט אין זינען האבען זיין פרנסה.

האט זיך אמאל שכנא, זיצענדיג מיט'ן „וואיעוואדא" איבערן שאכברעט, „מעשה שטן", פארטראכט. און ווי ער האט זיך פארטראכט, אזוי האט ער פערגעסען אן זיין פרנסה. און ווי ער האט זיך אויף א מינוט פערגעסען אן זיין פרנסה, אזוי איז צוגעטראטען זיין פערד צום סאמע „קעניג" פון זיין מיטשפילער און ער האט [illegible] „פאניע קאבאנקו": שאך און מאט!..

צוויי יאהר נאך דעם איז געווען א חורבן אין [illegible]. שכנא

---

*„פאניע קאבאנקו" פערשפילט א שאך

דער נגיד איז אן אָרימאַן געוואָרען. זיין גליק איז געווען, וואָס ער האָט געהאַט אַ שענע טאָכטער. זי איז אַוועק אין הויף און האָט קרים, מיט צרות, אויסגעבעטען אַן אַמנעסטיע פאַר איהר טאַטען.

שבנא איז ווידער געוואָרען דער נגיד פון שטעדטעל; האָט ווידער געשפּילט מיט „פאַניע קאָכאַנקו" שאַך. אָבער „מאַט" האָט ער שוין קיינמאָל ניט געוואָגט.

„פאניע קאבאנקו“ און משה „גאח“.

די לעגענדעס, וואס געהען אום וועגען משה ג״ח, זענען ווי צוויי טראפּען וואסער עהנליך צו די לעגענדעס, וואס זענען פריהער דערצעהלט וועגען דעם ביאלער „שמשון הגבור“—שמעון ליב. פון אויבען אויף דוכט זיך, אז דאס איז, אייגענטליך, די זעלבע פערזאן. נ׳ור אונטער פערשיידענע נעמען. עס לאזט זיך נאך מעהר גלויבען דערפאר, וואס ביידע האבען געלעבט אין איין צייט; וואס די לעגענדעס טראגען דעמזעלבען כאראקטער און בעציהען זיך צו דיזעלבע ראדזיווילס. און פון „פאניע קאבאנקרס“ ביאגראפיע ווייס מען, אז ער האט געהאלטען אין איין וואנדרעווען: פון נעסוויזש אין ביאלע, פון ביאלע אין נעסוויזש. זענענדיג אבער אין ביידע ערטער אויפ׳ן פלאץ, איז מיר געווען ניט שווער צו איבערצייגען זיך, אז דאס זענען געווען צוויי פערשיידענע פערזאנען. אין ביאלע האט מען מיר געזאגט, אז שמעון ליב׳ס אור אייניקלאך לעבען נאך. אין נעסוויזש האב איך אליין גערעדט מיט אן אור־אור־אור־אייניקל פון משה ג״ח, וועלכער הייסט מיט דעמזעלבען פאמיליען־נאמען. אייניקלאך פון דעמזעלבען ג״ח זענען אויך פאראן אין ווילנא. ביז היינטיגען טאג זענען דא „רייפיגע“ יודען, יודען מיט אייזערנע מוסקולן, מיט שטאהלענע פויסטען.

משה ג״ח איז געווען א חשובער יוד, איינער פון די שטעדטעלדיגע נגידים אין זיין צייט. ער האט געהאלטען א ביר־ברויז. די ראלע

פון א „ליץ" ביי דעם פריץ האָט ער ניט אזוי לייכט געטראָגען, ווי דער ביאַלער העלד. און ער האָט טאַקע, צוליב זיין כח, געענדיגט זיין לעבען פראַגיש.

פאַר גה"ן, אזוי ווי פאַר דעם ביאַלער „שמשון הגבור" האָט געציטערט גרויס און קליין. ער איז פאַר שטעדטעלדיגע יודען געווען דאָס זעלבע, וואָס דער גראָבען מיט דעם הענגבריק איז געווען פאַר דעם שלאָס. א גוי האָט מורא געהאַט צו טשעפען זיך מיט א יודען, חיסענדיג, אז ס'איז פאַראַן ביי יודען א משה ג"ח.

נאָר אין איין סעמינאַריע-געסעל האָט מען ניט אנערקענט משה ג"ח'ס כח. דאָס איז געווען די איינציגע געסעל, וואו א יוד האָט ניט געטאָרט אריינשטעקען דעם נאָז. וואָרום דאָרטען זענען באַלעבאַטים געווען די „סטודענטען"—די פוילישע „סעמינאַריסטען". א „סטודענט" א פוילישער איז פון תמיד אָן געווען די שרעק פון דער יודישער בעפעלקערונג. זיי האָבען ניט אנערקענט קיין שום מאַכט איבער זיך. ווען זיי האָבען זיך ווי א שטורם געטראָגען איבער די יודישע גאַסען, האָבען יודישע קינדער זיך געמוזט צולויפען אין אַלע זייטען. קרעמער האָבען געמוזט פאַרהאַקען זייערע געוועלבער, ביז דער „רוח" האָט זיי איבערגעטראָגען.

עס פערשטעהט זיך אליין, אז אין סעמינאַריע-געסעל האָט זיך א יוד ניט געטאָרט בעווייזען. ער וואָלט קיין לעבעדיגער פון דאָרט ניט ארויס.

דאָס האָבען געוואוסט נעסוויזשער יודען. אָבער פרעמדע, אָנגעפאָהרענע יודען האָבען עס ניט געוואוסט.

אמאָל, ראש השנה, איז א ישובניק, וואָס איז געקומען אין שטעדטעל אויף „ימים נוראים", געגאַנגען צו דער אָזערע צום תשליך. געהענדיג פון תשליך, האָט ער פערבלאָנדזעט אין סעמינאַריסטען געסעל.

אין איינציגע מינוט אַרום איז געוואָרען א ליאַרם אין שטעדטעל, אז אין סעמינאַריסטען-געסעל ליגט א יוד מיט א צעשלאָגענעם קאָפּ. משה ג"ח האָט קיין שאלות ניט געמאַכט און איז אוועק צהין

דערזועהענדיג אין זייער „מלוכה" נאָך א יודען האָבען זיך אויפגעקליבען אלע סעמינאַריסטען אויף אַן עבטע געיעג, ניט איינקוקענדיג זיך רעבט, וועד דער נייער „העבט" איז געווען. זיי האבען אָבער נאָך קיין צייט ניט געהאַט אויסצושטעלען זיך, ווי מ'דאַרף, און בעוואפענען זיך מיט שפיינער, איז משה ג"ח צוגעגאנגען צו דער באַנדע, האָט אויפגעהויבען איינעם פון זיי, און מיט איהם, ווי מיט א שטעקען, צוקיילט און צובייזלט אלע שקצים. אָבגעטאָן זיין זאַך האָט ער אויפגעהויבען דעם צובלו־טיגטען יודען און איז רוהיג אוועק מיט איהם אין שוהל.

משה ג"ח איז געווען א „בן יקיר" ביי „פּאַניע קאָבאַנקו". אָבער אזא זאַך האָט מען איהם ניט געקענט שענקען.

דער וואָיעוואָדא האָט אָבגעפּסק'ענט זיין משפט קורץ: אויב ער, משה ג"ח, וועט אראָבשפּרינגען פון מאגיסטראַט אויף דער ערד און וועט בלייבען לעבען, וועט איהם ווערען געשאָנקען.

דאָס איז געווען אלץ איינס, ווי פערמשפּט צום טויט, צו א שרעקליכען טויט פון „רסוק אברים"—צושמעטערט ווערען אויף פּיצלאַך.

דערזעלבער מאגיסטראַט עקזיסטירט נאָך איצט. ער שטעהט אין מיטען שטעדטעל. ער איז איינע פון די העכסטע געביידען אין שטאָדט. נאָר דאן—האָבען מיר נעסוויזשער יודען דערצעהלט—איז געווען נאָך א שטאָק העכער.

משה ג"ח האָט פריהער פון אלץ—אזוי דערצעהלט די לעגענדע — געוואָלט מאבען דעם מאגיסטראַט מיט א שטאָק נידריגער. ער האָט אָנגענומען, ווי שמשון הגבור דעם פּאַלאַץ פון די פלשתים, ביי א ראָג די אייבערשטע שאַלקע פון מאגיסטראַט, און האָט זי אינ־גאַנצען אראָבגעשמיסען צו דער ערד. דאן איז ער אראָבגעשפּרונגען.

וועגען דעם שפּרונג איז פאַראַן פערשיידענע דעות: איין לע־גענדע זאָגט, אז אונטען, אויף דער ערד, איז געווען אָנגעשטעקט שפּיזען און ער האָט געדאַרפט זיי אויסמיידען און בלייבען שטעהן אויף דער ערד. א צווייטע דעה, וויל האָבען, אז ווי נאָר משה ג"ח איז שפּרינגענדיג געקומען צו די שפּיזען, האָט ער זיך פון זיין איינגעגעם־בח,

א חויב געטאָן צוריק און געקומען אויף דאָס ניי אויפ׳ן דאך.

אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען: שפּרינגען האָט ער געמוזט.

ער איז געשפּרונגען און געבליבען לעבען. אָבער פון דעמאָלט אָן איז ער שוין ניט געווען דער ג״ח, וואָס פריהער.

עס האָט זיך ביי איהם אין די אינגעווייד עפּעס אָבגעריסען. זעקס וואָכען האָט ער נאָך געזשיפּעט. אנדערע זאָגען, אז זעקס יאָהר האָט נאָך דער גבור געלעבט נאָכ׳ן שפּרונג. נאָר ריכטיגער איז דער ערשטער נוסח.

„פּאניע קאָבאנקו״ איז אָפט געקומען צום קראנקען געוואָר ווערען איהם.

— בילעש גאָבאָם—א טעראָס פּאָד וועלקים סטראבאָם,—ביזט געווען א ג״ח, און איצט ביזט דו אין גרויס ציטערנעס, האָט זיך „פּאניע קאָבאנקו״ געווענדט צום גבור, ווען יענער איז כמעט געלעגען א גוסס.

נאָר ג״ח האָט געוויזען, אז אזוינע גבורים, ווי ער, האָבען קיין מורא ניט פאר׳ן טויט.

ער האָט מיט׳ן וואונק געוויזען דעם וואָיעוואָדא, ער זאָל איהם דערלאנגען א שטיין. ער האָט דערלאנגט.

דער גוסס׳ער ג״ח—אזוי דערצעהלט די לעגענדע—האָט גענומען דעם שטיין, אויפגעלעגט די האנד אין א פויסט, און מיט׳ן פויסט געגעבען א זעץ איבער׳ן שטיין, אז ער איז צעשאָטען געוואָרען אויף פּיין־ברעקלאך.

איך האָב בעזוכט אין נעסוויזש דעם שטאָלצען שלאָס פון די ראדזיווילס. דער פּראכטפאָלער פּארק און די רייכע פּאלאצען עק־זיסטירען נאָך איצט, ווי אמאָל. נאָר פון דער אמאָליגער גדולה, און שטעוב׳דיגע פאנטאזיעס איז געבליבען א זכר בלויז אין דעם רייכען

פירשטליכען מוזעאום אין ארכיוו. אין מוזעאום קענט איהר זיך, צווישען אנדערע אנטיקען, אנשטויסען אויף א מין שטאהלענע מאשינקע, וואס הייסט „צוגג-קראצער". נאך א פעטע הוליאנקע פון צעהנדליגע פאר־טראוועס פלעגען זיך די פירשטליכע פרעסער קראצען די פערשמאל־צענע צינגער, כדי זיי זאלען קענען „ארבייטען" ווייטער.

די באטארייען שטעהען איצט פערראסטעטע — א זכר לחורבן...

דער טיפער און ברייטער גראבען איז אויסגעטריקענט. אין דער אזוערע זענען שוין מעהר ניטא קיין גאלדענע פיש; און דער העננגבריק, וואס האט געשיצט דעם שלאס, איז פערוואנדעלט געווארען אין א שטענדיגען פעסטען בריק, איבער וועלכען יעדער קען אריין און ארויס. דער הענג־בריק מיט די באטארייעס, מיט דעם טיפען וואסער־גראבען זענען יעצט איבריג. אנשטאט זיי האט דער שלאס אנדערע וועכטער — די רוסישע קאזארמעס, טאקע דא דערביי.

די איצטיגע ראדזיווילס געפונען זיך זעלטען אין זייער נעסוויזשער שלאס. זיי פערברייגגען דעם גרעסטען טייל פון יאהר אין רוים. פון דער נייער קולטור האבען זיי אנגענומען בלויז דעם אויטאמאביל, וואס איז ווי צוגעפאסט פאר זייער ליידענשאפט צו וואנדערן. פון אויטאמאביל געהען זיי כמעט ניט ארויס.

צו דער א סך פערקלענערטער (זינט נאך די שרפות, מיט צוואנ־ציג יאהר צוריק) נעסוויזשער יודישער בעפעלקערונג זענען די לעצטע ראדזיווילס ניט שלעכט. אבער די היגע יודען לעבען שוין לאנג מעהר פון רוסישען זעלנער, ווי פון שלאס.

איבעריגענס האלט שוין אויך די שטאלצע אדעליגע פאמיליע ביים חורבן. זי האט זיך ניט געקענט צופאסען צו די נייע פאדערונגען פון דער קאפיטאליסטישער עפאכע, ווי גראף טישקעוויטש צ. ב., וואס איז שוין לאנג א בעקער געווארען (ער האט אין ווילנא א גרויסע מעכאנישע בעקעריי און קאנדיטעריי, און קאנקורירט שטארק מיט יודישע בעקער). דער לעצטער ראדזיוויל פון נעסוויזש איז איינגעשלאסען אין א פריי־וואטען משוגעים-הויז אונטער וויען. ער האלט אין איין צעהלען פאפירלאך, פארשטעלענדיג זיך, אז דאס איז געלד. ער איז משוגע

געוואָרען אין מאנטע־קאַרלאָ נאָך אַ ניט געלונגענעם שפּיל, ביי וועלכען ער האָט פערלאָרען אַ מיליאָנען־פערמעגען.

און זיין זוהן, נאָך דער לעצטער צווייג פון די ראַדזיווילס, האָט אריינגעבראַכט אין דער פאַמיליע נאָך אַ גרעסערן חורבן: ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער קאַפע-שאַנטאַן-זינגערין, און עס איז אַ סברה צו זאָגען, אַז זי שטאַמט פון יודען.

אַז „פּאַניע קאָכאַנקו״, וועלכער האָט דערשאָסען אַן אייגענע פלימעניצע דערפאַר, וואָס זי האָט געוואַגט זיך צו פערליבען אין אַ פּשוטן יעגער, וואָלט איצט אויפגעשטאַנען פון קבר און דערזעהן, וואו עס האַלט מיט זיין שטאָלצען שליאַכטענעם יחוס, וואָלט ער זיך אַ לעבעדיגער צוריק אין קבר געלעגט....

זואָס דער „פנקס" דערצעהלט...

אַ פּאָר ווערטער אַלס הקדמה.

דאָס וואָכעדיגע טאָג-טעגליכע לעבען פון אַ פאָלק איז דער יסוד פון זיין געשיכטע. די ביבעל איז דעריבער דאָס בוך פון דער מענשהייט, ווייל אין איהר, אַ חוץ די גרויסע סאָציאַלע און עטישע אמת'ן, וואָס זי אַנטפּלעקט, מאָלט זיך פאַר אייערע אויגען אַ וואונדערשענע פּאַנאָראַמע פון דעם פּשוט'ן לעבען פון די מענשען, אין דעם האַלבנעבעל-דיגען פאַרטאָג פון דער מענשליכער געשיכטע. דאָס זעלבע איז מיט האָמער—די ביבעל פון די אַלטע גריכען. דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן תלמוד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ בעצויבערנד מאַגנעטישע ווירקונג אויף גאַנצע דורות פון אונזער פאָלק. ניט אַזוי גליקליך איז געווען אין אַזוינע ווערק דער מיטעלאַלטער. און וואָס נעהענטער עס קומט צו אונזער צייט, אַלץ אָרימער ווערט אונזער ליטעראַטור אין פאַקטען און בילדער, וואָס זאָלען אונז בעקאַנט מאַכען מיט דעם אינערליכען לעבען פון אונזער פאָלק. נאָר בעזונדער אָרים אין קוואַלען, צו שטודירען פון זיי דאָס אינערליכע יודישע לעבען, איז דער פאָריגער יאָהרהונדערט. און דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס דער יודישער „בית", דער טאָג-טעגליכער יודישער לעבען, איז געווען אָרים אין אינהאַלט. גאַנץ פאַרקעהרט: קיין אין יאָהרהונדערט, דאַכט זיך, פאַר די גאַנצע

לעצטע טויזענד יאָהר איז ניט געווען אזוי רייך אין פארבען, ווי דוקא, אַט דער לעצטער נײַנצעהנטער יאָהרהונדערט. אָנהויבענדיג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און בעזונדערס, זינט דעם רוסיש-פראַנצויזישען קריג פונ׳ם יאָהר 1812. דער טויזענד-יעהריגער דרעמיל פונ׳ם מיטעלאַלטער הויבט ביסלעכווייז אָן פערשווינדען. דאָס יודישע פאָלק, צוזאַמען מיט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער, הויבט זיך אָן צוכען, הויבט אָן אי גייסטיג, אי עקאָנאָמיש צו ערוואַכען. די ערוואַכונג קומט פאָר, וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער, אַלץ האַסטיגער און פארכאַפּט אַלץ ברייטערע און ברייטערע פאַכען פונ׳ם פאָלק, מונטערט אויף צום קאַמפּף און וועקט א שטאַרקען אינטערעס צום פשוט׳ן ערדישען לעבען.

און דאָך, ניט קוקענדיג, וואָס דער אינערליכער יודישער לעבען אינ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט איז אזוי רייך אין פאַרבען, האָבען מיר דאָך אזוי ווייניג שטאָף צו שטודירען דעם דאָזיגען לעבען. דאָס יודישע פאָלק האָט בעזעסען אינ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט ניט ווייניג טאַלאַנטען און גרויסע גייסטער. נאָר אין זייערע ווערק שפּיגעלט זיך זעלטען אָב דער יודישער „ביט״ *) אין די ווערק אפילו פון די שפּעטערדיגע שריפטשטעלער ווערט דאָס אַלטעגליכע לעבען פונ׳ם פאָלק זעהר קאַרג געשילדערט. די סצענעס און בילדער פונ׳ם פאָלקסלעבען אפילו ביי אַזעלכע טאַלאַנטפאָלע שרייבער, ווי מאַפּו, סמאָלענסקין, יהודה ליב גאָרדאָן און אייזיק מאיר דיק, זענען זעהר אָפט גוזמא׳דיג און האַמעטנע. און דאָס לעבען איז פול געווען ארום זיי מיט העכסטע כאַראַקטעריסטישע טיפּען, בילדער, סצענעס, וואָס האָבען געקענט געבען וואונדערליכען שטאָף פאר די גרעסטע קינסטלער־בעאָבאַכטער פונ׳ם יודישען לעבען. אפילו דאָס לעבען פון אָט די שריפטשטעלער אַליין איז אונגעהויער אינטערעסאַנט און בעלעהרענד. און מיר וואָלטען געקענט בעקומען רייכע בילדער פונ׳ם פאָלקסלעבען,

---

*) דעם רוסישען וואָרט „ביט״ האָב איך אויבען ערקלעהט. אָט דער אויסדרוק קען ניט ווערען איבערזעצט אין יודיש מ׳ט איין וואָרט וואָס זאָל איבערגעבען ריכטיג זיין מיין. איך לאָז ז׳עריבער דעם וואָרט, אזוי ווי ער איז.

ווען זיי וואָלטען אונז געקענט דערציעהלען וועגען זייער אייגענעם לעבען, אזוי ווי דיקענס צ. ב. האָט דערציעהלט וועגען זיין לעבען.

נאָר די מעשה איז, אז כמעט אלע אונזערע שריפטשטעלער פונים פאָריגען יאָהרהונדערט, זענען אָדער געווען מעהר קעמפפער, ווי קינסטלער, אָדער זיי האָבען געשוועבט אין די הימלען און האָבען זיך ווייניג צוגעקוקט צו דער זינדיגער ערד.

און ווען מיר ווילען בעקאַנט ווערען מיט די ווירקליכע איבער־לעבונגען פונים יודישען פאָלק פאַר די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר, האָבען מיר ליידער קיין אנדער קוואַל ניט, ווי דעם „פנקס" פון די יודישע קהילות און די „שאלות ותשובות" פון די רבנים. נאָר אין די רבנישע ספרים דאַרף מען לאַנג זיפען און זוכען, ביז מיר קריגען עפּעס אַ „רמז" אויף אַ לעבעדיגען פאַקט און געשעהענים. אינטערעסאַנטער פון זיי זענען די פנקס'ען. אָבער די זענען כמעט אומעטום פער־שוואונדען געוואָרען. אויף מיינע רייזען איבער פוילישע און ליטווישע שטעדטלאַך האָב איך זיי, די פנקס'ען פון די קהילות, געזוכט און נאָר אין עטליכע ערטער האָט זיך מיר איינגעגעבען זיי צו קריגען.

די פנקסים פון קהל זענען כמעט אומעטום פערניכטעט אין די אָפטע שרפות, וואָס פלעגען חרוב מאַכען גאַנץ שטעדטעל. עס איז אויך גאַנץ וואהרשיינליך, אז די קהלישע פיהרער האָבען מיט אַ כיוון פערברענט דעם פנקס אין אַ קריטישען מאָמענט, כדי זיי זאָלען פטור ווערען פון אָבגעבען „דין וחשבון" פאַר דער געמיינדע אין די קהלישע געלדער, וואָס זיי האָבען געהאַט אין זייערע הענד, אָדער ווען אימיצער אַ גבאי (אזוי ווי אין קאָוועל צ. ב.) האָט פערקאַפט קהלישע הייזער, אָדער פלעצער און האָט געוואָלט פערניכטען דעם קאָנטראַקט, אָדער איינענטומס־רעכט פון די געמיינדע־גיטער, וואָס זיי האָבען פערקאַפט. אם מעהרסטען אָבער, איז דער פנקס, די איינציגע קוועלע פון דער יודישער געשיכטע אין ליטא און פוילען, פערפאַלען געוואָרען צוליב דער נאַכלעסיגקייט און אונוויסענהייט פון די גבאים און קהלישע רעדעל־פיהרער פון די גוטע אַלטע צייטען. וואו דער פנקס איז עפּעס מיט אַ נס געבליבען גאַנץ—איז דאָס דער פנקס פון חברה־קדישא. און

אידער דאַרפט דאָרט דורכבלעטערן הונדערט, און, ניט זעלטען, הונדער־טער בלעטער אום אָנצושטויסען זיך אויף איין בלאַט, וואָס האָט פאַר איידער א ווערט.

אַט זענען איינינע שטעלען פון קאַרעליטשער פנקס, טאַקע ניט פון חברה־קדישא־פנקס, נאָר פונ׳ם אמת׳ן קהל׳שען. ער איז אַלט א ערך הונדערט און פופציג יאָהר.

I אַריינגעוואָרפען אַ ווייבעל אין חרם, פאַר וואָס זי איז געפאָהרען מיט אַן „ערל״ אָהן אַ שומר.

אזוי ווי די אשה בתיה בת ר׳ יצחק אייזיק—ווערט דערצעהלט אין פנקס, אויף דער צווייטער זייט פונ׳ם בלאַט 137 האָט געטאָן א מעשה נבלה: זי איז געפאָהרען מק״ק נאָוואָהרודאק מיט אַן ערל, ימח שמו, אָהן א שומר; א חוץ דעם האָט זי בעגאַנגען נאָך א זינד: האָט אויפגעעפענט איהר ברייטען מויל און געזידעלט די פיהרער פון קהל אויף אַן אסיפה אין קהל־שטיבעל; איז פון אונז, די אונטערגעשריבענע פיהרער פון קהל, אַרויס דער פסק, אַז די אשה בתיה זאָל זיין אין גרויסען חרם: מ׳זאָל איהר ניט רופען אויף קיין זאַך, אויך, די בייזע שעה זאָל ניט זיין, צו מתעסק זיין זיך אין א „מת מצוה״, און קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען מיט איהר צו האַנדלען, ביז זי וועט ניט איבערבעטען די פיהרער פון קהל און וועט ניט נעהמען אויף זיך: מעהר ניט צו טאָן אזא פאַרברעך.

אונטערגעשריבען: שבת־צו־נאַכט, דעם 6־טען תמוז תק״ם (1780)

(פיער אונטערשריפטען פון די קהל׳ס־לייט).

ווייטער א ביסעל צוגעשריבען עטליכע שו.־ות: באשר די אשה חנ״ל האָט מתקן געווען איהר פעהלער און האָט אויף זיך גענומען, זי

זאָל אזוינס מעהר ניט טאָן, דעריבער האָבען מיר, די אלופי הקהל [1], בעשלאָסען, אז דער חרם זאָל זיין בטל כחרס חנשבר, ווי אַ צעבראָכען טעפּעל.

II אַ בית-דין שמש—אַ גנב און זיין שטראָף.

צום אָנדענקען און עדות פאַר שפּעטערדיגע דורות—שטעהט פאַרשריבען מיט אַ בלאַט ווייטער—ווי אזוי ה' צבי בר' חיים „סגל" האָט אָבגעטאָן מיט זיין „האנד־ארבייט" צו גנב'ענען פון אנדערע קהילה-לייט, ביי כמה בעלי בתים, אזוי ווי עס איז קלאָר בעוויזען גע־וואָרען פאַר די אלופי הקהל, און די אַלופי „בית דין צדק" פון אונזער קהילה; איז ביי אונז, אלופי הקהל ובית דין צדק בעשלאָסען געוואָרען, אז דער „אַזיגער לויפער [2] (ד. ה. דער שמש) זאָל זיין פסול לעדות און פאַר אַ שבועה, פון היינט אָן און ווייטער.... ביז ער וועט שווערען אין טלית און קיטעל, אַז ער וועט מעהר ניט גנב'ענען. אונטערגעשריבען די קהל'ס-לייט און בית דין אין יאָהר תקנ"ד. 1794.

---

1) אלופי הקהל—ד. ה. פירשטען פון קהל—א טיטעל, וועלכען עס האָבען געטראָגען די פיהרער פון דער יודישער געמיינדע. 2) „לויפער" אין פנקס—„רץ". ער ווערט אויך אָנגערופען „שליח־מיוחד". דאָס איז געוועזען דער געוועהנליכער שמש, אָדער אַן עקסטרא-שמש, וואָס האָט געדינט ביי קהל אַלס „עקסטרא־פּאָטשט", אויך אויף דעם פאַל, אַז מ'האָט געדאַרפט עפּעס אָנזאָגען אין אַ צווייטער שטאָדט, אָדער שטעדטעל, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט אום אַ גזרה, אָדער אַן אַנדער צרה אויף יודען.

III אַ טאַקסע פאַר שניידער.

ווענען דעם גרויסען געשריי פון דער שטאָדט, וואָס איז אויפגע־גאַנגען אין אונזערע אויערן—שטעהט פערשריבען אויפ'ן בלאַט 118, זייטע 2—דערפון וואָס די שניידער דריקען די בעלי־בתים מיט די זעהר טייערע מקחים, וואָס זיי נעהמען פאַר נייהען מלבושים, אַזוינע מקחים, וואָס זענען ניט געהערט געוואָרען אין די קהילות, וואָס אַרום אונז, האָבען מיר, אלופי הקהל, דעריבער פאַררופען אַן אסיפה און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען פון היינט אָן אַ פעסטע תקנה, און עס זאָל ניט געהערט ווערען מעהר קיין געשריי ח״ו אין אונזער גרעניץ. היינו, אַז קיינער פון די היגע בעלי בתים, ווער עס זאָל ניט זיין, זאָל ניט וואַגען צו געבען אַ שניידער פאַר נענייה מעהר פון דעם „אינסטרוק־טערי׳ (טאַקסע), וואָס איז אָבגעשטעלט געוואָרען צווישען אונז, און אָט זענען די פונקטען:

מאַנספילשע קליידער:

א) אַ זופיצע 3) אַ גלאַטע, אָהן פאַסעמאַנען 4)—צוויי גילדען, און מיט פאַסעמאַנען—צוויי גילדען מיט 15 גראָשען. אַ זיידענע זופיצע

---

3) לאַנגע קאַפאָטע אָדער אַ שפּאָלט. 4) פאַסען סאַמעט ביי די ברעגען אַרום.

—דריי גילדען; א דעליע 5)—דריי גילדען; א זיידענע דעליע יע[illegible] גילדען.

ב) א פוטער מיט קעץ—צוויי גילדען מיט 15 גראָשען; מיט פיקס אָדער מיט פיי—פיער גילדען. פוטער של פלאציייניקע (?) מיט פעליך—צוויי גילדען. א סאראָקו (?)—א גילדען מיט דרייצעהן גראָשען. א קאַפּטען פון יעדער צייג—א גילדען. דאָס איז אַלץ פאר גרויסע. פאר קליינע זאָל זיין נאָכן ערך פון די אויבען בעשטימטע פרייזען.

ווייבערשע קליידער:

א) א טשוהיי 6) מיט קעץ—דריי גילדען; מיט פיקס—דריי גילדען מיט פופצעהן גראָשען; מיט פיי—פיער גילדען. א גלאַטער טשוהיי—צוויי גילדען. מיט „אבנאָוו„, (ד. ה. בלויז מיט א פוטערנעם קאָלנער)—צוויי גילדען מיט פופצעהן גראָשען.

ב) א טשוהיי פון מאָרע (געבלומטע זייד) און מיט קראָדישור (?) בעדעקט—דריי גילדען, און א גלאַטען—צוויי גילדען מיט פופצעהן גראָשען.

ג) א בגד פון קארטון (ציץ) און פון קיטאַי (שווארצע געדיכטע באַוועלענע סחורה אין גראַטעס)—איין גילדען. א בגד ארומגעלעגט מיט מאָרע ארום די ברעגען—צוויי גילדען; ארומגעלעגט מיט קראָדישור—א גילדען מיט פופצעהן גראָשען; א גלאַטער—א גילדען מיט דרייצעהן גראָשען.

---

5) א מין ווייבער-מאנטעל. 6) א סובע (פון רוסיש, „שובאַ„—פוטער, אויבערמאַנטעל) פון זיידען און לאַסטיג-קאָרט, גענייהט צום טאַליע, פון פאָרנט מיט קנעפלאַך, הינטען אָהן א נאָט. די אַרבעל זענען פריהער געווען ברייטע, דערנאָך איז אַרויס א מאָדע—שמאָלע אַרבעל.

ד) אַ ווייסט 7) פון מאָרע, בעדעקט מיט גאָלדענע פליטערלאַך — דרייצעהן גראָשען. פון לאַמע (גאָלדענע שטיקעריי) צוויי גילדען, אַנדערע ווייסטען, לויט'ן ערך פון די דאָזיגע.

ה) לייבעל פון ליאַמע 8)—צוויי גילדען; פון אַנדערע סאָרטען דיך—אַ גילדען מיט דרייצעהן גראָשען; פון קאַרטון—איין גילדען. אַ וואָכעדיגען לייבקאַפּטען מיט האָזען אָדער מיט קעץ—איין גילדען. אַ קאַפּטען און זאַלעשקעס 9), געשטעפּט און מיט פוקס—אַ גילדען; אַ זאַלעשקע פון גוטען שטאָף, מיט גאָלד, אָדער אַ גלאַטע פון מאָרע מיט שטיינגעס—פופצעהן גראָשען. אַנדערע זאַלעשקעס, לויט דעם ערך פון ד"י.

די אַלע תקנות זענען בעשטימט געוואָרען פון אַלע קהל־פאָר־שטעהער—עס זאָל זיין אַ געזעץ, וואָס קיינער פון די בעלי בתים טאָר ניט אַריבערטרעטען, ווער עס זאָל ניט זיין. און די שניידער טאָרען ניט נעהמען מעהר פון דעם דאָזיגען „אינסטרוקטער". אפילו איינער פון די פערזאַמעלטע קען פּראָטעסטירען 10) און זעהען, אַז די טאַקסע זאָל אָבגעהיט ווערען שטרענג. און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז אַ

7) ס'האָט אויך געהייסען: „פיגאַראָ", אָדער „בעזרוקאַווניק"—אַ מין יאַקעל אָהן אַרבעל. הינטען ביי דער טאַליע איז געווען צוגענעהט פון וואַטע אַ מין קישקע, ס'זאָל זיך האַלטען דאָס קלייד. 8) אַ מין אינטער־יאַקעל, ס'האָט אויך געהייסען „זעלעוועערם", רוסיש: דושעגרייקאַ 9) אַ מין גאָלד געוועבט שטיק שטאָף מיט אונטערלאַג, וואָס פרויען פלעגען טראָגען אויף דער ברוסט, בשעת זייגען אַ קינד. 10) אויף די יודישע אסיפות, אַזוי ווי אויף די פוילישע סיימען, האָט געהערשט דאָס „וועטאָ־רעכט". ד. ה. ענדערן אַ פריהער אָנגענומען בעשלוס האָט מען געקענט נאָר, ווען די פערזאַמלונג האָט זיך אויסגעזאָגט איינשטימיג. ווען איינער פון די פערזאַמעלטע איז אָבער געווען דאַגעגען, האָט קיין בעשלוס ניט געקענט האָבען קיין טאָכט.

שנײדער טראָגט איבער די תקנות און נעהמט טײערער בײ עמיצען פון די בעלי בתים, װער דאָס זאָל ניט זײן, דאַרף יענער שנײדער געקנס׳עט װערען מיט אַ גרױסען „קנס“ לױט דעם אײנזעהן פון די, װאָס װעלען זיך געפינען אויף דער אסיפה.

אונטערגעשריבען: צװײ גבאים, דער שמש און דער נאמן.
כ״ה ימים לחדש תשרי תקס״ה (1805).

IV פאַר ניט מאַכען קײן סעודה צו אַ ברית.

אמאָל איז געװען אַ מנהג צו רופען אויף יעדער שמחה אַלע קרובים, נאָהענטע און װײטע מיט זײערע װײבער און קינדער און קינדס־קינדער. אַזױ װי האַלב שטעדטעל איז געװען צװישען זיך „גע־קנעפּילט“ איז לײכט צו פערשטעהן, אַז פראַװען אַ שמחה איז פאַר אַ געװעהנליכען בעל הבית, בײ דער אַמאָליגער אָרימקײט, געװען אַלץ אײנס, װי דורכלעבען אַ פּאָגראָם. דעריבער פלעגען אַ סך בעלי בתים מורא האָבען אָנצוזאָגען פאַר׳ן ברײטען עולם װעגען אַ חתונה, אַ ברית, אַ מזל טוב און ד. ג. מ׳פלעגט אָבפּראַװען די שמחה בקצור פאַר „אײגענע מענשען“—די סאַמע נאָהענטסטע צו שמחה־לײט.

„קהל“ האָט זיך אָבער ניט געלאָזען „שפּײען אין דער קאַשע“. װאָס הײסט ניט מאַכען קײן סעודה? געהן הינטער אַרום די כלי קודש?

און אין קאַרעליטשער פּנקס, אין יאָהר תקס״ח (1808) איז פערשריבען אַזאַ מין „פּריקאַז“, כדי אָראָבצונעהמען די „שטרױבלונג־פּונ׳ם פאָלק ישראל:

„מחמת עס איז געװאָרען בעװנותינו הרבים, אַ גרױסער בראָך אין קהל, מבטל צו זײן די סעודה פון אַ „ברית מילה“, װאָס װעגען דעם איז אָנגעװאָונקען אין די און די ספרים, אַז מען מוז מאַכען אַ מאָלצײט פאַר אַלע געלאַדענע; און אפילו דער, װאָס איז אין שטאַנד צו מאַכען

אַ סעודה, מאַכט ער אויך ניט; בכן איז אָנגענומען געוואָרען איינ־שטימיג, אַז דער וואָס וועט ניט מאַכען קיין סעודה, על כל פּנים, פאַר־צעהן מענשען, איז אַ חרם גמור און אַן איסור אויפ׳ן שמש פון קהל, אַז ער טאָר ניט רופען קיין שום מענשען אויף אַ מזל טוב און אויף קיין שום שמחה, און עס איז אַ חרם און איסור גמור, אַז קיינער טאָר ניט געהן אויף אַ מזל טוב, אפילו די „מוהלים" און דער גרויסער סנדק און דער קליינער סנדק, אפילו אייגענע ברידער דעם בעל שמחה׳ס טאָרען ניט געהן. צום שלום ווערט קהל ווייבער און לעגט אַרויף אַ חוב אויף די מוהלים און אַלע, וואָס זענען זיך עוסק אין דעם ברית מילה צו סטאַרען זיך מאַכען אַ סעודה ביי דעם וואָס איז ניט אין שטאַנד אַליין צו מאַכען אַ סעודה.

אונטערגעשריבען: צוויי גבאים, ערב פורים תקס״ח (1808).

V אַן אָבצאָהל אויף „סנדק" און „מוהל".

אַ „מוהל" „ומסדר קדושין" איז אין אמעריקא אַ פיינע ביזנעס. דער מוהל האַלט אָן אַן אָפיס, אַ קאַבינעט הייסט עס, גאָר ווי דער דאָקטאָר און אַדוואָקאַט, און פערדינט ניט זעלטען בעסער פון זיי ביידען. אַ פּרנסה איז שוין דאָס די לעצטע צייט אויך געוואָרען אין רוסלאַנד. אַמאָל איז דאָס אָבער געווען אַ גרויסער כבוד. אַ חוץ דעם, וואָס דאָס איז געווען אומזיסט, האָבען נאָך, ווי דער אויבערשטער אויסצוג פונ׳ם קאָרעליטשער פּנקס בעוויזט, די „מתעסקים" אויף אַ ברית געדאַרפט מאַכען ביי אַן אָרימען „בעל שמחה" אַ סעודה פון דער אייגענער קעשענע. ס׳איז אָבער נאָך דאָס ווינציג. מיט צוויי יאָהר שפּעטער ווערט אינ׳ם זעלבען קאָרעליטשער פּנקס פערשריבען

אזא תקנה: עס איז אָבגעשטימט און בעשלאָסען געוואָרען אין דעם „ועד" פון דער אסיפה ביי די „אלופי הקהל", אז ווער עס וועט זיין „סנדק" אויף א „ברית מילה" איז מחויב צו געבען אויף צדקה ח"י ג"פ ד. ה. אכטצעהן גראָשען, דער מוהל—ניין גראָשען: פון „פריעה—זעקס גראָשען, „מציצה"—דריי גראָשען. די אַלע געלדער זאָלען אָבגעגעבען ווערען די גבאיטעס און דערפון זאָל מען אויסהעלפען אָרימע קינפעטאָרינס. ביי יעדער חתונה דאַרף אויך געבען דער חתן אויף צדקה ח"י ג"פ, פאר די דאָזיגע גבאי'טעס.

VI געכאַפּט אַ יודען מיט אַ ווייבעל אין אַ „חדר מיוחד".

היות, ווי עס איז בעוונותינו הרבים, אָ ב ג ע ט אָ ן געוואָרען אין אונזער הייליגער קהילה א נבלה, היינו מ'האָט געפונען דעם מאַן מרדכי מיט דער אשה לאה בת ר' חיים סגל, וועלכע איז אן „אשת איש", אין א „חדר מיוחד", און דאָס איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך עדות, דעריבער האָבען מיר, די אלופי הקהל, פון אָנהויב געקלערט צו בעצאָהלען זיי נאָך זייערע בייזע מעשים און איהר אָ ר ו י ס ג ע ב ע ן א פ ס ק, ווי עס קומט אזא „א ש ה מ ו פ ק ר ת", ווי זי. איז אָבער דערווייל, איבער נאכט, קאַליע געוואָרען דער ענין. היינו דיזעלבע נאכט האָט זי פון דאנען פליטה געמאכט און מ'ווּאָבען ניט געקענט א ו י ס פ י ה ר ע ן דעם פסק, ווי מיר האָבען געטראכט. אַזוי אָבער ווי מיר האָבען מורא, טאָמער וועט אמאָל די דאָזיגע „מופקרת" ווידער קומען, איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען ביי אונז אַלעמען, די אלופי הקהל, אין דעם דערביי־זיין פון הרב המגיד און בית דין צדק דפה אויסצורופען א גרויסען חרם: אויף יעדען פון די לייט פון אונזער קהילה, ווער עס זאָל ניט זיין, וואָס וועט אַריינלאָזען די דאָזיגע „מופ־

קרת״ צו זיך אין שטוב, אפילו אויף איין רגע, זאָל יענער זיין אויס־געטיילט און אָבגעשיידט פון כלל ישראל און פון כלל דת יהודית פון אַלע פיהרונגען, וואָס זענען איינגעפיהרט אין ישראל. דאס אַלץ איז בעשלאָסען געוואָרען דורך אַ מערהייט שטימען פון די ״אלופי הקהל״ און דערביי זענען אויך געווען די יחידי סגולה 11) און הרב המגיד און בית דין צדק און די אסיפה איז געווען אין קהל־שטיבעל, און לויט דעם רב׳ס באַפעהל האָב איך געחתמ׳עט: אור ליום ד׳, י״ב שבט תק״ע (1810).

אונטערגעשריבען: זאב וואָלף ש״ץ ונאמן דפ״ק.

דאָס אינטערעסאַנטעסטע פון אָט דעם בלאַט אין פנקס איז, וואָס איהם, דעם מאַן, האָט מען גאָר נישט געטאָן. **ד ע ר ג א נ צ ע ר** חרם איז אויף דער ווייבעל.

VII נימאָ קיין בעלנים אויף קוואַטער און אונטערפיהרער!

דאָס איז זיך שווער פאַרצושטעלען. קוואַטער און אונטערפיהרער — די שענסטע כבודים ביי פרומע יודען. און אין קאָרעליטש, מיט הונדערט יאָהר צוריק, האָט מען אויף אָט די כבודים ניט געקענט קריגען קיין בעלנים.

וואָס זשע איז געווען די מעשה? ווער איז געווען שולדיג דערין?

11) אויסגעקליבענע שענע באַלעבאַטים.

שולדיג זענען געווען די כלי קודש מיט די טעלער, וואָס משטעלט ביי יידען אָן צו יעדער שמחה. אָט די טעלער-אָבצאָהלונג פאַר די „כלי קודש" האָט געהייסען אין קארעליטש „צושרייעך". דאָס האָט געלעגט אזא שווערע לאסט אויפ'ן בעל הבית, אז ער האָט מוחל געווען דעם „כבוד" מיט דער „סעודה" און האָט געווייכט פון א חתונה און א ברית. קהל האָט נעגען דעם געמוזט אָננעהמען מיטלען, און מיט א הונדערט יאָהר, אונגעפעהר, צוריק איז פערשריבען געוואָרען אין קארעליטשער פנקס אזא מין תקנה:

היות, ווי דאָ איז געווען אן אלטער מנהג, אז יעדער קוואטער אויף א ברית־מילה און אונטערפיהרער אויף א חתונה האָט געמוזט געבען „צושרייאך" די כלי קדש, און מחמת דעם איז די מצוה פון קוואטער און אונטערפיהרער אין געפאהר אונטערצוגעהן, און דערפון געהט ארויס א גרויסע חורבה פאַר'ן בעל שמחה, וואָס קען נים קריגען קיין קוואטער און קיין אונטערפיהרער; דעריבער: כדי צו פעררינטען, אז די דאָזיגע מצוה זאָל נים אויספעהלען און אויפצוהויבען זי פון דער ערד, ווי זי איז געווען ביז איצט געפאלען, איז בעשטימט געוואָרען ביי די „אלופי הקהל" אינ'ם דערביי זיין פון די „יחידי סגולה", און פון בית דין און פון רב, מיט א שווערען חרם, אז כדי נים צו פערשעמען דעם, וואָס האָט נים, איז פון היינט אָן און ווייטער אן „אסור גמור", אז קיין שום קוואטער און אונטערפיהרער זאָל נים געבען קיין צושרייאך צו קיין שום „כלי קדש", און ווער עס וועט עובר זיין דארויף וועט, א חוץ דעם שטראָף פון דעם חרם, געקנס'ט ווערען מיט גרויסע קנסים און גרויסע בזיונות. דערזעלבער חרם פאלט אויך אויף די „כלי קדש", אויב זיי וועלען נים לאָזען וויסען פאַר אלעמען, ווער עס האָט עובר געווען אויף דעם חרם פון „צושרייאך". ווער עס וויים, אז אימיצער האָט עובר געווען, איז מחויב צו לאָזען וויסען דעם פרנס חודש 12). אכט אונטערשריפטען.

---

12) איינער פון די צוועלף געמיינדע-פיהרער, וואָס האָבען אויך געהייסען „אלופי הקהל". יעדער איז געווען א מין פרעזידענט אויף איין חודש. אין דעם חודש, ווען איינער איז געווען פרנס האָבען די איבריגע נים געהאט קיין רעכט זיך צו מישען, בלויז אויף אסיפות פלעגען אלע צוועלף קומען און האָבען שטימרעכט.

VIII פאַר זידלען דעם „פרנס חודש".

היות, ווי די שטעדטעלדיגע בעלי בתים צבי בן יעקב, און גרשון בהר"י האָבען, געעפענט זויער מויל און געזידעלט דעם „פרנס חדש" אין זיין חודש 13) און אנדערע אָנגענומענע מענשען אין בית המדרש און אין צייט פון דאַווגען, דעריבער, בכדי צו מאַכען אַ צאַם, אַז די „קינדער ישראל" זאָלען ניט זיין „ווי שאָף אָהן אַ פּאַסטוך", האָבען מיר איינשטימיג בעשלאָסען צו קנס'ענען די דאָזיגע מענשען מיט דעם קנס, וואָס דאָ איז אויסגערעכענט. היינו: ניט אויפצורופען קיינעם פון זיי צו דער „ספר תורה" מיט דעם טיטול „מורנו 14) נאָר מיט דעם טיטול „חבר" 15) פון איצטער אָן אויף אייביג, און דער ה' גרשון ווערט אראָבגעוואָרפען פון גבאות אויף אַלע מאָל, און קיינמאָל זאָל מען זיי ניט אויסקלייבען אויף קיין שום קהל'שען און חברה'שען אמט.

13) דער „פרנס חודש" האָט זיך גערעכענט פאַר אַן אָפּיציעלע פּערזאָן בלויז „אין זיין חודש". אין די איבריגע מאָנאַטען איז ער געווען גלייך מיט אַלעמען. 14) דעם טיטעל „מורנו" האָט בעקומען אַ „שענער יוד", אַ למדן, אָדער אַ פּשוטער בּאַלעבאָס, ווען האָט געהאַט געוויסע פאַרדינסטען פאַר דער געמיינדע. 15) דעם טיטעל חבר (קאַמעראַד, גענאָסע) האָט בעקומען יעדער יונגער מאַן, באַלד נאָך דער חתונה. מיט דעם טיטעל איז בעצייכענט געוואָרען אַז ער איז אַ גלייבבערעכטיגטער מיטגליעד אין דער געמיינדע די טיטולען פלעגט מען געוועהנליך געבען בשעת אויפרופען צו דער תורה אין שוהל און אין שריפטליכע ווענדונגען צו דער פּערזאָן, וואָס האָט געהאַט דעם טיטעל.

אויף יעדער אסיפה קען אפילו איינער פון די אנוועזענדע אבהאלטען מיט זיין פראטעסט פון אויסקלייבען זיי ווידער. און כדי צו בעשטעטיגען און געבען מעהר קראפט דעם דאזיגען בעשלוס פון קהל, וואס איז געפאסט געווארען אין קהל־שטיבעל, האבען מיר געחתמ׳עט: יום א׳ ב׳ ימים בחדש ניסן תקמ״ד (1784) לפ״ק. קארעליטש.]

(פינף אונטערשריפטען)

פונקט אין א מאנאט ארום קומט אין פנקס, אויף דערזעלבער זייט פון זעלבען בלאט, אזא צושריפט אונטער דעם אויבערשטען בעשלוס:

אזוי ווי די אויבען אנגערופענע מענשען האבען זיך געבויגען פאר׳ן „בית דין הגדול״, וואס דא איז געווען און האבען געבעטען מחילה ביי אלע פיהרער פון קהל, איז: דערפאר וואס די לייט האבען זיך אונטערגעגעבען, האבען מיר בעשלאסען מוחל צו זיין זיי אויף דאס, וואס געווען, און פון איצט אן קעהרען זיך די לייט אום צו זייער פריהערדיגען שטאנד.

(פינף אונטערשריפטען).

IX וועניגער עולם איז מעהר שמחה.

נאך מעהר, ווי א ברית איז א חתונה געווען פון איין זייט א שמחה, פון דער אנדערער—א צרה. לויט׳ן מנהג פון אלטע צייטען האט מען געמוזט רופען אלע ווייטע און נאהענטע קרובים ביז׳ן צעהנטען גליעד, פוןביידע צדדים, א חוץ פריינד, בעקאנטע, שכנים און גלאט „כלי קדש״. פאר א מיטעלען באלעבאס איז פראווען א חתונה דעריבער געווען, ממש, א חורבן. קארעליטשער קהל האט זיך דעריבער געזעהען געצוואונגען ארויסצוגעבען אזא פעראָרדנונג און פערשרייבען אין פנקס:

עס איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון די פאָרשטעהער און פיהרער פון אונזער קהילה אינ'ם דערביי זיין פון איינצעלנע דיטיגע אָנגענומענע לייט (יחידי סגולה) א בעשלוס, וואָס קעהר זיך אָן צו די בעדערפניסען פון אונזער געמיינדע, לויט די תקנות פון פנקס: אז ווער עס וועט פראווען א חתונה, ווער דאָס זאָל ניט זיין, פון אונזער קהילה, טאָר ער ניט איינלאַדען אויף דער סעודה קיין אנדערע, ווי נאָר די נאָהענטסטע קרובים ביז א „שלישי בשלישי" (גלידם-שוועסטער-קינדער), פוןביידע צדדים, אויך דעם „פרנס חדש" וואָס וועט זיין אין יענעם חודש, און די נאָהענטסטע שכנים, וואָס וואוינען פון ביידע זייטען, נעבען זיין הויז, און די „כלי קדש", און די אונטערפיהרערס, און דעם ווירט פון דעם הויז, וואו דער חתן שטעהט איין. און ווער עס האָט א מחותן אין שטאָדט, מעג ער איהם אויך לאָדען אויף דער סעודה. אויך דער נאָהענטסטער קרוב פון יעדען מחותן (ווייטער פון שלישי בשלישי) און דער מחותן פון דעם ערשטען קרוב פון דעם בעל הסעודה (א וואו מען מאכט די סעודה). אויך די קרובים ביז „שלישי בשלישי" פון מחותן מצד החתן מעג ער רופען אויף א חתונה; אָבער אויף א „סעודת-ברית" טאָר ער מעהר ניט רופען, ווי די וואָס זענען אויבען איינגערעכענט און די מוהלים און „כלי קדש", דוקא די וואָס דיענען ביי קהל. אָט דער „תיקון" איז א חוב אויף יעדען איינעם פון אונזער קהילה, ווער עס זאָל ניט זיין, א חוץ די ישובים ארום. זיי פאַלען ניט אונטער דעם דאָזיגען תיקון, אויך די „כלי קדש" זענען אויסגע-שלאָסען. דאָס אַלעס איז בעשלאָסען געוואָרען אויף א פערזאמלונג פון קהל מיט'ן „חרם הגדול" און ווער עס וועט עובר זיין אויף דעם, וועט נעקנס'ט ווערען מיט גרויסע קנסים. וואָס פאר א קהל פון אונ-זער קהילה עס וועט וועלען מבטל זיין אָט די „תקנה", קענען דריי בשרים (כשרה יודען ד. ה. וואָס האָבען שטימרעכט) זיי וועהרען דאַרין מיט זייער פראָטעסט.

פערשריבען יום א', ח"י מרחשון, תקנ"ד (1794).

(פיער אונטערשריפטען).

דער לעזער זעהט, אז לויט דעם דאָזיגען תיקון, וואָס האָט

שטארק בעגרענעצט דעם מנהג פון „איינלאדענעס״ איז נאָך געבליבען א גאנץ היבשע משפחה צו רופען אויף א שמחה. טאקע פונקט, ווי עס ווערט געוויצעלט אין א פאָלקסווערטעל: ווער איז מיין געזינד? משטיינס געזאָגט! איך און ער, שוויגער און שווער, הענדעל און מענדעל, זרח און ברוך, צוויי צווילינגלאך, זאָלען געזונד זיין, „להבדיל די גויע״ „א כפרה דער בחור״.

X אַ תקנה געגען לוקסוס.

נאָך אין די צייטען פון די נביאים ווערט ביי יודען געסעמפפט געגען אויסערליכען פוץ און לוקסוס. נאָך שטאַרקער ווערט דער קאמפף אין גלות. אן איינפאך לעבען איז נִיט בלויז די גרונד-פאָדערונג פון דער יודישער אמונה, נאָר אויך די נויטווענדיגקייט פון דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאגע פון די יודען צווישען די פעלקער. די יודען האָבען אָבער ניט אלע מאָל געפאָלגט, וואָס זייער תורה, וואָס זייערע גייסטיגע פיהרער האָבען זיי נעהייסען. די הויפטבעשעפטיגונג פון יודען אין גלות, צוליב סבות, אין וועלכע ס׳זענען שולדיג מעהר די אויסערליכע אומשטענדען, ווי זיי אליין, איז האנדעל און פראָצענט. א סך קלייבען אָן עשירות. ווילט זיך ארויסווייזען; ווילט זיך שטאָל-צירען קעגען אייגענע און פרעמדע. קעגען אייגענע איז א זינד. קעגען פרעמדע אָבער—א געפאהר. ניט איין צרה, ניט איין בלוט-בלבול איז געקומען אויף יודען, צוליב דעם. גויים זעהען יודען פיין נעקליידט, נעהמט זיי אָן א קנאה. זאָגען זיי: דאָס איז אונזער גוטס. קומען ארויס דערפון גזרות, פּאָגראָמען. דאָס איז אן אלטע געשיכטע: דער שטאַר-קער מאָג, דער שוואַבער טאָר ניט...

וואָס טוען יודען?

דער „יצר הרע״ איז גרויס. אז גאָט העלפט, ווילט זיך געהן אין שוהל אויסגעפוצט אין אַ שענעם „לייבקאַפּטען״, אין אַ פיינע „זאַלעס־קע״, אין אַ יאַרמולקע אויסגענייהט מיט גאָלד. אָבער: „מה יאמרו הגויים״ — וואָס וואָס וועלען די גויים זאָגען? דאָס מוזען יודען **תמיד געדענקען.**

קלינגט מען זיך, ווערט אין ניעסוויזשער פנקס **אַריינגעשריבען אַ תקנה, אז די** אַלע „שענע זאַכען״ טראָגען ביי זיך **אין דער היים און אינעווייניג אין** שוהל איז מותר. אָבער אין גאַס דאַרף **מען זיי אויס־קעהרען אויף דער** לינקער זייט. די רעכטע זייט פאַר אונז, **הייסט עס, די לינקע פאַר זיי.** וואָרום.... פן יאמרו הגויים... **טאָמער וועלען די גויים זאָגען...**

נאָר לאָמיר לאָזען רעדען דעם פנקס מיט זיין אייגענעם לשון:

אַזוי ווי די צייטען זענען שווער געוואָרען; די פרנסה, וואָס אַ טאָג — וויינציגער, האָבען מיר אויפגעפּענט די אויגען, און אַ קוק געטאָן, אַז דאָס איז אַלץ געקומען צוליב די לוקסוס־קליידער מיט גאָלד־געווע־בעכטס, וואָס איז נתרבה געוואָרען דאָ אין אונזער קהילה, און אין דעם שווערען און ביטערן גלות — שטעכט דאָס זיי (די גויים) די אויגען, דעריבער קומען אויף אונז צרות, און קנאה דערוועקט זיך אין זייערע הערצער.

דעריבער האָבען זיך דערוועקט אַ סך קהילות שוין פון כמה **יאָהר, צו פערצאַמען** דעם בראַך, אז קיין שום אשה זאָל ניט אָנטאָן **קיין קליידער,** געשטיקט מיט גאָלד, אָדער זילבער. און לויט דעם **דאָזיגען צאָם,** וואָס מיר האָבען געזעהן אין כמה גרויסע קהילות האָבען **מיר אויך** אויפגערופען אַן אסיפה מיט אַ גזרה פון דעם גרויסען חרם, אַז קיין שום אשה טאָר ביי אונז ניט אָנטאָן קיין שום קליידער מיט גילדען־געשטיק, אָדער זילבער־געשטיק, היינו אַ טשוהאַי, אַן אויבער־בגד, אַ פאַרטוך און אַ היטעלע. נאָר אַ וויסט, אַ לייבקאַפּטען און זאַלעסקע, ווען זיי זענען צוגעדעקט פון אויבען מיט׳ן טשוהיי, זענען ניט בכלל חרם. אויך מעג מען געהן אין אַ וויסט און לייבקאַפּטען פון דער אייגענער שטוב צו אַ שכנה. און ווען מ׳געהט דערין אין שוהל מוזען די

דאָזיגע בגדים זיין אויסגעקעהרט אויף דער לינקער זייט. אין שוהל גופא מעג מען זיי ווייטער איבערקעהרען אויף דער רעכטער זייט. נאָך הענדיג פון שוהל אָבער מוז מען איבער אַ נייעס איבערקעהרען די קליידער אויף דער לינקער זייט. און דער חרם פאַלט אויף יעדערן פון אונזער קהילה אָהן אַ שום אויסנאַהם און האָט אַ קראַפט צעהן יאָהר פון היינטיגען טאָג אָן. נאָר דעם רב׳ס ווייב, די גאַנצע צייט פון רבנות, איז ניט אין כלל פון דעם דאָזיגען חרם. אויך אַ בחור, אָדער אַ חתן מעג געהן אין אַ יארמולקע פון גילדען-געשטיק ביז דעם ערשטען שבת נאָך דער חתונה. און אַ מיידעל, אָדער אַ כלה, מעגען געהן אין אַ גילדערנעם טרעסט ביז דעם ערשטען שבת נאָך דער חתונה, און זענען ניט אין כלל הרם. און יעדער מענש, וואָס וועט איבערטרעטען דעם דאָזיגען חרם, אַ מאַן, צי אַ פרוי, זאָל זיין מוחרם און אויסגעשלאָסען פון כלל ישראל. נאָר קיינער איז ניט ערוב פאַר אַ צווייטען, מעג זיין אַ חבר, אָדער אַ קרוב, אָדער אייגענע קינדער. אַ חוץ דעם חרם ווערט יעדער פערברעכער געקנס׳עט מיט אַ געלד־שטראָף, און מיט גרויס בזיונות, ווי די פיהרער פון קהל וועלען אויף זיי ארויפלעגען. און דער זעלבער חרם פאַלט אויך אויף יעדערן פון קהל און אויף די „פרנסים חדשים״. קיינער טאָר ניט זוכען קיין שום מיטעל, סיי דורך בית-דין, סיי דורך אסיפה־לייט, מבטל צו מאַכען דעם דאָזיגען חרם. און אויב קהל וועט פרובען אראָבנעהמען דעם חרם איז קהל אליין מוחרם און פערוואָגעלט, אָבגעטיילט און אָבגעשיידט פון כלל קדושת ישראל, און אַלע קללות פון דער תוכחה זאָלען פאַלען אויף זייערע קעפּ. דער וואָס וועט אָבער געהאָרכען וועט רוהען אין זיכערקייט און עס וועט אויף איהם קומען די ברכה פון גוטע לייט.

אונטערגעשריבען די פיהרער פון קהל, די גבירים, דער רב. יום ו׳ דעם 19 אייר, תקל״א (1781).

XI אַ סדור — אַ משכון פאַר קבורה-געלד.

קריגען אַ „בר־מנן" האָט געהייסען פאַר „חברא קדישא" — האָבען אַ סעודה. און אַ סעודה האָט „חברא סדישא" ליעב געהאַט, אוי, האָט זי ליעב געהאַט אַ סעודה! און דעריבער טאַקע האָט מען ניט בעגראָבען אומזיסט קיין שום בר־מינן! אפילו דעם גרעסטען אָרימאַן, אויב ער האָט ניט געהאַט קיין „זכות-אבות". האָסט קיין געלד ניט, גיב אַ משכון. אַלץ פערזעצט? איז דאָך געבליבען אַ סידור! דאָס איז ביי „חברה קדישא" אויך אַ סחורה. אין שענק נעהמט מען און מ'גיט דערויף אַ פלעשעל משקה, און, נאָך אַמאָליגער טאַקסע, אַ געגזיל אויך. ווילט איהר ניט גלויבען, לייענט, איך בעט אייך אין קיידאַנער פּנקס פון חברה קדישא, אויף דער 17-טער זייט. דאָרטען איז בפירוש פערשריבען: פון „פלוני בן פלוני" פאַר קבורה האָט מען בעקומען אַ משכון אַ סדור פון אַמסטערדאַמער דרוק און... פינף גראָשען מזומן.

XII די סעודה פון חברה קדישא.

ניט בלויז פון אַ „בר מינן" האָט חברה קדישא אָבגעלעקט אַ ביינדעל. אַ סעודה האָט געמוזט מאַכען יעדער נייער מיטגליעד, וואָס האָט זיך איינגעשריבען אין חברה. איינצושרייבען זיך אין „חברה קדישא"

איז געווען אַ כבוד. אנב האָט מען דאָ ניט אַזוי געמיינט די „הגדה", ווי די „קניידלאַך". דער גאַנצער לוצקער פּנקס פון ח"ק איז פאַרשריבען, אַ משך פון הונדערט יאָהר כמעט אויסשליסליך מיט אַזוינע „געשעהעניסען". אַז גאָט האָט געהאָלפען איינשרייבען זיך אַליין, אָדער אַ קינד אין חברה, איז דאָס געווען אַ יום טוב. מ'האָט געפּראַוועט מיט גרויס פּאָמפּ אַן אסיפה, „געוואָרפען גאָלקעס", און פאַרשריבען, אויף אַ בלאַט די לענג, די געשעהענים און דעם צערמאָניאַל פון איינשרייבען זיך. האָט איינער ניט געהאַט געננג אויף אַ סעודה, איז חברה מיט איהם דורכגעקומען. מ'האָט איהם צוגעהאָלפען, צוגעבאָרגט. אַבי אַ סעודה. צו דער אסיפה פון די אלופי ח"ק—שטעהט פאַרשריבען אין קיידאַנער פּנקס, איז געקומען רבי אברהם ב"ר הילל בעטען, מ'זאָל איהם אַריינגעהמען אין חברה. האָבען מיר איהם אויפגענומען, באופן ער זאָל געהן אויפ'ן בית הקברות, „על כל צרה שלא תבוא", מיט אַלע זיינע קינדער, גרויס און קליין, אַ יאָהר צוויי נאָכאַנאַנד... האַנדגעלד דרייסיג גראָשען און צעהן שילינג *) זאָל ער געבען שוין. פינף גילדען בעט ער מ'זאָל איהם אַרונטערלאָזען פון דער טאַקסע...

חיים סג"ל איז מחויב צו געבען—שטעהט דאָרטען ווייטער—פופצעהן גראָשען אַן אָדערויף און מאַכען אַ סעודה. ער בעט מ'זאָל געבען צו שטייער דריי גילדען...

אַ דריטער קלאָגט זיך: די צייט איז איהם שלעכט. איז ח"ק איינגעגאַנגען מיט איהם אויף אַ פּשרה: חברה ניט אַ פעסעל ביר. פיער גילדען דאַרף ער בעצאָהלען כאַר פּסח. אָבער, אַז דער אויבערשטער וועט „ברייט מאַכען זיין גרעניץ" מוז ער מאַכען אַ סעודה גאָר אויף דאָס ניי.

*) אַ שילינג, אָדער שילינגער איז געווען אַמאָל אַ דריטעל פון אַ גראָשען.

XIII וואָס האָט געקאָסט אַ סעודה מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק.

אַ גוטע העלפט פון קיידאנער פנקס פון ח״ק איז פערנומען מיט די חשבונות, וואָס אַ סעודה האָט אָנגעטראָפען און פון וואָס זי איז בעשטאַנען. דער שרייבער רעכענט אויס יעדע קלייניגקייט. עס זעהט אויס, אַז, שוין שרייבענדיג, האָט ער הנאה פון די אַלע גוטע זאַכען, וואָס וועלען זיין אויף דער סעודה. איינעם פון די רעכנונגען האָב איך פאָרנאָטירט. ער איז, איבריגענס, זעהר אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס ער ווייזט, ווי טייער האָבען דעמאָלט געקאָסט לעבענסמיטעל. אָט איז דער צעטעל פון אַ סעודה אין יאָהר תמ״ג, ד. ה. ענדע פונ׳ם 17-טען יאָהרהונדערט.

4 העגער — — 28 גראָשען.
4 געגז — — 20 „
1 וואָגען האָלץ — 10 „
1 אינדיק — — 35 „
1 צעהנדליג אייער 4 „
4 גענז — — 1 גילדען מיט 19 גראָשען.
4 קלענערע הענער 12 גראָשען.
10 אינדיקעם — 3 גילדען מיט 20 גראָשען.
1 פאַס ביער — 6 „ „ „ „

ביליג איז געווען דאָס לעבען פון אונזערע עלטער־זיידעס. ס׳איז אָבער אַ פראַגע, צי איז עס שענער געווען?

VIX מחלוקת און מסירות צוליב דער סעודה.

אויף א סעודה האָבען קיין זייטיגע, וואָס בעלאַנגען ניט צו „חברה קדישא" ניט געטאָרט זיין. נאָר יעדער „פרנס חודש" האָט געמעגט ברענגען איין פריינד. האָט זיך אָבער אמאָל געטראָפען, אז איין „פרנס חודש'ס" פריינד איז געווען דעם צווייטען פרנס חודש'ס פיינד. און אָט דער „פרנס חודש" איז גראָד געווען אין „זיין חודש", ד. ה. ער האָט בעטראָכטען אין יענעם חודש זיין אמט. איז ער געווען דער „בעל הבית", דער גאַנצער „האָהן" אויף דער סעודה. האָט ער יענעם פרנס חודש'ס פריינד, ד. ה. זיין שונא ארויסגעטריבען. איז יענער אוועק און האָט געמסר'ט דעם פריץ (ראַדזיוויל), אז דער „פרנס חודש", וואָס האָט איהם ארויסגעטריבען, שטעלט איהם (דעם פריץ) „פייגען", בשעת ער פאָהרט דורכ'ן שטעדטעל. האָט ראַדזיוויל גע־הייסען ארויסטרייבען יענעם „פרנס חודש" פון קיידאַני מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. פון דעמאָלט אָן איז געמאַכט געוואָרען א תקנה, אז אפילו דער „פרנס חודש" טאָר קיין שום זייטיגען מענשען ניט ברענגען אויף דער סעודה, א חוץ רח"ש, ד. ה. רב, חזן, שמש. כאַ־ראַקטעריסטיש איז נאָך א תקנה, פערשריבען אין זעלבען פנקס. „צו מאַכען אויף א סעודה פון ח"ק א וועלבע ס'איז „שפיעל", וואָס מ'רופט דאָס „פאָרשטעלען", אזוי ווי מ'איז זיך נוהג אויף אנדערע שמחות, איז דאָס א שטיק אסור. דערפון זעהט מען, אז ניט בלויז פורים האָט מען געמאַכט אמאָל „פאָרשטעלען", נאָר אויך אויף אנדערע שמחות, און אז אפילו אויף א סעודה פון ח"ק האָט מען „געפּראַוועט קאָמעדיע".

איבריגענס איז ביי „חברה קדישא" אויך געווען אגוטער מנהג: אויב עס איז געווען אין שטעדטעל א קראַנקער, האָט מען איהם געמוזט ברענגען פון דער סעודה וואַרימע געקעכטס, „תיקף", ווי נאָר אבענד. און די איבערבלייבעכטסען פון דער סעודה האָט מען געדאַרפט צוטיי־לען אָרימע לייט.

דער בונט פון די שניידער.

א מעשה, וואָס האָט זיך פערלאָפען אין קיידאַני מיט הונדערט יאָהר צוריק.

די היסטאָריע פון דעם דאָזיגען בונט איז פערשריבען אין קיידאנער שניידערשען פנקס—דער איינציגער פנקס אין גאַנצען יודישען תחום, וואָס איז געפיהרט געוואָרען זעלבסטשטענדיג פון בעלי מלאכות. ליידער איז דער דאָזיגער מערקווירדיגער פנקס, ווי מ׳האָט מיר דערצעהלט, פערפאלען געוואָרען אין דער רעדאקציע פונ׳ם אמאָליגען „וואָסכאָד". נאָר די מעשה, וואָס איך וויל דאָ בעשרייבען, לעבט אין מויל פון קיידאנער אלטע לייט אַזוי פריש, ווי זי וואָלט ערשט נעכטען געווען געשעהן. איך האָב זי פערצייכענט פון מויל פון איינעם א קיידאנער באלעבאָס און גבאי, וואָס האָט מיר געבעטען, איך זאָל זיין נאָמען ניט דערמאָהנען, ווייל „ער האָט מורא פאר די בעלי מלאכות".

דאָס איז געווען דעם ערשטען טאָג ראש השנה—דערצעהלט די לעגענדע, לויט דעם קיידאנער שניידערשען פנקס. דער עולם איז געשטאַנען גאָטספאָרכטיג אין שוהל און מיט גרויס בביות געבעטען ביי דעם „רבונו של עולם" א גוטען צעטעל. פלוצלונג איז געוואָרען עפעם א נערוודער, א געמורמעל, פריהער שטיל און דערנאך הויך קאָבינער, אונרוהיגער. מ׳האָט פערגעסען אן דעם „צעטעל" אן דעם רבונו של עולם, אן די בביות, אן די תקיעות, אן דעם מחזור. עס איז

געשעהן אין שוהל א „מורא׳דיגע״ „מעשה נבלה״, וואָס זינט קיידאַני איז געווען קיידאַני האָט זיך אזוינס ניט פאַרלאָפען.

פון אָנהויב האָט דער עולם אויף ריכטיג ניט געוואוסט, וואָס אייגענטליך איז אזוינס געשעהן. דער געמורמעל און גערודער איז געווען נאָר אויף יענע בענק, אין מזרח-זייט. ביסלעכווייז איז דער קאָך אריין טיפער אין עולם און אלעמענס אויגען און הענד זענען געווענדט געווען צו די הינטערשטע בענק, דער עיקר—צו איין באַנק, הינטער דער בימה, און אויף יענער באַנק—צו איין שטענדער, ביי וועלכען עס איז געזעסען דער „שולדיגער״, דער „עוכר ישראל״, וואָס האָט פאַרשטערט קיידאַנער באַלעבאַטים דעם „יום הדין״, האָט זיי צומישט די תפילות, האָט געמאכט פערטרייבען דעם כבוד פון ישראל.

אין שוהל האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געברויזט ווי ווילדע רוישענדע כוואַלעס פון ים, בשעת ער צעשפילט זיך אין א שטורם.

וואָס זשע איז אזוינס געשעהן אין קיידאַנער שוהל? וואָס פאַר א נבלה האָט אָבגעטאָן דער שניידער? מיט וואָס האָט ער בעטריבט דאָס געמיט פון אלע באַלעבאַטים, גבירים, רבנים און קהל׳שע פיהרער און פאַרזאָרגער?

דער שניידער האָט געטאָן אזא זאך, וואָס איז ניט געזעהן און ניט געהערט געוואָרען אין אלע גרענעצען פונ׳ם פאָלק ישראל אין יענער צייט: ער איז געקומען אין שוהל אין א... יאַרמולקע אונטער היטעל. מיט א מורא׳דיגע חוצפה, וואָס קיין שניידער האָט ביז דער־מאָלט ניט געוואגט, האָט ער, דער „עזות פנים״, דער „עוכר ישראל״, דער „חייט״ אראָבגענומען פאר כל ישראל אין די אויגען די היטעל, האָט פערצויגען דעם טלית איבערן קאָפּ... ניין, איבער דער יאַרמולקע און די יאַרמולקע איז געווען אן אמת׳ע יאַרמולקע—א סאַמעטענע, א נייע, פונקט, ווי ביי דעם רב, ווי ביי דעם גבאי, פונקט ווי ביי אלע די יענע, וואָס שטעהען דאָרט אויבען אָן אין מזרח-וואַנד.

— אוי, וועה געשריען! איצט איז שוין אן עק פון דער וועלט!
— האָט געשטורעמט אין שוהל. מיט וואָס וועט מען דערקענען איצט

דעם אונטערשייד צווישען רב, פּרנס חודש און בעל מלאכה, אַז שניי־דער וועלען אָנהויבען טראָגען יאַרמולקעס, סאַמעטענע יאַרמולקעס, פּונקט ווי אַלע געחויבענע באַלעבאַטים, ווי אַלע שענע יודען...

— קנס׳ענען! מ׳זאָל איהם קנס׳ענען!... האָט געקלונגען פון אַלע זייטען.

נאָר דער רב האָט געהייסען דעם שמש געבען אַ פּאַטש און דעם חזן—נעהמען זיך צו די תפילות. אין מזרח איז עקספּראָמט אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס: מ׳זאָל דעם „עזות פנים", וואָס האָט געוואָגט צו צעשטערען אייביגע גרעניצען צווישען בעל מלאכה און באַלעבאָס—ברענגען אויף מאָרגען נאָך יום טוב צו קהל און קנס׳ענען, ער זאָל פאַרזאָגען אַ צעהנטען נאָך אמאָל צו טאָן אַזא „נבלה". און דערווייל זאָל מען דאַווענען.

אויף מאָרגען נאָך ראש השנה האָט מען געבראַכט דעם זינדי־גען שניידער אין שוהל און מ׳האָט איהם געמאָלדען זיין פּסק: צעהן פונט ליכט אויף שוהל. די יאַרמולקע האָט מען ביי איהם אָבגענומען.

אין שניידערשען פּנקס שטעהט ניט, צו דער שניידער האָט מקיים פּסק געווען. נאָר דערמיט האָט זיך די מעשה ניט געענדיגט. הערט ווייטער.

דעם ערשטען טאָג סכות זענען געקומען קיידאנער גבירים, פּרנסים, באַלעבאַטים אין שוהל—יום טוב׳דיג, שיינענדיג, אונטער די אָרעמס די טלית־זעקלאַך, אין די הענד די לולבים מיט די אתרוגים, — אַליין אויסגעפּוצט אין שטריימעלאַך און אַטלעסענע זופּעצעס, אַרומגעגאַרטעלט מיט פיינע גאַרטלען. זיי געהען אריין בהרחבה׳דיג, גאוה׳דיג אין בית המדרש, כמנהג גבירים און שענע יודען; זעצען זיך אָנגעבלאָזען אויף זייערע מזרח־שטעדט, און בלאָזענדיג זיך נעהמט מען אַרויס, לאַנגזאַם, מיט אַ יום טוב׳דיגען געניץ, די טליתים מיט די זיל־בערנע עטרות פון די סאַמעטענע, מיט גאָלד געוועבטע, טלית־זעקלאַך. מיט שטאָלץ נעהמט מען פאַרנאַנדער די טליתים, וואַרפענדיג דערביי, ווי ניט בכיוון, אַ קוק אויף די הינטערשטע בענק, אויף דער שניידער־באַנק.

פינסטער איז געוואָרען גאַנץ קיידאַנער קהל אין די אויגען...
שטעלט זיך פאָר: אויף דערזועלבער באַנק, וואו ראש השנה איז גע־זעסען דער געקנס'עטער שניידער, איז שוין געזעסען, ניט איינער, נייען — אַ גאַנצע רייה שניידער, שוסטער, קירזשנער, ניט בלויז אין יאַרמולקעס, נאָר אין שטריימעלאַך, אין זופּעצעס, מיט גאַרטלען פּערגאַרטעלט, פּונקט ווי יענע, דאָרט אין מזרח־וואַנט. און נאָך אפילו שענער... וואָרום, פערשטעהט איהר מיך, דאָס האָבען דאָך די שניידער, קירזשנער געמאַכט די זופּעצעס און שטריימעלאַך פאַר זיך... דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָבען זיי גענייהט ניט פאַר אַנדערע, נאָר פאַר זיך אַליין...
— וואָס איז דאָס... הא... אַ בונט! אַ בונט פון שניידער, שוסטער, פון אַלע קיידאַנער בעלי מלאכות געגען קהל, געגען די איי־ביגע מנהגים פון די עלטער־עלטער־זיידעס... אויס יחוס!... אויס מזרח־וואַנט...

נאָר דער שטורם, וואָס האָט געהאַלטען ביי אויסברעכען איז פּלוצלונג שטיל געוואָרען. די בייזע בליקען פון מזרח־וואַנט האָבען דאָס מאָל בעגעגענט נאָך בייזערע בליקען אין מערב־וואַנט. די שניידער, שוסטער, קירזשנער און אַנדערע בעלי מלאכות, זענען ניט בלויז גע־שטאַנען חוצפה'דיג: זופּעצע אַנטקעגען זופּעצע, שטריימעל אַנטקעגען שטריימעל, גאַרטעל אַנטקעגען גאַרטעל. אונטען, אונטער די גאַרטלען, האָט זיך געביילט אַ געזונטער פויסט, אַזאַ שטאַרקער און געזונטער, ווי עס קען נאָר זיין ביי אַ בעל מלאכה. קהל האָט דאָ געהאַט צו טאָן ניט מיט איין שניידער נאָר מיט'ן גאַנצען „צעך" שניידערס, און ניט מיט דעם איין צעך שניידערס, נאָר מיט אַלע צעכען בעלי מלאכות... עס זענען געשטאַנען אין שוהל צוויי פיינדליכע מחנות: מערב־וואַנט אַנטקעגען „מזרח־וואַנט", דער המון אַנטקעגען „קהל". און וועמעס צאָהל איז געוועזען מעהר און וועמעס פויסט איז געווען שטאַרקער — דאָס האָט ביי קיינעם קיין פראַגע ניט געקענט זיין...

„קהל" האָט געמאַכט אַ שווייג. דער דאַוונען איז שוין ניט איינ־געגאַנגען. עס איז אין שוהל — ד. ה. אייגענטליך ניט אין גאַנץ שוהל, נאָר אויף די מזרח־בענק, געווען ניט יום טוב, נאָר תשעה באב. דער־

פאַר איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי „יום טוב׳דיג, אַזוי לוסטיג און לעבעדיג אויף די מעריב-בענק, ווי היינט. די שניידערס האָבען, מזרח־וואַנט אויף צופּוקענעס, געוואָרפען „עזות׳דיג״ מיט די פּאָלעס פון די זופּעצעס, געהויבען די קעפּ מיט די שטריימעלאַך, געהאַלטען „חוצ־פּה׳דיג״ די הענד אין די גאַרטלען און געהויבען ביים אתרוג־בענשען די אתרוגים אַזוי הויך און די לולבים אַזוי געטרייסעלט, ווי שניידער האָבען דאָס נאָך קיינמאָל ניט געוואַגט.

עס איז אַוועק דער ערשטער טאָג סכות. דער צווייטער אַוועק. מערב־וואַנט טריאומפירט! מזרח-וואַנט זיצט טרויעריג מיט אַראָב־געלאָזענע קעפּ און וואַרפט נאָר צייטענווייז בייזע, גיפטיגע בליקען אויף דעם צעבונטעוועטען און טרומפירענדען המון, דאָרטען—הינטער בימה. אין די הייזער, אויף די גאַסען—אַ חוץ די געסלאַך, וואו עס וואוינען די בעלי מלאכות—איז געווען ניט סכות, נאָר יום כפּור. מערב-וואַנט טרומפירט...

נאָר אַזוי האָט זיך געדוכט דעם אויבערפלעכליכען צוזעהער. אין אמת׳ן האָט קהל ניט געדרעמעלט.

אויפ׳ן דריטען טאָג—דעם ערשטען טאָג חול המועד, דאָס איז געווען שבת חול המועד—זענען גאַנץ פריה אָנגעקומען אין שטעדטעל דעם גראַף טשאַפּסקי׳ס קאָמיסאַר מיט צוואַנציג פויערן. צעהן פון די פויערן האָבען אַרומגערינגעלט דעם בית המדרש, אַנדערע צעהן זענען אַוועק אין די געסלאַך, וואו עס האָבען געוואוינט די בעלי מלאכות. און האָבען דאָרטען אַרויסגענומען אַלעמען פון די בעטען—אַלט און יונג, מייסטערס און אַרבייטער, און אַוועקגעפיהרט זיי אין צענטראַלען סקלאַד—דאָס איז געווען דעם פּריץ טשאַפּסקי׳ס אַלעדיגע הויז—און מ׳האָט אַלעמען געשמיסען.

טייער האָט געקאָסט קיידאַנער בעלי מלאכות זייער „חעזה״ צו וועלען זיין גלייך צו די באַלעבאַטים. אָבער ניט ביליג האָט אָט די קערפּער-שטראָף געקאָסט אויך קיידאַנער קהל. אַזא שענדליכע מעשה

איז נאָך ניט געהערט געוואָרען פאר די גאנצע יאָהרהונדערטען זינט יודען האָבען געוואוינט אין פוילען און ליטא, פיליכט פאר דער גאנצער צייט פון דער יודישער היסטאָריע... אלע פריוויליעגיעס, וואָס יודען האָבען מיט די גרעסטע אָפּפער און מיה, אויסגעסטארעט זיך ביי די ליטווישע און פוילישע קעניגע און מאגנאטען, האָבען געהאט זייער הויפּטציעל: די פרייהייט פון דער איינצעלנער פּערזענליכקייט ביי דעם יודישען פאָלק. די אונבעריהרבארקייט פון דער פּערזאָן אינ׳ם אינערליכען יודישען לעבען גופא. און יעצט איז פערשוועכט געוואָרען אָט דער אַלטער טויזענדיעהריגער הייליגער פּרינציפּ, פערשוועכט געוואָרען פון יודען אַליין. אויפ׳ן גרעבסטען, ווילדעסטען אופן.

ווי דערשלאָגען און טעמפּ, אין אלגעמיין, די מאסע איז ניט געוועזען ביי יודען, אָבער אזא רציחה איז שוין געוועזען צו גוואלדשרייענד. די טיעפע בעליידיגונג האָט פעראייניגט די קיידאנער יודישע בעלי מלאכות אין דעם ברענענדיגען געפיהל פון נקמה אָן זייערע פייניגער. עס איז זיי געמעלדעט געוואָרען א הייליגער קאמפּף. דער קאמפף איז אריבערגעטראָגען געוואָרען אין די רעגירונגס-געריכטליכע קאנצע־ליאריעס. די העכערע געריכטס-וואָגשאָל האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אין די הענד פון דער רוסישער רעגירונג. דאָס איז געוועזען אין די צייטען פון אלעקסאנדער דעם ערשטען. דאָס איז געוועזען אין דער צייט, ווען דער געשריי פונ׳ם פאָלק געגען דער ווילדער מוטווילנקייט פונ׳ם „קהל״ האָט זיך שוין געהערט פון אומעטום. די רוסישע געזעצ־געבונג איז ניט געוועזען פיינדליך צו יודען, האָט זיך א פנים צוגעהאָרכט צום געשריי פון פאָלק און האָט געשטרעבט דורך א גאנצע רייה פעראָרדנונגען צו בעפרייען דעם יודישען יחיד פון דער מאכט פונ׳ם קהל. נאָר ווי גינסטיג די שטימונג איז ניט געוועזען אין די הויכע פענסטער, קהל האָט בעזעסען א מאכט, וואָס האָט געמאכט צום נול אלע פער־אָרדנונגען פונ׳ם געזעץ צו גונסטען פונ׳ם המון. די מאכט איז געוועזען כאבאר. און מיט דעם דאָזיגען געוועהר איז קהל געוועזען שטארקער.

יאָהרען לאנג איז אָנגעגאנגען דער קאמפף צווישען דעם המון און קהל אין קיידאני. צעהנדלינגע טויזענדער האָט ער אָבגעקאָסט

ביידע צדדים, און די בעלי־דיגטע בעלי מלאכות האָבן כמעט פער־לאָרען יעדע האָפנונג אויף גערעכטיגקייט.

פלוצלונג איז ארויס אַ קלאַנג, אז דעם קייזער'ס ברודער, קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש, דאַרף אין קורצען דורכפאָהרען קיידאַני. דער המון איז אויפגעמונטערט געוואָרען. זיי האָבען יעצט אַ געלעגנהייט דערלאַנגען דער העכסטער מאַכט אַ פּאַפּיר אין האַנד, אַ קלאַגע אויף זייערע דריקער און בעליידיגער, מיידענדיג די אונטערשטע קאַנצע־ליאַריעס. דאָ וועט שוין פאַר זיי געוויס אויפשיינען די גערעכטיגקייט.

אין דער פרייד פון נצחון האָבען אָבער די נאַאיווע בעלי מלאכות פערגעסען צו „האַלטען צונג" און קהל איז באַלד געוואָהר געוואָרען פון זייערע פּלענער. מ'איז אַוועקגעלאָפען צום איספּראַווניק, אָדער סטראַפּטשע, ווי ער האָט דעמאָלט געהייסען, אריינגערוקט איהם אין יד אַ שענע מטבע און געבעטען: ער זאָל זיין אַ פאָטער און ראַטעווען.

— איך קען אייך גאָר נישט העלפען,—האָט ער זיי געמעלדעט —לויט דעם געזעץ איז יעדען אונטערטאַן ערלויבט, בשעת אַ הויכע פּערזאָן פאָהרט דורך, צו דערלאַנגען איהם אַ בקשה. אָבער... דער פּאָליציסט האָט זיך פערקלערט—אַן עצה איז דאָ... בשעת דער קייזער, אָדער אַ פּערזאָן פון דער קייזערליכער פאַמיליע פאָהרט דורך, לויפען אַ פריהער העראָלדען אָנזאָגען, כדי שטעדטעל זאָל וויסען און זאָל ארויס אַנטקעגען „מקבל פנים" זיין. ווען עס לויפט דורך דער ערשטער העראָלד, צושטעלט זיך דער עולם איןביידע זייטען און דאַן פערנעהמען אויך די „קלאָגער" מיט די פּאַפּירען זייער פּלאַץ. ביין צווייטען הערָאלד טאָר מען קיינעם ניט ריהרען פון זיין אָרט. דאַן איז פערפאַלען. איהר פאַרשטעהט? נאָר באַלד נאָכ'ן ערשטען הערָאלד, ווי נאָר דער שנייַ־דער וועט זיך שטעלען מיט דער פּאַפּיר אין האַנד, ווען עמיצער וועט, אַ שטויגער, אונטערגעהן צו איהם, טאַקע פון אייערע גופא, און וועט זיך מיט איהם... צעשלאָגען, דעמאָלט קען איך צונעהמען ביידען און פערשפּאַרען אין רעשאָטקע. וואָס שפּעטער וועט זיין, דאַרפען מיר שוין ניט זאָרגען. דערוויילע וועט איהר זיין פון איהם פּטור.

קהל האָט מען קיין פינגער אין מויל מעהר ניט גערארפט

אריינלעגען. פאר א פאר גילדען האט זיך געפונען א„בונד"־א פעררעטער, טאקע א שניידער־יונג נופא, וואס האט ביין שניידער געדינט. אלעס איז פארגעקומען, ווי דער פאליציייאישער „בלעם" האט גע׳עצה׳ט. דער שניידער מיט דער פאפיר, מיט׳ן שניידער־יונג זענען פערטריבען גע־ווארען אין רעשאטקע, דעם קייזערס ברודער איז דורכגעפאהרען, און קהל איז אויך דאס מאל נצול געווארען.

נצול געווארען, אבער ניט אויף אלע מאל. קהל האט גוט פער־שטאנען, אז ווען די טויערן פון גערעכטיגקייט זענען פאר די שניידער און שוסטער אויף א לאנגע צייט פערשפארט געווארען, איז נאך אבער געבליבען דער ברייטער שליאך, און דער וואלד, און דער אייזערנער שניידערשער פויסט. און עס איז געבליבען, אז מ׳זאל זוכען מיט די בעלי מלאכות א שלום.

מ׳האט געשיקט צו זיי א שמש: וואס געווען איז געווען, זאגט, וואס פערלאנגט איהר? און עס זאל זיין שלום.

די בעלי מלאכות האבען ארויסגעשטעלט דריי פאדערונגען: ערשטענס—זאל די יארמולקע און זופעצע און דער גארטעל זיין פריי פאר כל ישראל און ניט פאר מזרח-וואנט־יודען אליין. צווייטענס —זאל אין בית דין, בשעת עס וועט פארקומען א משפט צווישען א בעל מלאכה און א בעל הבית, זיין איין דין (לעז: דאיאן) פון זייער, פון די בעלי מלאכות צד. און אין קהל־שטיבעל—אויך זייערער א סטאר־שינא, כדי די בעלי מלאכות זאלען זיין זיכער אין אן אונפארטייאישען געריכט.

די בעדינגונגען זענען אנגענומען געווא׳רען און צווישען מזרח־וואנט און מערב-וואנט איז געווארען געשלאסען שלום.

איבריגענס האבען די בעלי מלאכות שוין דעמאלט געהאט זייער אייגענע שוהל, מיט זייער אייגענער מזרח־וואנט. אינטערעסאנט איז דער אבמאך, וואס איז געשלאסען געווארען צווישען די בעלי מלאכות און דעם דין. לויט דעם דאזיגען אבמאך, איז דער שניידער־שער דין געווען מחויב צו קומען צו די בעלי מלאכות אין שוהל דאווענען דריי מאל אין טאג. נאך מנחה האט ער געדארפט זאגען פאר זיי

חוטש. שבת נאָך מנחה—לערנען מיט זיי „חיי אדם״. „שכירות שלו״— די שכירות זיינע—דעם דין׳ס הייסט דאָס (אזוי איז געווען פערשריבען אין שניידערשען פנקס) איז ח״י קאָפּ. מכל לערניונגעל על משך ג׳ שנים. ד. ה. די נייע הוצאות אויפ׳ן דין האָט מען בעקומען פון אַן אָבצאָהל אויף די לערניונגלאַך. יעדער לערניונגעל האָט, אַ חוץ דעם טערמין דריי יאָהר, פון איצט אָן געדארפט צו צאָהלען אכטצעהן קאָפּיקעס. פון די אכטצעהן קאָפּיקעס האָט בעלאנגט צוועלף קאָפּיקעס צו די באַלעבאַטים און זעקס קאָפּיקעס לטובת דעם דין.

אָט אזוי האבען די שניידער נאָך דעמאָלט שכל געהאט איבערצולעגען די פערגרעסערונג פון זייער בודזשעט אויף זייערע ארבייטער און פערדינען נאָך עפּעס דערביי...

ווען שקלאָוו איז געווען „ארץ ישראל".

שקלאָוו איז איינע פון די מערקווירדיגסטע שטעדט אין יודישען תחום. ווען אָרשע איז געווען די וויגעלע פון דער יודישער גרויס-בורזשואַזיע, איז שקלאָוו געווען איהר חדר, איהר שולע, וואָס האט איהר אויפגעהאָדעוועט און ערצויגען. מיר קענען זיך איצט קוים פאָרשטעלען, וואָס פאַר א ראָליע שקלאָוו האט געשפּילט אין יודישען האנדעל מיט הונדערט יאָהר צוריק, און נאָך פריהער, פון יעקאַטערינען, ביז ניקאָלאַי דעם 1-טען. שקלאָוו איז ניט בלויז געווען דער צענטראל-אָרגאַן, וואָס האט פעראייניגט און אָרגאַניזירט די יודישע סוחרים וועלט אין תחום, נאָר זי איז געווען דער קוואל, פון וואַנען עס האָבען זיך שפּעטער פערשפּרייט שטראָמען פון יודישען האנדעל איבער גאַנץ רוסלאַנד. אַיבערהויפּט אין מאסקווא און פּעטערבורג. „שקלאָווסקי דוואָריאַנין", איז געווען דער טיטעל, מיט וועלכען דער מאסקווער פּאָניע האט אין שפּאָס געקרוינט דעם יודען. נאָר דאָס איז געווען מעהר ווי א שפּאָס. דאָס איז געווען די ווירקליכקייט.

די ראָליע וואָס, צום טייל, שפּילט איצט האָמעל, האט אמאָל געשפּילט שקלאָוו אין א סאך גרעסערען מאסשטאב. האָמעל, איז אַזוי צו זאָגען, דער האנדעלס-שליסעל צווישען ליטא און פּוילען פון איין זייט, און ראַסיי, קאַווקאַז, סיביר און בוכאַרע פון דער אנדערער. ווי אויך בכלל, צווישען אויסלאַנד און טיף ראַסיי. אָט דער שליסעל איז א סך

א גרעסערער מאָס, איז געווען אמאל—שקלאָוו.

אינטערעסאַנט איז, אַז דעם פונדאַמענט צום יודישען האַנדעל אין שקלאָוו גופא און דעם גאַנצען געגענד ארום, האבען געלעגט ניט די יודען אליין, נאר צוויי רוסישע גענעראַלען,—פון די וואס האבען א געוויסע צייט געגאסען יעקאַטערינאַ'ס ליבע, דאס זענען געווען: דער בעריהמטער פירשט פאַטיאמקין און דער סערב—גענעראַל זאָריטש. זאָריטש איז געווען יעקאַטערינאַס פאַוואריט פ א ר פאַטיאַמקינען. ער האט געגעבען יודען פערשידענע פריווילעגיעס צו ענטוויקלען האַנדעל. ער האט, פערשטעהט זיך, ניט געמיינט יודישע טובה, נאר ער האט פשוט אליין געוואָלט רייך ווערען. זאָריטש, אזוי ווי פאַטיאַמקין, זענען געווען פראַקטישע און ענטוויקעלטע מענשען. זיי האבען זעהר גוט געוואוסט די בעדייטונג פון יודען פאַר דער פערשפרייטונג פון האַנדעל אין רוסלאַנד, וואס איז דעמאלט געווען זעהר אבגעשטאַנען. זאָריטש האט זיך ניט בעגוגענט מיט אַנקלייבען רייכקייט אינדירעקט, דורך פראַטעזשירען יודען. ער האט, פשוט, אליין געטריבען טרייפע בראַנפען און געמאַכט פאַלשע געלד. כדי בעסער אויסצוברענגען די בראַנפען האַט ער געצוואונגען יודען זיי זאָלען ביי איהם קויפען די בראַנפען און פערקויפען די פויערים. ווען מ'האט שפּעטער, ביי איהם געמאַכט אַ רעוויזיע און געפונען די פאַלשע מטבעות, האט ער אַרויפגעוואַרפען די גאַנצע שולד אויף יודען.

צוליב זיינע טרייפע ביזנעס האט זאָריטש נויטיג געהאַט, אַז קיין שום „קנעפּעל", סיי פון די הויכע, סיי פון די נידעריגע זאָל ניט אריישמעקען אין זיין „מלוכה". אפילו דאַן, ווען ער איז שוין געוואָרען אויס „מחותן" מיט יעקאַטערינען און זיין פלאַץ האט פערנומען פאַטיאַמקין, האט ער אויך גענאסען אַ געוויסע אונבעריהרליכקייט פון פּערזאָן. אלס געוועזענער געליבטער פון דער קייזערין, האט ער אָנגעווענדעט אלע מיטען צו האלטען די קנעפּעל-לייט וואס ווייטער פון זיינע מאַיאָנטקעס. אפילו די איצטיגע שקלאָווער יודען קענען זיך ניט פערוואונדערן, וואָס פאַר אַ מין „ארץ ישראל" דעמאַלט איז געווען.

כדי וואס לענגער אויפצוהאַלטען זיין חן אין יעקאַטערינעס

אוינען, האָט זאריטש זיך געמיהט צו ברענגען דער קייזערין פערשידענע מתנות, איבערהויפּט—קליידער און פּוץ־שטאָפען. אין רוסלאַנד האָט מען, פערשטעהט זיך, קיין גרויסע אַנטיקען ניט געקענט בעקומען, האָט מען עס געמוזט בעציהען פון אויסלאַנד. דאָן איז אָבער געווען דער גרעניץ-אָבצאָהל אַזוי אונגעהויער גרויס, אַז עס איז פּשוט גיט מעגליך געווען צו בעקומען אויסלענדישע סחורה. האָט זאריטש געפונען אַ מיטעל. ער האָט די יודען געהאָלפען דורכפיהרען פון אויסלאַנד די ארטיקלען, וואָס ער האָט נויטיג געהאַט אויף מתנות דער קייזערין, אָהן אָבצאָהל: פּשוט אויפ׳ן קאָנטראַבאַנדע וועג. ס׳איז לייכט צו פערשטעהן, אַז יודען האָבען זיך ניט בעגוגענט מיט דורכפיהרען בלויז זאריטשעס סחורה. גאָר אין קורצען טאַקע האָט זיך ענטוויקעלט אַ ריזיגער מסחור מיט אויסלענדישע סחורה איבער׳ן גאַנצען תחום. אויף אַלע וועגען, וואָס פיהרען פון די גרעניצען ביז שקלאָוו. אַלץ און אַלע אויף די וועגען, וואו די קאָנטראַבאַנדע-סחורה האָט געדאַרפט געהן, איז געווען „פערשמירט״, ווי שקלאָווער יודען דריקען זיך אויס.

אין יענע צייטען האָט מען געבויט אַ שאָסע פון פּעטערבורג אין מאָסקווע. דער שאָסע האָט געמוזט דורכגעהן שקלאָוו. זאַריטש׳עס מאַכט איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט מיט אַ כיון אָבגעצויגען פון דאַנען דעם שאָסע אַן אַ זייט אויף ניין וויאָרסט. און דעריבער: וועהרענד אַלע ארומיגע יודישע שטעדטלאַך האָבען נאָך פון פאַר הונדערט יאָהרען דעם גלאַטען שאָסע־וועג, האָט מען אין שקלאָוו, ביז מיט צעהן יאָהר צוריק, ווען דער באַהן איז דאָ געוואָרען, געמוזט פאָה־רען מיט אַ קאַליקען בלאָטיגען שליאַך. דאָס איז אַלץ געמאַכט מיט אַ מיין, אַז די „קנעפּ־טייוואָלים״ זאָל זיך ניט געלוסטען צו מאַכען אַ הער־אָפּטע וויזיטען.

דער מסחור מיט קאָנטראַבאַנדע האָט זיך אָבער אַזוי אונגע־הייער פערשפּרייט, אַז די רעגירונג האָט ניט געקענט בלייבען אַ לאַנגע צייט אין אונוויסענהייט וועגען דעם, וואָס דאָ, אין שקלאָוו, טוט זיך. עס האָבען זיך גענומען שיטען רעוויזאָרען, וועלכע האָבען אָבער „גאָר נישט געפונען״. די רעוויזאָרען זענען דאָך אויך געווען ניט מעהר, ווי

„זינדיגע מענשען". בשעת זיי האָבען דורכגעזוכט און דורכגעאַקערט גאַנץ שטאָדט, זענען הונדערטער פּעק קאָנטראַבאַנדע, גאַנץ רוהיג זיך געלעגען אין די שפּייכלערס, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויפ'ן גאַנצען ברעג פונ'ם דניעפּר, אויסער'ן שטאָדט. האָט זיך פערגלוסט א רעוויזאָר אריינצוקוקען אין די שפּייכלערס, זענען שוין די שפּייכלערס געווען פּוסט און לעער און די גאַנצע סחורה איז געווען אויסגעלעגט אויף שיפען און פעראַנקערט אין מיטען דניעפּר. צו די דאָזיגע שיפען האָט קיין רעוויזאָר ניט געוואגט צו צוטרעטען. די שיפעל, מיט וועלבער זיי האָבען געזאָלט צוקומען צו די פעראַנקערטע שיפען מיט די קאָנטראַבאַנדע האָט זיך געקענט איבערקעהרען און וואָלט זיך זאָגאר געווים איבערגעקעהרט, און זיי וואָלטען שוין צוריק פון דניעפּר ניט ארויס. וואָרום אין דעם, אז מ'זאָל די טרפה סחורה ניט געפינען, זענען געווען פעראינטערעסירט ניט בלויז טויזענדער יודען, נאָר נאָך אזוי פיעל קריסטען—בעאַמטע פון דער רעגירונג.

עס איז געקומען דערצו, אז אפילו, ווען אימיצער פון דער קייזערליכער סוויטע אליין פלעגט דורכפאָהרען א יודישע שטאָדט, פלעגט ער זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט צו בעקומען אין די יודישע קראָמען קאָנטראַבאַנדע, וואָס דער מסחור דערמיט האָט זיך מורא'דיג ענטוויקעלט, ניט קוקענדיג אויף די אָפּטע, שטרענגע רעוויזיעס. די רעגירונג האָט ערשט אין אלעקסאַנדער דעם צווייטענס צייטען זיך געזעהן געצוואונגען קלענער צו מאַכען דעם אָבצאָהל אויף אויסלענדערשע סחורות. דאָס האָט געגעבען א טויט קלאַפּ דעם ריזיגען קאָנטראַבאַנדע-מסחור. די קאָנטראַבאַנדע, אלס שטענדיגע פרנסה, איז געבליבען נאָר הארט ביי די גרענעצען.

די פערבינדונגען, וואָס יודישע סוחרים האָבען אָבער געמאַכט מיט אויסלאַנד, זענען ניט געבליבען אָהן א רעזולטאַט. פון דעמאָלט אָן הויבען יודען אָן נעהמען א גרויסען אנטייל אין דעם ריזיגען רוסישען עקספּאָרט און אימפּאָרט. זיי בעשאַפען זיי. דאָס הויבט אויף שטאַרק דעם וואוילשטאַנד פון דעם יודישען סוחרים-קלאַס. מ'קען זאָגען, אז דריי פערטעל פון דעם אויסערליכען האנדעל אין רוסלאַנד איז געלעגען ביי

יודען אין די הענד און קיין באַיקאָט איז ניט אין שטאַנד זיי פון דאַנען אַרויס צושטופען.

די שקלאָווער גבירים אָבער האָבען זיך פון דעמאָלט אָן געלאזען אין די רוסישע שטעדט, מיט וועלכע זיי האָבען שוין לאַנג געהאַט פעסטע פערבינדונגען. איבערהויפט אָבער האבען זיי זיך אוועקגעלאזען אין מאסקווע און פעטערבורג. דאָרט האבען זיי גאָר איינגיבען אָנגעהויבען שפּילען נאָך אַ גרעסערע ראָליע, ווי פריהער, ענטוויקלענדיג צו דערזעלבער צייט, דעם רוסישען מסחור.

דיזער בליהענדער צושטאַנד פון דעם יודישען סוחרישען קלאַס דויערט ביז דעם סאַמע „גירוש מאָסקווע" פון 1901. דאַן איז זי געצוואונגען צו עמיגרירען. אַ טייל לאָזט זיך אין אמעריקא. אנדערע פערבלייבען אין רוסלאַנד און בעזעצען זיך אין ווארשא אוּן אין לאָדז. אַ געוויסער טייל, אָבער,—סוחרים און בעלי מלאכות, ווי צום ביישפּיל, די רויכוואַרגער וואס מוזען האבען נאהענט ראסיי און איבערהויפּט דעם ניזשנער ירידי, קענען זיך ניט לאזען ווייט און בעזעצען זיך אין דער אלטער היים, אין שקלאָוו צוריק. אַט אזוי ווערט פון מאסקווער חורבן שקלאָוו ביס-לעכוויז ווידער אויפגעבויט. אָבער, פערשטעהט זיך, ניט אין אזאַ מאס, ווי פריהער. דערצו איז דא פון אמאָל נאך געבליבען דער מסחור מיט זוימען און פלאקס, אביסעל וואלד, אביסעל תבואה. אַז איהר וועט צוגעבען די יודישע פּאפּיר-פּאבריק, וואס האט נאר אינ-דירעקט א שייכות צו שטעדטעלדיגע פּרנסה (זי בעשעפטיגט פינף הונדערט ארבייטער—אלע קריסטען און נור אין דער פערוואלטונג, ווי אומעטום, ארבייטען יודען)—האט איהר די גאנצע קוועלע פון שקלאָ-ווער יודענ׳ס חיונה. ניט גאר קיין רייכע, ניט אַמאליגע שקלאָוו! אבער אויך ניט קיין ארימע. שקלאווער יודען לעבען זיך דורך נישט קשה.

נאר לאמיר זיך אומקעהרען צוריק צום אַלטען שקלאָוו.

שקלאָוו איז,ווי איהר זעהט, געווען אַ גאַנץ אויסגענומענע יודישע וועלטעלע. אַן אייגענע „ארץ ישראל" אין סאמע רוסלאַנד. גאַנצע דורות האבען יודען דארטען קיין מעשענעם קנעפּיל ניט אנגעזעהן.

פריהער איז שוין ערקלערט, ווי אזוי דאָס איז געקומען.

דאָרטען האָבען יודען, גאָר אמאָל, אויך געהאט אין די הויכע פענסטער אזוינע שטאַרקע מליצים, ווי נתן נטע דער שתדלן און ר׳ יהושע צייטילס, און שפּעטער—די מאָסקווער און פּעטערבורגער גבירים.

אזא שטעדטעל האט געמוזט אויסארבייטען גאָר וואונדערליכע טיפּען, וואָס זייער גלייכען בעקומט איהר ניט אָפּט אין אנדערע גע־בענשטע שטעדטלאך פון תחום, צו בעשרייבען די „אנטיקען“ פון שקלאָווער יודישען לעבען האָט מען געדאַרפט אָנפילען מיט זיי גאַנצע ביכער. נאָר איך וועל אין קורצע שטריכען שילדערן דאָ איינינע, די מעהר כאַראַקטעריסטישע פון זיי.

פריהער פון אלץ מוז דערמאָנט ווערען די שקלאָווער יודישע פּאָטשט, וואָס האָט זיך דערהאַלטען אויף איהר אלטען שטייגער נאָך ביז דער רוסישער רעוואלוציע. נאָך איצט לעבט אין שקלאָוו דערלעצטער יודישער פּאָטשטער, וואָס האט בעקומען די פּאָטשט בירושה פון זיין טאַטען; דער טאַטען פון זיידען; דער זיידע פון עלטער זיידען—4 גאנ־צע דורות יודישע פּאָטשטער. דער פּאָטשטער האָט געהאט, פער־שטעהט זיך, א פּאָטשטערקע, א ווייב מיט זיבען קינדער—דריי זיהן מיט פיער טעכטער. די בריף זענען פאַרנאַנדערגעקליבען געוואָרען און צעטיילט אויף די 9 הענד אין איין מאָמענט, און יעדער שקלאָווער יודישער באַלעבאָס האָט בעקומען זיין בריף פּינקטליך צום מינוט, נאַטירליך, אויף וויפיל די פּאָטשט אליין איז אָנגעקומען אין שקלאָוו פּינקטליך.

איהר דאַרפט געדענקען, אז דער שאָסיי איז דאָ אָבגעפיהרט געוואָרען נאָך גאָר אמאָל, מיט אַ כיון ניין וויאָרסט אָן אַ זייט. די וועג איז געווען אַ קלאָגעדיגע. אין אָסיענדיגע און פאַר-פּסח׳דיגע בלאָטעס, און ווינטערדיגע זאווייעס פלעגט די פּאָטשט פערשפּעטיגען זעהר אָפּט אויף א גאַנצען מעת לעת. אָבער דער פּאָטשטער אליין איז געווען פּינקטליך. ער פלעגט אנקלאַפּען מיט א בריף באָטש אין האַלבע נאַכט. און אמאָל אפילו אהן א בריף. אט איז געווען אין שקלאָוו, אַ שטייגער, א

יוד ר׳ חיים נחמן׳ס, וואָס האָט זעהר ליעב געהאַט צו בעקומען אַ ידיעה פון דער פּאָטשט אַלע טאָג. האָט ער אָבגעמאַכט מיט׳ן פּאָטשטער, אַז ער זאָל איהם קומען אָנזאָגען, אַלץ איינס: צי ס׳איז דאָ אַ בריף, צי ניטאָ קיין בריף.

טרעפט אַמאָל, דריי אַ זייגער נאָך האַלבע נאַכט. ר׳ חיים נחמנ׳ס מיט זיין גאַנצער געזינד ליגט זיך רוהיג אין זיין דרעמיל. פּלוצלונג; טררר־ד! טררראַ־ד! מ׳האַקט ביי איהם אין לאַד.

ר׳ חיים נחמנ׳ס שפּרינגט אויף ניט טויט, ניט לעבעדיג.

האַ! וואָס?! וואו ברענט?

— דאָס בין איך, ר׳ חיים, מעלדעט איהם רוהיג דעם פּאָטשטער׳ס קול.

— אַהאַ! וואָס?... וואָס?... פרעגט ר׳ חיים נאָך אַלץ דערשראָקען.

— די פּאָטשט איז געקומען!

— נו... נו?...

— בין איך געקומען אייך אָנזאָגען, אַז צו אייך איז ניטאָ קיין בריף.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך אין מאָסקווא האָבען יודען ביז׳ן סאַמע גירוש געהאַט זייער אייגענע פּאָטשט, אָרגאַניזירט אויפ׳ן שקלאָווער שטייגער. און עס איז געווען גענוג אָנצושרייבען אויפ׳ן אַדרעס בלויז אויף רוסיש „וו מאָסקוואַ״ און דערצו אויף יודיש: „ר׳ ברוך בר׳ טרייטעל, אַז דער בריף זאָל אָנקומען פּינקטליך דעם געהעריגען מענשען אין האַנד. שבת האָט יודישלעך גערוהט אי די שקלאָווער, אי די מאָסקווער יודישע פּאָטשט.

אין מאָהילעוו איז דאָ אַ יודישער בוך־הענדלער מיט דער פאַמיליע „דע נאָטקין״. דאָס איז דער אור־אור־אייניקעל פון דעם בעריהמטען נטע שתדלן. נטע שתדלן איז געווען אין אַלעקסאַנדער דעם ערשטענ׳ס און נאַפּאָלעאָנ׳ס צייטען אין שקלאָוו אַ זייגער־מאַכער, אַ נאָטאַריוס, אַ פּאָדראַטשיק. ער איז געווען אַ זעלטענער מדינה־חכם. די לעגענדע זאָגט, אַז ער פלעגט אומגעהן מיט די רוסישע מיניסטאָרען און־

פערן האַנד, איז געווען בעהאַנגען מיט מעדאַלען און געהאַט אַ גאָלדענע שפּאַגע, דעם „רע׳‎ צו זיין פאַמיליען-נאָמען האָט איהם — זאָגט די לעגענדע — געגעבען דער קיסר אַליין. אַנדערע זאָגען, אַז דאָס האָט ער בעקומען פון נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געווען איבעררראַשט פון דעם שתדלנ׳ס שכל.

פון שקלאָוו האָט געשטאַמט דער בעריהמטער ר׳ הערש-ליב, ראש ישיבה פון וואָלאָזשין. פון דאַנען איז געווען דער ניט וועניגער בעריהמטער אַמאָליגער בריסקער רב, דיסקין, מיט זיין ווייב — די וועלט בעקאַנטע בריסקער רביצין, וואָס האָט געהאַט צווייי אריוענס — אַ מיל-כיגע און אַ פליישיגע. דאָ האָט פערבראַכט זיין יוגענד און געלערנט דער העברעאישער שרייבער סמאָלענסקין. דאָ האָט אויך געלעבט איינער פון דעם בונד׳ס גרינדער, דער בעוואוסטער אַמסטערדאַם, וואָס איז דערטרונקען געוואָרען דאָ אין דניעפּר. דער בעריהמטער שקלאָווער מוסר „סינאַגאָג״ — איז געווען דער מוסטער, פון וועלכען סמאָלענסקין האָט געמאָלט דעם העלד פון זיין בעסטען ווערק „קבורת חמור״. ביי סמאָלענסקין איז דער דאָזיגער העלד, איבריגענס, אַרויס אַ קאַריקאַטור. אין דער ווירקליכקייט איז דער אַמאָליגער יודישער מוסר געווען זעהר אַ קאָמפּליצירטער טיפּ, אַ געמיש פון יאַבעדניק, עזות פּנים, און קעמפּפער פאַר דער בעפרייאונג פון דער פערזאָן פון די אייזערנע קייטען, אין וועלכע קהל האָט אין אָנהויב און אין מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט געהאַלטען פערשקלאַפט די איינצעלנע פערזאָן.

אין שקלאָוו איז שוין אין יענע „אַלטע גוטע צייטען״ געווען אַ שאַרפער קלאַסען קאָנטראַסט צווישען די גבירים, וואָס האָבען גע-שאַרט טויזענדער פון דער קאָנטראַבאַנדע און די אָרימע לייט, וואָס האָבען נאָר געקענט ציהען זייער קאַרגע חיונה פון די געפאַלשעוועטע טיי. דער המון איז געווען זעהר פעראַכטעט און אונטערדריקט. אין דער צייט פון די „כאַפּערס״ האָט די מסירות-עפּידעמיע דערגרייכט איהר העכסטע שטופע. „אַ דאַנאָס״ איז געווען די איינציגע געוועהר, מיט וועלכע דער המון האָט זיך געקענט וועהרען געגען דער גרויזאַמ-קייט און דער אייזערנער מאַכט פון קהל. ס׳איז אבער געווען אַ

געפּעהרליכע געוועהר. די אויסוואורפען פון דער געזעלשאַפט, וואָס זענען שטענדיג געווען תקיף ביי גאַטשאַלסטווא, פלעגען זיך, פון זייער זייט, אָפט בענוצען מיט דער מסירה אויסצופּרעסען געלד ביי אָרימע און ביי רייכע. דער רעכטלאָזער יוד האָט קיינמאָל ניט געקענט לעבען „כשר״, „על פּי געזעץ״. און דעריבער איז דער „דאַנאָסטשיק״, דער מוסר, שטענדיג געווען דער גרעסטער שרעקן פון דער יודישער געמיינדע.

דער שקלאָווער מוסר „סינאַגאָג״, וואָס האָט געלעבט פאַר ניקאָלאַי דעם 1-טען, האָט געמאַכט אַזאַ טיפען איינדרוק, אַז ער איז געוואָרען אין שקלאָוו אַ לעגענדאַרע פּערזאָן. שקלאָווער יודען זאָגען, אַז ער פלעגט אַנדערש ניט געהן, ווי מיט אַ זשאַנדאַר. ער איז אָבער געווען נאַאיוו, מיינענדיג, אַז דער זשאַנדאַר וועט ביישטעהן געגען דעם יצר הרע פון כאַבאַר און גאַראַנטירען איהם זיכערקייט. דעם זשאַנדאַר איז לייכט געווען אונטערצוקויפען. און אַמאָל, בשעת דער מוסר איז ארויס פון דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעליאַריע אין מאָהילעוו, האָבען איהם איבערגענומען צוויי זשאַנדאַרען, פערשטעלטע, וואָס האָבען איהם גלייך פערפיהרט און איבערגעגעבען אין די הענד פון דער שקלאָווער יודישער געמיינדע. מ׳האָט איהם באַלד דערטרונקען.

אַן אַנדער לעגענדע דערצעהלט די מעשה אַנדערש: צו כאַפּען „סינאַגאָג׳ן״ איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע מאַשין אין דעם נוסח פון שערלאָק האָלמס. ווי דער מוסר איז ארויס פון גובערנאַטאָרס קאַנצעליאַריע, בעגלייט פון אַ זשאַנדאַר, איז פּלוצלונג פון אַן אַנטקעגנדיגען מויער אויסגעבראָכען אַ פייער. עס איז געוואָרען אַ לויפעריי און שטויסעריי פון גאַנצע הויפענס מענשען. עס האָבען זיך גענומען טראָגען בוידען איינע נאָך די אַנדערע. אין דעם געלאָף און שטופּענעס האָט דער מוסר פאַרלאָרען דעם זשאַנדאַר. אין דעם מאָמענט האָבען איהם אָנגעכאַפּט צוויי געזונטע הענד, אריינגעשטופּט איהם אין אַ בויד און געבראַכט איהם אין שקלאָוו, וואו מ׳האָט איהם גע׳הרג׳עט. איינער, אַ שקלאָווער יוד, האָט מיך פערזיכערט, אַז דעם מוסרס שאַרבען האָט זיך נאָכדעם יאָהרענלאַנג געוואַלגערט ביי אַ יודען

אונטערן בעט.

פון אנדערע טיפען נערענקען שקלאָווער יודען ר׳ נחמן דין. דאָס איז געווען א מורא׳דיגער פאנאטיקער, וואָס האט נאָר געוואוסט צוויי זאכען: זיצען ביי דער גמרא און זוכען אין שטעדטעל חטאים. אוויבעל „א חצופה״ האט מען אמאָל געבראכט צו ר׳ נחמן דין. מ׳האָט איהר געכאפט רעדענדיג מיט א מאנסביל אויף יחידות. נאָך אמאָליגען שטיינער, האט מען איהר אָנגעשטעקט פעדערען און געשלעפט איבער די גאסען, אָנטאָנענדיג איהר בזיונות. ווייבער, ווייסע חברה זענען איהר נאָכגעלאפען, געשפיים איהר אין פנים, געוואָרפען מיט בלאָטע, גע־שאָלטען און געשימפפט. דאָס איז שוין אָבער געווען אין די לעצטע טעג פון קהל׳ס ממשלה. די ווייבעל האָט געפונען פערטיידינער. דער רב דיסקין האט געמוזט אנטלויפען פון רוסלאנד און דעם דין ר׳ נחמן מיט׳ן שמש האָט מען אריינגעזעצט אין טורמע.

אין אכט מאָנאטען ארום האט מען איהם בעפרייט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט ארויס. ער האט זיך אין טורמע זעהר גוט איינגע־לעבט. געזעסען ביי דער גמרא טאָג און נאכט. פון שאלות און שטעדטעלדיגע רייסערייען—פריי. עסען און טרינקען האָט מען איהם געבראכט ; די ווייב האָט אויף דער הוצאה ניט געבעטען.

פון שקלאָווער פנקס איז גאנץ געבליבען, און דאָס צופעליג, נאָר איין בלעטעל. אין בלעטעל שטעהט פארשריבען, ווי אזוי פיער יודען, מיט די און די נעמען, האָבען עובר געווען אויף דעם הייליגען דת בפרהסיא. האָט מען זיי פערמשפט, אז זיי זאָלען בעגראָבען ווערען „קבורת חמור״, ד. ה. הינטערן פארקאן פון בית הקברות. און נאָך זייער טויט טאָר מען אין קיין שול ניט לאָזען זייערע קינדער נאָך זיי קדיש זאָגען.

א ביסעל ווייטער שטעהט פערשריבען, אז צוויי פון די פער־משפט׳ע זענען געקומען צו קהל, געוויינט און מחילה געבעטען מיט ביטערע טרערען. האָט מען זיי מוחל געווען און אויסגעמעקט פון פנקס „קבורת חמור״.

ניט מוחל געווען האט מען אָבער א שניידער, וואָס האט זיך

ערלויבט אמאל צו מאכען זיך א קאפאטע פון דעמזועלבען שטאף, וואס א באלעבאס. האט מען איהם גע'קנס'עט, אז ער זאל הינטען צו דער קאפאטע צונעהען זיך א שער און אזוי, מיט דער שער אויפ'ן רוקען, האט מען איהם געפיהרט איבערן שטאדט.

שקלאוו האט זיך אויסערליך—זאגען אלטע יודען—גאר ווייניג געענדערט.

נאך איצט, אז איהר געהט דורך דורכ'ן שטעדטעל אנדערוואכען, דאכט זיך אייך, אז איהר געפינט זיך אין אן אנדער וועלט, די וועלט פון דעם אלטען. פאר הונדערט יאהריגען שקלאוו. איבערהויפט ווען איהר געהט אריין אין „דראבלע",—אין „הקדש", און רעדט זיך פאנאנ־דער מיט די זקנים. אט דערמאנט אייך איינער מיט שמאהע אויף די דארע, צעטריקענטע ליפען יענע גוטע אלטע צייט, ווען ער האט בע־דינט דעם בעריהמטען כלי־זמר גוזיקאוו, וואס פלעגט אויף א שטרויענע פידעל שפילען און געבען קאנצערטען אין קייזערליכע פאלאצען אבנעבען; ווי אזוי ער, דער אלטער—דעמאלט א סארווער—פלעגט איהם, גוזיקאווען, פאלומעסקעס פיש קאכען און פעטע בלינצעס פרעג־לען און גוזיקאוו פלעגט זיי לויבען און זאגען, אז ער איז אויסען געווען א וועלט און ערגיץ ניט געפונען אזוינע געשמאקע מאכלים.

און נאך שבת, ווען איהר בעמערקט, ווי די יונגוואַרג שפאצירט מיט די שטעקלאך און שירמס; ווען איהר זעהט די ביידלאך מיט זעלצער אפען פראנק און פריי, ווי אין גרויסע שטעדט, ווען איהר ניט א קוק, ווי יונגע לייט ערלויבען זיך צו רויכערן אפילו אין גאס פאפי־ראסען אום שבת,—ווערט ביי אייך די אילוזיע פערשוואונדען, און איהר פיהלט, אז די אלטע שקלאוו מיט איהר קאנטראבאנדע, מיט איהרע שתדלנים, גבירים, מוסרים, מיט איהר „קבורת חמור", דיגים, חטאים־זובער און שער אויפ'ן רוקען פון שניידער—דאס אלעס איז אוועק און וועט שוין מעהר ניט קומען צוריק.

פאַטיאָמקין'ס „גזרה".

(אַ בלעטעל פון דובראָוונער מגילה).

דובראָוונע איז איטליכען בעקאַנט אַלס שטאָדט פון טליתים־פאַבריקען. אַלע ווייסען אויך, אַז די בעסטע טליתים זענען דובראָוונער.

ווי אַזוי קומען אָבער אַ הער די טליתים־פאַבריקען?

די געשיכטע איז זעהר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד. נאָר קומענדיג אַהער אויפ'ן אָרט ווערט איהר געוואָהר, אַז דובראָוונע האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער יודישער פּראָדוקציאָן און האָט געזאָלט שפּילען פילייכט די וויכטיגסטע ראָלע אינ'ם עקאָנאָמישען לעבען פון די רוסישע יודען, ווען יודען וואָלטען מיט אַ הונדערט פונפציג יאָהר צוריק ניט געווען אַזוי אונוויסענד און אבערגלויביש.

די ענטשטעהונג פון דובראָוונער טליתים־פאַבריקאַציע איז ענג פערבונדען מיט דעם נאָמען פּאָטיאָמקין. פּונקט ווי אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון שקלאָווער יודען האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג איין געליבטער פון דער קייזערין יעקאַטערינא—זאָריטש, אַזוי האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערע ווירקונג אויפ'ן עקאָנאָמישען לעבען פון דובראָוונער יודען איהר צווייטער געליבטער—פּאָטיאָמקין.

פּאָטיאָמקין איז אַ לעגענדאַרע פּערזאָן אין גאַנץ מאָהילעווער גובערניע, איבערהויפּט ביי די יודען. מען רעדט נאָך איצט וועגען דעם

מאָדנעם „שררה" מיט אַ מין עהרפאַרכטיגקייט, חרטה און פערדראָס אויף די אַמאָליגע יודען, וואָס האָבען זייער פריץ נים פערשטאַנען און דורך דעם פערשפּילט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גליק.

עס קען זיין, אַז די גאַנצע לאַגע, אַז די עקאָנאָמישע, אַז די פּאָליטישע פון אַלע רוסישע יודען וואָלט געהאַט איצט אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט, ווען יודען וואָלטען מיט הונדערט פופציג יאָהר צוריק געקענט פיהרען אַ פּאָליטיק, וואָלטען וועניגער געלעבט אויפ'ן הימעל און מעהר אויף דער ערד.

דאָס איז געווען ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען אין איירא̈פּאַ האָט זיך שטאַרק גענומען ענטוויקלען די מאַשינען-אינדוסט־ריע; ווען עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ פרייהייטס-דורשטיגע, לעבענס־לוסטיגע בורזשאַזיע, וואָס האָט זיך גענומען דרייסט און מונטער ברעכען די פּענטעס פון דער אַלטער, אָבגעלעבטער פריצישער אָרדנונג און בויען אויף איהרע חורבות אַ נייע וועלט. אין רוסלאַנד האָט נאָך אפילו מיט די ערשטע פריצים-רעוואָלוציאָנערען, מיט די דעקאַבריסטען, נים געשמעקט, כאָטש יעקאַטערינא, די קייזערין אַליין, איז געווען אַ פרייגייסט און איז געשטאַנען אין בריפליכער קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם גרעסטען גייסטיגען רעוואָלוציאָנער פון איירא̈פּאַ אין יענער צייט, דעם בעריהמטען פראַנצויזישען שריפטשטעלער—וואָלטער.

אין רוסלאַנד איז פּילייכט מעהר נים געווען, ווי איין מענש, וואָס האָט פערשטאַנען, אַז כדי אַראָבצוטרייסלען פון רוסלאַנד איהר טויזענד-יעהריגען שימעל, מוז דאָ אויך, פּונקט ווי אין איירא̈פּאַ, בע־שאַפען ווערען אַ שטאָדטיגע בורזשואַזיע, מוז איינגעפיהרט ווערען אַ טיף און ברייט ענטוויקעלטע אינדוסטריע.

דאָס איז געווען פירשט פּאָטיאָמקין.

און דעמאָלט איז געווען אין רוסלאַנד נור איין פאָלק, וואָס איז געווען פעהיג צו דינען, אַלס מאַטעריאַל פאַר דער בעשאַפונג פון אַ ברייטער אינדוסטריע. דאָס איז—דאָס יודישע פאָלק.

דאָס יודישע פאָלק האָט נים פערשטאַנען פּאָטיאָמקינ'ען. נאָר פּאָטיאָמקין האָט יאָ פערשטאַנען די פעהיגקייטען פון יודען, זייער

פאַסיגקייט פאַר דער אויספיהרונג פון זיין גראַנדיעזען פלאַן אריינצו־ברענגען קאפּיטאליזם אין רוסלאַנד.

דער צענטר פון האנדעל און פאבריקאַציע איז דעמאָלט געווען מאָסקווע. פּאָטיאָמקין האט געוואוסט, אז דער יוד איז פעהיגער פאר'ן פאַניע צו האנדעל און פאבריקאציע. און ליטא, וואָס איז נעהענ־טער צו איירָאפּא, מיט איהר מעהר פלייסיגער און מעהר ענטוויקעל־טער שטאָדטיגער יודישער בעפעלקערונג, איז מעהר צוגעפּאסט פאר זיינע צוועקען, ווי טיף ראַסיי.

ער האט געוואָלט נים מעהר און נים ווענינער, ווי בעשאַפען פון זיין דובראָוונע א צווייטע מאָסקווע, אָדער, ריכטיגער, א מין פאריז („קליין פאריז"—זאָגען דובראווונער יודען) וואָס האט מיט איהר גלאַנץ געזאָלט פערדונקלען דאָס ערשטע מאָסקווע, דאָם הארץ פון רוסלאַנד. נאָך מעהר: ער האט געוואָלט בעשאַפען א גאנצען אינדוסטריעלען דיסט־ריקט מיט דריי הויפּט־פונקטען: דובראָוונע, לאַדי און אָרשע אין צענטער. דובראָוונער יודען זאגען אפילו, אז ער האט פון אָרשע, דובראָוונע און לאַדי—א שטרעקע פון איבער פערציג וויאָרסט—גע־וואָלט מאכען איין שטאדט. דובראווגע איז פאר פאטיאמקינען געווען א קליין, שמוציג שטעדטעל. ער האט צוגעגעבען איהר נאך גרויסע שטיקער פלאַץ פון אלע זייטען, געבוים פון איהר א נייע שטאדט, וואס הויבט זיך הויך איבער'ן דניעפּר און שטעלט פאר, פון בארג אראב, איינע פון די שענסטע לאנדשאפטען. די גאסען, ווי אויך די הייזער און, איבערהויפּט, דעם מארק, האט ער געבוים נאך א ספּעציעלען אויס־לענדישען פלאן. נאך יעצט עקזיסטירט פאטיאמקינס ברוק אין דעם ריזיגען מארק־פלאַץ און ביידע סאזעלקעס פון ביידע זייטען ראדעס. פון איין זייט שטעהט נאך איין ראד פון יענע ברייטע און הויכע אלטע הילצערנע קראמען. עס זענען געבליבען א גאנצע רייהע יודישע הייזער געבוים פון פאטיאמקין. אפילו די שרפות, וואס זענען פאר די כמעט אנדערהאלבען יאהרהונדערט נים איינמאל פארגעקומען אין דובראוונע, האבען נים געקענט ענדערן די שענע, הרחבה'דיגע, פרייע פיזיגנאמיע, וואס פאטיאמקין האט געגעבען דער שטאדט. די היגע יודישע

אַרבייטער זאָגען, אַז אין די פרייע טעג, ווען עס פלעגען אָנקומען אַ העררי רייזענדע אַניטאַטאָרען, פלעגט זיך זיי פון דאַנען ניט וועלען אוועקפאָהרען. „דאָ רוהען מיר אָב“—פלעגען זיי זאָגען.

איך קען בעשטעטיגען, אַז די דובראָוונער יודישע אַרבייטער זאָגען אמת. איך אַליין האָב, לויט דעם פּלאַן פון מיין רייזע, געקענט פערבלייבען דאָ ניט מעהר ווי איין טאָג, און האָב געמוזט בלייבען שטעקען דאָ גאַנצע צעהן טעג. מיך האָט, נאַטירליך, גערייצט ניט בלויז די שענע געאָגראַפישע לאַגע, און די אויסערליכע פּאַטריאַרכאַלע רוהיגקייט; מיך האָט ממש בעצויבערט די טיפע אָריגינעליטעט פון היגע יודישע טיפּען.

פּאָטיאָמקין האָט, ווי געזאָגט, גערעכענט, הויפּטזעכליך אויף די יודען. ער איז בכלל געווען פריינדליך צו יודען. ניט ווי דער שקלאָווער זאָריטש, וואָס האָט יודען פּראָטעזשירט בלויז אויף וויפיעל זיי האָבען איהם געקענט דינען פאַר אַ מעלקעדיגע קוה. פּאָטיאָמקין האָט אַפילו געראַטעוועט יודען פון זאָריטשעס הענד, בשעת אַט דער פּריץ האָט אַרויפגעוואָרפען אויף די שקלאָווער יודען די שולד פאַר זיינע פאַלשע געלד.

פּאָטיאָמקין האָט אויסגעבויט אַ שענע שטאָדט, מיט גרויסע מאַרק־פּלעצער, מיט ברייטע גאַסען, מיט קראָמען, מיט פרייע, געראַומע הייזער, מיט פאַבריקען פון דראַפּ און געוואַנט, פון זיינערס, פון שוועבעלעך, און האָט איינגעפיהרט אַ דרוק מיט יודישע אותיות*). האָט געבראַכט מייסטערס־ספּעציאַליסטען פון אויסלאַנד**). דאַן האָט ער

*) איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן ביי אַ היגען יודען אַ זייגער — דעם איינציגען זכר פון פּאָטיאָמקינס פאַבריקאַציע, ווי אויך אַ ספר געדרוקט אין דער אַמאָליגער דרוקעריי. די נאָטיצען וועגען פּאָטיאָמקינען האָב איך געשריבען אין איינעם פון פּאָטיאָמקינס הייזער, וואָס זענען נאָך, צוזאַמען מיט אַ רייהע קראָמען אין מאַרק, געבליבען, ווי אַן אנדענקען, פון אונזערע זיידעס אונפערשטאַנד.

**) איינער פון די מייסטערס האָט געהייסען „יערגעל“. דובראָוונער יודען זאָגען נאָך איצט אויף אַ ספּעציאַליסט אין וועבען: דאָס איז אַ „יערגעל“.

נעבראַכט צו פיהרען פון מאָסקווע זעק מיט שפּילערייען ‒ און צוקערקעס, און פלעגט זיי אַלע זונטאָג וואַרפען אויף דעם נייעם מאַרק פאַר די פוירען מיט זייערע קינדער, כדי איינצוגעוועהנען זיי געהען אַהער. דערנאָך האָט ער צונויפגערופען פאָרשטעהער פון דער יודישער קהילה און האָט זיי געמעלדעט: נאַט אייך, יודעלעך, קראָמען, מיט הויפען, מיט הייזער, מיט פאַבריקעס, מיט מייסטרעס, דאָס גיב איך אַלץ אייך אַוועק—אַ קראָם פופצעהן רובל, אַ הויז, פינף און צוואַנציג רובל—אייערע אויף אַלע מאָל! (איצט צאָהל איך בלויז פאַר אַ ווינקעל פון אַ שטוב הונדערט פינף און צוואַנציג רובל אַ יאָהר—האָט מיר בעמערקט דער אפּטייק־קרעמער מענדעל דאנאָוויטש, דער היסטאָריקער פון שטעדטעל, ביי וועמען אין שטוב איך האָב אַ טייל פון מיינע נאָטיצען וועגען פּאָטיאָמקינס „גזרות“ געמאַכט). דערצו, האָט פּאָטיאָמקין געזאָגט, גיב איך אייך אַוועק די פאַבריקען, נעהמט זיי אין אייערע הענד, ענטוויקעלט האַנדעל און פאַבריקאַציע. וועגען געלד וועלען מיר זיך אויך אַן עצה געבען. איך וועל אייך געבען אַ בריף צו דער קייזערין יעקאַטערינאַ. קלייבט אויס אַ פּאָר מענשען, די קלינגערע, און פאָהרט מיט'ן בריף אין פּעטערבורג צו דער קייזערין. אין דעם בריף בעט איך איהר, אַז אייך זאָל געלהען ווערען פון דער קרוין־קאַסע געלד פיעל ס'איז נויטיג אויף פיהרען די פאַבריקען און איך בין ערב פאַר די זיבערקייט פון די געלד.

דובראָוונער יודען האָבען אויסגעהערט, וואָס פּאָטיאָמקין האָט מיט זיי נע'טענה'ט און האָבען פון דעם גאַנצען שמועס פאַרשטאַנען נאָר איינס: אַז דאָ שמעקט עפּעס מיט אַ גזרה, רחמנא לצלן, אויף יודען. פּאָטיאָמקין האָט זיי געהייסען אויפרופען אַן א סיפה, מיישב זיין זיך וועגען דעם ענין און אויסקלייבען גוטע פאָרשטעהער פון דער קהלה צו פאָהרען אין פּעטערבורג מיט זיין בריף. האָבען דובראָוונער יודען טאַקע אויפגערופען אַן אסיפה און האָבען באַלד גוזר תענית געווען. דריי טעג זענען זיי אין תענית געזעסען, פון שול ניט אַרויס. סליחות געזאָגט און גאָט געבעטען, ער זאָל אָבטאָן די „טפשות“ און „שגעון“ פונ'ם פריץ און פון זיי די גזרה.

אין דריי טעג ארום, אז זיי האָבען געזעהען, אז דער אויבערשר-טער האָט זיך אויף זיי ניט מרחם געווען: דער פּריץ איז געבליבען ביי זיין „טפּשות״ און „שגעון״, און זיי האָבען געמוזט אויסקלייבען פאָר-שטעהער פון דער קהילה אין פּעטערבורג צו פאָהרען, האָבען זיי בעשלאָסען: אויב די קייזערין וועט פרעגען: וויפיעל געלד דאַרפט איהר? זאָלען זיי זאָגען: צעהן טויזענד רובל! און מעהר גאָר נישט. אזוי אָבער, ווי די צעהן טויזענד רובל וועט דאָך געהן געווים לאבוד, אויף דעם פּריץ'ס „משוגעת״, און זיי וועלען געווים דאַרפען ליידען, האָבען דובראָוונער יודען טאַקע דאָ גופא געמאַכט שוין דעם „ראַס-קלאַד״, עס הייסט פונאַנדערגעלעגט די סומע אויף יעדען איינעם פון דער קהילה אויסצוצאָהלען אין אַ משך פון דרייסיג יאָהר. דערנאָך האָבען זיי אויסגעריכט אין פּעטערבורג די צוויי שתדלים. איינעמס נאָמען געדענקען נאָך איצטיגע דובראָוונער יודען: ער האָט געהייסען גרשון מעזשעווער—אַן עלטער-זיידע פון אוסישקין, דעם איצטיגען אָנפיהרער פון די רוסישע ציוניסטען. די שתדלנים זענען אוועקגע-פאָהרען מיט אַ ביטער הארץ, און דובראָוונער יודען האָבען זיך געזעצט מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט אין די שולען תהילים זאָגען, אז דער אויבערשטער זאָל צעשטערען די „משוגענע״ עצה פון דעם „טפּש״דיגען פּריץ.

יעקאַטערינא האָט אויפגענומען די פאָרשטעהער פון די דוב-ראָוונער יודען זעהר פריינדליך, ווי מען קען נאָר מקבל פּנים זיין מענשען, וואָס ברענגען אַ גרוס מיט אַ בריף פון אַ געליבטען, דערצו וועגען אזאַ גראַנדיעזען פּראָיעקט ווי דער, וועגען וועלכען דער געליבטער האָט געשריבען. דער פּראָיעקט איז שוין אָהן אַ ספק, אין אַלגעמיינע שטריכען, געווען פריהער בעקאַנט דער קייזערין. איצט איז איהר נע-טעלדעט געוועזן אַ געשעהענער פאַקט. מען האָט גור, אזוי צו זאָגען, געדאַרפט האָבען די קאָרן אויפ'ן מיחל צו שיטען, כּדי די רעדער זאָלען אוועק זייער גאַנג. פּשוט גערעדט: מען האָט געדאַרפט האָבען דעם

ניטיגען קאפיטאל.

יעקאטערינא האט געמיינט, אז די יודען, אט די געבארענע סוחרים, וואס ווייסען שוין וויפיעל און אויף וואס מען דארף האבען געלד, וועלען פערלאנגען וועניגסטענס א פאר מיליאן רובל, און האט געפרעגט די צוקונפטיגע אויפבויער פון גרויס־פראדוקציאן אין מערב־רוסלאנד: וויפיעל־זשע געלד פערלאנגט איהר?

— צעהן טויזענד רובל! אייער קייזערליכע מאיעסטעט,—האט אויסישקינס עלטערזיידע, גרשון מעזשעווער, און זיין חבר אבענטש געטאן.

— דוראקי! — האט זיי די קייזערין צוגעווארפען, און איז פון זיי מיט האסטיגע טריט אין איהרע קייזערליכע זאלען אוועק.

פאטיאמקינ׳ס „גזרה״ איז בטל געווארען, און ביי די דובראוונער יודען איז געווען שמחה וששון...

נאך דעם, ווי די דובראוונער שתדלנים האבען אזוי „גליקליך״ געענדיגט זייער שליחות ביי יעקאטערינען, איז אנגעקומען צו פאטיאמקינען צוויי בריף. איינער פון דער קייזערין. אקוראט וואס זי האט איהם געשריבען, ווייס מען ניט. נאר דער אינהאלט איז געווען אונגעפעהר, אז אזוינע „חכמים״ (יעקאטערינא האט געשריבען: „דוראקעס״) זאל ער ווייטער צו איהר ניט שיקען און זי גיט איהם אן עצה ער זאל מיט זיי אויך קיין געשעפטען ניט פיהרען.

דער צווייטער בריף איז געווען פון דובראוונער יודישען קהל. היות,—איז דארטען געשטאנען געשריבען,—ווי דו, אדוני פריץ, האסט געוואלט גוטס טאן דיינע יודען; מאכען פאבריקען וואלט אבער געווען פאר אונז א גרויסע רעה, ווארום ווען אלע יודען געהען אוועק אין די פאבריקעס, קען דאך, חס ושלום, אונזער תורה פערגעסען ווערען פון אונז, בכן גיבען מיר דיר אן עצה, אז דו זאלסט בעסער דאס געלד פון די פאבריקעס צעטיילען צווישען ארימע יודען אין מזומנים וועט זיין דיר פערשפארט קאפ־דרעהענים און אונז הארץ־וועהטאג.

מ׳ווייס ניט אקוראט, וואס פאטיאמקין האט געענטפערט דער

קייזערין. נאָר די דובראָװנער יודען האָט ער גאָר נישט געענטפערט.

מעהר האָט ער זיך אין דובראָװנע ניט בעװיזען. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט ער פערקויפט זיינע דובראָװנער מאַיאָנטקעס דעם פּוילישען פּריץ ליובאָמירסקי׳ן, װעמעס קינדער זענען די פּריצים פון שטעדטעל ביז היינטיגען טאָג.

און דובראָװנער יודען?

זיי האָבען אין גיכען חרטה געהאַט און „תשובה" געטאָן.

מ׳דאַרף צוגעבען, אַז ניט גאַנץ דובראָװנער קהילה, איז געװען געגען די פאַבריקען. דער המון האָט אינסטינקטיװ געפיהלט, אַז פאַר אָרימע יודען, װאָלט דאָס געװען אַ גרויסע טובה. און װאָס אַנבעלאַנגט דער תורה, האָבען זיי סיי װי סיי פון איהר קװאַל װעניג גענאָסען. אַ טייל פונ׳ם המון האָט זיך אַריינגעריסען אין קהל-שטיבעל בשעת דער אסיפה װעגען דער „גזרה" און האָבען געשריען גװאַלדען, אַז זיי װילען יע פאַבריקען. נאָר װער האָט זיי געהערט? דער פרנס חודש האָט אויף זיי אַ געשריי געטאָן: אַרויס יונגאַטשעס! װאָס פאַר אַ דעה האָט איהר ביי קהל? זענען זיי צעפלויגען, װי שטויב אין אַלע זייטען. געװען אפילו אויך פון די „פּני" איין שטים פאַר די פאַבריקען. דאָס איז געװען יהושע צייטעלס, דער שקלאָװער גביר, װאָס האָט געהאַט דעם רוסישען טיטעל „נאַדװאָרני סאָװיעטניק" און יודען האָבען איהם צוליב דעם גערופען „השר"—דער האַר. נאָר זיין שטים, איז אויך, פערהילכט געװאָרען אין די אַלגעמיינע גװאַלדען און געשרייען: „זנאַט ניע זנאַיעם, פאַבריקעס ניע זשעלאַיעם".

אַזוי איז אַװעק עטליכע יאָהר. דובראָװנער יודען האָבען שוין געהאַט אַ נייעם פּריץ, פון די פאַבריקען איז שוין קיין זכר ניט געבליבען. די װעבשטוהלען װאָס פּאָטיאָמקין האָט געבראַכט, האָבען זיך געװאַלגערט אין די שטאַלען ביי דעם נייעם פּריץ. יודען האָבען אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז עפּעס האָבען זיי פערלאָרען מיט דעם אַלטען פּריץ. אַז זיי האָבען אַ נאַרישקייט בעגאַנגען. און אַז די משרתים פון הויף האָבען צו זיי אין שטעדטעל געבראַכט די שטוהלען פערקויפען פאַר עטליכע גראָשען, אָדער פאַר אַ פלעשעל בראַנפען, האָבען עטליכע

יודען געקויפט די שטוהלען און געפרובט לערנען זיך ביי דעם דייטש „יערנעל" די מלאכה פון וועבען.

אָבער כדי דאָס זאָל ניט הייסען „מלאכה", האָט מען געדאַרפט וועבען ניט פשוטע מלבושים, נאָר עפּעס א הייליגע זאך, וואָס זאָל זיין פערבונדען מיט תורה, מיט עבודה—ס'הייסט: מיט גאָט-דינען. האָט מען זיך דערמאָהנט, אז נאָך גאָר אמאָל האבען דאָך יודישע ווייבער געשפּונען און געוועבט—הייליגע קליידער פאַר די כהנים און לויים. איצט, אמת, איז ניטא קיין בית המקדש. און כהנים און לויים געהען אָנגעטאָן פשוט, ווי כל ישראל. דערפאַר טראָגען דאָך יודען טליתים און טלית קטנ'ס, און דאָס טוּ מען דאך וועבען. בכן, אז שוין יע פאַבּ־ריקעס—טו זאָל זיין פאַר גאָט.

און דו[illegible] יודען האבען זיך גענומען וועבען טליתים.

נתן־נאָטע דער „שתדלן".

נתן־נאָטע דער „שתדלן" האָט געלעבט אין איין צייט מיט דעם בעריהמטען מאָהילעווער גביר און כלל־טוער יהושע צייטלין, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יודישען לעבען פאַר יעקאַטערינען און פּאָטיאָמקינען. ער אַליין, נאָטע דער „שתדלן", האָט ניט בעלאַנגט צו די גבירים. אין די יונגערע יאָהרען איז ער געווען, אפילו, אַ בעל מלאכה—אַ זייגערמאַכער. נאָר דער זייגערמאַכער האָט אין אַמאָליגע צייטען זיך ניט גערעכענט פאַר אַ געוועהנליכען בעל מלאכה. דאָס רוב האָט זיך גענומען דערצו אַ באַלעבאַטיש קינד, אָפט אַ למדן, וואָס האָט געהאַט אַ קינסטלערישע נשמה, און אין די פיער וועגד פונ׳ם בית המדרש איז איהם געווען צו טרוקען. דער זייגערמאַכער איז געווען ביין עולם חשוב, כמעט ווי אַ דאָקטאָר, צוליב זיין „אומנות" ד. ה. צוליב זיין קינסטלערישע ארבייט, זיין פערשטאַנד אין דעם געהיימען בוי פון די זייגער־געדערים. בפרט, אַז נאָטע דער שתדלן איז געווען אַ רייכער באַלעבאָס, האָט געהאַט, אחוץ זיין ווארשטאַט, אויך אַ זייגער־געשעפט. האָט זיך געהאַלטען שטאַרק מיוחס׳דיג. ער איז געווען זעהר אַ וועלט־ליכער און וויסענדער מענש. ער האָט פערשטאַנען רוסיש און פּויליש און איז שפּעטער געוואָרען נאָטאַריוס. דאָס איז געווען דער ערשטער יודישער נאָטאַריוס אין רוסלאַנד. פּריצים האָבען צו איהם געהאַט גרויס צוטרוי, האָבען ביי איהם געלד געהאַלטען און אָהן איהם נאָר

נישט געטאָן. דעמזעלבען רעספּעקט האָבען פאַר איהם געהאַט רוסישע שררות. ער איז געווען דערצו אַ גרויסער קאָפּ־מענש און אַ חכם. זיינע קינדער האָט ער נאָך אין יענער צייט געבילדעט אויפ'ן אייראָפּעאישען שטייגער, געלערנט זיי רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש. ער האָט געהאַט אַ גרויסע געזינד. אַלע זיהן, טעכטער, שניר, איידעמס,—קינדער און אייניקלאַך האָבען געלעבט אַרום איהם, אין הרחבה. וואָרום נאָטע דער „שתדלן" האָט פערדינט גוט אַרום די פּריצים און—זיך ברייט געפיהרט.

ס'איז איבריג צו זאָגען, אַז נאָטע דער שתדלן איז געווען זעהר אַן אָנגענומענע פּערזאָן ביי יודען. ניט בלויז אין מאָהילעוו און מאָהי־לעווער גובערניע איז ער געווען בעריהמט, נאָר אין אַלע יודישע שטעדט האָט מען אויסגערעדט זיין נאָמען מיט אַ מורא'דיגען דרך ארץ. ער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מין „נשיא". אין אַלע שווערע פּאָלי־טישע מאָמענטען האָט מען איהם געשיקט אין פּעטערבורג און ער איז געווען, אַזוי צו זאָגען, דער יודישער פאָרשטעהער ביי דער רעגירונג, וועלכע האָט איהם, אַלס עהרענצייכען, און פיליכט צוליב זיין קענען פראַנצויז, צוגעגעבען צו דער פאַמיליע אַ „דע", און זיינע אור-אייניקלאַך אין מאָהילעוו טראָגען ביז היינטיגען טאָג די דאָזיגע פאַמיליע „דע־נאָטקין".

דריי משה׳ס.

דאַכט זיך אַז קיין יודישער בית עולם אין תחום איז ניט אַזוי אָריגינעל, ווי דער מאָהילעווער. ער איז ארומגערינגעלט מיט אַ גאַנצען פּאַק מעשיות, אמת׳ע מעשיות, ניט לעגענדעס. בעריהמט איז ער ניט אַזוי מיט זיינע מתים, אַ שטויגער, ווי אנדערע „בית חיים׳ס״, ווי מיט די לעבעדיגע פּערזאָנען, וואָס האָבען זיך עוסק געווען ארום די טויטע.

פריהער פון אַלעמען געהען די ד ר י י מ ש ה ׳ ס. איינער איז געווען משה ליניער, אַ גבאי אין „ועד״, אין קאָמיטעט הייסט דאָס, צו טיילען ברויט אָרימע לייט. דאָס איז געווען, זאָגען מאָהילעווער יודען, אַ האַרטער יוד—אַ שטיין. זיין פערגניגען איז געווען צו פּייניגען די אָרימע לייט, מאַטערן זיי, אויסצאַפּען פון זיי די לעצטע קאַפּ בלוט, ביז זיי פלעגען דערלעבען צו זעהן דעם עלענדען לעבעל ברויט. און דאָ פלעגט ער ניט געבען דעם ברויט, נאָר אַ וואָרף טאָן איהם אויפ׳ן וואָג, חאַסטיג, כדי ער זאָל שטאַרק אַ דריק טאָן די וואָגשאָל און זאָל וועגען מעהר, ווי זיין ריכטיגע וואָג איז.

פון משה ליניער פלעגען אַוועק די אָרימע לייט קראַנקע. דאַן פלעגען זיי דאַרפען אָנקומען צום צווייטען משה—משה עבערלין, וואָס איז געווען גבאי פון ב ק ו ר ח ו ל י ם. יענער פלעגט זיי אָנטאָן געבראָטענע יסורים מיט די רפואות און ארויסנעהמען ביי זיי דעם לעצטען ביסעל חיות. דאָ איז שוין דער אָרימאַן אָנגעקומען צו מ ש ה

ק ב ר ן, וואָס פּגעגט זיך אויך אַזוי ווענינ צערמאָניען מיט די קבצנים טוימערהייט, ווי יענע צוויי משה'ס, בשעת זיי, די קבצנים, זענען נאָך געווען קאַנדידאַטען אויף בר־מינן'ס.

אמאָליגער כאַבאַה.

אין „הלכות כאַבאַר" איז געווען, זאָגט מען, א גרויסער ספּע־ציאַליסט דער מאָהילעווער פּאָדראַדטשיק איידעלמאַן. ער פלעגט דעם כאַבאַר קיינמאָל ניט געבען אין האַנד אריין. ער פלעגט נאָר אָברייִדען דאָס זייניגע פאַר דעם „שררה" און אַוועקגעהן. אָבער ווי דער יוד איז נאָר געווען אויף יענער זייט טיר, פלעגט דער שררה צו געהן צום עק טיש, וואו דער פּאָדראַטשיק איז געשטאַנען און אויפהויבען דאָרט א ברעג טישטוך. אונטער'ן טישטוך איז תמיד געלעגען א פּעקעל — וואָס האָט דעם שררה'ס הארץ שטאַרק געפרעהט. אז די „מתנה" איז אַנגעקומען לויט'ן אדרעס האָט מען שוין אויף מאָרגען געוואוסט און די קראָמען. וואָרום די „שררה'טע" פלעגט זיך שוין לאָזען א היין און אָנקויפען גאַנצע פּעק. אָט אזוי פלעגט דער יודישער כאַבאַר, דאָס רוב, אָנקומען צוריק אין יודישע הענד.

דער כאַבאַר פלעגט געגעבען ווערען ניט בלויז אויף אזא שטו־גער. איידעלמאַן האָט גוט געוואוסט וואָס עס טויג פאַר'ן שררה נאָכ'ן סעזאָן נאָך. איז א שטוינגער געווען ווינטער, און דעם שררה'ס פוטער איז ניט געווען אי—אַי, פלעגט, אָנשטאַט די מזומן אונטער'ן טישטוך, אריינגעשיקט ווערען דעם טשינאָווניק א טהוירענער פוטער מיט א כאַברעגעם קאַלנער, וואָס קאָסט שענע עטליכע הונדערטער. דאָס איז אויך געווען און די פאַלען, ווען „מזומן" צו געבען איז געווען ניט

בעקוועם, אָדער אונמעגליך. אַ שטויגער, ווען דער יוד איז אַריינגעלאָזען געוואָרען ניט ווייטער פון קיך, אָדער פונ׳ם פאָדער־חדר, און צוקומען צום טישטוך איז געווען אונמעגליך. אַ פוטער איז געווען דער העכסטער סאָרט כּאַבּאַר, וואָס קיין שררה האָט געגען דעם ניט געקענט ביי שטעהן. דאָס איז אָבער געווען מיט אַ גרויסען „שררה", אַ קלענערן פלעגט מען אַריינשיקען אַ צעהן קלאָפּטער האָלץ, אָדער אַ הוטעל צוקער, וואָס איז געווען די אָנגענומענסטע מתנה ביי דער פּריצ׳טע.

אָט דער מין כּאַבּאַר איז געווען אין גאַנג אין אָנהויב און אין מיטען פון פאָרינגען יאָהרהונדערט, און איז ניט אַרוים אין גאַנצען פון מאָדע אפילו ביז איצט. נאָר גאָר אמאָליגער כּאַבּאַר איז געווען פּשוט׳ער און נאַאיווער, און, דער עיקר, האָט געקאָסט אַ סך ביליגער.

אזוי, אַ שטויגער, איז פערשריבען אין מאָהילעווער פּנקס, ריכטיגער—אויף דעם איינציגען בלעטעל, וואָס איז געבליבען פון דעם מאָהילעווער פּנקס, וואָס האָט אַ דאַטע פון מעהר ווי הונדערט יאָהר צוריק, אַזאַ קורצער בעשלוס פון קהל:

„לתן להדוואָרעצקי של הגוּבערנאַטאָר שלשים קאָפּ. על תפוחים. ד. ה. געבען דעם דוואָרעצקי (הויף-פערוואַלטער) פונ׳ם גוּבערנאַטאָר דרייסיג קאָפּיקעס אויף עפּעל... אונטערגעשריבען אַלע גבאים.

אין „דאַמאָוויק׳ס״ מלוכה.

מאָהילעווער יונגע לייט האָבען מיך געפיהרט ווייזען אַ חורבה — דאָס איז אַ גאַנצער מויער, וואָס שטעהט שוין דורות־לאַנג וויסט, וויל קיינער, — סיי יודען, סיי קריסטען ווילען זיך אהין ניט אריינציהען. דאָ איז דעם „דאָמאָוויק׳ס מלוכה״, זאָגען אין מאָהילעוו אַלטע וייבער און אַלטע גוי׳עס. נאָר עס גלויבען גאַנץ ערנסט דאַרין אויך יונגערע און אַפילו גאָר היינטיגע.

דער „דאָמאָוויק״ — דאָס איז אַ שטוביגער „שד״. אַזוי גלויבען אַ סך גויים און אַפילו יודען פון אַלטען דור. דער דאָזיגער שד איז אייגענטליך, אַ פרידליכע בריאה. ער קלייבט זיך אויס אין שטוב ערגעץ אַ ווינקעל, אַ צווישען־אויוועז, צי הינטער אַן אַלמער און לעבט זיך דאָרט שטיל, ניט טשעפּענדיג קיינעם. פערקעהרט: אין פאָלק גלויבט מען, אַז דער שטוב, וואו דער „דאָמאָוויק״ לעבט זיך איין און מענשען שטערן ניט זיין רוה, איז ער מזל׳דיג. אין אָט דעם הויז, זאָגען מאָהי־לעווער אַלטע ווייבער (און עס גלויבען אויך יונגע דאַמען) איז זיך געשטאַנען אַן אַלמער דורות־לאַנג אויף איין אָרט; איז איבערגעגאַנגען בירושה פון עלטער־עלטער־זיידעס צו אור־אור־איניקלאַך, און ווי ער איז געשטאַנען אַזוי האָבען איהם גענוצט גאַנצע דורות, ניט ריהרענדיג איהם פון אָרט. הינטער אָט דעם אַלמער האָט זיך פערקליבען דער „דאָמאָוויק״ און געלעבט זיך אויף זיין שטילען און זיכטבאַרען שטוינער.

געלעבט מיט די זיידעס, געלעבט מיט די אייניקלאך—אויפ'ן פיינסטען ארט. איז אבער אימיצען פון די איינוואוינער, מיט א יאהר 60—70 צוריק איינגעפאלען אבצורוקען דעם אלמער פון ארט. ער האט זיך פערטשעפעט מיט'ן „דאמאוויק", וואס האט ליעב צו לעבען זיך שטיל און בעהאלטען פון אויג, פונקט ווי עס האבען געלעבט אונזערע עלטער־זיידעס און עלטער־באבעס, און, אזוי ווי זיי, האט ער פיינד צו בייטען דירות און זוכען זיך נייע ווינקעלאך.

מ'האט פערטשעפעט דעם „דאמאוויק" און ער איז שטארק ברוגז געווארען. האט אנגעהויבען צו ווארפען ציגעל, שטיינער און וואס ער האט נאר געפונען ארום זיך.

דער סוף איז געוועזן, אז די „בייזע" מענשען, וואס האבען דעם פרידליכען „דאמאוויק" ניט פערגונען זיין ווינקעלע, האבען געמוזט אנטלויפען פון שרעק. און ניט בלויז זיי אליין, נאר אלע שכנים פון מויער. און אנשטאט דעם איין ווינקעל, מיט וועלכען דער „דאמאוויק" האט זיך פריהער בענוגענט, קעניגט ער איצט איבער דעם גאנצען מויער, קעניגט שוין דורות־לאנג. און וואגט נאר אימיצער אריינצושטעקען אין זיין „מלוכה" דעם נאז, פליהען גלייך ציגעל דעם „עזות פנים" אין קאפ אריין...

מ'זאגט, אז די פאליציי האט שוין ניט איין מאל געמאכט א רעוויזיע אין דעם „דאמאוויק'ס" מלוכה און האט פערזיכערט דעם עולם, אז דארט איז קיינער נישט נימא. נאר עס העלפט גאר נישט. ביז היינטיגען טאג שטעהט דער מויער וויסט, פערשלאגען די פענסטער, און קיינער וואגט ניט דארט צו נעהמען זיך א דירה.

אזא באבע־מעשה ווערט אפט געשאפען ארום א שטוב, וואס האט ניט קיין באלעבאס, וואס די יורשים משפט'ען זיך און קענען צווישען זיך ניט איינען, און צוליב דעם מוז די שטוב א לאנגע צייט שטעהן פוסט. עס טרעפט אויך, אז ס'ליגט גראד אין איינעם'ס אינטערעסען, וואס האט אן אויג אויף דער שטוב, צו שאפען אזא מין שדים־לעגענדע ארום איהר, כדי ער זאל זי קענען בעקומען. אמאל טרעפט אויך, אז דא שפילט א ראלע נקמה. ס'איז מעגליך אז איינע

פון די דאָזיגע סבות האט בעשאָפען די לעגענדע ארום דער דאָזיגער חורבה. מ׳זאָגט, אז דער מאָהילעווער פאָליצמייסטער, א פאָליצמייסטער א אידעאַליסט און א מוניציפּאַלער רעפאָרמער, וואָס גלויבט וועניגער, ווי מאָהילעווער יודישע באַלעבאַטים, אין זאַבאַבאָנעס, האָט בעשלאָסען צו מאַכען א סוף אָט צו דער נאַרישער מעשה און געהייסען רעמאָנטירען דעם מויער און מאַכען פון איהם נייע וואוינונגען.

צו וועט אויספיהרען אָט דער מערקווירדיגער גוי מיט׳ן „דאָמאָוויק”, אזוי ווי ער פיהרט אוים מיט די יודען, איז א פראַגע. מאָהילעווער יודען זענען דערין שטאַרק מסופק. וואָרום—זאָגען זיי—דער „דאָמאָוויק” איז ניט א „נאַש בראַט”. ער איז א שווערער „בעל דבר” און וועט אזוי גיך ניט לאָזען איינפיהרען קיין נייע פאָראָנדקעס...

דבורה די „קהל׳שע רופערקע״.

אין אנדערע ערטער רופט מען זי געוועהנליך: די „מעבר יבוק־ניצע״, אָדער די יודינע מיט׳ן „מענה לשון״. דאָס איז איינע פון די לעבעדיגע, וואָס לעבען פון טויטע. אין מאָהילעוו רופט מען זי די „קהל׳שע רופערקע״. די סאַמע אָריגינעלע פילייכט אין גאַנצען תחום איז געוועזען דבורה, די מאָהילעווער קהל׳שע רופערקע. מאָהילעווער יודען געדענקען זי נאָך גוט. דאָס איז געוועזען אַ יודינע—אַ דעמב. שטענדיג אין אַ קיטאַנקע, אָנגעטאָן אויף איין אַרבעל, מיט׳ן „מענה לשון״ אָדער „מעבר יבוק״ אין איין האַנד, און דער אנדערער אַ רויטע שמורצינע נאָדפאַציילקע מיט אַ פושקע שמעק־טאַבאַק, איז זי געוועזען אויפ׳ן בית עולם אַ גאַנצע באַלעבאָסטע. מיט די מתים איז זי געוועזען „פאַנבראַט״. האָט געוואוסט יעדערנ׳ס ביאָגראַפיע אויף אויסווענדיג. און דורך זיי זענען איהר שוין אויך געוועזען קלאָר די ביאָגראַפיעס פון זייערע לעבעדיגע קרובים, ביז אַ צעהנטען גליעד. די מתים־מאַנסביל פלעגט זי „אירצען״. פאַר זיי, איבערהויפּט פאַר די לומדים און פרומע יודען האָט זי געהאַט דרך ארץ. די מתים־ווייבער אָבער פלעגט זי „דוצען״ און, בכלל, זיי בעהאַנדעלט אָהן צערמאָניעס. געקומען אַ שטוינער אַ ווייבעל—אַ ביטער האַרץ צו דער מאַמען אויפ׳ן קבר: אַ קינד איז ביי איהר קראַנק. דבורה׳ן דאַרף מען ניט דערצעהלען וואָס און ווען: זי האָט שוין געוואוסט, וואָס איז די חולאת און ווי אַזוי מ׳דאַרף רירען אויף די טויטע, זיי זאָלען מתפלל זיין. זי פלעגט געהמען, אַזוי

צוזאָגען, די ווייבער—אַז די לעבעדיגע, און די טויטע—מיט תקופות.

פריהער פון אַלץ פלעגט זי דריי מאָל אָנקלאַפּען אין דער מצבה, מיט דעם לשון: אסנע, שטעה אויף! הערסט ניט? דבורה איז דאָ. איך זאָג דיר אָן, אַז דיין טאָכטער חאַשע איז געקומען! איהר פויגעלע איז קראַנק. האָט אין העלזעלע... זאָלסטו גלייך געהן צום רבונו של עולם... ממליץ זיין! דערביי פלעגט זי אויסדערצעהלען אַלע מעלות פון איהר איינינקעל פויגעלען, און די צרות פון איהר טאָכטער חאַשע און איהר הייסען געהן, למען השם, תיכף, ניט וואַרטען אַ מינוט.

זי איז געווען אַ גרויסע רעדנערין אין „מענה־לשון־שפּראַך", איבריגענס איז די לענג און די וואַרימקייט פון איהרע טענות געווען אָבהענגיג פון דעם „האָנאָראַר", וואָס זי פלעגט בעקומען פאַר איהר פערמיטלעריי. מיט רייכערע קונדען איז זי געווען אַ סך העפליכער, פלעגט געהן מיט גוטען, אויסרעכענען די מעלות פון די לעבעדיגע און די טויטע. מיט אָרימערע פלעגט זי דאָס מאַכען קורץ, פלעגט מעהר בעפעהלען, ווי בעטען.

„דבורה די רופערין" האָט ליעב געהאַט אַ ביסעל בראַנפען. נאָר איהר ליעבע צום „ביטערן טראָפּען" האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַ גאַנץ בעשיידענעם אופן. זי פלעגט יעדעס מאָל, געהענדיג פון איהר מתים־אדוואָקאַטור, אַריינגעהן אין שענק, טאַקע דאָ גופא, אויפן ראָג בית עולם און נעהמען פאַר צוויי קאָפּיקעס אַ גלעזעלע בראַנפען און פאַר אַ קאָפּיקע אַ שטיקעל לעקאַך. טרינקען פלעגט זי ניט: פאַר אַ יודינע פּאַסט ניט נעהמען גלאַט און זופען בראַנפען. נאָר זי האָט מעטונקען די לעקאַך אין די גלעזעל, ביז די גלעזעל איז געוואָרען טרוקען.

אַמאָל אָבער, האָבען מאַהילעווער יונגע חברה איהר אָבגעטאָן אַ שפּיצעל: מ'האָט געהייסען געבען איהר פאַר איהרע צוויי קאָפּיקעס אַ גרעסערע גלעזעל, וואָס קאָסט פיער קאָפּיקעס. זי האָט אַזוי לאַנג געטונקען ביז דער פינגער איז געבליבען מיט די לעקאַך אין גלעזעל און די פיס האָבען זיך ניט געקענט תויבען פון אָרט. מ'האָט איהר געמוזט אָבפיהרען אַ היים.

רוזשינאָער פאָלקס-העלדען.

איטליכס יודיש שטעדטיל האָט ביז דער לעצטער צייט געהאט זיינע פאָלקס-אידעאַליסטען, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער פערזענליכען לעבען און זיך אָבגעגעבען דער אָרימער יודישער מאסע. אין קיין שטעדטיל, זענען אָבער, דוכט זיך, אָט די העלדען פון פאָלק ניט געווען אזוי אָריגינעל, ווי אין רוזשינאָי. דעם פאָריגען דור האָט זיי רוזשינאָי געהאט גאַנצע דריי, וואָס האָבען אַלע געלעבט במעט אין איין צייט. איינער האָט געהייסען דוד דער מלמד, דער צווייטער — לייבע וואַש, די דריטע—הדסה.

און ניט אומזיסט האָט דער רוזשינאָיער יודישער וואָגען גע־דאַרפט דריי „גבורים", וואָס זאָלען איהם שלעפּען. אין ערגיץ איז, דאַכט זיך, דער עלענד פון די מאסען ניט געווען אזוי גרויס, די קאָנט־ראַסטען צווישעןביידע זייטען „בריקעל" — אזוי שאַרף, ווי אין רוזשינאָי. פון איין זייט—גבירים, וואָס לעבען אין עושר און אין גדולה, וואָס זייער גבירעשאַפט, יחוס, תורה געהען איבער פון דור צו דור; פון דער אנדער זייט — אַ טעמפּער, דערשלאָגענער, אָבער ניט גאָר אומ־וויסענדער המון, וואָס פיהרט אַ לעבען פון שקלאַפען, אפשר נאָך ערגער פון דער שקלאַפעריי און לייב-אייגענטום, אין וועלכער עס האָבען געלעבט די אַרומיגע פּויערים ביי זייערע פּריצים.

אין האַרצען פונ'ם פאָלק האָט זיך דערום אָנגעקליבען פון דור־

צו דוד אַ פערבאָרגענער, אָבער טיפער האַס צו יענע גליקליכע מיוחסים אויף יענער זייט בריקעל. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער פּראָטעסט פון די יודישע וועבער האָט זיך דאָ ניט זעלטען אויסגעדריקט אין דער זעלבער פאָרם, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעגאָסען דער צאָרן פון די פּויערים־קנעכט געגען זייערע אונטערדריקער — זיך אויסגעגאָסען אין סטיכישע וואַלד־בונטען.

אָבער די פאָלקס־אידעאַליסטען דאָ, אין רוזשינאָי, זענען ניט געווען גלייך צו די פאָלקס־העלדען פון אַנדערע שטעדט. צווישען שמעון קאַפּטאַן און דבורה אסתר פון ווילנא, ר׳ נחום פון האראָדנע, מאיר דער שוסטער פון מינסק און דוד דעם מלמד פון רוזשינאָי איז געווען אַ גרויסער חלוק. יענע זענען געווען פּאַסיווע נאַטורען, גוטע הערצער, וואָס האָבען געפיהלט נור „צער” און ניט „צאָרן”. אַנ־אַנדער מענש איז אָבער געווען דוד דער מלמד. ער איז געווען ניט בלויז אַ בעל־טובה, וואָס נעהמט ביים רייכען און גיט דעם אָרימען, נור אַ מין רעוואָלוציאָנער איז ער געווען. ער האָט מיט די גבירים געפיהרט אַנ׳אָפּענעם קאַמפף. אויף אַלע אסיפות פון די „פּני”, וואו מען האָט געהאַלטען עצות וועגען אָרימע־לייט, פלעגט אויסוואַקסען די צאָרנדיגע, בייזע פיגור פון דוד דעם מלמד און ער פלעגט ניט אַנדערש רופען די גבירים, ווי: „גראָבע בייכער”, „פּופּקעס־פרעסער”!

דוד איז געווען פריהער אַ מלמד. דערנאָך איז ער געוואָרען אַ מעקלער פון פוהרען. אַ ווייב האָט ער געהאַט אַנ׳ארורה. נאָר ער האָט געדולדיג איבערגעטראָגען איהרע קללות און געטאָן זיינס. אַ קבצן איז ער געווען אַ גרויסער. ער פלעגט אַליין אָבקומען מיט אַ טעלעריל קרופּניק, חאָטש אין שטוב איז ביי איהם געווען „כל טוב”. ער פלעגט תמיד אומגעהן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, אָדער מיט אַ טאָפּ אונטערן אָרעם. ער האָט שוין געהאַט באַלעבאַטים און אפילו גבירים — מיט וועלכע ער האָט שטענדיג געפיהרט אַ קאַמפף — וואָס פלעגען איהם פונדעסטוועגען אריינשיקען: ברויט, קאַרטאָפלעס, מעהל און אויך מזומן געלד. דאָס אַלץ האָט ער צוטיילט צווישען זיינע לייט: אַלטע, קראַנקע, אלמנות, יתומים, אָרימע כלות, קלויזניקעס.

עס איז נים געווען קיין איין געבראָכען האַרץ, וואָס דוד מלמד האָט דערפון נים געוואוסט. געמאָן האָט ער זיין ארבייט שטיל. ער פלעגט אָנקומען פּלוצלונג, אריינוואַרפען די נדבה מיט געוואלד און אנטלױפען. זיינע „געבער" האָבען נים געוואוסט פון די „נעהמער" און איין קונד האָט נים געוואוסט פון דעם אנדערן. אז דוד דער מלמד איז געשטאָרבען, האָט דער יודישער עולם — און דאָס איז געווען גאַנץ שטעדטיל — מיט ערשטוינונג דערזעהן, ווי צוזאַמען מיט זיי ציהען זיך פון די הינטער-געסלעך אויף דער לויה גויים, גוי׳עס — אלטע, יונגע, רייסען זיךצו דער מטה מיט קלאָגען און געוויין: „טאַטינקע אונזערער! שפּייזער אונזערער, אויף וועמען האָסטו אונז געלאָזען! וואָס וועלען מיר איצט טאָן אָהן דיר!"

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז גאַנצע קריסטליכע אָרימע פּאַמיליעס האָט דוד דער מלמד אויסגעהאלטען, פּונקט אזוי ווי די יודישע. זיין ברייט האַרץ, וואָס איז געווען פול מיט ליבע צו ליידענדע, האָט נים געוואוסט קיין חלוק צווישען יוד און קריסט.

נאָך מעהר, ווי צו אַלעמען, איז גרויס געווען דוד דעם מלמד׳ס ליבע צו אָרימע קינדער. די איצטיגע רוזשינאַיער תלמוד-תורה האָט ער אויפגעבויט. דאָס גרעסטע פערגניגען זיינס איז געווען — הערען ווי קינדער לערנען, פערברייננגען מיט זיי, קומען זיי צו הילף מיט וואָס ער האָט געקאָנט. צוואה האָט ער געלאָזט, אז מ׳זאָל איהם מקבר זיין צווישען קינדער, און אז צוקאָפּענס זאָל מען איהם לעגען מיסט פון „תלמוד-תורה" און פון אנדערע חדרים.

הדסה איז געווען פונ׳ם זעלבען מין, ווי די ווילנער דבורה אסתר. נאָר דבורה אסתר איז געווען אַ קינד פונ׳ם פאָלק. און הדסה איז געווען פון באַלעבאַטישען קלאַס. געשטאַמט האָט זי פון רבנים. איהר פאָטער איז געווען רבי אליהו שיק, רב פון לידאָ, זאגער און קאָברין. איהר מאַן איז געווען אַ רייכער סוחר. ער פלעגט זיצען יעהרליך אין מאָסקווע און קומען אַ היים אויף פּסח. פון דעם געלד, וואָס ער פלעגט איהר שיקען אויף דער הוצאה, האָט זי געקאָנט לעבען, ווי

א גביר׳טע. נאָר הדסה האָט איהר גאַנץ לעבען אָבגעלעבט אין איין קאַמעריל, איז געווען אויף זיך אליין און איהר פאַמיליע א בעל הוצאה עטליכע גראָשען, געפאַסט תעניתים און אָבגעבען איהר פערמעגען בעדערפטיגע און קראַנקע. אז איהר מאַן פלעגט קומען צופאָהרען איין מאָל אין יאָהר א היים, האָט ער נאָך געמוזט צאָהלען איהרע חובות.

נאָך איהר טויט האָט דאָס שטעדטיל בעשלאָסען: אלע מיידלעך, וואָס וועלען געבאָרען ווערען אינ׳ם זעלבען יאָהר, זאָל מען א נאָמען געבען נאָך איהר — „הדסה״.

נאָך אָריגינעלער פון אָט דיביידע פאָלקס־אידעאליסטען איז געווען דער דריטער — לייבע וואַש.

לייבע וואַש האָט אָנגעהערט צום גביר׳ישען שטאַנד. ער איז געווען א זוהן פון א פאַבריקאַנט, „וואַש״ איז געווען זיין צונאָמען. פער־קירצט פון ווארשוי, ווייל ער איז געווען א ווארשויער איידעם, אָדער ווייל ער פלעגט פאָהרען אָפט קיין ווארשוי.

דאָס איז געווען ניט אזא פשוט׳ע נאַטור, ווי דוד דער מלמד און הדסה. שטעדטילדיגע האָבען געזאָגט און זאָגען נאָך איצט, אז פון נאַטור איז ער געווען ניט קיין גוטער, נאָר ער האָט זיך „איבער־געבראָכען״. אין אמת׳ן אָבער האָט ער געמוזט האָבען זעהר א צאַרט, פיהלענד הארץ, און ווען ער האָט ניט געקאָנט אוועק איינגאַנצען צום פאָלק און לעבען פאַר איהם, אזוי ווי דוד דער מלמד און הדסה, איז דאָס דערפאַר, וואָס א גוט הארץ איז דערצו ווייניג; מ׳האָט געדאַרפט ברעכען מיט׳ן אייגענעם קרייז, לאָזען טאַטע־מאַמען, ווייב און קינד. צו אזא קאַמפף דאַרף מען מעהר ווי הארץ. עס איז נויטיג א גרויסע נשמה און אייזערנער מוט.

מיט זיין צאַרט, פיהלענד הארץ האָט לייבע וואַש ניט געקאָנט ניט בעמערקען דעם תהום צווישען ביידע זייטען בריקעל אין רוזשינאָי. ניט ווייסענדיג קיין שום טעאָריעס, האָט ער דאָך פערשטאַנען, ווער עס האָט געשאַפען זיין רייכטום און ווער ס׳איז שולדיג אין דעם גרויסען עלענד און נויט פון די טויזענדער אויף יענער זייט בריקעל. און אויב

ער האָט ניט געקאָנט ענדערן די אָרדנונג, וואָס ניט ער האָט געשאַפען, האָט ער בעשלאָסען: אליין ניט הנאה צו האָבען פון זיינע עשירות און אָבגעבען, וויפיעל ער האָט נור געקאָנט, די אָרימע-לייט.

און געבען פלעגט ער ניט פשוט נדבות, נאָר אָבגעבען אלץ פון זיך, און געבען בעהאלטענערהייד, אז יענער זאָל ניט פערשעמט ווערען. ער פלעגט, למשל, שענקען כלומרשט יענעם א טאַבאַקערקע און אין טאַבאַקערקע, בעגראָבען אינ'ם טאַבאַק, איז געלעגען א גאָלדענער האַלב-אימפעריאַל, ציג אַנ'אימפעריאַל. געזעהן אַנ'אָרימאַן אין א צוריסענעם בגד, האָט ער אראָבגענומען פון זיך זיין נייעם און אָבגעגעבען. כדי ס'זאָל אָבער ניט הייסען א נדבה און דער אָרימאַן זאָל ניט פערשעמט ווערען, פלעגט ער דעם בגד „פערקויפען", ס'הייסט: ער האָט איהם אוועקגעגעבען פאַר עטליכע גילדען, — דאָס וואָס איהם האָט געקאָסט צעהנדליגע רובלס. אָט אזוי פלעגט ער זיך שטענדיג מאַכען נייע מלבושים און „פערשאַפען" זיי אָרימע-לייט. ער האָט אפילו געוואָלט אָבגעבען זיינעם א זוהן פאַר א רעקרוט, כדי, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „דאָס זאָל זיין א נחמה פאַר אָרימע-לייט".

אָט די דריי גרויסע פאָלקס-פריינד זענען שוין טויט צעהנדליגע יאָהר: נאָר רוזשינאָיער יודען געדענקען זייערע העלדען און רעדען וועגען זיי מיט דער וואַרימסטער ליעבע און בעגייסטערונג, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך ערשט נעכטען מיט זיי געשיידט.

דעם נאָמען פון יעדען איינעם האָבען זיי פעראייביגט אין צדקה-חברות. אויפ'ן בית-עולם האָט מען זיי אלעמען די שענסטע ערטער געגעבען און פיינע מויערלעך געשטעלט. און ווי נור א לייד, ציג א קרענק, קומען די רוזשינאָיער יודען און יודענעס צו זייערע גוטע פריינד אויפ'ן בית-עולם, גיסען פאַר זיי אויס זייער האַרץ און בעטען: „זיי זאָלען זיין גוטע מליצים פאַר זיי".

רבי נחום.

(א האָראָדנער פאָלקס־פריינד).

ווען איהר בעזוכט גראָדנא און שמועסט מיט האָראָדנער יודען וועגען אמאָליגע יאָהרען, אמאָליגע יודען, הערט איהר אויף אַלעמענס ליפּען זעהר אָפט דעם נאָמען „רבי נחום״.

רבי נחום איז איינער פון די שענסטע יודען, וואָס גראָדנא האָט ווען עס איז פערמאָגט. זיין נאָמען איז ארומגערינגעלט מיט א קראַנץ פון לעגענדען ניט בלויז אין גראָדנא, וואו רבי נחום האָט געלעבט און געווירקט, נאָר אויך אין גאַנץ ליטא.

דער יאָהר, ווען אָט די שורות זענען געשריבען, איז דער דרייסיגסטער יאָהרצייט נאָך רבי נחום׳ס טויט. דרייסיג יאָהר! דאָס איז מעהר ווי א מענשענס דור! און דאָך איז צו בעוואונדערן, ווי דאָס אנדענקען פון אָט דער זעלטענער פערזענליכקייט לעבט אין די גייסטער פון די גראָדנער יודען. ניט בלויז אַלטע יודען גדענקען איהם גוט, נאָר אפילו מיטעלע מענשען, וואָס זענען ביי רבי נחום׳ס לעבען נאָך קינדער געווען, האָבען איהם דערהאַלטען אזוי פריש אין זכרון, ווי ער וואָלט ערשט נעכטען געשטאָרבען.

רבי נחום איז געווען א מענש פון דער מאַסע, א געווויזשער קוימענקערערס אן איידעם. אליין איז ער געווען דעם גאַנצען לעבען א שמש אין א גראָדנער שוהל. ער איז געווען א בעל תורה, אָבער קיין גרויסער מופלג איז ער ניט געווען: א קאָפּ האָט ער געהאַט אשווערען. נאָר א גרויסער מתמיד איז ער געווען. א חוץ זיינע שמשות, פלעגט

ער זאָגען אַלע טאָג פינף שעורים פאַר'ן המון און פאַר קלויזניקעס. — פון משניות, "עין־יעקב", מדרש, "חיי אדם" א. ד. גל. נאָר דאָס אַלעס איז ניט געווען זיין עיקר-בעשעפטיגונג. זיין הויפּט־ארבייט האָט זיך אָנגעפאנגען נאָך מעריב און האָט זיך געענדיגט איינס אַ זייגער ביי נאכט.

אַט די גאַנצע צייט איז ער געווען אויף זייטע פיס. ער איז אומגעגאַנגען איבער די אכסניות און די האָטעלען אין וויזיטען צו אורחים. די וויזיטען זענען געווען ניט קיין אומזיסטע. רבי נחום איז געווען אַ גרויסער בעל הוצאה, ער האָט אויסגעגעבען דריי־פיער הונדערט רובל אַ וואָך. זיין "געזינד" איז געווען אַ גרויסע — אַלע גראָדנער אָרימע לייט. רבי נחום האָט געגעבען אַלעמען און אויף אַלץ — וואָס נאָר אַן אָרימאַן האָט נויטיג געהאַט. און ניט בלויז אָרימע לייט האָט ער געגעבען. ער האָט אויסגעהאָלפען געפאַלענע באַלעבאַטים, אַלמנות, יתומים, קלויזניקעס, אָרימע כלות, און אַלע בעדערפטיגע. רבי נחום האָט ניט בלויז געגעבען צדקה. ער איז געווען אַ טאַטע, אַ ברודער פון די אַלע עלענדע און געדריקטע, מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טאָן. מ'האָט איהם ניט געדאַרפט בעטען, ניט געדאַרפט זאָגען: וואָס און וועמען עס פעהלט. ער האָט שוין אַליין געוואוסט. ער איז ביי איטליכען פון זיינע קונדען געווען אַ בן בית.

געגומען האָט רבי נחום נאָר פון אורחים. שטאָדטיגע האָט ער ניט אָנגעריהרט. שטאָדטיגע, האָט ער געזאָגט, גיבען געגוג. אַזוי ווי דוד דער מלמד פון רוזשינאָי, האָט אויך רבי נחום קיין אונטערשיעד ניט געמאַכט צווישען יודען און גוים. יודען האָבען וועניג געוואוסט, אַז ער האָט אויך גויאישע קונדען. נאָר ביי זיין לויה האָט מען מיט בעוואונדערונג געזעהן, ווי צעהנדליגע אָרימע קריסטען זענען געקומען מיט ווייב און קינד, צוגעפאַלען צום טויטען און האָבען ביטער געוויינט צוגלייך מיט די יודען. אַ מערקווירדיגען צופאַל דערצעהלען גראָדנער יודען פון רבי נחום'ען און אַ גוי — אַ זשאַנדאַר. ביי דעם זשאַנדאַר איז קראַנק געוואָרען אַ קינד. דאָקטוירים האָבען אָבגעזאָגט. איז גע־קומען דער זשאַנדאַר מיט זיין ווייב צו רבי נחום'ען, געפאַלען איהם צו

די פיס און געוויינט, געבעטען, אז דער „ראבין" זאָל העלפען, ער מוז העלפען. רבי נחום איז געווען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט. די ראָלע פון אַ „צדיק", האָט ער קיינמאָל ניט געשפּילט. אָבער אויפ'ן גוי האָט איהם וועה געטאָן דאָס הארץ. פון אָנהויב האָט ער פּראָטעסטירט, נאָר ווען די גויים זענען ניט אָבגעטראָטען, געוויינט פאַר איהם, האָט ער אומגעביטען דעם טאָן. ער האָט זיי געהייסען געהן אַהיים און געטרייסט זיי, אז דאָס קינד וועט לעבען און זיין געזונד.

אז די גוים זענען אוועק, האָט ער אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געזאָגט: רבונו של עולם! דו האָסט אויף דיין וועלט אזוי פיל גויים — טו זאָל זיין נאָך איינער. אין אַ פּאָר וואָכען ארום, — דערצעהלען גראָדנער יודען — איז געקומען דער זשאנדאַר צו רבי נחום'ען און האָט אָנגעבראכט קארטאָפליעס, ציבעלעס, היהנער און הענע[illegible] ער האָט אָבגעדאנקט דעם „ראבין". זיין זוהן איז געזונד געוואָרען.

רבי נחום האָט ניט געוואָלט מאַכען די וועלט פרום. צו יודען, צו גויים, צו פרומע, צו פרייע, האָט ער זיך בעצויגען מיט דערזעלבער גוטמוטיגקייט. אמאָל, דערצעהלט מיר דער גראָדנער ראבינער, זענען מיר געזעסען, אַ קאָמפּאניע יונגע לייט — דאָס איז געווען מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק. מיר האָבען נאָר וואָס געענדיגט ראבינער־שול. זיצען מיר אזוי אמאָל, אין אָווענד, ביי איינעם פון אונזערע חברים, און שפּילען אין קאָרטען. אין מיטען עפענט זיך די טיר און רבי נחום קומט אריין. מיר האָבען זיך דערשראָקען. יעדער פון אונז האָט צוגעכאפּט זיינע קאָרטען און געוואָלט בעהאלטען. רבי נחום איז צוגעגאנגען גלייך צום ספּאדיק מיט די קאָרטען-געלד און זאָגט צו אונז: נישט קשה, קינדערלעך, שפּילט אייך. דער אויבערשטער זאָל אייך מצליח זיין. נאָר מיר גיט אוועק דעם געווינס. דערביי האָט ער ארונטער־געשאָטען צו זיך אין בייטעלע דאָס קאָרטען־געלד. יעדערער האָט נאָך עפּעס צוגעלעגט פון קעשענע, און רבי נחום איז אוועק מיט דעם זעלבען שמייכעל.

זעהר כאראקטעריסטיש פאַר רבי נחום'ס פערזענליכקייט איז פאָלגענדע מעשה, וואָס אַלע גראָדנער דערצעהלען.

די מעשה איז זעהר עהנליך צו א לעגענדע, זי איז אבער, לרים ווי איך האב געגוי אונטערזוכט, א ווירקליכער פאקט. רבי נחום האט נעהאט פאר גראדנער יודישע קרעמער די עובדה פון א שבת־ווינער. אלע פרייטאג פאר נאכט פלעגט ער געהן איבער די קראמען און דערמאהנען דעם עולם: שבת, שבת, יודען! וואו מ'האט גלייך נים געפאלגט, פלעגט ער צומאכען א טירעל פון קראם און געהן ווייטער.

אין גראדנא איז געווען איינער, א געוויסער פרידבערג — א שטאדטיגער עזות־פנים, א שטיקעל אדוואקאט און א שטיקעל מוסר, פאר וועלכען אלע האבען מורא געהאט. בשעת רבי נחום איז דורכגעגאנגען אמאל צווישען די קראמען און אנגעזאגט אויף זיין שטויגער: שבת, שבת! איז גראד אין א קראם, וואו רבי נחום האט פערמאכט די טירעל, געשטאנען דער דאזיגער פרידבערג. ער האט זיך אלאז געטאן צום אלטען שמש, גענומען איהם זידלען, און דערלאנגט איהם א פאטש. אנדערע זאגען, אז ער האט איהם אראפגעווארפען פון די טרעפלעך. אין איין מאמענט האט זיך אויפגעקליבען לעבען קראם א גרויסער עולם מענשען און מ'האט דעם עזות־פנים ממש געוואלט צערייסען, ווי א הערינג. נור רבי נחום האט נים געלאזען איהם אנריהרען. „נישט קשה, נישט קשה, האט ער זיך ביי זיי געבעטען. דאס איז מסתמא פון גאט!“ גאט האט אזוי געוואלט! טשעפעט איהם נים. דער עולם איז זיך פערנאנדערגעגאנגען.

אין א האלב יאהר ארום האט זיך דער כאדאטאי פערדרעהט מיט א פאלשען וועקסעל אויף א פריץ. מ'האט איהם אריינגעזעצט אין טורמע, און רבי נחום האט זיין ווייב און קינדער אויסגעהאלטען מיט דער הוצאה צוויי יאהר נאכאנאנד.

אז פרידבערג איז ארוים פון אסטראג, איז ער גלייך אוועק צו רבי נחום'ען, איז איהם געפאלען צו די פיס, און איהם געבעטען מחילה. נאך דעם איז ער געווארען אן אנדער מענש.

רבי נחום'ס בילד הענגט ביי יעדען יודען, אין גראדנא, אויפ'ן וואנד. אויף מיין פראגע: ווי קומט עס, אז אזא ייד, ווי רבי נחום, זאל זיך מיט דרייסיג — פערציג יאהר צוריק, לאזען פאטאגראפירען?

— האָט מען מיר ערקלערט, אַז די מעשה איז טאַקע ניט גלאַט. רבי נחום האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט זיך לאָזן פאָטאָגראַפירען. דאַן זענען די, וואָס האָבען געוואָלט אַרונטערנעהמען זיין בילד, גע־פאַלען אויף אַ המצאה. זיי האָבען איהם אַ נידערגעלעגט דריי הונדערט קאַרבען, נאַטירליך, אויף צדקה. רבי נחום איז ווייכער געוואָרען. אויב אַזוי, זאָגט ער, איז שוין עפּעס אנדערש. און ער האָט זיך געלאָזט פיהרען צום פאָטאָגראַפער. די יודען — זאָגט מען — וואָס האָבען איהם געלאָזט פאָטאָגראַפירען, האָבען פון זיין בילד פערדינט עטליכע טויזענד רובל. דערפון זעהט מען, ווי פּאָפּולער רבי נחום איז געווען אין פאָלק. ס׳איז איבריג צו דערצעהלען, אַז בשעת רבי נחום איז געשטאָרבען האָט גאַנץ שטאָדט געטרויערט. הספדים האָט מען איבער איהם געמאַכט אין גאַנץ ליטא.

אין דעם טאָג פון רבי נחום׳ס לויה האָט מען געמאַכט אַן אויספערקויף אויף זיין לייוועגטענעם בייטעל, אויף אַלע זיינע ספרים און חפצים. דאָס בייטעל האָט געקויפט פאַר אַ שטיק געלד דער טאַבאַק־פאַבריקאַנט שערעשעווסקי. פון דאָס אַלעס, מיט נדבות דערצו, איז געוואָרען עטליכע טויזענד רובל, מיט וועלכע מ׳האָט פערזאָרגט דעם פערשטאָרבענעם׳ס פאַמיליע, וואָס האָט פאַר רבי נחום׳ס לעבען געליטען דחקות צוזאַמען מיט איהם.

מאיר דער שוסטער, און מיכל דער ציגארען־מאכער.

(פון מינסקער טיפען־גאלעריי).

ווער האט ניט געקענט אין מינסק מאיר דעם שוסטער? ווער האט ניט געזעהען אומהאוועגדיג, אומשווימענדיג זיין נידעריגע, דארע פיגור. שטענדיג מיט א טאפ אונטערן האנד, אדער אן׳אנגעפאקטען זאק אויף די פלייצעם?

אין טאפ, אדער אין זאק, האט איהר געקאנט געפינען כל טוב: הענער, היהנער, פלייש, בולקעס, לעבלעך ברויט, און גאנץ אפט טאקע אויך פלעשלעך וויין. איהר האט געקאנט געפינען אפט אין די זעק מלבושים אלערליי: מייטקעס, ארבע כנפות׳ען, קאפאטעס און קאפאטקעס, העמדער, קאפטלאך, היטלען און אז. וו. אויסער שובֿוארג.

שובֿוארג פלעגט מאיר אליין נייהען. לעדער פלעגען שוין געבען די לעדער־קרעמער, אדער אנדערע באלעבאטים; נייהען פלעגט ער אליין.

ביי זיין בענקעל פלעגט מאיר זיצען נאר אין אוועגד, אדער גאנץ פריה, פאר טאג. ביי טאג איז קיין צייט ניט געווען: ביי טאג האט מאיר געדארפט מאכען „וויזיטען".

ביי מאיר דעם שוסטער איז געווען א בערזע, אזוי ווי ביי א רב

און ביי א דאָקטאָר „להבדיל". וואו עס איז נאָר געווען א קלאָגעדיגע הארץ, א צרה, א חלנית, איז מען געגאנגען צו מאיר'ן, און מאיר האָט פאַר איטליכען געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט.

נאָר מאיר דער שוסטער האָט ניט געווארט ביז מ'וועט קומען צו איהם. ער האָט שוין אליין געוואוסט וועמען און וואָס. אנ'אָרימע כלה, א קינפּעטאָרין, א קלויזניק, א חולה, א געפאלענער באלעבאָס, אָדער א פשוט'ער אָרימאַן — דאָס זענען אלע געווען מאיר דעם שוסטער'ס לייט, און פאַר זיי האָט ער דעם גאנצען טאָג געהאָוועט, געשמייעט, דאָ גענומען, דעם געבראַכט, אויסגעהערט יעדענס צרה און קלאָג, פאַר אלעמען געהאַט א גוט וואָרט, געטרייסט און אָנגעזאָגט: למען השם, מ'זאָל ניט דאגה'ן; דער אויבערשטער וועט ניט פאַר־לאָזען.

מאיר דער שוסטער איז געווען זעהר א קלוגער יודעל און תמיד פרעהליך. אין זיין „עסק" האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אלערליי סאָרטען מענשען; ער האָט געוואוסט אלערליי כאראַקטערען; די גאנצע שטאָדט איז ביי איהם געווען אויף די פינגער — נאָר קיין שלעכטע זענען ביי איהם ניט געווען. ער האָט תמיד געפונען אויף יעדען איינעם א זכות, יעדען געאורטיילט פון דער גוטער זייט. אין כעס איז ער קיינמאָל ניט געווען. האָט איהם עמיצער אָנגעטראָטען, האָט ער איהם געענטפערט מיט א וויץ און א געלעכטער, און, דאָס רוב, איז שוין יענער, וואָס האָט איהם אָנגעטראָטען — שפּעטער, אָדער פריהער, געקומען איהם איבערבעטען מיט א שענער נדבה.

פאַר זיך אליין האָט מאיר דער שוסטער וועניג געדאַרפט. מ'שטיינס געזאָגט: אין דער פריה נאָכ'ן דאַוונען א טעלער'ל קרופּניק, אָדער א שיסעלע באָב, און ביי טאָג צו וואַרעמעס ווידער א טעלער'ל קרופּניק און א דראָבעשקע דערצו. נאָר פאַר וואַרעמעס איז געווען זיין שטייגער נעהמען ביי פסח דעם שענקער, וואָס אנטקעגען שני־דערשער שול, א טרונק בראָנפען פאַר צוויי קאָפּיקעס.

אין א שענק מאַכט זיך, פערשטעהט זיך, אלערליי צייטען: א מאָל איז דאָ א פאַטענט, א מאָל ניטאָ קיין פאַטענט. אז מאיר

פלעגט זעהן, אז ביי פסח דעם שענקער איז פּלוצלונג נעלם געוואָרען פון איבערן טיר די שוואַרצע בלעכעל מיט די געלע רוסישע אותיות, האָט ער ניט געקוקט אויף די אַלטע פריינדשאַפט צווישען איהם און פסח׳ן, און איז אַוועק אַנטקעגען צו נחום בער׳ן.

אַז די בלעכעל איז ווידער אָנגעטשעפּעט געוואָרען, איז מאיר ווידער געקומען צו פסח׳ן. געוועהנליך האָט איהם חנה די שענקערקע מקבל פּנים געווען מיט גרויס שמחה:

— רבי מאיר, אי, ס׳אַ גאַסט! וואָס איז דאָס געווען מיט אייך, רבי מאיר, פאַר וואָס האָט איהר אונז פערלאָזען?

האָט רבי מאיר געענטפערט קורץ.

— מ׳טאָר ניט: „דינא דמלכותא דינא״. מאיר איז אָבער געווען שטרענג בלויז צו זיך אַליין. יענעם האָט ער קיינמאָל ניט בעשולדיגט, למאי ער האַנדעלט אָהן אַ פּאַטענט, אָדער פערקויפט ציגאַרען אָהן אַ באַנדעראָל.

— אַ רחמנות נעביך, האָט ער תמיד געזאָגט אין אַזאַ פאַל, שווער קומט אָן אַ יודען די פּרנסה, שווער, מיט מסירת נפש.

אַז מאיר פלעגט אַריינלויפען צו פסח דעם שענקער פרייטאָג פאַר נאַכט, נאָך שקיעת החמה, און די ליכט זענען געווען נאָך ניט אָנגעצונדען, פלעגט חנה זיך דערשרעקען פאַר איהם, כאַפּען אויף גיך די ליכט, אַריינשטעקען אין די לייכטער, און שטאַמלען מיט אַ זיפץ:

— רבי מאיר, זייט מוחל, רבי מאיר... אָך־אָך, אָ! גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די זינד: מ׳איז, ווי דער רשע אין גיהנום, אוי, אַז אָך און וועה צו מיר ניט, אומעטום שוין אָבגעבענשט ליכט, און ביי מיר...

נאָר מאיר פלעגט איהר בערוהיגען:

— נישט קשה, נישט קשה, חנה, זייט רוהיג, דער אויבערשטער וועט מוחל זיין. אַ יוד מוז האָבען פּרנסה, וואָס זאָל מען טאָן? גאָט קוקט ניט אויף די ליכט, גאָט זעהט דאָס האַרץ. מ׳טוט ניט פון וואוילטאָג... אַז איך זעה, ווי דאַרטען, ביי די גביר׳טעס אין די הייזער

ציגדם מען אָן פריה די ליכט און מ'שטעלט זיי ארויס צום נאַס אין די פענסטער, כדי דער עולם זאָל זעהן, אז זיי זענען פרום. בין איך, זאָג איך אייך, אמת אין כעס. נישט קשה, זיי, די נגיר'טעס, קומט אָן גרינג דאָס לעבען, זיי טוען גאַרנישט, קענען זיי דערוויזען. וואָס זאָל אָבער טאָן אַנ'אָרימע יודענע, וואָס דאַרף טפרנס זיין איהרע פיצלער קינדער, חעלפען דעם מאַן חאַרעווען?

— האָט דיר גאָט געהאָלפען, אז דו קענסט אָנצינדען די ליכט פריהער, וואָס דאַרפסטו אַרויסוויזען זיך דערמיט אין גאַס? וואָס דאַרפסטו אָבעסען אָרימע ווייבער נעבעך דאָס האַרץ? אודאי וואָלטען זיי אויך וועלען אָננעהמען פריהער דעם שבת, פאַר וואָס ניט? איך זאָג אייך, אז איך זעה פרייטאָג פאַר נאַכט, ווייבער לויפען נעבעך א היים מיט די קאָשיקעס פון מארק, און איך טו א קוק דאַרטען אין די פענסטער — בין איך אמת אין כעס: אזוי פלעגט מאיר טרייסטען חנה די שענקערקע.

מאיר דער שוסטער האָט געהאַט די צווייטע ווייב, איינע איז ביי א'הם געשטאָרבען. די אנדער ווייב איז געווען זעהר ניט צופרידען פון מאיר'ס „עסקים". זי האָט געהאַנדעלט אין מארק, פאַרקויפט גענז, און מ'האָט איהר גערופען: לאה די גענזערקע.

מאיר האָט חלילה איהרע ניט פערנומען. אז ער פלעגט אַרומ־לאַטען אַלע קלויזניקעס און אַלע גרויסע און קליינע קבצנים, פלעגט ער זיך ערשט נעהמען לאַטען אויף דאָס ניי פאַר זיך אליין, צו מאַכען זיין הוצאה. נאָך זיין חשבון איז א צוויי גילדען א טאָג געווען די והותר פאַר איהם מיט זיין זקנה. די ווייב אָבער איז דערמיט גאָר ניט צופרידען געווען, ז'י פלעגט איהם מאַטשען און שילטען, און מאיר פלעגט זיך אַרויס־מאַכען מיט א גלייכוואָרט, און געטאָן זיינס.

מאיר דער שוסטער האָט געוואוינט אין שניידערשער שול, אונטען אין קעלער. אז די שניידערשע שול האָט אָבגעברענט און מאיר איז אַרויס „נקי", ווי ער שטעהט און געהט, איז שוין די ווייב געוואָרען שטאַרק ברוגז:

— דו קומסט מיר מזונות, האָט זי גע'טענה'ט, גיב מיר מזונות,

איך קען ביי דיר מאַהנען על פּי דין.

מאיר האָט געוואוסט, אַז זיין ווייב האָט בעהאַלטען איז איהרע קניפּלעך אַבציג קאַרבען, „על כל צרה שלא תבוא".

— איך וועל דיר געבען מזונות, האָט ער געזאָגט. אָבער איך מוז דאָך האָבען אַנ'אָרט וואו צו ארבייטען; ווי קען איך פּערדינען אַ גראָשען מיט היילע פינף פינגער?

און ער האָט געבעטען, זי זאָל איהם אויסלייהען עטליכע רובל אויף אַ דירה, אביסעל באַלעבאַטישקייט און געצייג.

— אַ קדחת! האָט זי געענטפערט קורץ און שאַרף. און האָט געשיקט רופען איהר מאַן צו רבי משה ליב'ען — דעם רב.

רבי משה ליב האָט אויסגעהערט ביידענס טענות, און האָט געגעבען ביידען גערעכט.

— על פּי דין און על פּי יושר מוז ער דיך מפרנס זיין, האָט זיך אָבגערופען דער רב צו לאה די געגנזערקע. אָבער ער זאָגט זיך דאָך ניט אָב. ער וויל האָרעווען, ער בעט נאָר זאָלסט איהם אויסלייהען אביסעל געלד אויף אַ דירה, באַלעבאַטישקייט און אביסעל געצייג, דאָס איז ניט קיין עולה.

— איהר זייט ביידע לײַדאַקעס, האָב איך אַ שוואַרץ יאָהר! האָט אַ שפּיי געטאָן לאה די געגנזערקע, און איז אַוועק.

זי איז אַוועק צו איהרע קינדער פון ערשטען מאַן, און מאיר ד'ער שוסטער איז אַוועק צו זיין זוהן הענדעל דעם שוסטער, פון זיין ערשטער ווייב.

הענדיל דער שוסטער האָט געשטעלט נאָך אַ בענקעל איז זיין מאַסטערסקאַיע פאַר'ן טאַטען. און מאיר האָט זיך גענומען אויף דאָס נייע לאַטען זיינע קלויזניקעס.

הענדיל איז געווען ניט פּשוט אַנ'ערליכער יוד, נאָר אַ מורא־דיג־פּאַרפּרומטער. ער האָט געאַרבייט ביי זיין בענקעל מיט זיינע אייגענע זיהן. דער עלטערער בחור זיינער איז געווען אַ היינטוועלטיגער — אַנ'„אַריסטאָקראַט".

ער פלעגט זיך וואשען מיט זייף און פּוצען די שטיוועל אום שבת.

דערפאר פלעגט זיין צווישען טאטען און זוהן גרויסע מחלוקת.

מאיר פלעגט דאָס ניט קענען צוזעהן. ער פלעגט אָברופען תענדלען אָן אַ זייט און מוסר'ן איהם שטילערהייד:

— לאָז צורוה דעם בחור, וואָס אָסטו צו איהם „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", און יפתח בדורו כשמואל בדורו (אַלע יודען האָבען אַ חלק עולם הבא און יפתח אין זיין דור איז ווי שמואל אין זייז דור) אז מיר וואָלטען היינט געווען יונגע בחורים, וואָלטען מיר אויך ניט געווען בעסער. לאָז איהם צורוה, זאָג איך דיר...

אז מ'האָט מאיר דעם שוסטער דערצעהלט אויף עמיצען חטאים: דער איז ניט פרום, יענער דאווענט ניט, אָדער עסט אומגעוואַשען, איז ער געווען אמת אין כעס.

— רעדט ניט אויף אַ יודען, רעדט ניט, האָט ער זיך געבייזערט. מ'וויים גאָרניט מיט וואָס אַ יוד קויפט זיך עולם הבא. „פושעי ישראל מלאים מצות כרמון"—די זינדיגסטע יודען זענען פול מיט מצות ווי אַ מילגראָם.

געשלאָפען האָט מאיר דער שוסטער זעהר ווייניג. די צייט, וואָס איז איהם געבליעבען פון זיין האָווען ארום זיינע קבצנים און לאַטען זיי — איז ער געזעסען אין שניידערשער שול און האָט געלערנט.

מאיר איז געווען זעהר חשוב ביי אַלע גבירים. ער האָט זיי אָבער ניט געקענט ליידען פאר זייער חוצפה און גאוה. ער פלעגט געהן, דאָס רוב, בלויז צו פשוט'ע באַלעבאַטים. נאָר אַז די אויסערסטע נויט האָט איהם געטריבען, איז ער געגאַנגען צו זיי, צו די גבירים.

פורים איז שוין געווען אַ מנהג, אַז מאיר דער שוסטער האָט געשיקט אַלע גבירים „שלח מנות".

די „שלח מנות" פלעגט ער אָוועקטראָגען אַליין: אַ גרויסען צינערנעם טעלער, ארומגעדרעהט מיט אַ רויטע פאַטשיילקע.

— מאיר דער שוסטער האָט אייך געשיקט „שלח מנות",— פלעגט ער ראַפּאָרטעווען, אַריינקריכענדיג מיט זיינע „שטיוואַלעס" צום גביר גלייך אין עסענ־שטוב, וואו מ'איז געזעסען ביי דער סעודה.

דער גביר האָט ביי מאירן צוגענומען דעם טעלער, אויפגעהויבן די רויטע פאַטשיילקע און דער גאַנצער עולם האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

די „שלח מנות" איז געווען אַ פולע טעלער מיט באָב.

אַז דער גביר האָט צוגענומען דעם „שלח מנות" האָט ער געמוזט אַוועקלייגן צוריק אויפ׳ן טעלער „מתנות לאביונים": ווער אַ קאָרב, ווער צוויי, ווער דריי, און ווער אַ גאַנצע פינפעריל.

פון מאיר דעם שוסטער׳ס „שלח מנות" האָבן צעהנדליגע אָרימע לייט געהאַט אויף מצה און אויף כוסות און אַנדערע פסח׳דיגע זאַכען.

ביי אַ סך באַלעבאַטים איז געווען צוגעשלאָגען צווישען אַנדערע צדקה־פושקעס, אויך מאיר דעם שוסטערס פושקע. פון איין זייט איז געווען אַ פושקע מיט אַ צעטעלע „רבי מאיר בעל הנס" און פון דער אַנדערער זייט אַ פושקע מיט אַ צעטעלע „רבי מאיר דער שוסטער".

מאיר איז שוין געגאַנגען גלייך צו זיין פושקע, אָבגעשלאָסען מיט זיין שליסעלע און אַרויסגענומען די קליינגעלד.

אַלע טאָג, בין מנחה למעריב, איז מאיר דער שוסטער געשטאַנען אויפ׳ן ראָג יאַטקע גאַס אין אַלטען מאַרק מיט זיין גרויסער קופּערנער פושקע און דער עולם פלעגט וואַרפען גראָשענס, קאָפּיקעס און ניט זעלטען צעהנערס. אַלע פלעגען וואַרפען — ווער [עס] פלעגט נאָר געהן אויפ׳ן מאַרק און פון מאַרק, אין שול און פון שול.

נעשטאָרבען איז מאיר דער שוסטער כמעט געהענדיג, ווער נעטאָן האָט איהם גאָרנישט: ער האָט נאָר ניט געקאָנט הויבען זיך פון בעט. דאָס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען, אַז ער איז אָבגעלעגען אין בעט עטליכע טעג און האָט זיך אויסגערוהט, האָט ער געבעטען דעם זוהן, ער זאָל איהם העלפען אַ ראָב פון בעט. דער זוהן האָט איהם געהאָלפען און ער איז אַראָבגעקראָכען און אומגעגאַנגען עטליכע מאָל איבערן שטוב. ער איז געווען זעהר צופריעדען. ער האָט געוואוסט,

אז ער טאָר ניט ליגען, מאיר דער שוסטער טאָר ניט ליגען: עס וואַרטען דאָך אויף איהם „זיינע לייט״, ער מוז געהן...

אָבער מאיר דער שוסטער איז שוין מעהר ניט געגאַנגען... ער האָט ניט געטאָרט אַראָבגעהן פון בעט. די דאָקטוירים האָבען זיך אויף איהם שטאַרק געבייזערט.

אין צוויי טעג אַרום איז מאיר דער שוסטער געשטאָרבען.

די וואָס געדענקען זיין לויה זאָגען, אַז אַזא לויה האָט נאָך קיין רב ניט געהאַט, זינט די שטאָדט איז אַ שטאָדט. אַלע קראָמען זענען געווען צוגעמאַכט. אין די גאַסען איז געווען אַ חורבן. אויפ׳ן בית עולם האָבען איהם מספיד געווען די גרעסטע רבנים, אַ קינד אין וויעג איז ניט געבליעבען. אַ גאַנצע וואָך האָט מען אין אַלע שולען, בין מנחה למעריב, הספדים געמאַכט, און דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו גיסען טרערען — אמת׳ע טרערען.

מאיר דעם שוסטערס פּושקעס זענען געבליבען אין די הייזער אויך נאָך זיין טויט. די גרויסע פּושקע, די קופּערנע, איז אויך געבליבען. און דער ראָג פון יאַטקע־גאַס און אַלטען מאַרק איז אויך געבליבען.

דעם ערשטען פרייטאָג נאָך מאיר דעם שוסטערס טויט האָט דער בלינדער האַראָרנער מגיד אוועקגעשטעלט אויפ׳ן ראָג מיכל דעם ציגאַרען-מאַכער. איז אַליין געשטאַנען לעבען איהם, האָט געזאָגט דעם עולם: גיט אַ הער אין פּושקע, יודען, גיט רבי מיכלען, אַזוי ווי איהר האָט געגעבען רבי מאיר׳ן — זכר צדיק לברכה. איך זאָג עדות, אַז רבי מיכל איז אַן ערליכער יוד און נעהט אין רבי מאיר׳ס דרכים.

און דער עולם האָט געוואָרפען אין פּושקע.

מאיר דער שוסטער האָט געהאַט ביי זיין לעבען דרייען, וואָס האָבען איהם געהאָלפען: מיכל דער ציגאַרען מאַכער, סענדער דער סטאָליער און סענדערס ווייב. אַז מאיר איז געשטאָרבען האָט איבער־גענומען דעם „געשעפט״ מיכל דער ציגאַרען־מאַכער.

מיכל איז געווען באמת אַן ערליכער יוד, און איז געגאַנגען „אין מאיר דעם שוסטערס דרכים״, אַזוי ווי דער האַראָדנער מגיד האָט אויף

איהם עדות געזאָגט. נאָר אין „דינאָ דמלכותא״ האָט מיכל געהאַט אַנ'אנדער שיטה, גאָר דער הפוך פון מאיר דעם שוסטער.

מיכל האָט געהאַט אַנ'עלמעריל אין אַלטען מארק פון שטעך־טאַבאַק מיט ציגארען.

עס איז ניט געווען דער חודש, וואָס מ'האָט מיכלען ניט געמאַכט קיין אַקט פאר „טרפה״ ציגארען אָהן א באנדעראָל.

אַז מ'האָט איהם געבראכט צו'ם געריכט און געפרעגט: סטייטש, ווי אַזוי קומט צו דיר ציגארען אָהן אַקציז?

האָט מיכל געענטפערט פשוט: איך האָב דאָס געמאַכט.

— ווייסטו ניט אַז דער „זאַקאָן״ פערבאָט דאָס?

— אַז איהר וועט מפרנס זיין מיין ווייב און קינדער, וועל איך מעהר ניט מאַכען קיין ציגארען, האָט מיכל געענטפערט אויף געבראָ־בענע גויעש...

דער ריכטער האָט מיט אַזאַ נפש גאָרנישט געקאָנט מאַכען און געוואָלט איהם שענקען מיט דעם תנאי: ער זאָל צוזאָגען, אַז ער וועט „דאָס״ מעהר ניט טאָן,

— אָבלתי — ואוכל... האָט מיכל געענטפערט קאַלטבלוטיג דעם ריכטער מיט דעם לשון פון פסוק, און טאַקע גלייך פערטייטשט: איך האָב געמאַכט ציגארען און וועל מאַכען ציגארען.

און מיכל האָט געהאַלטען וואָרט.

ווען מ'האָט איהם נאָר ארויסגעלאָזען פון רעשאָטקע האָט ער זיך גלייך ווידער גענומען צו זיין ארבייט...

נאָר זיצען אין רעשאָטקע אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איז מיכלען מיאוס געוואָרען, און ער איז אוועק צו זיינע קינדער אין אמעריקע.

נאָך מיכל דעם ציגארען־מאַכער האָט איבערגענומען די פושקעס מיט דעם גאנצען עסק פון מאיר דעם שוסטער — סענדער דעם סטאָליער'ס ווייב.

„ג י י נ צ י ג ע ר"

װעגען „גײנציגער" בכלל.

אין מײנע װיזיטען אויף נאָװגאָראָד*) בין איך בעקאַנט געװאָרען מיט אַ פּעקעל יודען און יודענעס—אמת'ע „גײנציגער".

איהר װײסט װאָס הייסט: אמת'ע גײנציגער?

אמת'ע גײנציגער איז די שטאַרקסטע שפּירעט, „אַקװיט", ברען...

די „גײנציגער", װאָס איך װיל דאָ פאַר אײך שילדערן, זענען אויך פון אַט דעם סאָרט „שפּירעט",—אַקװיט, ברען... שױן ניט קענענדיג זײ, ניט רעדענדיג מיט זײ, איז לײכט אָנצושטױסען זיך, אַז דאָס זענען ניט גאָר קײן געװעהנליכע מענשען, דאָס זענען, אין אַ געװיסען גראַד, העלדען.

װאָרום אַ העלד מוז מען זיין צו דערגרײבען אין דעם יודישען תחום פון רוסלאַנד צו דער מדרגה פון „גײנציגער". בפרט אין נאָװגאָראָד, אױפ'ן סאַמע דעק פונ'ם יודישען געטאָ.

אַ בעזונדער שטריך האָבען די גײנציגער: זײ בעהאַלטען ניט פון אײך זײערע יאָהרען. פרעגט איהר אײנעם פון זײ: װי אַלט איז

*) אַ פאָרשטעדטעל אין װילנא װאו עס װאױנען די אָרימסטע יודען און „דעק-מענשען.

ער, אָדער זי? ענטפערט מען אייך מיט שטאָלץ: פון א הונדערטער גיב איך אייך אויסגאב ניט מעהר ווי א צעהנעריל; אָדער מען פרעגט אייך איבער: וואָס מיינט איהר בין איך אלט? און באלד ענטפערט מען מיט גדלות: קרוב צו תשעים! נאָהענט צו ניינציג, הייסט דאָס, אָדער—אריבער תשעים!

נור איינע האָט מיך אָבגענאַרט: איך בין שוין ברוך השם ניינציג יאָהר! אָבער א שכנה האָט מיר א וואונק געגעבען און א שושקע געטאָן אין אויער:

— שוין צעהן יאָהר, אז זי טענה׳ט: זי איז ניינציג יאָהר. אין אמת׳ן איז זי נאָהענט צו א מאה.

צו גלויבען, אז זי האָט פערלאָרען דעם רעכנונג, איז פאַר מיר געווען אונמעגליך, וואָרום זי האָט מיר דערצעהלט מעשיות פון איהר לעבען, וואָס האָבען דייטליך געוויזען, אז איהר זכרון איז נאָך פריש און איהר פאָרשטעלונגס-קראַפט לעבעדיג. זי האָט פשוט מורא געהאַט פאַר „עין הרע״...

אַלע ניינציגער, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגענהייט מיט זיי צו רעדען, האַלטען זיך אויף די פיס אויסגעצייכענט, לעבען זעלבסט־שטענדיג, זענען מונטער און פול מיט לעבענס-לוסט. א חוץ איינעם: פישעל דער טאַנדעטניק. אָבער דער האָט זיך אויך געהאַלטען גוט ביז מיט א קורצע צייט צוריק, ביז ער האָט בעקומען די האַלאָבלע.

אז עס לויפט אָן א פערד מיט א האַלאָבלע און דערלאַנגט פון הינטען א שטויס אין רוקען פיהלט עס אפילו א יונגער. בפרט אז דאָס טרעפט א „ניינציגער״.

דאָס האָט געטראָפען פישעל דעם טאַנדעטניק. און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אראָבגעלאָזען. זיצט אָב גאַנצע שעה׳ן אין קצבישער קלויז און רעדט אָפט וועגען „מושב זקנים״.

די איבעריגע „ניינציגער״ ווילען ניט הערען פון „מושב זקנים״.

דער שכן און זיין באַלעבאָס.

פריהער פון שכן.

געווען איז ער אין זיינע יונגע יאָהרען און עלטערע יאָהרען—א מלמד. איז איצטער, גאָר אין די אַלטע יאָהרען, אויך א מלמד. נור פריהער, ביז מיט א יאָהר צעהן צוריק, האָט ער נאָך געהאלטען אן איינענעם חדר, געקנעלט מיט א דרייסיג יונגלעך. היינט אָבער געהט ער אויף „אוראָקען”, געהט צו די יונגלעך א היים, לערנט אויך מיט מיידלעך. און אזוי האָט ער זיין חיונה.

קיין סך אוראָקען, נאַטירליך, האָט ער ניט. וואָרום ער איז, צווישען אונז גערעדט, א ביסעל אויס מאָדע, אפילו אין נאָווגאָראָד. נור ביי די סאַמע אונטערשטע פון „דעק” האלט ער זיך נאָך, ווייל ער נעהמט ביליג: א צוואַנציגער, א גילדען א וואָך און אמאָל נאָך ביליגער. היינטיגע „ניימאָדישע”, וועלען אפילו אין נאָווגאָראָד פאַר אזא פּרייז ניט געבען קיין אוראָקען. און דעריבער האָט דער „ניינציגער”, געוועזענער מלמד, אין נאָווגאָראָד נאָך איצט זיינע באַלעבאַטים.

ער ארבייט אויס זיינע פיער רובל א וואָך, און דאָס איז איהם פּאַלקאָם גענוג צום לעבען.

זיין ווייב האָט ער שוין לאנג פערלאָרען. קינדער האָט ער א סך, מעהרסטענס טעכטער. מיט אייניקלאך האָט ער האלב אַמעריקא פערזעעט. די קינדער זענען תקיף אין מעמד, די אמעריקאנער אייניקלאך האָבען זיך פיין אַרויפגעארביים. דעם אַלטען איז חלילה קיין נויט ניט צו קנעלען. מען וואָלט איהם האלטען בכבוד. נור ער וויל ביי קינדער ניט זיין, וויל קינדערשע גאָר נישט פערנעהמען.

„כל זמן דער אויבערשטער העלפט מיר, איך קאָן שטעהען אויף

מיינע פיס—זאָגט ער—וויל איך זיין אַ „נהנה מיגיע כפיו", ווייל האָבען מיין אויסקומענעס פון מיין אייגענער „האַרעוואַניע".

און ער וואוינט בעזונדער, פאַר זיך אין אַ קאַמער, טאַקע ביי פישעל דעם טאַנדעטניק אין שכנות. פישעל'ס ווייב (זי איז ביי איהם די פינפטע)—קאָכט איהם אויף דעם טעפּעל, דערלאַנגט איהם אַ גלאָז טיי.

און טאַקע דערפאַר איז ער ביי די קינדער מיט גרויס כבוד. אַז מען באַפּט איהם אריין, אַ שבת, צו אַ יום טוב, ווייס מען גאָר ניט וואָס צו טון איבער דעם טאַטען. מען וויל איהם מאַכען אַמאָל אַ בגד —וויל ער דאָס אויך ניט. איהם איז גענוג, וואָס ער האָט אויפ'ן לייב —טענה'ט ער. נור אַ העמד נעהמט ער יע אַמאָל. וואָרום די „ערל'טע" וואָס וואַשט איהם די וועש האָט אַ טבע צו צולאָטכענען יעדעס מאָל אַ העמד, און יונה דער מלמד האָט קיין טבע ניט צו פערשרייבען. און געדענקען—געדענקט ער ניט וויפיעל ער גיט אוועק—(דער זכרון איז שוין ביי איהם, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט דאָס וואָס אַמאָל). בכן איז אין אָט דעם פּונקט גיט ער נאָך.

זיין טאָג פערברענגט יונה דער מלמד זעהר רעגעלמעסיג. שטעהט אויף, גיסט אָב נעגעל-וואַסער, זאָגט אָב אַ פּאָר „דראַבישקעס" און געהט אוועק אין שוהל. דאַוועגט דעם אַנדערן מנין, זעצט זיך דערנאָך ביין תהילים, צו ביי אַן אַנדער פרומען ספר, פון די לייכטע— קיין גרויסער למדן איז ער ניט—און פערברייגגט אַזוי ביז אַ זייגער צוועלף. דעמאָלט געהט ער אוועק אַ היים צו זיך אין קאַמער, בייסט איבער אַ קווערטעלע באָב, וואָס ער האָט געקויפט ביי אַ יודענע, גע־הענדיג פון שוהל, און—לאָזט זיך אויף די „אוראָקען". ביז מנחה איז ער פאַרטיג. דאַן געהט ער ווידער אוועק אין שוהל, דאַוועגט מיט'ן עולם מנחה און מעריב, הערט בין מנחה למעריב אביסעל „עין יעקב", און נאָך מעריב געהט ער אַ היים עסען וואַרמעס און וועטשערע צוזאַ־מען—אַ טעלעריל קרופּניק מיט אַ דראַבישקע. דערנאָך פערברייגגט מען אַ ביסעל מיט אַ שכן און מען געהט שלאָפען.

פרייטאָג צו נאַכט נרייט איהם אָן די אַלטע פישעליכע אַ לאָמפּ,

דער אַלטער שטעהט אויף נאָך האַלבע נאַכט און זאָגט תהילים ביז דעם אנדער קרעה פון האָן. דאַן געהט ער אַוועק ענדיגען זיין פּאַיאָק אין שוהל.

וואָס אנבעלאַנגט יונה דעם מלמד׳ס באַלעבאָס—פישעל דעם טאַנדעטניק, איז ער אויך אַ נײַנציגער. אַז ביי איהם האַלטען זיך, לא עליכם, קיין ווייבער ניט—דאָס ווייסט איהר שוין. די ערשטע איז ביי איהם געשטאָרבען, מיט דער צווייטער און דריטער האָט ער זיך גע׳גט. די פיערטע איז אויך געשטאָרבען, מיט אַ יאָהר צעהן צוריק. אַז פישעל איז געגאַנגען פון דער לויה—ער איז דעמאָלט געווען אַ יוד פון אַרום „שמונים״,—פרעגט איהם אַ בעקאַנטער: נו, רבי פישעל, וואָס קלערט איהר איצט צו טון?

— וואָס הייסט, וואָס קלער איך? פרעגט איבער פישעל, וואָסי? וואָס, מיינט איהר, בין איך אַזוי אַלט?...

דערפון האָבען אַלע פערשטאַנען, אַז פישעל וועט באַלד נאָך שבעה שטעלען אַ חופּה.

און ווירקליך: אין צוויי וואָכען אַרום האָט פישעל חתונה געהאַט מיט דער איצטיגער, מיט דער פינפטער.

פישעליכע איז אויך אַ יאָהר זיבעציג. פונדעסטוועגען קען זי נאָך געהן אין גאַס. זי איז אויך אַ טענדלערקע און האָט זיך איהרע קונדען. עס איז אַ סברה, אַז זינט נאָך דער „האַלאַבלע״, איז זי די רעכטע בעל מפרנס׳טע, און ניט זעלטען גיט זי פישלען אָנצוהערענים, אַז ער עסט אַמאָל איהרען אַ ביסען. דאָס איז די סבה, פאַר וואָס פישעל איז אַראָבגעפאַלען און וויל געהן אין „מושב זקנים״.

— נו, און אייער ווייב וואָס וועט טון, אַז איהר וועט אָנקומען אין באַגאָדיעל? — האָב איך איהם געפרעגט.

— וואָס אַרט מיך פאַר איהר? האָט ער געענטפערט. לאָז זי טון וואָס זי וויל.

דער נײַנציג יעהריגער קלויזניק.

ער איז דער איינציגער קלויזניק אין סאָלדאַטסקען קלויז אויף נאָוואָגראָד, אויפ'ן דעק פון דער ווילנער יודישער גאַס.

די ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַטען, די דאַוונער פון קלויז, האַלטען איהם ווי אן „אבן טוב״ ווי אַ טייערע זאַך. אַז איך בין געקומען מאַכען איהם אַ וויזיט, האָבען די גבאים פון שוהל געקוקט אויף מיר קרום. זיי האָבען געמיינט, אַז איך בין געקומען אָברעדען איהם פון זיי, צונעהמען איהם אין אַן אַנדער שוהל.

„איהר זאָלט אָקאָרשט ניט אָברעדען אונזער אַלטען״ האָט מיר דער גבאי געדראָהט מיט'ן פינגער אויפ'ן נאָז. „איהר וועט זיך פון אונז ניט אויסצאָהלען״. דער אַלטער האָט געשמייכעלט גוטמוטיג און צופרידען און האָט געזאָגט דעם גבאי, אַז מען מעג איהם אָנשיטען אפולע שטוב מיט גאָלד, וועט ער פון זיי ניט אַוועק.

איך פון מיין זייט, האָב אויך פערזיכערט דעם גבאי און דעם שמש, אַז איך מיין חלילה קיין שלעכטס ניט און וועל זיי קיין עולה ניט טאָן. דערנאָך האָבען מיר זיך גענומען, ווי אַלטע בעקאַנטע, שמועסען צווישען זיך, איך מיט'ן „נײַנציגער״. פון וואָס מיר האָבען אָנגעפאַנגען — געדענק איך ניט. דער אַלטער האָט ליעב צו פערברענגען מיט שוהל מענשען, איהם מאַכט ניט אויס, ווער דאָס איז. דעריבער איז ביי איהם קיין קשיה ניט געוועזן: ווער איך בין? און וואָס איך בין? און צו

וועלכען צוועק איך האָב מיך געזעצט לעבען איהם און פערבונדען [illegible] איהם א שמועס.

געוועזן איז עס נאָך מעריב. אין שוהל זענען מעהר ניט געבליבען, ווי איך און ער, און דער שמש, און מיין בעגלייטער—דער מלמד פון „תלמוד תורה".

איך האָב זיך איינגעקוקט אין מיין אלטען! אברייטער קאָפּ, א ברייטער פּנים מיט א ברייטען נאָז; ביי דער זייט א באַראָדעווקע; קליינע, גרויע אויגען, וואָס קוקען אויף דער וועלט גוטמוטיג און צופרידען. אויף די צעטריקענטע ליפּען ווייזט זיך צייטענווייז א גוטהערציגער כיטרע-נאאיווער שמייכעלע, ער קוקט ווי א מענש, וואָס וויים זיין ווערט, וואָס פערלאַנגט ניט קיין סך פון מענשען און פון דער וועלט. רעדען רעדט ער מיט א פּסוק, אָפטער מיט א תורה-וואָרט פון די „הויכע זאכען", פון „קבלה", פון „נסתר", פון „נעלם".

די תורה, זאָגט ער, בעשטעהט פון דריי „נונען": „נגלה", „נסתר" און „נעלם". „נגלה"—דאָס, וואָס איז אָפען, אַנטפּלעגט; „נסתר",—וואָס איז פארבאָרגען פאר א פּשוט'ן „בשר ודם", אָבער אָפען פאר „יחידי סגולה", פאר אויסגעקליבענע, הייליגע מענשען; „נגלה"—דאָס איז „מתנגד'ישע תורה", „תורה שבכתב",—חומש, תנ"ך, און „תורה שבעל פה"—גמרא הייסט דאָס. „נגלה" איז—וואָס אויפ'ן לונג, דאָס אויפ'ן צונג". „נסתר" דאַגעגען, איז—„קבלה", סודות: איך זאָג דיר איינס און דו פערשטעהסט אויף דרייצעהן"... נסתר איז חסידישע תורה. א מתנגד'שער קאָפּ קען דאָס ניט משיג זיין.

וואָס איז אָבער „נעלם"?

נעלם איז דאָס, וואָס איז אינגאַנצען פערהייהלען, פערדעקט פון א פּראָסטען בשר ודם'ס שכל. „נעלם" קען מען גאָרנישט משיג זיין, אָפילו א חכיד אויך ניט. ער מעג זיין א פייער, א ברען, פון דעם רבי'ס סאַמע מקורבים. „נעלם" איז צו דעם מענשענס וועלטעל גאָר ניט שייך. דאָס שטעקט אינגאַנצען אויבען.—אין די „עולמות העליונים" און נור „ער" אליין, דער צדיק, קען האָבען דערפון עפּעס „בחוש"—פּיזלע עפּעס, צייטענווייז דורך א „ניצוץ" און א „רמז" דורך א פונק, א וואונק.

וואָס ער בעקומט בשעת „דבקות". דעמאָלט האָט „ער",דער רבי, בכּח „מתקן" צו זיין נשמות, וואָס זענען געווען, וואָס זענען איצט, און וואָס וועלען זיין, אויב עס איז דאָ אין זיי אַ „פּגימה". וואָרום דעמאָלט זעהט „ער", ניט, ווי מיר פּשוט׳ע „בשר ודם׳ס" זעהען, נור מיט „זייך־אויג", מיט זיין „קוק" מיט זיין „חוש". „בחוש זעהט ער זיי און וויס, וואָס וועלכער נשמה עס פעהלט... וואָסער „פּגימה" זי האָט... און ער איז מתקן... אַ מתנגד קען עס ניט פערשטעהן, קען עס ניט משיג זיין... ביי איהם איז נור „נגלה", וואָס ניט געשריבען, דאָס קאָן ער ניט לייענען.

אַ חסיד איז דער אַלטער געוואָרען צופעליג. אָבער נאָך אין דער יוגענד. אַ געבאָרענער איז ער אַ מתנגד. אַ חסיד, אַ הייסער, אַ פערברענטער איז ער געוואָרען זינט ער איז געווען ביים רבי׳ן, ביי ר׳ מענדעלען, ביים „ליבאַוויטשער" הייסט דאָס... געווען איז ער ביי „איהם" דריי מאָל. נאָר דאָס איז געווען פאַר איהם גענוג. געהערט פון זיין מויל תורה האָט ער אויך ווינציג. וואָרום ווער קען זיך צום סאַמע טיש דערשלאָגען. אָבער ער האָט אַליין „געאַרבייט" און האָט דערגאַנגען...

ביי אונז אין שטעדטעל, האָט זיך מיר דער אַלטער בעריהמט — האָט מען געדאַרפט האָבען אַ רב. מסתמא זענען געקומען רבנים פון אַלע עקען וועלט. דער רב זאָגט; יענער דרשנ׳ט. איך שטעה אין שוהל הינטער דעם אַלמעמער. וואָרום וואָס בין איך? אַ פּראָסטער בעל מלאכה! איך וועל זאָגען אַ דעה אויפ׳ן רב?!

אָבגעזאָגט.... שטעהט צו מיר צו דער עולם—דער, יענער: וואָס זאָגסטו, העניך?... אָהן מיר וויל מען קיין רב ניט נעהמען. בע־כּבע... קומט אַ רב, געהט ער שוין גלייך צו מיר, באַטש איך בין אַ פּראָסטער בעל מלאכה.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום! און רעדט מיט מיר אין תורה... נגלה... נסתר...

קומט אַמאָל אַ רב צו פאָהרען, נעמט דרש׳ענען, אַ חין, אַ הער; ער האָט שטאַרקע צדדים. עס האַלט שוין מען זאָל איהם נעהמען... מיט מיר איז ער גאָר קיין מחותן ניט.... נעהט צו מיר גאָר ניט צו....

מיין דאגה...!דו ביזט א רב—איך בין אַ בעל מלאכה אַ פּראָסטער... אָבער פּערדראָסען האָט עס מיר... און אַז איך בין אַ בעל מלאכה, איז וואָס?.. ביי אונז אין שטעדטעל זענען מיר אַלע גלייכע יחסנים.

בקיצור: ער רעדט מיט מיר נישט, איך רעדט מיט איהם נישט. מילא איז אַזוי אַוועק עטליכע טעג. אין שטעדטעל נעהמט ער אויס. ער וייס, פערשטעהט איהר מיך, די קונצען, ווי אַזוי און מיט וואָס צו נעמען אַ באַלעבאָס. נו, קלער איך, מען דאַרף איהם ווייזען, אַז איך, העניך, בין אויך ניט פון די דריי אַ גראָשען.

געה איך אַמאָל אַזוי צו איהם צו, גיב איהם אַ פּרעג: זאָגט מיר, רבי, זאָג איך, וואָס איז די נפקא מינא צווישען „נסתר" און „נעלם"?

נסתר און נעלם? —מאַכט ער—וואָס הייסט נסתר און נעלם? נסתר איז—נסתר און נעלם איז—נעלם... בקיצור: ער דרעהט זיך אַ הין און קוועטשט זיך אַ הער און קאָן מיר ניט זאָגען, וואָס איז די נפקא מינא.

דער עולם זעהט, אַז איך שטעה מיט איהם און רייד, נעהמט מען מיר דאָך אָן אַ זייט און מען פרעגט מיך: וואָס זאָגסטו העניך? דאַכט זיך, אַז דער רב איז אַ גוטער זאָגער?

אַ זאָגער? זאָג איך—אַלץ הייסט אַ זאָגער, אַז ער וייס ניט דעם חילוק צווישען נסתר און נעלם?

איז וואָס מיינט איהר? אַוועקגעפאָהרען דער רב מיט גאָר נישט! וואָרום דאָס רוב עולם איז ביי אונז חסידים, און אַז העניך האָט גע־זאָגט איז געווען געזאָגט.

אָט די געשיכטע בעלאַנגט צו דער „גלענצענדער" עפּאָכע פון העניך'ס לעבען. ער האָט דעמאָלט געהאַט די אנדער ווייב, ער איז געווען אַ בעל מלאכה. דאָס הייסט ניט איין מלאכה האָט ער געהאַט, נור פינף. צו יעדען סעזאָן אַ בעזונדער מלאכה. און איינע אין זאַפּאַס...

ער איז אומגעפאָהרען, וואו איהר ווילט, נור אין אמעריקא איז ער נאָך ניט געווען. האָט אומעדום פערדינט געלד. העניך איז שוין געווען אַ „אחוואַטניק" אויך, גאָר אַמאָל—פאַר די „פּאָימאַניקעס", בשעת מען האָט געכאַפּט יודישע קינדער און אָבגעגעבען מיט גוואַלד פאַר

רעזןרומען. ער האָט זיך אַליין פארקויפט פאַר פופציג רובל.

— „ווי אַזוי האָט איהר עס געטאָן?" האָב איך פערוואונדערט געפרעגט. פאַר פופציג רובל האָט איהר זיך פערקויפט אויף פינף און צוואַנציג יאָהר דינען?...

— קיין נאַר בין איך גראָד ניט געווען און קיין פּראָסטאַק אויך ניט. יהאָט געענטפערט מיין נייעצינער, וואָס מיינט איהר? איך וועל דיך גלאַט אַזוי פערקויפען? וואָס? דינען האָט זיך מיר געוואָלט?... אַ ברירה האָב איך געהאַט... מען האָט דעמאָלט געכאַפּט איינציגע זיהן, און בין געווען ניט קיין איינציגער. ביי אונז איז געווען עטליכע ברידער. נו האָב איך פערשטאַנען אז געהן מוז מען; איז דאָך בעסער האָבען מיט זיך עטליכע רובל... בין איך געגאַנגען און האָב מיך פער־קויפט.... געדינט פונדעסטוועגען האָב איך ניט... פאַרוואָס? מען האָט מיך אָבגעהאַלטען אַ האַלב יאָהר, דער, הייסט דאָס, וואָס האָט מיך געקויפט פאַר זיין זוהן. געגעבען מיר עסען און טרינקען און געהיט מיינע טריט, איך זאָל מיך ניט אָבגנב'ענען. אין מיטען איז בטל געוואָ־רען די גזרה פון די כאַפּערס. האָב איך שוין חרטה געהאַט; ניט געוואָלט געהן. מען האָט מיר געבאָטען הונדערט רובל. האָב איך געזאָגט: קריגט אייך און אנדערן. איך וויל ניט.

געווען איז שוין דעמאָלט, העניך, אַ טאַטע פון קינדער, אַ פּראָסטער טאָג-ארבייטער געווען. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט בלעכעריי, קאָטלעריי און נאָך עטליכע מלאכות. איז ניט געגאַנגען די ארבייט, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו יענער. געהאָרעוועט זיין גאַנצען לעבען, ביז דריי און אַכציג יאָהר, ווען ביי איהם איז טונקעל געוואָרען די „ראיה", און ער האָט שוין מעהר ניט געקאָנט ארבייטען. די קליינע אותיות פון סדור זעהט ער שוין ניט. בלויז די—גרויסע און די ווערען אויך צעשוואומען, אנטלויפען פון איהם צייטענווייז.

חתונה געהאַט האָט דער אַלטער צוויי מאָל. מיט דער ערשטער ווייב האָט ער אָבגעלעבט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג. געהאַט מיט איהר קינדער. נור די קינדער האָבען זיך ניט געהאַלטען. פון אַ דריי פערטיל טוץ איז געבליבען נור צוויי טעכטער. איינע איז אין אַמעריקאַ; די

אנדערע אין ווילנא. ביידע—אָרימע לייט. ער האָט זיי ביידען געטראָ־גען אויף די פּלייצעס יאָהרען נאָכאנאנד. צוליב דער אינגערער טאָכ־טער האָט ער זיך גע׳גט מיט דער צווייטער ווייב. דאָס הייסט נים גע׳גט זיך, נאָר זי איז אוועק פון איהם. „למאי״—זאָגט זי—„דאַרף איך האָרעווען אויף פרעמדע קינדער!״ א פערדינערקע איז זי געווען, גע־האנדעלט מיט עופות, און איך בין שוין געווען א געבראָכענער—א געבריכטער... פלעג איך פערדינען ווי עס איז. אָבער לעבען איז געווען שווער... און דאָ איז געלעגען דער איידים מיט די אייניקלאַך אויפ׳ן קאָרק. ניט קיין גערעכטענער איז דער איידעם! אפילו אַן ערליכער מאַן. איך האָב צו איהם גאָר נישט.

אין זי אוועק, די ווייב הייסט דאָס. דערנאָך איז זי אָנגעקומען דאָ אין ווילנער באָנאדעל. איך האָב אליין געהאָלפען אריינברענגען איהר א הין״.

„די לומדות״ האָט דער אלטער בעקומען פון זיך אליין, שוין זייענדיג א בעל מלאכה, הערענדיג דעם שיעור בין מנחה למעריב אין שוהל. אין שוהל איז ער געלעגען ביינאכט, בייטאָג, ווען ער האָט נאָר געהאט א שעה צייט. דערנאָך האָט ער שוין געקראָגען פערשידענע ספרים, פון „נגלה״ און פון „נסתר״, און געלעגען איבער זיי. ליעב געהאט זעהר צו האָרכען תורה־ווערטער פון לומדים, פון חסידים; נאָר דער עיקר לומדות האָט ער בעקומען, ווען ער איז געווען קראנק אויף די געדערים. „אז מען ליגט—זאָגט ער אָב—גאנצע נעכט, דער בויך איז פול און דער מוח איז לעדיג, און מען קאָן ניט שלאָפען—קלערט מען און מען לערנט, און מען קלערט.

דעמאָלט איז דער אלטער איבערגעגאנגען פון „נסתר״ אויף „נעלם״, האָט זיך אָנגעהויבען שטארק צו בעשעפטיגען מיט די „עולמות העליונים״, מיט די הויכע, גאָר הויכע וועלטען, און ווערענדיג דאָרטען, אין יענע עולמות, א שטיקעל „מחותן״ איז ער, בכלל, שלום געוואָרען מיט דער וועלט. יעצט לעבט ער צופרידען און כמעט גליקליך. זיין „ארבייטס־טאָג״ איז א קורצער. ביז האלבען טאָג, אַן ערך, איז ער אין שוהל. דאַן געהט ער ארוים אין שטאָדט. ווייט געהט ער ניט. ער

האָט אין די אַרומיגע געסלאך זיינע באַלעבאַטים און קרעמער. יעדער טאָג האָט זיך זיין געסעל מיט זיינע „קונדעו". אין יעדער קרעמעל, אין יעדער שטוב, טראָגט מען איהם אַנטקעגען דעם גראָשען. געהן—געהט ער לאַנגזאַם—איילט זיך ניט. „נאָווגאראָד" וועט ניט אַנטלויפען, און פאַר קאָנקורענץ האָט ער קיין מורא ניט... ביז מנחה קאַסירט ער איין אַ „צוואַנציגער". דאָס איז איהם פאַלקאָם גענוג אויף דער הוצאה. קיין פלייש עסט ער ניט און קיין געקעכטס פארזוכט ניט דער אַלטער פון שבת צו שבת. ער לעבט נאָר מיט ציקאָריע, ברויט און קאַרטאָפעל.

אום צו זיין וואָרהאַפטיג און טריי מיין שילדערונג, מוז איך צוגעבען, אַז דער אַלטער העניך איז אַ שטיקעל „נאַשער". ער האָט, ווי מען זאָגט, אַ שוואַכקייט צו... ווייכע ברויט און זיסע ציקאָריע. דאָס ווייס איך נאַטירליך ניט פון איהם אַליין, נאָר פון דעם מלמד, מיין בעגלייטער, און פון דעם שמש פון סאַלדאַטסקי שוהל.

פאַרבייגעהענדיג—אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם שמש. ער איז ניט קיין „ניינציגער", אָבער אויך אינטערעסאַנט. „איך בין אויך—בע־ריהמט ער זיך פאַר מיר—אַ בן שבעים". אין קאָפּ און אין באָרד, האָט ער מעהר שוואַרצע האָר, ווי גראָהע. „איך מאַך נאָך אַ כוסה גאַנץ געשמאַק און דאָס האַלט מיך אויף די פיס", בעריהמט ער זיך ווייטער. דער מלמד זאָגט, אַז דאָס איז אמת. ער קריגט געהאַלט 5 גילדען אַ וואָך מיט חנוכה־פורים־רגל־און קלפּה־געלד. געוועהנליך גיבען די אויס־געקליבענע אויף קהל'שע עמטער דעם שמש אַ מתנה, און ד. ה. קלפּה־געלד (קאַלפּע־געלד). מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, בשעת „קריאת התורה", געהט ער אַרום אין שוהל מיט דער פּושקע האָט ער נאָך פופציג קאָפּיקעס אַ וואָך. דערצו האָט ער אַ קנעלונג. לערנט מיט אַ דרייסיג קינדער טאָקע אָט אין דערזעלבער קלויז. און זיינע הכנסות וואָלטען זיכער דערגרייכט ביז פינף קאַרבען אַ וואָך, ווען די תלמידים וואָלטען געצאָהלט שכר לימוד. דריי פערטעל, אָבער צאָהלען ניט...

פונדעסטוועגען האָט ער, אַרום און אַרום, זיינע דריי קאַרבען אַ וואָך... און אַזוי ווי דירה־געלד קאָסט איהם ניט—ער נעכטיגט מיט דעם אַלטען אין פאָדער־שטיבעל פון קלויז—איז אַ סברה, אַז ער קלייבט

נאך געלד. ער האט א זוהן, און טעכטער, אויסגעגעבענע. פערנעהמט אבער זייערע גאר ניט. אָה א זעלבסטשטענדיגער מענש און שטענדיג לוסטיג.

יעצט צוריק צום „ניינציגער". יאהרענלאנג האט ער געליטען אויף די גדערים. האט ווייניג געגעסען און ווינציג געשלאפען. צו דער עלטער אבער האבען זיך ביי איהם ביידע זאכען פערבעסערט: אי דער אפעטיט, אי דער שלאף. „ער איז אהן „עין הרע" א גרויסער אכל'ער—"רוימט מיר דער שמש אריין א סוד, אברופענדיג מיך אן א זייט". ער פאקט אריין א זעקס פונטלעך ברויט א טאג מיט א טעפעל קארטאפליעס. פון די גרויסע טשוהונט־שיקעס נומער פינף...."

דער סדר פון זיין אכילה איז אזוי: ער ווארעמט אן א טעפעלע ציקאריע פון א גלעזלאך צעהן. קויפט אין קרעמעל א פאר פונטלאך ברויט, פארקעט ארויס די ווייכע, לעגט אין גלאז און זופט—די ציקאריע מיט די ווייכע ברויט. כל זמן די ווייכע ברויט איז נאך דא, מאכט ער די ציקאריע זיס מיט א שטיקעל צוקער. ווי אבער עס בלייבט די איינע הארטע, אזוי הערט ער אויף צו לעגען צוקער אין גלאז. „ווארום"—זאגט דער אלטער העניך—די "הארטע האט שוין אליין אין זיך א זיסקייט און צוקער איז איבעריג". אז ער האט אראבגעפטר'ט די ווייכע ברויט מיט די הארטע און אויסגעזופט דעם טעפעל ציקאריע, נעמט ער זיך ערשט צו די קארטאפלעס—צום טשוהונטשיק נומער 5. דא העלפט איהם אפט אונטער דער שמש. אבער דער אלטער העניך איז אליין אויך בכח פארטיג צו ווערען מיט'ן טשוהונטשיק נומער 5.

אזוי געהט עס אן דער וואכען. שבת און יום טוב עסט ער ביי א נאוואראדער באלעבאס, ביי איינעם און דעמזעלבען—שוין זיבען יאהר. דאס איז ביי יענעם שוין א חזקה. אז דער אלטער העניך וואלט וועלען פון יענעם אוועק, האט ער געקאנט קריגען צוואנציג אנדערע. מען וואלט זיך פאר איהם געשלאגען אין „נאוואראד". אבער דער אלטער העניך האט צו יענעם גאר נישט...

למאי זאל ער איהם טאן אן עולה...

„פּטשאָלקע".

די סאַמע אינטערעסאַנטע און אנגענעהמע מינוטען אין וואלאָזשין האָב איך פערבראַכט מיט „פּטשאָלקען".

„פּטשאָלקע"—דאָס איז דער בעל אכסניא, וואו איך בין פער־פאָהרען. אזוי רופט מען איהם אין שטעדטעל דערפאַר, וואָס ער אליין ווענדט זיך צו איטליכען מיט די ווערטער: „פּטשאָלעטשקע"! ס'הייסט „ביהנעלע" מיינער!

און ווען איך ווידמע מיין איצטיגע שילדערונג דעם באַלעבאָס פון מיין אכסניא אין וואלאָזשין, טו איך דאָס, ניט בלויז פון דאַנק־באַרקייט, דערפאַר, וואָס איך האָב מיט איהם אזוי פיעל אנגענעהמע מינוטען פערבראַכט, וואָס ער האָט מיר אזוי פיעל אינטערעסאַנטע מעשיות דערצעהלט: פון ר' חיים'קען, פון ר' איצעלען, פון ברך דעם גאליציאַנער, פונ'ם „שאגת אריה", און „להבדיל" פונ'ם גראף טיש־קעוויטש. איך טו דאָס, ווייל „פּטשאָלקע" אליין איז טאַקע איינער פון די מערקווירדיגסטע, פון די אָריגינעלסטע יודישע טיפּען, וואָס איך האָב ווען עס איז בעגעגענט, פאָהרענדיג איבער יודישע שטעדטלאך.

פריהער פון אלץ איז „פּטשאָלקע" אַ פיער און ניינציגער. ווי אזוי „פּטשאָלקע" ווערט נתפעל פון זיינע פיער און ניינציג יאָהר, קענט איהר זעהן פון דעם דאָזיגען פאַקט, וואָס אַ יונגערמאַן, אַ שכן זיינער, האָט מיר דערצעהלט.

„דאָס איז געווען מיט אַ פיער יאָהר צוריק״—דערצעהלט מיר דער שכן. „איך האָב זיך מיט איהם צוזאַמען געטראָפען אין מרחץ. זענען מיר אַראָבגעגאַנגען ביידע אין מקוה. אָבגעשווענקט זיך, און גענומען ביידע זיך הויבען אויף די טרעפּלאַך. איך האָב איהם אונטער־געכאַפּט ביין אָרם—פּערשטעהט איהר מיך: אַ מאַן פון איבער „תשעים״. נו, ר׳ וואָלף,—זאָג איך—קומט, איך וועל אייך העלפען ארויף; מיט אַ יונגען מאַן וועט דאָס געהן גרינגער.

אַז ער גיט דאָס אויף מיר אַזוי מאָדנע אַ קוק:—אַוועק, דו פּי....ער! דו וועסט מיר העלפען ארויף?! איך וועל זיך ארויפכאַפּען פריער פאַר דיר.

„און וואָס מיינט איהר? איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו שפּרייזען אויף דער פינפטער טרעפּיל, איז ער שוין געווען אויף דער פונפצעהנטער און—אויבען, ביי די זאַכען״.

איבעריגענס האָט פאַר מיר „פּטשאָלקע״ אליין זיך בעריהמט, אַז ווען ער גיט נאָך איצט אַ יונגען מאַן אַ קוועטש די האַנד, שרייט יענער: אוי־אוי!...

„פּטשאָלקע״ האָט 140 אייניקלאַך און אוראייניקלאַך. קינדער האָט ער געהאַט פינף: דריי זיהן און צוויי טעכטער. אַ זוהן מיט אַ טאָכטער האָט ער אין אמעריקא. די היגע קינדער האָט ער שוין אַלע איבערגעלעבט. ניט לאַנג איז אַ זוהן געשטאָרבען, וואָס האָט געוואוינט צוזאַמען מיט איהם, אין אכסניא. אַלע זיינע זיהן זענען געווען לערנער און פרומע יודען. איבער דעם ניט לאַנג געשטאָרבענעם זוהן האָבען רבנים געמאַכט הספּדים. דער אַלטער הערט ניט אויף וועגען דעם צו רעדען, ווען ער רעדט, וויינט ער. פון די קינדער און אייניקלאַך אין אמעריקא האָט ער אָפט בריעף און „פּיקטשעס״. ער האָט מיר אי די בריעף, אי די „פּיקטשעס״ געוויזען—אַ גאַנצען פּאַק. ער האָט ליעב וועגען זיי צו רעדען, אָפט דורכצולופטערן אי די „פּיקטשעס״, אי די בריעף. נור ווער־וועמענס זענען די אייניקלאַך—איז דעם אַלטען שווער פאַרנאַנדערצוקלייבען זיך. דאָס זעלבע—מיט די בריף. אַ חוץ דעם זוהנ׳ס און דער טאָכטערס. איין בריף, זיין זוהנ׳ס, האָב איך געבעטען ער זאָל מיר שענקען, און ער האָט מיר געשענקט. ער איז אַ קורצער

און וועט זיין אינטערעסאַנט פאַר די לעזער. איך גיב איהם איבער פון העברעאיש כמעט וואָרט אין וואָרט:

„ליבער פאָטער! — שרייבט דער זוהן (אַ מאַן פון אַ יאָהר זיבעציג) — וועגען דעם, וואָס דו פרעגסט, וואָס איך טו, בין איך שוין ניין יאָהר אַ גבאי פון דער תלמוד-תורה אין קליוולענד. פריהער האָב איך קיין צייט ניט געהאַט. נאָר איצט, אַז דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען, האָב איך געקויפט אַ תלמוד-תורה — אַ פיינער מויער, און דאָרט לערנען דריי הונדערט קינדער. איך האָב אויך אַנ׳איינענעם בית-המדרש אין דער תלמוד-תורה. 6 אַ זייגער אין דער פריה קום איך דאַווענען. נאָכ׳ן דאַווענען לערן איך אַ בלאַט גמרא. 9 אַ זייגער געה איך אַלע טאָג בעזוכען מיינע אויסגעגעבענע טעכטער. פון 12 ביז 1 איז מיטאָג. נאָך מיטאָג דרעמעל איך זיך דורך אַ שעה. פון 2 ביז 4 פערברענג איך אין שטוב. 4 אַ זייגער געה איך אַוועק אין תלמוד-תורה, זעהן, ווי מ׳לערנט דאָרט. וואָרום מיר האָבען דאָרט זיבען מלמדים. דערנאָך דאַווענען מיר בצבור מנחה און מעריב. פון 7 ביז 8 געהט די גאַנצע פאַמיליע צום טיש עסען „סאַפער״, ס׳הייסט וועטשערע. פון 8 ביז 9 אָוונעד לערנט מען ווייטער אַ בלאַט גמרא אין בית-המדרש״.

ווי איהר זעהט, האָט זיך „פטשאָלקעס״ זוהן איינגעגעבען איינצואָרדנען זיך אין דער נייער וועלט גאָר אויפ׳ן אַלט-היימישען שטייגער. ער האָט שוין אויך קינדער און אייניקלאָך און אַלע זענען רייך.

אויף דעמזעלבען בייגעלע פאַפיר, פון דער אנדער זייט, איז אַ קורצע צושריפט פונ׳ם שוואָגער — דער שוועסטערס מאַן. אויך אַנ־אינטערעסאַנטער. ער שיקט אַ מזל-טוב פון אַנ׳אייניקעלס חתונה. ער רעכענט נאָך פסח צו פאָהרען קיין ארץ-ישראל, וועט ער פאָהרען דורך רוסלאַנד און „מיר וועלען זיך אי״ה זעהן״. פון זיינע קינדער האָט ער נחת: חוה און עטעל לעבען, ברוך השם, גוט. זיי פעהלט קיין זאַך ניט. שמואל (דאָרטען הייסט ער דאָקטאָר עמיל) טוט זעהר אַ גוטען שדוך. ער איז יעצט ביי דער כלה. „אַלע״ גערימען אייך און איך שיק אייך אַ מתנה פופציג רובל״.

דער אַלטער בעקומט אָפט אויך אונטערגעשיקט געלד פונ׳ם

זוהן, פון די רייכע אייניקלאך. ער בעט אפילו ניט. ער דארף זייערי ניט. ערשטענס האט ער א פרנסה—די קרעטשמים—א ירושה פון עלטער זיידעס, מיט א גרויסען הויף, מיט קיה, מיט א גרויסען גארטען, וואס ער האט אליין פערפלאנצט מיט צוואנציג יאהר צוריק, זענענדיג שוין דעמאלט א יוד פון אריבער „שבעים". דעם גארטען פערדינגט ער און בעקומט פינף און דרייסיג רובל א יאהר. א חוץ עטליכע בוימער—די ליבסטע בוימער זיינע—וואס זיי פערדינגט ער ניט. אויף אט די בוימער וואהסען אלע מאל די בעסטע פרוכט. ער נעהמט אראב, פרעגעלט, טריקענט און עס בלייבט נאך פאר קרובים און גוטע פריינד.

פעהלט איהם אמאל מזומן עטליכע רובל—גיט ער א פאהר אין מינסק. דארט האט ער געהאט א ברודער, א מיליאנער, איינער פון די גרעסטע וואלד־סוחרים אין ליטא. ער איז דער איינציגער „ארימער" קרוב אין דעם ברודער'ס משפחה. קומט ער צו די פלימעניקעס—עפענט מען איהם א גראבען טייסטער, אנגעשטאפט מיט הונדערטער און מ'הייסט איהם נעהמען וויפיעל ער וויל. ער נעהמט אבער מעהר ניט, ווי איין הונדערטער. דאס רוב שיקט מען איהם אריין מיט כבוד דורך פאסט.

„פטשאלקע" רעדט א סך וועגען די לומדות פון זיינע זיהן. (בשעת ער רעדט וועגען די געשטארבענע קינדער, קען ער זיך ניט איינהאלטען פון געויין). בעזונדערס איבער זיין ניט לאנג פערשטאר־בענעם זוהן—א היבשער זקן שוין געווען—און דערמאהנט מיט שטאלץ די הספדים, וואס רבנים האבען אויף איהם געמאכט. ער האט אויך ליעב צו דערמאהנען אפט אין געשפרעך זיין יחוס און דעם יחוס פון זיין שווער. זיין שווערס פאטער איז געווען ר' מנשה איליער, דעם גאונ'ס א תלמיד.

אז „פטשאלקע געהט דורך די גאס האבען פאר איהם, אין וואלאזשין, דרך-ארץ, קליין און גרויס, פאר זיינע פיער און ניינציג יאהר. פאראן אין וואלאזשין נאך אנדערע זקנים. נאר ער איז פון זיי דער עלטערער. ער אליין האט אויך דרך־ארץ פאר זיינע יאהרען און ער האט זיי מיט וואס צו דערמאהנען. „פטשאלקע" איז אין די יונגע

און, אפילו מיטעלע יאָהרען געווען איונג—אפייער, ער האָט אויך געלערנט אין דער ישיבה, לערנט נאָך איצט אָהן שפּאָקולען—אלע טאָג אבלאַט גמרא. נאָר קיין באנק-קוועטשער איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער איז געווען א פאבריקאנט, א קאָנטראבאנדיסט, וואָס איהר ווילט. ער האָט פערלעבט זיין גאנצען לעבען אין שטורם. איבערהויפּט האָט ער ליעב צו דערמאָהנען די געפאהרען און טרעפעניסען פון זיין קאָנטראבאנדיסטען-לעבען. „אָהן דערמיט"—בעריהמט זיך מיר „פּטשאָלקע" (דער ביי לעגט ער אויף פון פיער פינגער א פויסט און לאָזט אויף איהם א ראָב פון אויבען דעם גראָבען פינגער, פאָרשטעלענדיג, ווי מ'שיסט מיט א רעוואָלווער), אָהן „דערמיט" פלעג איך זיך ניט ריהרען פון אָרט.

און קוקענדיג אויף „פּטשאָלקען", ווי ער שטעלט אייך יעצט פאָר דעם „שפּייער" צווייפעלט איהר ניט א מינוט, אז ער האָט איהם טאקי געקענט האלטען אין האנד, און האָט איהם אָפט בענוצט. פאָהרען פלעגט ער, מיט די „לינקע" סחורה, אליין, אָהן א פוהרמאן. אין א געפאהר, פלעגט ער זעלטען אנטלויפען. אָבגעטראָטען פון וואָגען—און ער איז א מענש פאר זיך, און דער וואָגען—א וואָגען פאר זיך. אי, וואָס? ווי קומט עס א וואָגען אָהן א פוהרמאן, אָהן א באלעבאָס? נו, איז וואָס איז דאָס שייך, איך בעט אייך, צו איהם?... טאָמער האָט דער „איינפאל" ניט געגאָלטען, האָט „פּטשאָלקע" געהאט א פּאָר אייזערנע פיס און אין קעשענע דעם „שפּייער". איז אָט דיביידע זאכען צו געברויכען געווען שפּעט, האָט זיך „פּטשאָלקע" אויך ניט פערלאָרען. ניט זעלטען האָט געטראָפען, אז די קליינע בעאמטע, וואָס האָבען איהם געפּאקט, זענען אראָב פון זייער שטעל און ער איז ארויס ריין, וואָרום ביי איהם זענען געווען „פערשמירט" גאָר די „הויכע פענסטער".

דאָס איז, נאטירליך, געווען שוין לאנג, לאנג מיט א 60—70 יאָהר צוריק. איבעריגענס איז „פּטשאָלקע" מיט זיין אונערשראָקענעם באראקטער און אייזערנעם מוט געווען נוצליך ניט בלויז זיך אליין, נאָר אויך אנדערע אין א קריטישען מאָמענט. אין דער צייט פון דער גרויסער מחלוקת צווישען רבי ישראל סאלאנטער און ר' הערשעל-ליבין (דער ערשטער האָט געוואָלט איינגעהמען די ישיבה פאר זיין „מוסר"

האָט מען איהם, „פּטשאָלקען״, געשיקט צו ר׳ ישראל סאַלאַנטער מיט אַ התראה. ער איז אַריינגעקומען, ווי אַ פּשוטער יוד, מיט גרויס אונטערטעניגקייט, צו אָט דעם גרויסען גאון—דעם גרינדער פון די מוסר־שטיבלעך אין ליטא—האָט כלומרשט ניט געוואָגט צו זיצען פאַר איהם, האָט איהם אָבגעגעבען גרויס כבוד און, נאָך דעם, ווי דער גאון האָט איהם געבעטען, ער זאָל ענדליך זאָגען, צוליב וואָס ער איז געקומען, האָט ער איהם, אין געצעהלטע ווערטער, מיט דעם ציטערדיג־פייערליכען ניגון פון אַ מגיד, וואָס רעדט „עשרת ימי תשובה״ פון דער בימה, געמעלדט:

„איך בין געקומען זאָגען אייך, רבי... אַז די אַלע, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען מיט דער וואָלאָזשינער ישיבה, מיט דער גרויסער ישיבה, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיעל גאונים און גדולי־ישראל, האָבען ניט געהאַט קיין גוטען סוף. דער רב איז געפאַלען און געשטאָרבען, יענער איז פאַרדאָרבען, און פון דריטען איז אַ חורבן געוואָרען... איך בין געקומען, רבי, אייך מתרה זיין...

רבי ישראל־סאַלאַנטער האָט זיך דערשראָקען פאַר „פּטשאָלקעס״ „התראה״ און געלאָזען צורוה די ישיבת.

• „פּטשאָלקע״ שטאָלצירט זעהר מיט זיין התקרבות צו די רבנים. כמעט אַלע רבנים, וואָס פלעגען, פאַר זיין לאַנגען לעבען, קומען אין וואָלאָזשין, זענען ביי איהם איינגעשטאַנען. ער האָט אַליין יעדען פון זיינע אורחים־רבנים געמוזט פאַרן שלאָף אַראָבציהען די שיך. דאָס איז שוין געווען אַ חוק. דערפאַר האָט ער ברכות פון הונדערט רבנים, אַז ער וועט אויסלעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

„פּטשאָלקע״ איז צופרידען פון זיין לעבען. ער האָט אויסגעפיהרט גוט די וועלט. האָט צו נאָט נאָר נישט. זיין עלטער איז אויך פערזיכערט. ער האָט געלד אין באַנק. אַליין „גרייט ער זיך אין וועג״. „שוין צייט״—זאָגט ער. נאָר ווען „פּטשאָלקע״ זאָגט דאָס אייך, פיהלט איהר, אַז ער מיינט דאָס ניט ערנסט. ער איז נאָך פול מיט לעבען. איז נאָך איצט אַ שטיק פייער. ער זאָגט, אַז ער „גרייט זיך״, אָבער, אין אמת, זענען ביי איהם די זעקס יאָהר, וואָס פעהלען איהם צו דער „מאה״, אַזוי ווי אין

קעשענע. וואָס הייסט: הונדערטער רבנים האָבען איהם געבענשט...
„איך וועל אייך ווייזען—זאָגט ער—אַלע נעמען פון די רבנים זענען ביי מיר פערשריבען״...

נאָר איך בין זיכער, אַז כדי צו דער פאָהרען צו דער „מאה״ נויטיגט זיך „פּטשאָלקע״ לחלוטין ניט אין דער ברכה פון די הונדערט רבנים. וואָרום נאך איצט, אַז ער נעהמט אָן אַ יונגען־מאַן ביי דער האַנד, גיט יענער אַ געשריי: אוי! אוי!...

פערלאג „פאָלקסבילדונג" ניו יאָרק.

א. ליטווין.

יודישע נשמות.

פערטע אויפלאגע

באנד 2

ליטא.

הויפט פערקויף ביי:
סטאַר היברו בוק קאָ.
18 אָרטשאַרד סטריט, ניו יאָרק.

אינהאַלטס־פערצייכנעס.

הויכע נשמות:

1) דבורה אסתר.
2) וויערא מאטוויעוונא.
3) יודיל באַרישאנסקי.
4) נפתלי „פייף“ און קלמן „ריפּע“.
5) רבי חיים סאַלאַווייטשיק
6) א רב — א גלעזער.
7) דער שווארצער דאָקטאָר און זיין ערפינדונג.
8) דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש

צעבראָכענע נשמות:

1) חאַנע קראַוויעץ.
2) בעליידיגטע ליעבע.
3) פערשידענע משוגעים.

צעדרעהטע נשמות:

1) א יודישער הייד.
2) דער „גאון“ פון „שפּיץ נאָדעל“.
3) „אליהו הנביא“ דער דריטער.
4) „משיח בן דוד“.
5) לאה די גבאי'טע.
6) דער פרומער יודישער קאַטאָליק.
7) דער תעניתים־פאַסטער.
8) בערעלע דער „ליץ“.

אין אַ זקנים שטעדטעל:

1) מרדכי ירא שמים.
2) ריווע קלאַוויר.
3) יהודי־תל, די פערכשופ'טע שענהייט.
4) אדיע, אדיע מוטערל.
5) אַ יודענע — א מלמד.
6) די גליקליכסטע.

יודישע פאָלקס קינסטלער:

1) דער לעצטער פורים־שפּילער.
2) דער לעצטער יודישער פאָלקסשרייבער
3) דער לעצטער יודישער ברחן.
4) צווישען בלינדע מוזיקאנטען.
5) דער יוד מיט דער „קוק־קעסטעלע".
6) דער פופען־דאָקטאָר.
7) דער בלינדער פּאָעט פון „טיטאניק".

פערשידענע:

1) צוויי „כל נדרי'ס".
2) קאָנטאָניסטען.
3) דער צוריקגעקומענער.

הויבע נשמות.

הזיכע נשמות.

דבורה אסתר

(דעם אנדענקען פון אַ פאָלקס־העלדין).

איך בין נעגאַנגען מיט אַ בעקאַנטען אין איינער פון די נעדיכטע און שמוציגע יודישע געסלאך אין ווילנא. פריהער פאַר אונז איז געגאַנגען, אייגענטליך געלאָפען, עפּעס אַן אַלטע אידענע, אַן אויסגעבויגענע, אין אַ טשעפּיק, אין אַ קאָר־טענע, וואַטאָווע קאַפּטאַנקע. זי איז געלאָפען שווימענדיג, אַזוי ווי איילענדיג זיך ערגעץ וואוהין. און ווי זי איז געלאָפען איינגעבויגען, שווימענדיג, האָבען ווייבער, מאַנסביל, קינדער, אַלץ וואָס איז געקומען איהר אַנטקעגען אויף דעם שמאָלען טראָטואר, געוויכען אָן אַ זייט, געלאָזען מיט דרך־ארץ איהר דעם וועג. די ווייבער ביי די קאָ־שיקעס, ביי׳ם אַ ריינגאַנג פון טיפע, שמאָלע קעלערס — וואָס נור די יודישע גאַס פערמאָגט אַזעלכע — האָבען זיך אויפגעשטעלט און געמיהט זיך צו מאַכען דער אַלטינקער ברייטער, פרייער דעם וועג. פון ביידע זייטען האָבען איהר די ווייבער געשאָקעלט מיט די קעפּ און אָבגעגעבען „גוט נאָוועַנד".

איך האָב אין אָנהויב זיך ניט צוגעקוקט צו דער דאָזיגער סצענע. דעם רעספּעקט פון די גאַס־ווייבער צו אַן׳אַלטע אידענע, האָב איך

געפונען פאר נאטירליך. נור מיין בעקאנטער האט זיך אקער געטאן צו מיר:

— איהר קענט אט די איינגעבויגענע אידענע אין דעם טשעפיק, וואס לויפט פאר אונז?

— ניין, וואס איז?

— איהר קענט זי ניט? וואס רעדט איהר? דאס איז דאך דבורה אסתר!

מיין בעקאנטער, א געבארענער א ווילנער, האט אויסגערעדט: „דבורה אסתר", אזוי ווי די דאזיגע צוויי ווערטער וואלטען פאר מיר אליין ערקלערט און מעהר צוגעבען איז ניט נויטיג.

ווען איך האב געמאכט א פראגענדיגע מינע, האט זיין פנים אויסגעדריקט נאך מעהר פערוואונדערונג.

— איהר קענט ניט דבורה אסתר'ן? האט ער נאך א מאל איבערגעפרעגט. — איהר האט ניט געהערט פון דבורה אסתר'ס „גמילות חסד", דבורה אסתר'ס קלויז, דבורה אסתר'ס פרושים, דבורה אסתר'ס דריי־גארענדיגע קעשענע? קינד און קייט קען דאך איהר אין ווילנא!

יעצט האב איך פערשטאנען און האב זיך ווירקליך פערשעמט...
איך בין כמעט א יאהר אין ווילנא און האב זי גאר ניט געזעהן, גאר ניט געהערט פון איהר, פון דער, וואס קינד און קייט קענען אין ווילנא.

אז איהר געהט דורך די ווילנער ענגע, פינסטערע, שמוציגע יודישע געסלעך; בעטראכט די אבגעריסענע ווייבער ביי די קעסטלעך, מולטערלעך, קאשיקעס מיט טעפ, מיט די געפרארענע, אנגעפוילטע עפיל, געקאכטע און געבראטענע באבעס, קארטאפעל און די איבעריגע גראשענע סחורות פאר דער ארימסטער יודישער בעפעלקערונג; בעטראכט די געלע, אויסגעדארטע פנים'ער; דאס וויקען זיך און פריהרען דא אין רעגען און אין שנעע, אין בלאטע און אין שמוץ; דעם ליארעם, הו־הא און געפילדער; דעם ביטערען, פערצווייפעלטען קאמפף פאר דעם עלענדען גילדען, אדער צוויי א טאג; אז איהר קוקט זיך צו

אויפמערקזאם צו די דאָזיגע הארצרייסענדע סצענעס, בלייבט איהר צייטענווייז, ניט ווילענדיג, שטעהן איבערראשט, קוועטשט פערוואונדערט מיט די פּלייצעס: ווי קענען מענשען אַזוי לעבען? וואו נעהמען זיי די אייזערנע מאָראַלישע קראַפט, וואָס בינדט זיי צו צום לעבען, וואָס האַלט זיי אָפּ פון פערצווייפלונג, פון זעלבסטמאָרד, פון פערברעכען?...

און די רעטענים ווערט אייך ערקלערט, ווען איהר ווערט נעהענטער בעקאַנט מיט דעם אינערליכען לעבען פון דער יודישער מאַסע. דער גרויסער עלענד, אין וועלכען זי טרינקט זיך איינזאם און הילפלאָז, בעשאַפט מערקווירדיגע טיפען מענשען, וואָס איהר קענט זיי געפינען נור אין דער יודישער גאַס; בעשאַפט פאָלקס-אידעאַליסטען, אמת׳ע קינדער פון דער מאַסע, מענשען אָהן דיפּלאָמען פון דאָקטוירים און אָהן סמיכות אויף רבנות; פּשוט׳ע מענשען, וואָס זענען געבאָרען אין דער יודישער גאַס, און דאָרט לעבען זיי, און דאָרט שטאַרבען זיי. דער יודישער עלענד האָט זיי געבאָרען, האָט זיי אויסגעהאָדעוועט, האָט זיי געגעהרט; גענעהרט זייער קערפּער, גענעהרט זייער נשמה. קיינער האָט זיי ניט געלערנט. נור פון זיך, מיט זייער ברייטער נשמה און טיעף-פיהלענד הארץ, נעהמען זיי זיך אַליין אויסשעפּען דעם ים פון יודישע צרות. אויסשעפּען קאָנען זיי איהם ניט. אָבער אריינטראָגען טרייסט, און האָפנונג, און עטוואָס ליכט אין דעם יודישען דלות קאָנען זיי. און דאָס טוען זיי. דאָס זענען מענשען, וועלכע גיבען זיך אָב אין גאַנצען זייער אינערליכען בערוף, אָהן טעאָריעס, אָהן פראַזען, אָהן רעקלאַמעס. במעט אונבעוואוסט אָפּפערען זיי אַלע זייערע קרעפטען זייערע ליידענדע ברידער און שוועסטער. זיי זענען דער איינציגער „נר תמיד, דאָס געוויסען פון דער יודישער גאַס. אָהן זיי וואָלט דאָס לעבען דאָ לאַנג אויסגעלאָשען געווען.

צו דעם דאָזיגען טיפּ פאָלקס-אידעאַליסטען האָט בעלאַנגט דבורה אסתר. זי האָט געווירקט אין איין צייט מיט אַ גאַנצע רייהע אַנדערע, אַזוי ווי זי, שטילע און הויכע נשמות אין דער יודישער גאַס: שמעון קאַפּטאַן, ר׳ נחום האראָדנער, מאיר דער שוסטער פון מינסק,

דוד דער מלמד און הדסה פון רוזשינאי. יענע זענען שוין לאנג טויט, זענען א לעגענדע געוואָרען, די האָט זיי אלעמען איבערגעלעבט און איז אומגעגאנגען איבער די ווילנער גאסען און געסלעך־א לעבעדיגע ווירקליכקייט.

מיר האָט זיך זעהר געוואָלט בעקאנט ווערען מיט אָט דער העלדין פון פאָלק. איך האָב מיך געוואָלט לאָזען לויפען, בעטראַכטען איהר נעהנטער און פיליכט אָנבינדען מיט איהר א געשפּרעך. נור דאָס איז מיר ניט געלונגען. דבורה אסתר איז שוין פערשוואונדען געוואָרען ערגעץ אין איינע פון די זייטיגע ענגע, קרומע געסלעך, וואָס דרייהען זיך ווי שלאַנגען דורך די גרעסערע זאוואלנע און רודניצקער גאס.

דאָך האָב איך מיין געדאַנק ניט אויפגעגעבען. איך האָב בעשלאָסען ניט אנדערש בעקאנט צו ווערען מיט דבורה אסתר׳ן. אָבער ווי ברענגט מען עס דורך? ווי געהט מען צו צו איהר? ווי רעדט מען מיט איהר, אז מיר זאָלען איינע די אנדערע פערשטעהן?

דאָס איז געווען א שווערע אויפגאַבע, און איך האָב א פּאָר וואָכען אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג דעם אינטערוויו מיט אָט דער מערקווירדיגער פּערזאָן. ביז איך האָב אין איין גרויען פריהמאָרגען דערהערט קלינגען די צדקה־פּושקעס. דאָס איז געווען אויף דבורה אסתר׳ס לויה.

ביי וועמען איך האָב געפרעגט, האָט יעדער געזאָגט, אלטע לייט האָבען געשוואָרען, אז אזא לויה האָבען זיי קיינמאָל ניט געזעהען. קיין רב און קיין גאון האָט פאַר די לעצטע הונדערט יאָהר ניט זוכה געווען אין ווילנא צו אזא לויה. קיין קינד אין וויעג איז ניט געבליבען. די קראָמען זענען אלע געווען צו. טויזענדער און טויזענדער מענשען האָבען דבורה אסתר׳ן צו איהר אייביגער רוה בעגלייט. און א חודש נאָך א נאַנד, נאָך דבורה אסתר׳ס טויט, האָט מען טעגליך הספדים אין די שולען געמאַכט.

דבורה אסתר איז אלט געווען ניינציג יאָהר אָהן ניין מאָנאַטען, בשעת זי איז געשטאָרבען. געשטאָרבען איז זי פון אַ אונגעלומפּערטען צופאַל, פון אַ נאַרישקייט. אַ פוהר איז איהר איבערגעפאָהרען. אַפילו איהר גאָר נישט צובראָכען. נור דער אַלטער אָרגאַניזם האָט ניט גע־קענט אַריבערטראָגען די צוטרייסלונג, און -- מערקווירדיג! פונקט פון אַזאַ סבה איז געשטאָרבען, זאָגט מען, מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, איהר מאַן, איהר העלפער אין איהרע צדקה-זאַכען.

אייגענטליך איז די הויפּט-טעטיגקייט פון דבורה אסת׳ן ניט געווען קיין צדקה, קיין פילאַנטראָפּיע. איהרע העלפער, וועלכע האָבען מיר דערצעהלט פון איהר לעבען און ווירקען, האָבען מיר געזאָגט, אַז דבורה אסתר האָט כמעט קיין מאָל ניט נעגעבען קיין נדבה אַ צופעליג דורכגעהענדען אָרימאַן. איהר פּרינציפּ איז געווען: העלפען דעם מענשען, וואָס אַרבייט, וואָס טוט עפּעס; אַוועקשטעלען אויף די פיס אַזאַ פּעראונגליקטען, אַ געפאַלענעם, אַ יורד. העלפען איהם ניט מיט אַ נדבה, נור מיט אַ הלואה, אָהן פּראָצענט. און זעהר, זעהר זעלטען האָט געטראָפען, אַז די וואָס האָבען געליהען זאָלען ניט אָבגעבען צוריק.

פון דבורה אסתר׳ס ,,קונדען" זענען דאָ אַ סך, וואָס האָבען זיך צוריק אַרויפגעאַרבייט דורך די געליהענע עטליכע רובעל. אַ סך פון זיי האָבען איצט גרויסע געשעפטען און אייגענע הייזער. אין די ווילנער לאַנדסלייט פעראיינען פון ניו־יאָרק אין אַנדערע שטעדט אין דער נייער וועלט, וועט איהר טרעפען ניט וועניג מענשען, וואָס זענען גע־פאָהרען אין אַמעריקא מיט דבורה אסתר׳ס הילף. איהר האָט בכלל ניט קיין איין מאַרק-מענשען: אַ טרעגער, צי אַ פוהרמאַן, צי אַ קרע־מערקע, צי אַ אידענע מיט אַ קאָשיק, וואָס זענען ניט געווען פון דבורה אסתר׳ס קונדשאַפט.

דערפאַר האָבען איהר אויך אַ סך געהאָלפען איהרע קונדען, וואָס ,,גאָט האָט זיי מצליח געווען" דורך איהר האַנד. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען איצט נגידים און צאָהלען אין איהר ,,גמילות חסד" פיינע געלד, און דאָך נעהמען זיי פון ״גמילות חסד" די זעלבע

סומע, וואָס זיי האָבען אַ מאָל גענומען, אין די אָרימע יאָהרען, צאָהלען ביז היינטיגען טאָג, „דבורה אסתר׳ס געלד״ ווי זיי רופען דאָס, און גלויבען, אַז אָט דאָס געלד איז זייער הצלחה.

דבורה אסתר איז געווען אַ קינדערלאָזע, נור ניט דאָס האָט איהר בעוואויגען אָבצוגעבען זיך אין גאַנצען דער אָרימער יודישער מאַסע. דער אונגליקליכער קינדערלאָזער צושטאַנד האָט איהר נור געהאָלפען, לייכטער געמאַכט איהר אויפגאַבע. פריה, זעהר פריה, נאָך אַלס יונגע מיידעל פון פונפצעהן יאָהר, האָט דבורה אסתר געהאַט אַ האַרץ פול מיט ליעבע, צו אַלע עלענדע און ליידענדע. זי איז כמעט פון קינדהייט אָן, געווען אַ טרעגערין פון געבעק איבער די שענקען. ביז דעם סאַמע טאָג, ווען די יודישע שענקען זענען צוגעמאַכט געוואָרען, האָט מען איהר דבורה אסתר׳ן, געקענט זעהן תמיד פון פיער אַ זייגער אין דער פריה ביז צוועלף ביינאַכט, אויפ׳ן גאַס מיט די צוויי קאָשיקעס אויף די הענד, פון ביידע זייטען; אויפ׳ן בויך אַ פאַרטוך אויך פול מיט געבעק, און, אַ חוץ דעם, אַ פולער זאַק בולקעס אויף די פלי צעס. אין ווינטערדיגע פינסטערע נעכט פלעגט זי צובונדען צו זיך פאַרענט אַ לאַנטערנע, זי זאָל זעהן דעם וועג אין די ענגע פינסטערע געסלעך, דורך וועלבע זי פלעגט שפּאַנען מיט איהרע בולקעס.

נאָך אין איהרע מיידעלשע יאָהרען, בשעת זי פלעגט האָרעווען, פון פיער אַ זייגער פאַרטאָג ביז צוועלף ביי נאַכט, פאַר צוויי גילדען אַ וואָך,–– האָט זי שוין פון אָט די צוויי גילדען אַ טייל אָבגעגעבען די, וואָס האָבען ווייניגער פון איהר פערדינט און מעהר פון איהר געדאַרפט.

חתונה געהאַט האָט דבורה אסתר צו זיבצעהן יאָהר. זי האָט גענומען אַ מאַן אַן ארבייטער, אַ זעגער פון ברעטער. דער מאַן איז געווען אַ פערדינער: פלעגט אויסארבייטען צוועלף רובל אַ וואָך. שפּעטער איז זי שוין אויך אַ פערדינערקע געוואָרען: פלעגט האָבען פון איהרע געבעק אַכט רובל אַ וואָך. פון אָט די ביידענס פערדינסטען פלעגט זי מיט איהר מאַן פערלעבען ניט מעהר ווי דריי רובל אַ וואָך. פאַר דאָס איבעריגע פלעגט מען אויסהאַלטען צוויי, דריי אָרים־בחורים

און פערלייהען „גמילות חסדים״ אויף משכנות ביי זיך אין שטוב. דערביי פלעגט זי, ווי די תורה הייסט, נויטיגע זאכען, ווי צ. ב. לייבטער, א בגד און עהנליכע חפצים, אלע ערב שבת אבגעבען צוריק, אריפע לייט זאלען, חלילה, ניט פערשעמט ווערען.

מיט דער צייט איז אט דער אומזאץ איהרער געווארען זעהר גרויס. איהר האט אליין געפעהלט קאפיטאל, און איהר אייגען קאמער איז געווען צו ענג פאר די משכנות. דאן האט דבורה אסתר פארגעלעגט איהרע בעקאנטע ווייבער, מ׳זאל עפענען א גמילות חסד, וואוהין זי וועט אוועקגעבען איהרע עטליכע הונדערט רובל, און דאס איבעריגע זאל מען צונויפקלייבען.

דבורה אסתר איז שוין געווען זעהר פאפולער אין דער ווילנער יודישער גאס און הונדערטער ווייבער האבען זיך אבגערופען אויף איהר איינלאדונג.

אט אזוי איז בעשאפען געווארען מיט א האלבען יאהרהונדערט צוריק דבורה אסתר׳ס גמילות חסד. דער ערשטער גמילות חסד אין אין ווילנא און פיללייכט אין גאנצען יודישען תחום.

אום צו מאהנען די וואכער, פלעגט זי זיך אוועקזעצען אויף א בענקעלע אין די יאטקעס, וואוהין די ווייבער געהען נאך פלייש. מיטוואך, דאנערשטאג און פרייטאג פלעגט זי אזוי זיצען און אויפקלייבען ביי די ווייבער איהרע וואכער. מאהנען פלעגט זי חלילה ניט. טאמער האט ניט א יודענע, וועט זי דאך מבויש ווערען. נור די ווייבער אליין פלעגען שוין, דערזעהענדיג דבורה אסתר׳ן אין די יאטקעס, צוטראגען איהר מיט שמחה, יעדע איהר מטבע.

נור עס זענען געווען ווייבער, וואס פלעגען ניט געהן אין די יאטקעס, אדער זיי פלעגען שיקען א קינד, האט מען געמוזט געהען צו זיי א היים. און דבורה אסתר פלעגט די איבעריגע טעג: זונטאג, מאנטאג און דינסטאג געהען מיט איהר טיפער רימענער קעשענע איבער די הייזער, האט אויסגעשפרייזט, וואו ווילנא האט אנ׳עק. האט א ווייבעל ניט געהאט די פאר קאפיקעס צו דער צייט, פלעגט דבורה אסתר קיין פאראיבעל ניט האבען. פערקערט: זי פלעגט טרייס

טען און אויפמונטערען: נישט קשה, נישט קשה, געזונד זאָלט איהר מיר זיין, זייט זיך ניט מצער... וועט איהר אָבגעבען דעם צווייטען מאָל.

בעשעפטיגען זיך מיט איהר אייגענער פרנסה האָט שוין יעצט דבורה אסתר ניט געקענט. און זי איז פון אַנ׳ארבייטערין געוואָרען „אַנ׳אונטערנעהמערין „אַנ׳עקספלוטאַטאָרקע״. זי האָט געדונגען צוויי מיידלעך, וואָס האָבען פונאנדערגעטראָגען איהרע געבעק איבער די שענקען. קונדען האָט זי געהאַט אַ סך. די שענקער וואָס פלעגען ביי איהר נעהמען געבעק, האָבען מיט קיין אנדערער ניט געוואָלט האָבען צוטאָן. פון אָט דער פרנסה פלעגט זי – אחוץ די מיידלעך׳ס געצאָהלט – נעהמען דריי רובל אַ וואָך צום לעבען און דאָס איבעריגע פלעגט זי לעגען אין איהרע דריי טיפע קעשענעס פאַר די קהל׳שע עסקים.

ווילט איהר וויסען, ווי אַזוי זי אַליין האָט געלעבט? אָט איז דער רעכענונג פון דבורה אסתר׳ס טאָג:

אויפשטעהן פלעגט זי זעקס אַ זייגער אין דער פריה און אַוועקגעהן אין שול. שפּעטער – אין איהר אייגען קלויז, וואָס זי האָט אויסגעבויט פון קאָפּיקעס. דאָרטען האָט זי געדאַווענט. אהין פלעגען צונויפקומען נאָכ׳ן דאַווענען צו איהר אַלע אומעטיגע הערצער. זי פלעגט אַלעמען אויסהערען, פערשרייבען ביי זיך אין זכרון – וואָרעם שרייבען מיט דער פען האָט זי ניט געקאָנט – וויפיל ווער עס בעדאַרף. זונטאָג, אָדער מאָנטאָג אָוועגד, האָט מען געטיילט אין קלויז די הלוואות. זונטאָג – קלענערע גמילות חסדים, פון אַ רובל ביז צעהן; מאָנטאָג גרעסערע, פון צעהן ביז פופציג – עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט זיי געגעבען הונדערט רובל און מעהר אויך.

אין שול זענען שוין געזעסען איהרע העלפער פון דער חברה – עטליכע מאנסביל, עטליכע ווייבער. און זי אַליין פלעגט אויך זיצען דערביי און העלפען טיילען די הלוואות.

צוועלף אזייגער בייטאָג פלעגט זי עפּעס אָבעסען און לאָזען זיך

איבער'ן שטאָדט, אָדער אין די יאַטקעס, אויף אַ גאַנצען טאָג ביז צוועלף אזייגער ביינאַכט.

דבורה אסתר פלעגט זיצען אין די יאַטקעס אָדער אומגעהן, ווי די שטאָדט האָט אַנ'עק,-- זומער און ווינטער, אין אַלע וועטערען. רעגען, זאַווייעס און בלאָטעס האָבען פאַר איהר ניט עקזיסטירט. זי איז אומגעגאַנגען איבער שטאָדט, אָדער געזעסען אויף איהר בענקעל אין די יאַטקעס, אָדער אין קלויז אַרום איהרע ווייבער ביז די לעצטע וואָכען פאַר איהר טויט, ביז דער וואָגען האט איהר ניט אומגעוואָרפען און אַוועקגעלעגט אויף איהר טויטען-בעט.

דער עיקר טעטיגקייט דבורה אסתר'ס איז געווען דער גמילות חסד. דאָ האָט זי אַריינגעלעגט איהר גאַנצען לעבען, איהר גאַנצע נשמה. איהר פרינציפ--וואָרום דבורה אסתר איז געווען אַ מענש מיט פּרינציפּען--כאָטש זי האט ניט געוואוסט, וואָס אָט דאָס וואָרט בעדייט, איהר פרינציפ איז געווען שטעלען אַ געפאַלענעם מענשען אויף די פיס. נור דבורה אסתר איז אויך געווען אַ מענש מיט אַ טיעף-פיהלענד הארץ. און דער עלענד אַרום איהר, אין דער יודישער גאַס, איז געווען אַזוי גרויס. האָט זי געמוזט טון אויך אויסער פרינציפ, ,,לפנים משורת הדין'', האָט געמוזט קומען צו הילף אומעטום, וואו זי האָט געזעהן מענשען ליידען.

און דעריבער האָט דבורה אסתר געהאַט דריי קעשענעס. איין קעשענע פאַר'ן גמילות חסד; די צווייטע פאַר אָרימע כלות; די דריטע פאַר אלמנות, יתומים, אָרימע קינפעטאָרינס און גלאַט קלאָגעדיגע, ביטערע הערצער.

האָט אַן אָרימע פרוי געבאָרען אַ קינד און עס איז ניט געווען מיט וואָס צו רופען אַ דאָקטאָר; האָט אָבגעברענט אַ שול; האָט מען נעדאַרפט אויסגעבען אַנ'אָרימע, כלה און נאָך אַ זוינע זאַכען--האָט זיך דבורה אסתר געשטעלט אין די יאַטקעס און געמאַכט אַן ,,אויספער-קויף''.

-- אַ קאָפּיקע--אַ פערד! אַ קאָפּיקע--אַ הוהן! אַ קאָפּיקע--אַ ציגעל! אַ קאָפּיקע--אַ קיסען!

אַ ספר תורה — ווער קויפט? ווייבער!.. האָט זי געמעלדעט די ווייבער, און אין אַ פּאָר טעג איז געוואָרען, פון קאָפּיקעס, ביי דעם פּוהרמאַן — אַ פערד, ביי אַ קינפעטאָרין — אַ הוהן, ביי דעם קראַנקען — אַ דאָקטאָר, ביי דער אָרימער כלה — בעטגעוואַנד און אַ גאַרדע-ראָבע.

ביי דבורה אסתר׳ן אין שטוב, בשעת זי איז געווען אַ באַלעבאָסטע, איז תמיד געווען אַ לאַגער פון פעדער׳ן פאַר אָרימע כלות. דאָס איז געווען אַ גולנער מסחר. זי האָט אָבער אויך ניט אוועקגעמאַכט אונטער האַנד קליינינקייטען. זי האָט בכלל ניט געקענט צוזעהן, ווי אַ מענש ליידט און געהן פאַרביי. האָט זי זיך דערוואוסט, אַז מ׳וואַרפט אַן-אָרימאַן ארויס פון דירה, איינער האָט ניט מיט וואָס צו צאָהלען שכר-לימוד, ביי אַן׳אַנדערן איז צעריסען די שטיוועל, און ער קען ניט ארויס אין גאַס עפּעס פערדינען — איז שוין געוואָרען אויף די ווייבער אַן׳ עקסטראַ שטייער. און דבורה אסתר האָט געשאַפען אַ וואַרימען בגד, אַ פּאָר שטיוועל, שכר-לימוד, דירה געלד און אַז. וו. אויף אַזוינע עקסטראַ זאַכען איז געווען דבורה אסתר׳ס דריטע קעשענע.

ווען די שענקען זענען איבערגעגאַנגען צו דער קרוין, האָט דבורה אסתר געדאַרפט זוכען פאַר זיך אַן׳אַנדער פּרנסה. זי האָט געהאַט איהר אייגענם עטליכענע רובל און קרעדיט אויף טויזענדער. זי האָט געקאָנט עפענען אַ קרעמעל אָדער טון עטוואָס אַנדערש. אָבער זי האָט ווענינ געזאָרגט וועגען זיך אַליין. זי האָט זיך דאַן אריינגעלעגט נאָך מעהר אין איהרע קהל׳שע עסקים. די חברה-לייט פון „גמילות חסד” האָבען זיך ביי איהר קוים איינגעבעטען, זי זאָל נעהמען פון דער קאַסע צום לעבען. זי האָט אָבער מעהר ניט געוואָלט בעקומען ווי צוויי אַ האַלב רובל די וואָך. דערפון איז זי געווען אַ בעל-הוצאה ניט מעהר ווי העלפט. דאָס איבעריגע פלעגט זי צוטיילען איהרע „קונדען”.

דריי פערטעל יאָהר פאַר איהר טויט האָט מען דבורה אסתר׳ן געמעלדעט, אַז די קלויזניקעס, וואָס לערנען אין איהר קלויז, פעהלט טעג. איהרע אַלע דריי קעשענעס זענען שוין אָבער געווען פערנומען. מ׳האָט פון זיי ניט געטאָרט ריהרען. זיי האָבען בעלאַנגט צו אַנדערע

נייטיגערע „קונדען״, און קיין אַנדער קוועלע איז ניט געווען. די צייטען זענען געוואָרען שווערער. מ׳האָט פון די ווייבער מעהר ניט געקאָנט רייסען.

איז דבורה אסתר געפאַלען אויף אַ המצאה. זי איז געווען אַלע טאָג אַ בעל הוצאה פינף קאָפּיקעס אויף פלייש. איז ביי איהר געבליבען: אויפהערען צו עסען פלייש און אָבגעבען אַלע טאָג די פינף קאָפּיקעס פאר די קלויזניקעס. צו דעם האָט זי, ווי עס איז, געקראָגען נאָך עטליבע צעהנער אַ טאָג און — די קלויזניקעס זענען געווען פערזאָרגט. אזוי איז אַוועק אַ האַלב יאָהר, ענדליך האָבען איהרע ווייבער זיך ארומגעזעהען, אַז עס איז קיין פּלאַן ניט צו לאָזען דבורה אסתר׳ן במעט הונגער׳ן. און זיי האָבען די קלויזניקעס פערדאַגה׳ט, אחוץ איהרע פינף קאָפּיקעס. דאָ איז אָבער געוואָרען אַנ׳אַנדער הארבע שאלה: אַ האַלב יאָהר האָט זי ניט גענעסען קיין פלייש. איז דאָך שוין דאָס במעט אַ נדר, און אַ נדר טאָר מען ניט ברעכען.

האָט מען געמוזט אויפקלייבען דריי לומדים — יודען און מ׳האָט איהר מתיר נדר געווען.

איך בין געווען אין דבורה אסתר׳ס קאַמער — וואו זי האָט געלעבט און וואו זי איז געשטאָרבען. איך האָב אויסגעמאָסטען די קאַמער. זי האַלט אַ טראָט אין דער ברייט און צוויי טריט אין דער לענג. אַ פענסטעריל האָט זי ניט צום דרויסען, נור צום אינעווייניג, צום שטוב. דאָ האָט דבורה אסתר פערלעבט די לעצטע פערצעהן יאָהר ביז׳ן טויט.

פון דריטהאַלבען רובל אַ וואָך, וואָס דבורה אסתר פלעגט בעקומען אויף דער הוצאה, האָט זי זיך לאַנג שוין געהאַט פערזאָרגט מיט פיינע תכריכים פון דינע לייוועגד און אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד, נור אַ פּלאַץ האָט איהר שטאָדט געגעבען, אין דער ערשטער שורה, צווישען ווילנער צדיקים און גאונים. אין גיכען האָט מען איהר אַ שענע מצבה געשטעלט. נור דבורה אסתר נויטיגט זיך ניט אין אַ שענערער מצבה, פון דער, וואָס זי האָט זיך געבויט נאָך ביים לעבען, געבויט

איהר גאַנצען לאַנגען לעבען, פינף און זיבעציג יאָהר נאָכאַנאַנד, איהר מצבה איז איהר „ גמילות־חסד" וואָס בעזיצט יעצט אַ קאַפּיטאַל פון אַ צוואַנציג טויזענד רובל.

איך בין געווען אין דבורה אסתר׳ס גמילות־חסד, ד. ה. אין איהר קלויז, בשעת די הלואות ווערען דאָרט צעטיילט. אויף מיר האָט געמאַכט אַ בעזונדער איינדרוק, וואָס די ווייבער, וועלכע קומען אָן צום גמילות־חסד, פיהלען זיך דאָרט היימיש. דאָרט שמעקט ניט מיט פילאַנט־ראָפּיע. די בעהאַנדלונג איז איינפאַך, מיט־פיהלענד. מיט די קופּקעס געלד, וואָס די ווייבער האָבען גענומען פון טיש, האָט יעדע פון זיי אויך מיטגענומען דבורה אסתר׳ס פאָטאָגראַפיש בילד פאַר אַ רובל פופציג קאָפּיקעס, אויף אויסצוצאָהלען אַ קאָפּיקע אַ וואָך, צוזאַמען מיט דעם גמילות חסד.

אַ רום טיש זענען געזעסען דבורה אסתר׳ס העלפערינס ביים לעבען און שטעל־פערטרעטערינס נאָכ׳ן טויט. די רעכטע יורש׳טע פון איהר איז מלכה, אויך אַ קינדערלאָזע. און מלכה האָט שוין אָנגעגרייט זיך אַ שטעל־פערטרעטערין — רייזע די אלמנה־ביידע אָרימע יודענעס, ווייבער פון דער מאַסע, ווי דבורה אסתר אַליין. עס איז אָבער אויך דאָ אַ רייבע פרוי, מאַריאַשע קאַפּלאַן, וואָס ארבייט צוזאַמען מיט מלכה די בעזודיעטניצע און רייזע די אלמנה.

צו שליסען דבורה אסתר׳ס ביאָגראַפיע דאַרף איך נאָך צוגעבען אַ זעהר כאַראַקטעריסטישען פאַקט: צו זיבעציג יאָהר האָט זי זיך אויסגעלערנט שרייבען. דאָס איז פאָלקאָם איינשטימיג מיט דעם געזונטען פּראַקטישען פערשטאַנד פון אָט דער מערקווירדיגער פרוי. גאָר אַמאָל, בשעת איהרע געשעפטען מיט די אָרימע לייט זענען געגאַנגען אויפ׳ן אַלטען פשוט׳ען שטייגער, איז פאָלקאָם גענוג געווען איהר גוטער זכרון מיט דער דריי־גאָרענדיגער רימענער קעשענע. די לעצטע יאָהרען אָבער ווען איהר טעטיגקייט איז געוואָרען מעהר קאָמפּליצירט: מ׳האָט געדאַרפט אַרויסגעבען הלואות, בעקומען צוריק די וואָכער און האָבען צו טאָן מיט טויזענדער מענשען פון אַלע עקען שטאָדט; מ׳האָט געמוזט ברויכען אַנ׳אַנדער העלפער און

געצאָהלטע מענשען, דאָ איז שוין נויטיג געווען א געוויסער קאָנטראָל. בפרט, אז מ׳האָט צו טאָן מיט קהל׳שע געלד.

און דבורה אסתר איז דורכגעגאַנגען צו זיבעציג יאָהר די שולע, וואָס א קינד געהט דורך צו זיעבען יאָהר. וויפיעל שטארקער ווילען האָט זיך געפאָדערט אויף בויגען די אלטע איינגעדארטע פינגער צו האלטען א פען און לערנען די קינדערשע תורה פון אויסלעגען! נור אזוינע זאכען האָבען די גרויסע אידעאליסטין ניט געקענט אָבהאלטען פון אויספיהרען איהר וואונש, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט אום דער הייליגער אויפגאבע, וועלכער זי האָט געדינט איהר גאַנצען לאַנגען לעבען.

וויערא מאַטווייעוונא.

(אַ בלינדע יודישע לעהרערין—אַפאָלקס־אידעאַליסטין).

בעקאַנט געוואָרען בין איך מיט איהר אויף אַ קאָנפערענץ פון יודישע לעהרער אין לעהרערינס אין ווילנא.

ווען איך האָב איהר אָנגערופען ביי איהר פאַמיליען נאָמען: „קופערשטיין", האָט זי זיך בעליידיגט. מיך רופט מען האָט זי געזאָגט, —וויערא מאַטווייעוונא.

אַלס אַ מענש פון פאָלק, פון דער אונטערשטער יודישער מאַסע, האָט זי גלייך, אָהן פאָררעדעס, אָהן קונצען, איינגעשטימט צו לאָזען זיך אינטערוויואירען, נאָר אָהן אַשום הינטערמיין, אז מ'וועט שרייבען וועגען איהר אין די בלעטער. וויערא מאַטווייעוונא איז ניט אזוי נאַאיוו, נתפעל צו ווערען דערפון. זי איז פשוט געווען צופריעדען, וואָס איינער קומט און אינטערעסירט זיך מיט איהר לעבען. דאָס טרעפט, אַ פנים, ביי איהר זעהר זעלטען, כאָטש וויערא מאַטווייעוונא איז גענוג פאָפּולער, האָט אַשם אין גאַנץ וואָהלין, און בעקאַנטשאַפט צווישען אַלע קלאַסען פון דער יודישער געזעלשאַפט--ממש אין די טויזענדער. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי אויפגעזוכט; דאָס צווייטע און דריטע מאָל, אין די קאָנפערענץ־אַנטראַקטען, האָט זי מיך שוין אויפגעזוכט און האָט מיך גערן בעקאַנט געמאַכט מיט איהר לעבענס—געשיכטע.

איהר לעבענס־געשיכטע איז אַ קורצע, אָבער איינע פון די

ריהרענדסטע, פון די בעלעהרענדסטע, וואָס זענען ווען עס איז געשריבען געוואָרען.

געבאָרען געוואָרען איז וויערא מאַטווייעוונא ביי זעהר אָרימע יודישע עלטערן. אַ שווערע ירושה האָט זי בעקומען שוין פון ערשטען געבאָרען-טאָג אָן, פון איהר טאַטען און זיידען.

ביידע זענען געווען בלינדע. דאָך איז זי אַליין, וויערא מאַטווייעווּנא, ניט געבאָרען געוואָרען אַ בלינדע. זי האָט געהאַט איהרע זעהענדיגע אויגען ביז דריי און צוואַנציג יאָהר.

ס'איז מעגליך, אַז ביי אַ געוויסער פּאָרזיכטיגקייט, ווען זי וואָלט היטען די אויגען, ווי מען דאַרף, וואָלט זי ניט איבערגענומען די פינסטערע ירושה פון טאַטען און זיידען. אָבער וויערא מאַטווייעוונא האָט זיך ערצויגען אין אַ שרעקליך אָרימער יודישער פאַמיליע און אַ אונוויסענדער דערצו, וועלכע האָט איהר קיין שום ערציהונג ניט געקענט געבען. און זי האָט גענאָסען די ליכטיגע וועלט נור אַ קורצען טייל, דערפאַר אָבער—דעם בעסטען טייל פון איהר לעבען—די יוגענד. און מיט דעם טייל פון איהר לעבען, מיט יענער ליכטיגער יוגענד, לעבט נאָך וויערא מאַטווייעוונא איצט אויך.

אויף איינער פון די דעבאַטען אויף דער קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע יודישע מיידעל-שולען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען וויכטיגקייט פון עלעמענטאַרע בילדונג פאַר יודישע קינדער, פאַר יודישע מיידלעך, האָט וויערא מאַטווייעוונא גענומען אַ וואָרט און געהאַלטען אַ רעדע, וועלכע זי האָט געענדיגט מיט דעם אויסגעשריי: גיט אונז ליכט! גיט אונז ליכט!

דאָס האָט וויערא מאַטווייעוונא געבעטען ליכט ניט פאַר זיך, וועלכע געהט שוין העכער זיבען און צוואַנציג יאָהר אין דער פינסטער; ניט פאַר זיך און ניט פאַר די טויזענדער אומגליקליכע, וועלכע טאַפּען בוכשטעבליך אין דער פינסטער, אַזוי ווי זי. ניין, זי האָט געבעטען גייסטיגע ליכט פאַר יודישע קינדער.

און אָט דער הארציגער אונגעקינסטעלטער אויסרוף האָט אַזעלכע געטאָן, ווי מיט עלעקטרישע שטראָמען, איבער די סטרונעס פון

אַלעמענס הערצער, אויף דער קאָנפערענץ, און דער זאַל האָט מינוטען לאַנג געציטערט פון אמת׳ע ווארעמע אַפּלאָדיסמענטען, וואָס האָבען גאָר ניט געוואָלט אויפהערען. אַ סך האָבען געפּאַטשט מיט די הענד און אין די אויגען זענען זיי געשטאַנען טרערען.

ווייל אַלע האָבען געקענט ווירא מאַטווייעוונא. אַלע האָבען געוואוסט, אַז דער אויסרוף איז ביי איהר ניט קיין אָראַטאָרישע פראַזע, נאָר אַ ריס פון איהר נשמה.

איהר אויסרוף איז געווען דער אידעאַל, וועלכען זי האָט אָבגעגעבען, ניט קוקענדיג אויף איהר בלינדקייט—איהר גאַנצען טעטיגען, פּרוכטבאַרען לעבען; דער אידעאַל, צוליב וועלכען זי האָט פערלאָרען איהרע אויגען.

זיינענדיג נאָך גאָר אַ יונג קינד, האָט ווירא מאַטווייעוונא, ניט קוקענדיג אויף די אָרעמקייט פון איהרע עלטערען וועלכע האָבען וואהרשיינליך געלעבט פון „קצבה״, אָדער פון נדבות-קלייבען, בעקומען אַ מעכטיגע שטרעבונג צו בילדונג. זי האָט, טיילס לערנענדיג אַליין, טיילס איינבעטענדיג זיך ביי אימיצען, מ׳זאָל איהר ווייזען, אויסגעלערנט זיך שרייבען, לעזען רוסיש און יודיש; האָט איבערגעלעזען די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור און די יודישע.

צו דער זעלבער צייט אָבער האָט זי געפיהלט ביי זיך אַ מעכטיגען דראַנג צו לערנען אנדערע, די וואָס לעבען, נאָך מעהר ווי זי, אין גייסטיגער פינסטערניס. און אַזעלכע איז געווען אַ סך ארום איהר.

אַט אזוי האָט זי געלערנט זיך און געלערנט אנדערע, ביז ס׳איז אַלט געוואָרען צוויי, דריי און צוואַנציג יאָהר. דאַן האָט זי בעשלאָסען צו עקזאַמענירען זיך אויף אַ לעהרערין און אָבגעבען זיך אין גאַנצען איהר אינערליכער שטרעבונג: ווערען אַ לעהרערין פון יודישע קינדער. נור דעם עקזאַמען האָט זי ניט אָבגעגעבען וואָרום אין דער צייט, ווען זי האָט זיך צוגעגרייט צו איהם, ניט שלאָפענדיג קיין נעכט איבער די לעהר־ביכער, איז געקומען די „פינסטערע ירושה״ און האָט געזאָגט: סטאָפּ!

דאָס האָט ווירא מאַטווייעוונא זעהר פערדראָסען. ניט אזוי

צוליב די אייגענע ליכטיגקייט, וואָס זי האָט פֿערלאָרען, ווי צוליב דעם, וואָס זי האָט פֿערלאָרען די האָפֿנונג צו טראָגען ליכט צו אנדערע. נאָר זי איז ניט געווען דער מענש, וואָס זאָל אַ נידערלייגען דאָס געוועהר אָהן אַ קאַמפֿף. זי האָט שטאַרק געקעמפֿפֿ'ט געגען איהר בלינדקייט, געפֿאָהרען צו פּראָפֿעסאָרען, געטאָן אַלע סגולות, און ענדליך האָט זי זיך געמוזט איבערצייגען, אַז דער קאַמפֿף איז פֿער־שפּילט, אַז די ליכטיגקייט פֿון די אויגען וועט זי שוין קיינמאָל ניט בעקומען צוריק.

דאַן האָט ווערא מאַטווייעזונא וועגען זיך אויפֿגעהערט צו קלערען און האָט זיך, בלינדערהייט אָבגעגעבען אין גאַנצען איהר ליעבלינגס־אידעאַל. לעבענדיג אַליין אין דער פֿינסטער, האָט זי געטראָגען ליכטיגקייט צו אָרימע קינדער פֿון דער יודישער מאַסע. הונדערטער קינדער זענען געווען אַרום איהר און זי איז זיי געווען אי אַ מוטער, אי אַ שוועסטער, אי אַ לעהרערין. אין ניינצען איז דער קלאַנג וועגען איהר קולטורעלער אַרבייט אָנגעקומען צו „יקא״. און דער פּעטערבורגער קאָמיטעט האָט זיך מיט איהר פֿעראינטערעסירט. פֿון דעמאָלט אָן איז זי איינע פֿון „יקא׳ס״ וויכטיגסטע מיטאַרבייטערינס אין פֿערשפּרייטען בילדונג.

בלינדערהייט פֿאָהרט זי אַרום אַליין איבער פֿערשידענע שטעדט פֿון דרום רוסלאַנד און גרינדעט שולען פֿאַר אָרימע יודישע קינדער, זי וועקט, זי מונטערט אויף די כלל־טוער אויף די ערטער, וואו זי קומט. קיינער וואָגט איהר ניט צו ענטזאָגען. איהר אָנקומען, איהר הייסע אַגיטאַציע מאַכט אַ אונגעהויערען איינדרוק אויף אַלעמען. די גלייכגילטיגסטע ווערען בעשעמט געגען דער זעלבסטאָפּפֿערונג פֿון אָט דער מערקווירדיגער פֿריו.

ביז מיט איינינע יאָהר צוריק האָט זי נאָך אַליין געאַרבייט אין דער יעליסאַוועטגראַדער פּראָפֿעסיאָנעלער מיידעל־שולע, וועלכע זי האָט אַליין אויפֿגעבויט. געאַרבייט דאָרט אַלס לעהרערין פֿון אַריפֿ־מעטיק און היסטאָריע. אַחוץ דעם האָט זי נאָך געגעבען אָרימע קינדער לעקציעס אָהן ביכער, בלינדערהייט. זי האָט אפֿילו געשריבען

נאָך אַליין, ווי עס איז, טאַפּענדיק דורכ׳ן טריבען שיין.

די לעצטע יאָהרען אָבער האָט מען איהר פון דער שולע בעפרייט און „יקא״ גיט איהר צום לעבען פיער הונדערט רובל איאָהר.

פערלאָזענדיג איהר שטענדיגע אַרבייט אין דער שול, זיצט אָבער ווערא מאַטווייעוונא ניט לעדיג. זי איז קערפּערליך שטארק געבויט, איז פלאָקאָס געזונד. געהט אַרום אַליין אין שטוב און אין גאַס, מיט דעם אינסטינקט פון דעם אַמאָלינען שיין; בעזוכט איהר שול, וואָס זי אַליין האָט אויפגעבויט, די קינדער, וואָס זי האָט אויפגעהאָדעוועט און אין וועמענס לעבען און ערציהונג זי נעהמט ביז היינטיגען טאָג אַ לעבהאַפטען אַנטייל. זי אינטערעסירט זיך, פּונקט ווי אַ זעהענדיגע, מיט אַלע פראַגען פונ׳ם קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען לעבען.

זי לייענט (נאַטירליך ניט אַליין, נאָר מיט פרעמדע-בעצאָהלטע, אויגען) צייטונגען, זשורנאַלען און ביכער, רוסישע און יודישע.

ווי בעזיצט גאַנץ פיינע בילדונג, וועלכע זי האָט ערוואָרבען שוין זייענדיג אַ בלינדע. מיט דער הילף פון פרעמדע, זעהענדיגע אויגען, האָט זי די לעצטע צייט אַפילו אויסגעלערנט זיך העברעאיש און פער־שטעהט פריי אַ העברעאישע צייטונג, ווען מען לעזט איהר פאָר.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט זי פערפאַסט און אָבגעדרוקט צוויי לעהר ביכער אויף אַריפמעטיק און רוסיש: איינעם פאַר לעהרער און דער אַנדערען פאַר קינדער.

שוין די פיגור אַליין פון ווערא מאַטווייעוונא איז זעהר אַן אָר־גינעלע. אַ פרוי פון עטליכע און פופציג יאָהר געהט זי אין קורצע געדיכטע האָהר, טונקעל פלאַקס קאָליר, אין וועלכע עס וואַרפען זיך אָפּט דורך זילבערנע פעדים. זי איז אָנגעטאָן אין אַ שאַרע קלייד, פון אויבען מיט אַ לאַנגען פאַרטוך. זיצענדיג אויף איהר באַנק, אויף דער קאָנפערענץ, האָט זי ניט גערוהט אַ מינוט. איהר קערפּער, אַלע שטריכען פון איהר פּנים, זענען פול נעווען מיט בעוועגונג. איהרע בעוועגונגען זענען ניט קיין רוהיגע, געמאָסטענע, ווי פון אַ בורזשואַזער אינטעליגענטין. איהר קעהר און ריהר זענען פון אַ מאַרק יודענע,

האַסטיגע, שטורעמדיגע.

נאָך מעהר ווייזט זי אַרויס איהר „פּראָלעטאַרישען יחוס״, בשעת זי רעדט אויף דער טריבונע.

זי רעדט, נאַטירליך, רוסיש און גאָר פיין, ווי אַ מענש מיט בילדונג. פּלוצלונג וואַרפט זי אַריין אין איהר רוסיש—יודישע ווערטלעך: זאַלציגע, פעפערדיגע, פון די וואָס ווערען געברויכט אין סאַמע פיש־מאַרק. אַ שטייגער: „אַ קלאָג״, „אַ ברעכעניש״, „אַ מכה״, „פּיש!״, „פּאַסקודסטווע״.

די דאָזיגע „געווירצען״ פאַלען אַריין אין זאַל, ווי באָמבעס. עס ווערט אַ געלעכטער. די געבילדעטע הערען ווערען אַזש בלייך און די רייכע מאַדאַמען—אַזש רויט פון „שאַנדע״.

דער סעקרעטאַר—אַ געשטודירטער טעכניקער פון פּעטער־בורג, גיט זיך פון זיין טיש צו איהר אַ בויג און שושקעט איהר אַריין אין אויער, אַז דאָ זיצט אַ פּאָליציסט און מ׳טאָר ניט רעדען קיין יודיש. זי גיט אונצופריעדען אַ בורטשע, פערכאַפּט זיך אָבער גלייך און פער־טייטשט, טאַקע אויפ׳ן אָרט, וואָס הייסט דאָס אויף רוסיש אַ „געשוויר״, אַ „ברעכעניש״, פערטייטשט עס אָבער אַזוי קאָמיש, אַז דער עולם פּלאַצט ווידער אויס אין אַ שטורמדיגען געלעכטער. די געבילדעטע הערען ווערען ווידער בלאַס און די „מאַדאַמען״—ווידער רויט, און ווערא מאַטווייעווגא, ווי ניט איהר מיינט מען, רעדט ווייטער.

און אַז זי רעדט מוז מען זי הערען. ניט צוליב העפליכקייט, וואָרום דאָס איז ניט נויטיג. ווייל ווערא מאַטווייעווגא זעהט דאָך ניט, קען מען דאָך גאַנץ געמיטליך זיצען אויפ׳ן אָרט און לעזען אַ בלאַט אָדער שמועסען צווישען זיך. נאָר מען מוז איהר הערען, ווייל אַזאַ קראַפט האָט זי אין איהר צונג. און ניט בלויז זי צווינגט צו הערען, נאָר מיט איהר פייער, מיט דער אויפריכטיגער ליבע צו דער זאַך, פאַר וועלכע זי קעמפפט, מיט דער שטרענגער, פּראַקטישער לאָגיק, מיט וועלכער זי מאַכט איהר אַנאַליז, ווירקט זי איבערצייגענדיג אויף די וואָס זענען אַ סך געבילדעטער פון איהר. ניט קוקענדיג אויף איהר גרעבליכען מאַרק־לשון.

ווירא מאטווייעוונא איז געקומען אויף דער קאָנפערענץ מיט איהרע שאַרף דעמאָקראטישע אידעען, און האָט פאַר זיי געפיהרט אי אויף דער טריבונע, אי אין די קאָמיסיעס, אי אין די אנטראַקטען פון די אלגעמיינע זיצונגען — אַ מעכטיגען קאַמפף. זי האָט געהאַט איהרע געגנער. ניט קוקענדיג אויף זייער פערזענליכען מיטליידס־געפיהל און רעספּעקט צו דער בלינדער געגנרין, האָבען זיי דאָך מיט איהר געפיהרט אַ שרעקליכען, אומ׳ברחמנות׳דיגען קאַמפף. אָפטער אָבער האָט מען געפּרובט „איינגעהמען איהר מיט גוטען״, געזוכט צו געווינען איהר, „וואָרום — האָבען זיי גע׳טענה׳ט צווישען זיך — קוקט ניט אויף איהרע מאַרק־שטיק; דאַכט זיך, אז זי פּראוועט בדחנות, מאַכט פרעהליך דעם עולם, אָבער צום סוף נעהמט זי איבער אַלעמען אויף איהר זייט. אַזא כח האָט זי אין זיך״.

און דאָס איז געווען אמת. כמעט אַלץ, וואָס ווירא מאטווייעוונא האָט געוואָלט, האָט זי אויסגעפיהרט.

— פון דער קאָנפערענץ — האָט זי מיר דערצעהלט — פאָהרט זי אין פּעטערבורג. „מיט עמיצען?״ האָב איך געפרעגט. „ניין, אַליין״ — האָט זי מיר געענטפערט.

און איך האָב איהר געגלויבט. באמת געהט זי ניט אַליין. פון איהר אוועקגאַנגס־פּונקט ביז איהר אָנקומעס־פּונקט העלפט איהר עמיצער אונטער. לאָזען לאָזט זי זיך אַליין. נאָר דער עולם וועמענס סימפּאַטיע און בעוואונדערונג זי געווינט באַלד, וואו זי זאָל זיך ניט געפינען, כאַפּט איהר שוין אונטער; איינער גיט איהר איבער אַ צווייטען. דער צווייטער — אַ דריטען, און אַזוי ווייטער.

און דאָס זעהט קיינמאָל ניט אויס, ווי מען פיהרט אַ בלינדע, נאָר ווי מען שפּאַצירט מיט אַ זעהענדיגער, מעשה גיטע בעקאַנטע, אונטער אָרעם.

ווירא מאטווייעוונא האָט אַ מערקווירדיגען זכרון. די אַלע קאָנפערענץ-לייט, מיט וועלכע זי האָט זיך בעקענט אין ווילנא, פלעגט זי, אויפ׳ן צווייטען טאָג, שוין דערקענען נאָך דער שטימע. פון איהר באַנק פלעגט זי אַלע ווילע זיך קעהרען, דאָ אין דער זייט, דאָ אין

יענער זייט, און שמועסען מיט איהרע שכנות אין די הינטערשטע אין פאָדערשטע רייהען, אָנרופענדיג יעדע איינע פאַמיליער ביי איהר נאָמען און פאַטער׳ס נאָמען.

„ווי איהר זעהט מיך — האָט זי צו מיר געזאָגט אין אונזער געשפּרעך — פיהלט קיינער ניט, אז ער האָט צוטאָן מיט א בלינדער, און איך אליין פיהל אויך ניט.

דאָס איז אָבער אלץ כל זמן איך בין געזונד אויף די איבריגע גליעדער — האָט זיך דאָך פלוצלונג דורכגעריסען ביי איהר א פעסי־מיסטישע נאָטע. זאָל ביי מיר צוּבראָכען ווערען א האנד, צי א פיס (אין דאָס קען זעהר לייכט טרעפען). איז אויס! איצט בין איך מיט אלעמען און אלע זענען ארום מיר, אין, דעמאָלט וועט מען מיך לאָזען אליין״. דערביי האָט זי א טיפען זיפץ געטאָן.

אָבער אָט דער פעסימיזם האָט געדויערט בלויז א מינוט. באלד האָט איהר עמיצער אונטערגעבאפּט אונטער אָרעם און איז מיט איהר אוועק שפּאצירען איבער׳ן זאַל אין א הייסער דעבאטע.

אין צוויי יאָהר ארום נאָך דעם, ווי דאָס איז געווען געשריבען האָב איך זיך, אונערוואַרטעט, ווידער בעגעגענט מיט וויערא מאַט־ווייעוונא.

איך האָב זיך געטראָפען מיט איהר אין פּעטערבורג אין דער וואוינונג פון א יודישען לעהרער. די פּאָר יאָהר האָבען גאָר נישט געענדערט אין דער מערקווירדיג טעטיגער, ריהרעוודיגער פּערזענליכ־קייט פון דער בלינדער קולטור־טרעגערין.

זי איז געקומען אין פּעטערבורג צוליב איהרע שול־עסקים און האָט מיר מיט פרייד אָנגעזאָגט די בשורה. אז אין ווילנא ווערט געעפענט א נייע מיידעל-שולע, און זי וועט דאָרט, ארום דער שולע, האָבען געגנוג וואָס צו טאָן. זי האָט דעריבער בעשלאָסען צו בעזעצען זיך אין ווילנא.

זי האָט ווילנא מיט די פיזישע אויגען קיינמאָל ניט געזעהן, כאָטש זי איז געווען דאָ עטליכע מאָל. נאָר פאַר די אויגען פון איהר

גייסט איז קלאָר, אַז דאָ אין ירושלים פון ליטא, איז פֿאַראַנען אַ גרויסער באַדען פֿאַר אַזעלכע פֿאָלקס־אידעאַליסטען ווי זי. ווערא מאַטווייעוונא האָט אויסגעדינט איהר „סלושבע“. זי בעקומט יעצט איהר פּענסיע פון „יקא“ און האָט דאָס פולע רעכט און מעגליכקייט צו רוהען. אָבער זי איז ווייט פון דעם געדאַנק צו זיין אַ אינוואַלידין. זי האָט אויסגעקליבען ווילנא פאַר איהר אָברוה־פּלאַץ, ווייל זי ווייסט, אַז דאָ איז פֿאַראַנען אַזוי פיעל יודישע קינדער, וואָס שמאַכטען אין דער פינסטער, וואָס וואַרטען מיט אונגעדולד, אַז זי, ווערא מאַט־ווייעוונא, זאָל קומען צו זיי און מאַכען זיי ליכטיג...

יודיל באָרישאַנסקי.

(דעם אנדענקען פון אַ פאָלקס־אידעאַליסט).

יודיל באָרישאַנסקי איז אַ מערקווירדיגער טיפּ פון דער ווילנער יודישער גאַס. איך בין מיט איהם בעקאַנט געוואָרען אין די ביליגע וואוינונגען פון „יקא", וואו ער האָט געהאַט זיין דירה צווישען די איבעריגע יודישע קבצנים. אַליין איז אָבער באָרישאַנסקי ניט געווען קיין קבצן. ער האָט געשטאַמט פון די גרויסע ווילנער גבירים. האָט אַליין אַמאָל אויך געהאַט אַ סך געלד. נאָר פון זיין געלד און פערמעגען איז געוואָרען אַ תל. אַ טייל האָט מען איהם אָנגעזעצט. און אַ טייל האָט ער אַליין אַוועקגעגעבען.

זיין פאָטער האָט איהם געלאָזען אַ ירושה פון צעהנדליגע טויזענדער. אַז ער האָט בעקומען די רייכע ירושה, האָט ער ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן דערמיט. וואָרום באָרישאַנסקי איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, האָט גוט געקענט העברעאיש און פערשטאַנען רוסיש און דייטש, נאָר צום פּראַקטישען לעבען איז ער געווען גאָר ניט צוגעגרייט. פון געשעפט, בלאָף, האַנדעל האָט ער קיין שום בעגריף ניט געהאַט. דאָס איז געווען אַ דערוואַקסענער מענש, מיט דער נאַטור פון אַ קינד, אַ „תמים", ווי יודען זאָגען. אַזאַ מענש

האט געקענט נאר טאן איין געשעפט, וואס פאדערט ניט קיין קאפ־דרעהעניש: ווערען א „מלוה" און לעבען פון פראצענט. און באַרישאנסקי האט אזוי געטאן. ער האט גענומען זיין גאנצע ירושה און האט פערליהען לייטען. אזוי ווי אבער מאהנען האט ער ניט געקענט — ער האט קיין הארץ ניט געהאט יענעם אנצוטרעטען — און יעדער פון זיינע לייהער האט שוין געוואוסט זיין נאטור, האט מען איהם ס'פערשטעהט זיך אליין, דאס געליהענע געלד צוריק ניט אבגעגעבען. דאס וואס איהם איז נאך געבליבען, האט ער אליין צוגעבען, גמילות־חסדים, נדבות, קליינע הלואות. אבזאגען האט ער קיינמאל ניט געקאנט. ווער עס האט נאר געמאכט א קרומע מינע, ווער עס האט געהאט אן אומעטיג הארץ, האט ער איהם אבגעגעבען אלץ, וואס ער האט ביי זיך געהאט.

באַרישאנסקי איז געווען א טיפ פון געבארענע עדעלע פאלקס־אידעאליסטען, וואס קענען ניט צוזעהן דעם פאלקסליידען, וואס קענען ניט דענקען וועגען אייגענער רוה און בעקוועמליכקייט, בשעת זיי זעהען ארום זיך אזוי פיעל עלענד.

באַרישאנסקי איז אפילו ניט געווען א קינד פונ'ם פאלק, אזוי ווי דבורה אסתר. אבער ער איז געבארען און ערצויגען געווארען אין דער ווילנער יודישער גאס. ער האט נור געדארפט ארויס פון שטוב, אום צו זעהען דעם פערצווייפעלטען לעבענס־קאמפף פון דער יודישער מאסע.

ער איז געבארען געווארען מיט א דינער, צארטער נשמה, וואס פיהלט טיעף יענעם'ס שמערצען, גלייך ווי זיינע אייגענע, און נאך פיעל מעהר פון זיינע אייגענע.

איין אונטערשיעד, זעהר אוויכטיגער איז דא צווישען דבורה אסתר'ן און באַרישאנסקין. דבורה אסתר איז געווען, צו דער זעלבער צייט, אי א גרויסע אידעאליסטין, אי א מענש מיט זעהר אן אויסגערעכענטען, געזונטען, פראקטישען גייסט. א מוסטער פון א כלל־טוערין אין בעסטען דעמאקראטישען זין. איהר הילף האט געדארפט ניט שטילען די ליידען אויף א מאמענט, נאר שטעלען דעם בעדערפטיגען אויף די

פיס, ער זאָל קענען העלפען זיך אַליין. זי איז אויך געווען פעהיג צו אָרגאַניזירען, צו וועבען אַרום זיך חברים און חבר׳טעס, וואָס זאָלען איהר העלפען און וועמען זי זאָל קענען איבערגעבען בירושה איהר עדעלע ארבייט. זי איז געווען אַ פּראָסטע יודענע, האָט ניט געוואוסט פון קיין טעאָריע און האָט דאָך געווירקט סיסטעמאַטיש און געזעצט מיט איהר געבאָרענעם ריכטיגען פערשטאַנד און געפיהל.

באַרישאַנסקי איז אין אָט דער הינזיכט אַ פאָלקאָמנער קאָנט־ראַסט פון דבורה אסתר׳ן. ער ווייס ניט פון קיין סיסטעם. ער איז ניט פעהיג צו פערטראַכטען זיך אויף שפּעטער, ער האַנדעלט בלויז אונטער דער ווירקונג פונ׳ם אימפּולס, ווי עס דיקטירט איהם אין דעם מאָמענט זיין עדעלע, צאַרטע נשמה. דערזעהט ער אַן אָבגעריסענעם מענשען, איז ער מקיים דעם פּסוק: „כי תראה ערום וכסיתו״ — אַז דו זעהסט אַ נאַקעטען — דעק איהם צו״. ער נעהמט אראָב פון זיך דעם מאַנטעל, צי זיין ראָק, זיין פּאָר שטיוועל און גיט אַוועק יענעם. האָט איינער ניט וואו איבערצונעכטיגען — נעהמט ער איהם צו זיך. אויב פאַר איהם קומט ניט אויס קיין פּלאַץ — גערט ער אַוועק נעכטיגען ערגעץ אַנדערש. „מיך — זאָגט ער — קען מען און מ׳וועט מיך אריינלאָזען נעכטיגען אומעטום. אָבער אַן אונבעקאַנטען וויל קיינער ניט אַריינ־לאָזען״. איז ביי אימיצען ווער קראַנק, זאָרגט שוין באַרישאַנסקי וועגען אַ דאָקטאָר און מעדיצין, ער האָט שוין זיינע דאָקטוירים און אַפּטייקען און מעדיצין און גיט אַליין, אָדער קריגט ביי אַן אַנדערען מזומן-געלד, פאַר דער פאַמיליע פון דעם קראַנקען.

באַרישאַנסקי האָט געשטאַמט, ווי געזאָגט, פון ווילנער גבירים און יחסנים, אָבער ער האָט פיינד געהאַט די גבירים, יחסנים, גבאים, און אַלע כלי קודש. ער האָט נאָר געלעבט צווישען דער מאַסע, צווישען די אָרימע און — פאַר זיי. באַלד ווי מ׳האָט אויסגעבויט אין ווילנא די בילינע דירות, וואו עס וואוינען די ביטערסטע קבצנים, האָט ער זיך אריבערגעקליבען אַהין און האָט פערנומען אַ דירה׳לע פון איין צימער, פאַר דריי רובל אַ מאָנאַט, גלייך מיט אַלע אָרימסטע שכנים פון אָט די הייזער. באַרישאַנסקי איז געווען אַ געוויסע צייט אַ מיטגליעד אין

ווילנער „משמרת-חולים" אָן אנשטאַלט, וואָס גיט בילינע אָדער אומזיסטע הילף פאַר אָרימע קראַנקע. אַחוץ דעם, וואָס ער האָט דאָרט אַרום די קראַנקע געטאָגט און גענעכטיגט, האָט ער געפירט אַקאַמפּף נעגען די „גבאות" און „מחותנ'עשאַפט", וואָס הערשט דאָ ווי אין אַלע יודישע פילאַנטראָפּישע חברות. ער פלעגט געבען צעטלען צו אַזוינע דאָקטוירים, וואָס זענען פערפאַלגט, פערשלאָגען אָן אַזייט, דורך די גרויסע פירמעס, אָבער האָבען מיטלייד מיט אַ קראַנקען מעהר ווי די רייכע דאָקטוירים. דערפאַר האָט מען איהם פון דאָרטען אַרויס־געשטופּט. איז ער אַריין אין דעם „גמילות-חסד" אויף „רוזעלע" די אָרימסטע יודישע פאָרשטאַדט אין ווילנא. אַסך מענשען, אַפילו די אָרימע פלעגען עקספּלואַטירען באָרישאַנסקיס ווייכהערציגקייט און תמימות. מ'האָט געוואוסט, אַז ער קאָן קיינעם ניט אָבזאָגען, לייהט מען ביי איהם אויף ניט אָוועקצוגעבען, און זיינע געלד איז צושפּרייט ביי הונדערטער מענשען. דערפאַר זענען דאָ אַזוינע מענשען: רייכע יודען פון דעם אַלטען שניט, וואָס האָבען ליעב צו געבען צדקה „מתן בסתר" — בעהאַלטענערהייט, קיינער זאָל ניט וויסען, און זיי פלעגען אונטערהאַלטען באָרישאַנסקין. דאָס הייסט ניט איהם פּערזענליך — פאַר זיך האָט באָרישאַנסקי ניט געדאַרפט, גאָר נישט — נאָר זיי פלעגען העלפען דורך איהם די נויט-בעדערפטיגע. אַזוינע סאָרטען יודישע בעל צדקה'ס, וואָס גיבען „מתן בסתר", זענען שטענדיג דאָ אין ווילנא. מ'דערצעהלט פון אַ רייכע יודישע הויז, וואו דער מאַן גנב'עט פון דער ווייב און די ווייב גנב'עט פון דעם מאַן. דאָס הייסט ער גיט אָוועק ביז דרייסיג-פערציג רובל אַ וואָך צדקה בשתיקה דער ווייב, און זי צוטיילט אויך אַזוי פיעל בשתיקה דעם מאַן. אַזוי שטאַרק איז די ענייוות, דער עדעלער האַס צו רעקלאַמעס און גבאות, אַז מען האַלט די גרעסטע „קאָנספּיראַציע" אַפילו נעגען דעם נאָהענטסטען פריינד אום עס זאָל ניט קומען צו גאוות.

באָרישאַנסקי'ס פּערזענליכער לעבען איז ניט אָוועק אַזוי נאָרמאַל און פּשוט ווי דבורה אסתר'ס. זיין גאַנצער פאַמיליען-לעבען איז אַ דראַמע. זיין רואינירט ווערען האָט אָנגעגריפען זיין גייסט. אַז ער

איז בעסער געוואָרען, האָט פּאַסירט ביי איהם ווידער אַ קאַטאַסט־ראָפע: גנבים זענען איהם בעפאַלען, מיינענדיג, אַז ער האָט געלד. זיין פרוי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אויף דעם גערויש פון די נאַכט-איינברעכער, האָט מען איהר געגעבען מיט אַן אייזען איבער׳ן קאָפּ. זי איז אַראָב פון זינען, באַלד נאָכדעם, און איז געשטאָרבען. פון דעמאָלט אָן איז באָרישאַנסקיס פּערזענליכער לעבען אין גאַנצען צובראָכען געוואָרען. די קינדער זענען צולאָפען. ער איז געבליבען אויף דער וועלט איינער אַליין. זיין גייסט האָט פון דער קאַטאַסטראָפע שטאַרק געליטען. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו שלאָפען. זיינע שכנים און בעקאַנטע פלעגען זיך וואונדערן, ווי אַזוי עס האַלט זיך איין ביי איהם די נשמה. אַליין דערמאָהנען זיך אויף עסען פלעגט ער קיינמאָל ניט. מיט גרויס מיה פלעגט זיך איינגעבען זיינע בעקאַנטע איבערצוריידען איהם, ער זאָל עפּעס צובייסען. נאָר באָרישאַנסקי האָט ניט ליעב געהאַט ביי יענעם צו עסען און בכלל יענעם צו בעלעסטיגען. אַז ער פלעגט אַ ריינגעהן צו יענעם, פלעגט ער עטליכע מאָל פרעגען הינטער אַ רום, צו יענער האַלט ניט אין עסען, אויב יע—פלעגט ער בשום אופן ניט אַ ריין.

אין באָרישאַנסקיס צימער איז געווען אַן אמת׳ע איבערקעהרעניס. אַ מין „תהו ובהו״. דאָרט איז אַלעס געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואָרפען אין אַ ווילדער אונאָרדנונג פון כל־ערליי שמאַטעס, פּאַפּירען, קאָשיקעס, אַלטע בגדים, אַלטע ברעטלעך, קעסטלעך, איבערגעקעהרטע שטולען, מיט די פיסלעך אַ רויף, אויף יעדער פיסעל שטעקט אַן אַלטער קאַפּעליוש. די קאָשיקעס פול מיט קויהלען, מיט שישקעס, וואָס ער פלעגט אָנשלעפּען זומער פון וואַלד. אנשטאַט אַ בעט איז געשטאַנען עפּעס אַ מין „קאַיקע״ אָדער „נאַרע״ ווי אין אַ טורמע; אַנשטאַט בעטגעוואַנד — שמאַטעס און בערג מיט אַלטע צייטונגען: העברעאישע, יודישע און רוסישע. וואָרום וואָס פאַר אַ צייטונג באָרישאַנסקי זאָל ניט האַלטען אין האַנד האָט אַלץ געמוזט בעהאַלטען ווערען. יעדע פּאַפּירעל בכלל איז ביי איהם געווען „קודש קדשים״. דאָס אַלעס פלעגט אויפגעלעגט, סאָרטירט און פּערפאַקט ווערען אין גאַנצע

אַרכּיוועז. אַנשטאָט אַ קיסען — פּעק מיט אויפגעלעגטע בלעטער. דערויף פלעגט ער, שלאָפען, ד. ה. אייגענטליך, ליגען. וואָרום שלאָפען פלעגט ער ניט. אין זיין צימער איז אונמעגליך געווען דורכצושפּאַרען זיך דורך דעם גאַנצען „קוטעל" פון קאָשיקעס, פלעשלאַך, שמאַטעס, פּאַפּירען, קעסטלאַך, העלצלאַך און איבערגעקעהרטע שטוהלען און בענקלאַך. געהייצט פלעגט ביי איהם קיינמאָל ניט זיין, אין גרעסטען פראָסט. טאָמער פלעגט אַ שכנה וועלען דורכהייצען, ער זאָל ניט פריהרען, האָט ער ניט געלאָזען. אויב זי פלעגט זיך איינשפּאַרען, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט איהר רופען צום רב. קיין העמד האָט ער קיינמאָל ניט געוואַשען. בשעת ער פלעגט טראָגען איין העמד האָט זיך די אַנדערע געלופטערט אַ פּאָר מאָנאַטען אויפען פענסטער איבער'ן געלעגער. אָנגעטאָן די „ווייסע" פלעגט ער אויפהענגען די אַלטע „לופטער'ן".

ניט קוקענדיג דערויף, האָט יעדער, מיט וועמען איהר האָט גערעדט אין ווילנא וועגען באָרישאַנסקין — געפיהלט צו איהם דעם גרעסטען רעספּעקט. ער איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין שטאָדט, ווי עס איז געווען דבורה אסתר. נאָר קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט און זעלטען ווער עס האָט געוואוסט, ווי שרעקליך איז באָרישאַנסקיס אייגענער לעבען. אַפילו די אייגענע קינדער האָבען פערלאָזען דעם אונגליקליכען, וועלכער איז נאָך גאָר ניט געווען קיין אַלטער מאַן, בשעת איך האָב זיך מיט איהם בעקאַנט. ער איז אַלט געווען ניט מעהר ווי אַ יאָהר עטליכע און פערציג.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך געהערט, אַז באָרישאַנסקיס אַמעריקאַנער קינדער האָבען איהם געשיקט אַ שיפסקאַרטע און געלד, ער זאָל פּאָהרען צו זיי. נאָר ער האָט ניט געוואָלט. ער קען ניט דענקען וועגען אייגענע בעקוועמליכקייט — האָט ער זיי געענטפערט — בשעת אַרום איהם איז אַזוי פיעל צרות און אָרימקייט.

אין אַ יאָהר אַרום נאָך מיין בעקאַנטשאַפט מיט יודיל באָרי־שאַנסקין, איז ער געשטאָרבען. ער איז קיין סך ניט קראַנק געווען. זיין פריהצייטיגער טויט איז פאַר קיינעם קיין וואונדער ניט געווען. פיעל

מעחר וואונדער איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, נעקענט לעבען. דאָך האָט זיין טויט אָנגעמאַכט אַ רושם אין ווילנא. טויזענדער טויזענדער זענען געגאַנגען צו זיין לויה. נאָך באָרישאַנסקיס טויט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער — אַן אַמאָליגער גביר — האָט געלאָזען קאַפּיטאלען אין די צדקה־אַנשטאַלטען, וואָס זאָרגען פאַר קראַנקע. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט ירושה פון זיין רייכען טאַטען אַ גרויסע מאָנאַטליכע פּענסיע, וועלכע ער האָט אויך צוטיילט צווישען בעקאַנטע אָרימע און קראַנקע. אַ סך לעגענדען געהען אום אין ווילנא איבער אָט דעם מערקווירדיגען מענשען. דאָס איז איינער פון די טיפּען, אויף וועלכע די רעוואלוציע האָט געווירקט גאָר אויף אַ מאָדנעם שטייגער. מען זאָגט, אַז ער איז אַ מאָל געזעסען אין טורמע פאַר האַלטען און לעזען רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. פון די אונטער־ערדישער רעוואָלוציאָנערע בלעטער האָט ער פערשטאַנען און אַרויסגעטראָגען נור איין זאַך: טיעפּע אונענדליכע ליעבע צו אַלע ערנידעריגטע און בעליידיגטע.

און ניט אַריינגעהענדיג אין קיין שום פּאַרטיי, האָט ער אָבגעגעבען זיין לעבען אין גאַנצען דער זאַך פון ליעבע צו אַלץ, וואָס איז געדריקט און ליידט. ער האָט ניט ליעב געהאַט רבנים און כלי קודש, האָט פיינד געהאַט די גבירים־פילאַנטראָפּען מיט זייער נאַרישער גאווה. ער האָט פערבונדען זיין טעטיגקייט נור מיט אַזעלכע אַנשטאַלטען, דורך וועלכע ער האָט געקענט קומען נאָהענט צו דער אָרעמער, קראַנקער מאַסע, צו אָרעמע און קראַנקע בכלל. אַז ער האָט צווישען זיי געטראָפען נאָך דערצו אַן אינטעליגענט, אַ משכיל, האָט ער איהם אָבגעגעבען זיין גאַנצע נשמה. אַן אינטעליגענטען ארבייטער האָט ער ליעב געהאַט, ווי דעם לעבען.

די צוויי אַנשטאַלטען, דורך וועלכע ער האָט געקאָנט קומען אין בעריהרונג מיט דער ליידענדער מאַסע, זענען געווען די ווילנער „משמרת חולים“ און די „גמילות חסדים“־קאַסע, וואָס ער האָט אַליין געגרינדעט אין דער פאָרשטאַדט „זאַרעטשע“. דאָ האָט ער געטאָגט און גענעכטיגט.

אויף יודיל באַרישאַנסקיס לויה, אזוי ווי אויף דער לויה פון דבורה אסתרין (ער איז געשטאָרבען אַפּאָר יאָהר נאָך איהר) איז אויך געווען, אַחוץ פיעלע טויזענדער פונ׳ם פאָלק, די בעסטע ווילנער אינטעליגענץ. מען האָט איהם געגעבען דעם שענסטען אָרט אויפ׳ן פעלד פון דער אייביגער רוה.

מיט דעם טויט פון יודיל באַרישאנסקי האָט די יודישע בעפעלקערונג אָנגעוואָרען דעם לעצטען און בעסטען פון די יודישע פאָלקס־אידעאליסטען פון דעם אַלטען שניט. אַטיפּ פון די, וואָס ווערען געשילדערט אין דער לעגענדע פון די „למד־וואָווניקעס״, וואָס לעבען אין דער שטיל, טוען די גרעסטע וואונדער פון ליעבע צו דער ליידענדער מענשהייט בעשיידען. טוען זייער זאַך פערבאָרגען, אומבעוואוסט פאר זיך אַליין, פון דער גרויסער ראָלע, וואָס זיי שפּילען אין לעבען פון זייערע מיט־מענשען. די צייטונגען קלינגען וועגען זיי ניט. מען שטעלט זיי ניט קיין גרויסאַרטיגע מאָנומענטען. מען זאָגט אויף זיי ניט אין די שולען קיין גרויסע הספדים. נור זיי בלייבען לעבען אין די הערצער פון די, וועמען זייער נשמה האָט אין דער שטיל און אין דער פינסטערניש געלויכטען, וואַרימקייט און טרייסט אין די הערצער געגאָסען, און וועלכע לעבען, ליעבען, ליידען און שטאַרבען אַזוי אומבעמערקט און שטיל, ווי די מאַסען אַליין.

נפתלי „פיף" און קלמן „ריפע".

(האמלער פאלקס-אידעאליסטען)

שטעהענדיג אין דער יודישער קאאפעראטיווער שיך־קראם אין האמעל — דאס איז געווען ערב־שבת, — האב איך דערהערט פלוצלונג א פייף און באלד נאך דעם איז געווארען אין די קראמען־ראדעס א בעוועגונג. איך האב געמיינט, ס'איז ערגעץ א שרפה און האב געוואלט ארויס פון קראם זעהן, וואס איז דער מעהר? נאר מיין בעגלייטער פון „ראי" *) האט מיך מיט א געלעכטער בערוהיגט.

— ס'איז גארנישט, גארנישט, — האט ער געזאגט. דאס איז נפתלי פייף'ס ערשטער סיגנאל צו פערשליסען די קראמען. ווארט א ווײלע. באלד וועט זיין, מסתמא, דער צווייטער „פייף".

און אזוי איז געווען. אין אפאר מינוט ארום האט זיך געלאזט הערען נאך א פייף, א שארפערער, אבייזערער, און די האמלער קרעמער־האוועניקעס האבען דאס מאל זיך א שטארקען צוכע געטאן, און ס'איז געווארען א בראזגעריי מיט די שליסלען אין די טירען. דער פערוואל־טער פון דער יודישער קאאפעראטיווער שוסטער־קראם האט אויך גענומען איילען די לעצטע יודענע, וואס האט געהאלטען אין מעסטען שיך.

ארויסגעהענדיג האב איך פונ'ם פערוואלטער און מיין בעגלייטער זיך דערוואוסט, אז „נפתלי פייף" האט אויף זיך גענומען אבהיטען האמליער יודען פון מחלל שבת זיין. נאר ער מאכט דאס אויפ'ן

*) פארשטאדט אין האמעל, וואו עס וואוינען די ארימסטע יודישע בעלמעלאכעס און מענשען פון דעק.

מאָדערנעם שטייגער. האָמליער יודען זענען שטאַרק פערגויט, און צום ערשטען פייף ריהרט מען זיך ניט פון אָרט. מוז דעריבער נפתלי — אַ מלמד פון ראַי — ברויכען מעהר שטרענגקייט. ער געהט נאָר דורך, ווי דער מינסקער ר׳ יעקב מאיר, אַלע קראָמען, קוקט ניט אריין אין יעדער קראָם בעזונדער. ער שטעלט זיך, ווי אַ פעלד-מאַרשאַל פון וויטען, אָנהויב מאַרק און גיט אַ קאָמאַנדע, פריהער רוהיג און דערנאָך בייז. האָמליער קרעמער לאַבען אונטער פון דעם פייף. פון דעסטוועגען האָבען זיי דרך ארץ, און צום דריטען פייף קומט דאָס במעט קיין מאָל ניט.

אַ סך אַן אָריגענעלערער יוד פון „נפתלי פייף" איז „קלמן „ריפּע". „ריפּע" רופט מען איהם, ווייל ער האָט אַ פידעלע און פידעלט. און ער „ריפּעט", ד. ה. ער פידעלט ניט גלאַט אין דער וועלט אריין, נאָר ווען ער דאַרף האָבען געלד. און געלד דאַרף ער ניט פאַר זיך. זיינע אייגענע חשבונות מ׳ט דער וועלט האָט ער שוין לאַנג אויפגעגעבען. און איצט דאַרף ער האָבען געלד, אַ סך געלד, פאַר זיינע לייט.

קלמן „ריפּע׳ס" לייט זענען גאָר פון אַ בעזונדער מין.

ניט געוועהנליכע קבצנים, מיט וועלכע אַ יודיל באָרישאַנסקי, אָדער אַ דבורה אסתר (ווילנער פאָלקס-אידעאַליסטען), אָדער אַ הדסה (פון רוזשינאָי) האָבען געהאַט צו טאָן. זיינע קונד׳ען זענען ניט קיין פשוטע אָרימע לייט, אָדער פשוט׳ע חולאים. ער האָט צו טאָן מיט קריפּעלס. ווער קען וויסען די נשמה, די מאָטיווען פון אַ קלמן „ריפּע", פאַר וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען גראָד אָט דעם „אַרטיקעל"; פאַר וואָס זיין צאַרט פיהלענד הארץ האָט ליעבע און מיטלייד נאָר צו די מענשען, וואָס זענען אייגענטליך ניט קיין קראַנקע, אָבער ניט קיין גאַנצע—מענשען מיט אַ מום, מיט אַפעהלער אין קערפּער, אָדער אין דער נשמה. אפשר דערפאַר, וואָס גראָד צו דעם סאָרט מענשען, איז די וועלט קאַלט און אונגערעכט. מיט אַן אָרימען, מיט אַ געוועהנליכען קראַנקען האָט מען נאָך, ווי עס איז, מיטלייד. בנוגע

צו אַ קריפּעל אָבער, קען דער איידעלסטער מענש זיך ניט וועהרען פֿון עפּעס אַ מין עקעל־געפיהל. מענשען מיט אַ קערפּערליכען אָדער גייסטיגען מום טראָגען מיט זיך אין דער נשמה אן אייבּיגע וואונד, וואָס איז פיעל טיפער און ברענענדיגער, ווי אַ געוועהנליכע אויסערליכע וואונד. דער הארבּאַטער, דער קאַליקער, לעזט אין יעדענס אויג דאָס עקעל־געפיהל, ווי יענער זאָל זיך ניט מיהען עס צו פערבּאָרגען. ער פיהלט אַז מ׳רעדט צו איהם ניט, ווי צו אַ גלאַטען מענשען. מאַכט מען צו איהם אפילו די פריינדליכסטע מינע, בעליידיגט זי איהם נאָך טיפער. ווייל ער פיהלט אַז דאָס איז געצוואונגען, ניט אויפריכטיג; אַז אונטער דער אויסערליכער פריינדליכקייט ליגט בעהאַלטען אַ שלעכט אָבשטויסענדיג געפיהל. פון דעם געפעהלערטען מענשען אַנטגעהט ניט קיין איין פאַלשע מינע אין דעם גאַנצען מענשענ׳ס געזיכט, ווען יענער רעדט צו איהם. און ער געהט שטענדיג מיט אַ וואונד, וואָס הערט קיין מאָל ניט אויף צו בלוטען, וואָס קען קיין מאָל ניט אויסגעהיילט ווערען, וואָס איז ביטערער פון הונגער און שרעקליכער פון קרענק.

ס׳איז מעגליך, אַז קלמן „ריפּע״ מיט זיין זעהר צאַרטער נשמה האָט אָט די אונגליקליכע זיין לעבען אָבגעגעבען, ווייל זיי נויטיגען זיך מעהר פון אנדערע אין אַ פריינד. ער גיט זיי דאָס, וואָס עס קען ניט געבען קיין שום אַזיליום, קיין שום דאָקטאָר אין דער וועלט. ער גיט זיי אַ פשוט הארץ פול מיט ליבע, מיט זיין אונגעקינסטעלטער, אונגעפעלשטער ליבע.

קלמן „ריפּע״ איז געוועזן אַמאָל אַ יוד אַ סוחר. נאָר פלוצלונג, ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעפיהרט מעהר ווי אַ האַלב וועלט; האָט שוין געהאַט אויסגעגעבענע קינדער, אָבער נאָך ניט קיין אַלטער מאַן — האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז ער לעבּט שלעכט. ווי האָט אַ מענש רעכט צו טראַכטען נאָר וועגען זיך, ווען אַרום איז דאָ אַזוי פיל עלענד, אַזוי פיל טרערען.

האָט ער אויפגעגעבען זיין קראָם, פערלאָזען ווייב און קינד, און איז אַוועק אין גאַנצען און אויף אַלע מאָל צו די ערנידרינטע און

בעליידיגטע. פון זיין פריהערדיגען פערמעגען, וואס איז געווען געבוי אויף ליגען, אויף פאלשקייט, האט ער גאר נישט געוואלט נעהמע מיט אין זיין נייע וועלט. נאר די פידעל האט ער געלאזען ביי זיך. און מיט דער פידעל איז ער געגאנגען בויען דאס נייע לעבען.

איז וואו א חתונה, א שמחה, איז שוין דארטען קלמן מיט זיין „ריפע", מיט זיין פידעל הייסט דאס, און איז משמח חתן, כלה, מחותנים און דעם עולם. אז ער קומט אריין אין גרוים התלהבות, פערלעגט ער די פידעל אויף הינטער, און שפילט אויס פון הינטען מיט'ן סמיק אלע זיינע שענסטע פאנטאזיעס. אבגעשפילט שטעלט ער אוועק א טעלער, און דער עולם ווייס שוין אז מ'דארף ווארפען קליין געלד. קלמן פוילט זיך ניט צו שפילען אין וואגאן אויך. אפטמאל, איבערהויפט זומער, מאכט ער אויף אזא נ'אופן היבשע נסיעות. אין האמעל גופא קען איהם קינד און קייט. דער עולם ווארפט גערן אין זיין טעלער. אין וואגאן מאכט ער אויך נישט קשה'דיג פון זיין „ריפען", ווען דער עולם קען דעם שפילער. עס טרעפט אבער, אז אן אונבעקאנטער נעהמט איהם אן פאר א גאסען־מזיקאנט און ערלויבט זיך מיט איהם א שפאס. קלמן „ריפע" ענטפערט דאן גאר ניט. ריפעט אב און פעררוקט זיך אין א ווינקעלע.

קלמן איז בטבע א שווייגעדיגער, א „שתקן", ווי האמליער יודען דריקען זיך וועגען איהם אויס. ער האסט ניט די מענשען, וואס ווארפען איהם אונטער קליין געלד אין טעלער, אבער ליבען קען ער זיי אויך ניט, און חבר'ט זיך מיט זיי ניט. דערפאר אבער ווערט ער גאר אנ־אנדערער, ווען ער קומט צו זיינע לייט — די קריפעלם פון זיין אזיליום. מיט זיי פיהלט ער זיך פריי, אויפגעקניפעלט. זיי ריפעט ער ניט, נאר שפילט פאר זיי אויס אלע קונציען, פין פארעגט און פון הינטען, אויף זיין פידעל. מיט זיי, מיט די קריפעלם, פיהלט ער זיך היימיש און אונגעצוואונגען. און זיי מיט איהם אויך.

רבי חיים סאָלאָווייטשיק.

(דער בריסקער רב).

רבי חיים סאָלאָווייטשיק, דער בריסקער רב, איז שוין לאנג בעריהמט אין דער וועלט פאַר דעם גרעסטען למדן צווישען היינטיגע רבנים. נאָכ'ן טויט פון ר' יצחק אלחנן, איז ער, רב חיים סאָלאָווייטשיק, אנערקענט געוואָרען, אלס דער גרעסטער גאון, אלס העכסטער אויטאָריטעט אין לומדות, אין אלע זאכען, וואָס זענען שייך צו רעליגיאָן. פון אלע עקען וועלט ווענדען זיך צו איהם רבנים מיט הארבע שאלות ותשובות, אלס צו דער העכסטער אינסטאַנץ. אויף די רב'נישע און רבייאישע צוזאמענפאָהרען אין רוסלאנד האָט מען זיך צוגעהערט צו זיין שטימע מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. אין דער יונגערער וועלט איז ר' חיים סאָלאָווייטשיק א נאָמען, וואָס דריקט אויס א בעגריף פון פערביסענעם פאַנאַטיזם, וואָס וויל ניט וויסען פון קיין שום פשרות מיט די אפיקורסים, פון קיין שום נייע צייטען מיט זייערע נייע פאָדערונגען. אָט אזא איז דער בריסקער רב, רב חיים סאָלאָווייטשיק, לויט זיין גרויסען שם, וואָס ער האָט ארום, אין דער ווייטער און ברייטער וועלט.

איהר דאַרפט אבער נאָר פערברענגען עטליכע טעג אין בריסק — ערשיינט אייך אָט די אלגעמיינע אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט, אין א גאַנץ נייער געשטאַלט. אין בריסק רעדט מען וועניג וועגען די לומדות און גאונות פון ר' חיים סאָלאָווייטשיק. מ'רעדט דאָ אויך

ווענינ פון זיין פאַנאַטיזם. בריסקער יודען קענען זייער רב, רב חיים סאָלאָווייטשיק, פון אַן אנדער זייט. אויף אַלע קרייזען פון דער בריסקער יודישער בעפעלקערונג מאַכט אַן אומגעהויער טיפען איינדרוק זיין הויכע מאָראַלישע פּערזענליכקייט. און דאָ טרעפען זיך צוזאַמען די אַלע טיינונגען פון דער היגער יודישער געזעלשאַפט. יונגע מענשען מיט פרייע רעליגיעזע געדאַנקען, פּונקט אַזוי ווי עלטערע פרומע יודען, דערצעהלען אייך מיט גלייכער בעגייסטערונג פערשידענע מעשות וועגען זייער רב; מעשיות, וואָס זענען ענליך צו לעגענדען וועגען אַמאָליגע בעהאַלטענע „למדוואָווניקעס".

ר' חיים סאָלאָווייטשיק איז אַ ברייטער יוד, מיט ברייטע אַקסלען מיט אַ ברייטען נאָז, מיט אַ פּאָר גרויסע ברוינע אויגען, וואָס קוקען קינדיש־אונשולדיג אין דער וועלט. ער האָט אין זיך ניט קיין שום פער'דבק'ט־רבנישע מאַנירען; קוקט ניט אַ ראָב מיט אַ פערקנייטשטען שטערען, האָט ניט קיין צוואווייקטען פּנים און קיין תנועות פון אַ געקרוינטען „גדול". דאָס איז אַ פשוט'ער גלאַטער יוד, וואָס קען אָבער די וועלט אויף זיין שטייגער. קען זי אפשר בעסער פון אייך, וויים אָבער ניט פון קיין שום קונצען. און כאָטש אַלע זאָגען אַז ער האָט אַ גרויסען קאָפּ, וואָס פערמאָגט אַ סך חריפות און גאונות, און וואָס צוליב איהם האָט ער זיך אַ גרויסען שם אין דער וועלט געקראָגען, לעבט ער אָבער ניט מיט'ן קאָפּ, נאָר מיט'ן האַרצען. און אַ האַרץ האָט ר' חיים סאָלאָווייטשיק פול מיט ליעבע צו אַלע מענשען, און פון אַלע מענשען מעהר צו די דערשלאָגענע און געפאַלענע, צו די לעצטע אויפ'ן לויטער פון מענשליכען גליק.

דער בריסקער רב איז דער לעצטער רב פון יענעם טיפּ גאָר אַמאָליגע רבנים, וואָס האָבען ניט געוואוסט פון קיין „צורת המטבע". אַט האָט איהם דער שמש פון קהל געבראַכט זיינע שבירות, איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּירעל. ר' חיים נעמט צו ביים שמש דאָס פּאַפּירעל און לעגט עס אריין, ניט איינקוקענדיג זיך, אין קאָמאָד. אין איינינע מינוטען אַרום קומט אריין אַ יודענע און קלאָגט זיך: זי האָט ניט קיין ברויט, צי אַ קינד איז קראַנק — מ'דאַרף אַ דאָקטאָר.

רבי חיים נעמט ארויס פון קאמאָד דאָס פּאַפּירעל און גיט עס אַוועק דער יודענע, און דאָרט איז אַ צוואַנציג, דרייסיג רובל געווען.—אזוינע זאכען פלעגען פאַרקומען אָפט. ס׳פלעגט טרעפען, אַז ווען ר׳ חיים אַליין האָט געדאַרפט עסען, איז ניט געווען וואָס.

איז געבליבען ביי שטאָדט: מעהר ניט צוגעבען די שכירות ר׳ חיים׳ען אין האַנד. זיין ווייב, די רביצין, בעקומט עס.

ר׳ חיים׳ען ווערט געגעבען פון שטאָדט פּאַרטיגע האָלץ אויף בעהייצונג. כאַפּט זיך קהל אַמאָל, אַז דער רב איז אַ צו גרויסער בעל הוצאה אויף האָלץ: פינף הונדערט רובל אַ יאָהר שטעהט פערשריבען. ווערט ביי אַלעמען אַ קשיא: ניט אנדערש, אַז דער צושטעלער בעד גנב׳ט דעם רב און די שטאָדט, מאַכט מען אַ חקירה ודרישה. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער צושטעלער איז ניט שולדיג: דער רב בעקומט דאָס גאַנצע האָלץ פאַר דער גאַנצער סומע. זוכט מען ווייטער און מ׳געפינט, אַז דער רב אַליין פערברויכט אפשר אַ צוואַנציגסטעל פון די האָלץ און דאָס איבריגע צושלעפּען אָרימע לייט. ניט חלילה זיי גנב׳ענען, נאָר זיי קומען און נעמען, ווער וויפיל עס דאַרף. וואָרום קיין שלאָס העננט ניט אויפ׳ן רבינ׳ס שטאַל. דער שטאַל איז אָפען פאַר אַלעמען.

האט מען געוואָלט אויפהענגען אַ שלאָס. לאָזט ניט ר׳ חיים „וואָס הייסט״, זאָגט ער, ווי קען ער זיצען ביי אַ וואַרימען אויוועך, בשעת ביי אַ סך אָרימע לייט איז דער אויוועך קאַלט....

נור ניט בלויז אָרימע לייט קומען צו ר׳ חיים׳ען. געפאַלענע פרויען קומען צו איהם אויך. אַ מיידעל האָט זיך פערזינדיגט. עס איז איהר געקומען איינס פון די צוויי: אָדער זיך אַ טויט מאַכען אָדער איהר קינד, פון אַ אונגעזעצליכען טאַטען. ווער וועט איהר נעמען אויף אַרבייט מיט אַ „ממזר״. זי איז אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט און יעדער טייט אויף איהר מיט די פינגער. אָהן דאָס קינד איז פאַר איהר אָפען די וועלט. פאָהרט זי אַוועק אין אַ אַנדער שטאָדט, אין אַן אַנדער לאַנד. דאָס קינד איז ביי איהר קין׳ס צייכען. ס׳דערמאָהנט איהר אַלע ווײַלע און פאַר דער גאַנצע וועלט איהר שאַנדע, איהר זינד.

צו וועלבען רב, וואלט אזא פרוי געוואגט צו געהן מיט אזא הארצוועהטאג, נור צו ר׳ חיים׳ען געהט זי און פרעגט אין פערצווייפעלונג: „רבי, וואס זאל איך טון?“ ר׳ חיים פאלט ניט אן אויף איהר, שילט איהר ניט, זאגט ניט קיין מוסר. שווייגענדיג הערט ער איהר אויס און זאגט איהר דערנאך שטיל: ברענג צו מיר דאס קינד.

די פערזינדיגטע ווערט איבערראשט. גלויבט ניט איהרע אויערן.

— וואס הייסט... ווי קען איך אייך, רבי,— שטאמלען איהרע ליפען... לייט וועלען זעהן, זואס וועלען לייט זאגען?!!

נאר ר׳ חיים זאגט איהר מיט׳ן זעלבען ווייכען שטילען טאן: ברענג צו מיר דיין קינד, מארגען גאנץ פריה, פינף א זייגער פארטאג, ווען קיינער ניט זעהן. קלאפ אן אין טיר, וועל איך דיר אליין עפענען און צונעמען דאס קינד.

און אויף מארגען פינף א זייגער פארטאג, ווען אלץ ליגט איינגעהילט אין א טיפען שלאף און די נאכטיגע שאטענס געוועלטיגען נאך אונגעשטערט אין די גאסען און געסלעך, אויף די בוידימער און אין די געוועלבער, בלאנדזשעט אן׳אונגליקליכע יונגע מוטער דורך זייטיגע געסלעך מיט א קערביל אין האנד, קומט צו צום רב׳ס טיר און קלאפט אן. און עס עפענט זיך גלייך די טיר, און עס שטרעקט זיך אויס איהר אנטקעגען א האנד, ר׳ חיים׳ס האנד, און נעמט ביי איהר צו שטיל, ניט רעדענדיג א ווארט, דאס קערבעלע מיט דעם, וואס דערינען ליגט.

אט אזוינע לעגענדען געהען אום אין בריסק וועגען ר׳ חיים׳ען. מ׳זאגט, אז ביי דעם בריסקער רב אויפ׳ן הויף איז דא א הויז און דארטען האדעווען זיך עטליכע צעהנדליג אזעלכע קינדער. וויפיל מאל האט ר׳ חיים אויף אזא נ׳אויפן מקיים געווען די גאנצע תורה. ס׳איז דאך אבפירושע גמרא: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים כל התורה כלה“, סהייסט: ווער עס דערהאלט ביים לעבען איין יודישען נפש, איז אזוי ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה. נאר איך צווייפעל, אויב דער בריסקער רב קלערט, בשעת מעשה, וועגען אט דער גמרא. ווארום ר׳ חיים לעבט מעהר מיט דער הארץ, ווי מיט׳ן

קאפ.

רבי חיים סאלאווייטשיק איז געווען א צייט ראש ישיבה אין וואלאזשין. אט איז א פאקט, וואס כאראקטעריזירט זיינע באציהונגען צו די ישיבה־בחורים.

„מיר זענען געפאָהרען צוזאמען,— דערצעהלט מיר א געוועזענער וואָלאָזשינער לערנער,—איצט א לעהרער און א ליטעראַט — פון וואָ־לאָזשין צו דער סטאנציע פון באהן. איך און רבי חיים, און א משגיח פון דער ישיבה. איך האָב געהאט מיט זיך צוויי שווערע פעק. אראָב־געהענדיג פון פוהר, וועלכע האט זיך אָבגעשטעלט ביי אנ'אכסניא, ניט גאָר נאָהענט פון דער באהן־סטאנציע, האָט ר' חיים אָנגענומען איינעם פון מיינע פעק און געלאָזט זיך טראָגען צום באהן. איך האָב, אנ'ערשטוינטער, געוואָלט אָבנעהמען ביי איהם דעם פאק און טראָגען אליין, שטאמלענדיג: סטייטש, רבי... איהר זאָלט טראָגען מיין פאק?..

נור רבי חיים האָט ניט געלאָזען פון האנד.

— עט, עט, נישקשה, געה, געה, וואס הייסט? דו זאָלסט טראָגען צוויי פעק און איך זאָל געהן מיט לעדיגען?..

עס איז שווער צו זאָגען, וואס פאר א פארשטעלונג רבי חיים סאלאָווייטשיק האָט געהאט פון דער רעוואלוציאָנערער בעוועגונג אין „יענע שטורמדיגע טעג". דער בריסקער רב איז, לויט זיין בעשטימונג און בערוף, א „יושב אוהל", א רב, וואס זיצט און לערנט, און מישט זיך וועניג אין וועלטליכע זאכען. אָבער ווען זיין גרויסער קאָפּ האלט איהם אין חדר און זוכט שפייז נור אין דער גמרא און איהרע מפרשים, קאָן זיין גרויסע הארץ דאָך זיך ניט איינשליסען אין גאנצען אין די טרוקענע אלטע בלעטער, און מוז, ניט ווילענדיג, קומען אין בעריהרונג מיט'ן לעבעדיגען לעבען. און ווען רבי חיים געהט ארויס פון זיין חדר און קומט אין בעריהרונג מיט א ווינקעל פון לעבען, ווערט שוין דאָרט, אין יענעם ווינקעל, ליכטיג אין ווארים פון זיין ליכטיגע נשמה אין טיעף ליבענדער הארץ.

דאָס לעבען האָט איינמאל אריינגעשלעפט ר' חיים געגען זיין ווילען, אין רעוואלוציאָנערען שטראָם. ער האָט געמוזט ארויס פון זיין

אָבגעזונדערטען חדר, קומען און זאָגען זיין וואָרט. און ער האָט געזאָגט, אזוי ווי ר׳ חיים, ווי א מענש מיט אזא אונגעקינסטעלטער, גרויסער האַרץ, ווי ער, האָט געקענט זאָגען.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער דומא, אן ערב יום כפור. ס׳איז שוין געווען דונקעל. דער עולם איז שוין לאַנג געווען אין שוהל. רבי חיים איז אויך געגאַנגען אין שוהל. פּלוצלונג זענען צו איהם צוגעגאַנגען עטליכע יודען און האָבען איהם דערצעהלט א שרעק־ליכע געשיכטע. זיי האָבען דערצעהלט, אז מאָרגען דאַרף זיין דער סוד אין מיליטער־געריכט איבער א פּאָר יונגע לייט. זיי ווערען גע׳משפּט, די יונגע לייט, פאַר אַן׳עקספּראָפּריאַציע, וואָס אנדערע האָבען גע־מאכט. שטעדטעל קען זיי, אז זיי האָבען קיין שום שייכות ניט צו אזעלכע זאכען, און איז גרייט צו שווערען, אז זיי זענען אונשולדיג. זיי זענען צופעליג דורכגעגאַנגען, בעת דער אָנפאַל איז געמאכט געוואָרען. האָט מען זיי פערנומען. מ׳וועט זיי געווים פערמשפּט׳ן צום טויט, אויב ר׳ חיים און אָנגעזעהענע מענשען פון שטאָדט וועלען ניט בעשטעטיגען די אונשולדיגקייט פון די יונגע לייט.

רבי חיים האָט נאָר ניט גערעדט און איז אוועק אין שוהל. די יודען נאָך איהם. דער בעל תפילה האָט זיך שוין געשטעלט צום עמוד און דער שמש האָט א קלאַפּ געטאָן צו ״כל נדרי״. ר׳ חיים איז האסטיג ארויף אויף דער בימה און האָט ניט געלאָזען זאָגען ״כל נדרי״. ער האָט געהייסען ברענגען פּאַפּיר, טינט און פעדער, אין דאָ, אין שוהל גופא, אויף דער בימה, פאַר כל נדרי, האָט ער געהייסען אָנשרייבען א שבועה, אז די גע׳משפּט׳ע זענען אונשולדיג; האָט אונטערגעשריבען אַליין און דערנאָך געהייסען אונטערשרייבען די ״פּני״ פון שטאָדט. די שבועה האָט מען גלייך אוועקגעשיקט טעלעגראַפיש צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. די שבועה־טעלעגראַם האָט געמאכט א שטאַרקען איינדרוק אין געריכט, און נאָר א דאַנק איהר האָט מען די גע׳משפּט׳ע פּטשענקט דאָס לעבען.

עס איז שווער צו זאָגען, צי האָט ר׳ חיים געהאַט א קלאָרען בעגריף וועגען די ״ברידער און שוועסטער״ און וואָס זיי ווילען, נאָר

זיין הארץ, וואס איז תמיד מיט די ליידענדע, האט איהם שוין אנטפערנעזאגט, אז ביי זיי איז פאראן מעהר יושר, ווי ביי די באלעבאטים. און בשעת די דאזיגע זענען געקומען צו איהם גוואלדעווען, קלאגען זיך אויף דער „ארגאניזאציע", פלעגט ער שטענדיג זיי ראטען ניט צו ברויכען קיין גוואלד־מיטלען און בעסער איינגעהן מיט די ארבייטער אויף א פשרה.

רבי חיים סאלאווייטשיק האט געהאט ביי זיך א מנין קלויזניקעס, גוטע אינגלאך, צונויפגעפאהרענע פון פערשידענע שטעדטלאך, וואס ער פלעגט מיט זיי אליין לערנען. אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואלוציע, זענען איינינע פון זיינע תלמידים „געשטרויכעלט" געווארען. זיי האבען זיך גע׳חבר׳ט מיט די „שטעקעל־לייט"— אזוי האט מען אין בריסק גערופען די בונדיסטען—און זענען אין געהיים אפילו אליין אויך בונדאווצעס געווען. די פרומע, נישט געשטרויכעלטע חברים זייערע פלעגען קומען צו ר׳ חיים׳ען און מסר׳ן אויף זיי. רבי חיים אבער האט, אנשטאט אויסצוהערען די מסירה און ווערין אין כעס אויף די געמסר׳טע, זיך געבייזערט, פערקערט, אויף די מוסרים און געשטראפט זיי, אז ס׳איז א גרויסע זינד צו מסר׳ן א חבר, פון יענע „געשטרויכעלטע" זענען שפעטער געווארען וויכטיגע טוער אין דער פארטיי.

בשעת איך בין געווען אין בריסק, איז דער רב, ר׳ חיים סאלא־ווייטשיק, דעמאלט אין שטאדט ניט געווען. ער איז געזעסען אויף א דאטשע אין אטוואצק. אז איך בין אין איינינע טעג ארום געקומען אין ווארשא, בין איך מיט א כיוון אבגעפאהרען אין אטוואצק — איינינע סטאנציעס פון ווארשא—אום צו בעזוכען דעם בריסקער רב. א חוץ דעם בענעהר צו קענען איהם פערזענליך, האב איך געהאט נאך א מיין: איך האב געוואלט וויסען זיין מיינונג ועגען דעם עקאנאמישען אנטיסעמיטיזם, וואס איז אזוי שטארק פארשפרייט צווישען די יודישע גבירים אין פוילען.

רבי חיים האט פערנומען א גרויסע, א שיינע דאטשע, א פאר היפּשע מינוטן שטעדטיל. טיף אין סאמע איינזאם פארוואקסט ערגעץ אין א געדיכטען סאסנע־וואלד. אויף דער וועראנדע זענען

געזעסען עטליכע עלטערע יודען און אַ יונגער מאַן ארום אַ ספר. איך בין געווען זיכער, אַז רבי חיים איז ניטאָ צווישען זיי, און האָב געפרעגט: וואו איז דער רב? איינער פון זיי, אַ ברייט־שולטיגער יוד אין אַן אַל־טער אָפּגעריבענער קאַפּאָטע און אַ פערשמאָלצענער יאַרמולקע, האָט זיך אויפגעהויבען פון דער גמרא און האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס פערוואונדערונג.

— דאָס איז דער רב — האָט מיר אַ צווייטער יוד געזאָגט, — אָבמעסטענדיג מיך אויך פון קאָפּ ביז די פיס.

איך האָב ערקלערט, אַז איך בין געשיקט פון אַ צייטונג, און געזאָגט, אַז איך וויל מיט׳ן רב ריידען.

רבי חיים האָט מיך אָנגעקוקט נאָך מיט מעהר פערוואונדערונג: וואָס האָט צו איהם אַ מענש פון די צייטונגען פאַר עסקים? דאָך האָט ער מיך אריינגעבעטען אין אַ בעזונדער חדר, געבעטען מיך זיצען און האָט זיך אויך געזעצט אנטקעגען, מיט אַ ציביק אין מויל, פּיפּקענדיג און גרייט מיך אויסצוהערען.

איך האָב איהם אין קורצע ווערטער ערקלערט פון מיין רייזע איבער שטעדט און שטעדטלאך, פון מיינע איינדריקע, איבער דער יודישער עקאָנאָמישער לאגע, איבער דעם יודעשען עקאָנאָמישען אנטיסעמיטיזם.

רבי חיים האָט מיך אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. איז אָבער ניט שטאַרק נתפּעל געוואָרען. איך האָב אויך ניט גערעכענט צו מאַכען אויף איהם אַן איינדרוק. וואָס פאַר אַ ראָלע קענען שפּילען פאַקטען און ראיות פון שכל און פון לעבען ביי אַ מענשען, וועמעס וועלט אנשויאונג בעשטעהט אין דעם, אַז דעם מענשענס שכל איז גאָר ניט און אַלע צרות קומען דער פון, וואָס יודען זענען ניט פרום? מ׳דאַרף זיין פרום, לערנען, דאַווגען, וועט שוין אַלץ זיין רעכט.

אָבער ר׳ חיים׳ס האַרץ איז דאָ אויך, ווי אַלע מאָל, געווען גרעסער פון זיין קאָפּ. די טראַגעדיע פון די יודישע וועבער אין פּוילען, וואָס מען וויל זיי ניט אריינ׳נעהמען צו דער ארבייט אין די יודישע פאַבריקען, האָט איהם שטאַרק גערירט. ווי עס האָט אויסגעזעהן,

לייענט ער קיין צייטונגען ניט און ווייס ווייניג, וואס עס טהוט זיך אין יודישען לעבען, א חוץ דעם, וואס היינטיגע יונגע לייט זענען ניט פרום.

„איך מיין — האב איך געזאגט — אז ווען איהר, רבי, און נאך אנדערע רבנים וואלטען צונויפגערופען די גבירים — פאבריקאנטען און וואלטען זיי אביסעל אויסגע׳מוסר׳ט, וואלט דאס אפשר געווירקט״

— די גבירים — האט רבי חיים א מאך געטאן מיט דער האנד — וועלען מיך ניט הערען. איהר זעהט דאך, ווער עס געהט צו מיר — ניט קיין גבירים.

איך האב א קוק געטאן אויף דער קופקע יודען, וואס זענען געזעסען אויף א באנק, ניט ווייט פון דער ווערענדע, און געווארט אויף אנ׳„אוידיענץ״ ביין רב. דאס זענען ווירקליך ניט געוועזען קיין גבירים. איך האב שוין פריהער געהאט די געלעגענהייט מיט זיי זיך צו בעקענען. איינער איז געוועזען א משולח פון ארץ ישראל; א צווייטער — א הענדלער מיט סקארפעטען און זאקען; א דריטער — גלאט אקליין שטעדטעל-דיגער רב. זיי האבען אלע געווים אנגעלעגט א סך וועג, אום צו האבען די זכיה צו זעהן דעם „בריסקער״. זיי האבען זיך אויפגעשטעלט און מיט אונגעדולד געווארט מיין אוידיענץ זאל זיך ענדיגען.

איך האב דעם רב דערצעהלט וועגען דעם טאמאשאווער פאבריקאנט ברוינשטיין, דעם איינציגען, וואס האט פאר זיינע יודישע וועבער אויסגעבויט א בעזונדער פאבריק מיט מעכאנישע שטוהלען. רבי חיים׳ען האט דאס זעהר הנאה געטאן.

— איך בעט אייך האט ער זיך צו מיר געווענדעט, איהר זאלט שרייבען אין צייטונג, אז ווען עטליכע אין איינעם זאלען זיך נעהמען און אזוי טאן, ווי דער טאמאשאווער פאבריקאנט, וועט דאס זיין א סך גרינגער — וועלען שוין אנדערע נאכטאן. פארשטעהט איהר מיך? איינער האט אפשר מורא, שרעקט זיך. עטליכע אין איינעם איז אבער אנדעריש.

דער משולח מיט׳ן קליין שטעטעלדיגען רב, זעהענדיג, אז מיין אוידיענץ האלט ביים סוף, זענען שוין צוגעגאנגען נאהענט צו מיר. רבי חיים האט זיך נאך אמאל מיט מיר געזעגענט און נאך אמאל

געבעטען, איך זאָל טאַקע אזוי שרייבען: עטליכע אין איינעם...

איך האָב איהם צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַזוי שרייבען: עטליכע אין איינעם...

אַרב–אַגלעזער.

אין די קליינע פערשלאָגענע יודישע שטעדטלאך פון רוסלאנד איז נאָך ביז היינטיגען טאָג געבליבען, דאָ און דאָרט, דער טיפּ פון דעם אַמאָליגען רב אין זיין ריינער אידעאַלער געשטאַלט. איך מיין ניט דעם רב, וואָס איז איינגעוויקעלט אין זיינע ספרים, האַלט די אויגען פערגראָבען אין דער ערד, געהט ניט ארויס פון בית המדרש און ווייס ניט פון אַ צורת המטבע. איך מיין דעם רב, וואָס ווייס יע פון דער וועלט, וואָס צוזאַמען מיט די אַלטע ספרים, פערשטעהט ער און פיהלט דעם גייסט פון דער נייער צייט, איז בעקאנט מיט די שטרעבונגען פון זיין צייט, אינטערעסירט זיך מיט די פראַגען פון ארומיגען לעבען און מיהט זיך צו זיין אַן אמת'ער פאַסטוך פון זיין סטאַדע.

אַזאַ רב האָב איך אויף מיינע רייזען, געפונען אין ביטען, אַ ליטוויש שטעדטעל אין סלאָנימער אויעזד, גראָדנער גובערניע.

אַט דער העלד פון מיין איצטיגער געשיכטע, הייסט ר׳ אברהם יעקב ברוק. ער איז, ווי מ׳זאָגט, אַ גרויסער תלמודיסט, אנערקענט פון אַ סך רבנים, אַלס איינער פון די בעסטע פּוסקים. מ׳קומט פון שטעדטעל מעהרסטענס צו איהם מיט שאלות. דאָך איז ער אין שטעדטעל בלויז אַ דין און בעקומט אינגאַנצען דריי רובל אַ וואָך שכירות. ברוק האָט אַ לאַנגע צייט ניט געזוכט קיין רבנות. ער האָט געטאָן פערשידענע פרנסות; ניט געוואָלט מאַכען זיין תורה פאַר אַ האַק און

שפילען די ראָלע פון א כלי קדש. איבער זיין אידעאַליזם האָט ער זיך צו האנדעל נאָך וועניגער געפּאסט, ווי צו רבנות. און סוף כל סוף האָט ער גענומט זוכען א שטעדטעל.

אָבער דאָס איז איהם אויך שווער געווען צו קריגען. ברוק האָט געהאט אין זיך א „פעהלער”, וואָס די גרויסע רבנים־אויטאָריטעטען קענען איהם קיינמאָל ניט שענקען. מיינט איהר, חלילה, ער איז ניט פרום? געכאפּט אין אפּיקורסות? חס ושלום! דאָס אפילו קענען זיינע ביטערסטע געגנער ניט זאָגען. ברוק איז זעהר פרום, זיצט נאָך אנאנד און לערנט די אלטע, הייליגע ספרים. נאָר א חוץ דער גמרא מיט׳ן „יורה דעה”, „חשן משפט”, מיט אלע פּוסקים, איז ביי ברוק׳ען זעהר הייליג דעם „רמב״ם׳ס „מורה נבוכים” און דער „כוזרי”—דאָס שענע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק פון יהודה הלוי. אָט דיביידע ווערק איז ער קלאָר אויסוועניג. און ווען ברוק האָט אין זיך פאנאטיזם, איז דאָס נאָר זיין פאנאטישע ליבע צו אָט די צוויי ליכטיגסטע גייסטער פון דעם מיטעלאלטערליכען יודענטום.

און דאָס וואָלטען איהם נאָך אפשר אויך די רבנים געשענקט. האָט ער אָבער נאָך א „זינד”—זיין גרויסע ליעבע צו הערצלען, צום פערשטאָרבענעם פיהרער פונ׳ם ציוניזם. און דאָס קענען שוין די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון דער יודישער אמונה איהם פאר קיין פאל ניט מוחל זיין.

ברוק איז א ציוניסט—געווען. זיין ציוניזם איז אוועק ווי א שענע אָבער אונדערגרייכבארע פאנטאזיע, ביי איהם, ווי ביי מיזער־ דער אנדערע געוועזענע הייסע ציוניסטען. נאָר די ליעבע צו הערצלען האָט איבערגעלעבט זיין ציוניזם. און מיט דעם טויט פון דעם פער־ שטאָרבענעם ציוניסטישען פיהרער איז זיין ליעבע צו איהם, זיין גרויסע אכטונג צו זיין פערזענליכקייט נאָך שטארקער געוואָרען, כאָטש אליין איז ער שוין געוואָרען א טעריטאָריאליסט.

זיין פערגעטערן די פערזענליכקייט פון הערצלען שטאַמט אָבער פון א טיפערע און גרעסערע ליעבע, די ליעבע צום יודישען פאָלק. ברוק האָט געגלויבט און גלויבט ביז היינטיגען טאָג אין הערצלען, ווי

אין אַ מין ערלייזער פונ׳ם יודישען פאָלק. ער גלויבט, אַז נאָר הערצעל איז פעהיג געווען, האָט געהאַט אַ מין געטליכען בערוף, צונויפצוקלייבען די טרוקענע ביינער פון דער צעזייטער און צעשפרייטער יודישער סטאַדע. ער איז בייז אויף די פיהרער פון די רוסישע ציוניסטען, ווייל נאָך זיין מיינונג, האָבען זייערע אינטריגעס איהם סקצר ימים געווען און זיין טויט, ווי ער גלויבט, איז אַ דריטער חורבן פאַר דעם יודישען פאָלק.

ברוק איז אָבער ניט בלויז געווען א טעאָרעטישער ציוניסט. ער האָט גענומען אַ לעבהאַפטען אנטייל אין דער בעוועגונג. זיין הויז איז שטענדיג געווען דער מיטעלפונקט פאַר דער ציוניסטישער יוגענד. אָהן איהם האָט זיך אין זיין שטעדטעל גאָר נישט געטאָן.

ביי ברוק׳ען איז אָבער די ליעבע צום פאָלק געווען שטאַרקער פון זיין ליעבע צום ציוניזם. דעם פאָלקס-צוקונפט — טייערער געווען ביי איהם, ווי זיין פערגאַנגענהייט. און דעריבער איז ער פון אַ ציוניסט געוואָרען לייכט אַ טעריטאָריאַליסט. זיין גרויסע אכטונג צו „הערצלען האָט ער איבערגעטראָגען אויף זאַנגווילן. ניט ווייניגער ליעבט ער מאַקס נאָרדאַו. נאָך זיין מיינונג איז נאָרדאַו דער גרעסטער מענש אין יודישען פאָלק ביי איצטיגער צייט.

אין די פרייע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט דער רב ברוק מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעקוקט זיך צו דעם, וואָס אַרום איהם האָט זיך געטאָן. ניט קוקענדיג אויף זיין ציוניזם און טעריטאָריאַליזם, איז זיין האַרץ געווען מיט די יונגע, און צייטענווייז האָט ער אָפען געזאָגט: „פון זיי, פון די יונגע, וועט קומען די ישועה״.

דער רב ברוק איז פיזיש אין גאַנצען אַ צעבראָכענער, און דאָך איז נאָך איצט זיין הויז דער צענטער פון אַלע, וואָס קלייבען זיך צו וואַנדערן. ער איז דער פאָרשטעהער פון „יק״א״ אין זיין שטעדטעל. ביי איהם מאַכט זיך ניט צו די טיר פון עמיגראַנטען, וואָס קומען צו איהם האַלטען זיך מיט איהם עצות.

דאָס איז דער רב ברוק, אַלס כלל-טוער. נאָר אינטערעסאַנטער איז ער נאָך אַלס פערזענליכקייט. ער איז פון דעם טיפ, וואָס מען

רופט ביי יודען א „מושלם".

פון דריי רובל א וואָך איז געווען, נאַטירליך, אוממעגליך צו לעבען. האָט ער זיך ניט געשעמט צו צוברויכען א מלאכה. איז געוואָרען — א גלעזער.

קויפט אביסעל גלאָז—קומען צו איהם יודען, פויערים פון שטעדטעל, פון די אַרומיגע דערפער, מיט זייערע ראהמען, און ער שטעלט זיי אריין שויבען.

פויערים האלטען זעהר פונ'ם „ראבין". עס קומען צו איהם אָפט אויך גלחים און האָבען ליעב צו פיהרען מיט איהם דיספוטען. ער שניידט צו די גלאָז, פערקיטעוועט און — האָט דערפון אפשר נאָך א פאָר רובל א וואָך. אמאָל האָט ער געהאט נאָך א פרנסה, פלעגט מאכען ראָזינקעס-וויין און דערפון אויך געהאט א פאָר רובל א וואָך. אָט אזוי האָט ער, ווי עס איז, געהאט זיין אויסקומענים, און האָט נאָך אפילו געקענט אָבשפּארען עטליכע רובל און אויסצאָהלען דעם פלאַץ מיט דער כאלופע, וואו ער וואוינט. ארום שטוב האָט ער א גאָרטען געפלאַנצט.

די שטוב האָט ער אליין געבויט און דעם גאָרטען אליין געפלאַנצט, יעדעס בוימעל—מיט די אייגענע הענד. א קעלער—אליין געשטעלט. יעדע שטובינגע ארבייט טוט ער אליין. זומער צייט מאכט ער זיך א שטענדער אין זיין גאָרטען און לערנט אויף דער פרייער לופט.

איך האָב פערבראכט ביי דעם ביטענער רב—גלעזער אין הויז א חיבשע צייט. מיט זיין שלאַנקער, שענער געשטאַלט, טיפע שווארצע אויגען, אין וועלכע עס ברענט נאָך איצט א יוגענדליכער פייער, מיט זיין נאַאיווער בעגייסטערונג און, צו דער זעלבער צייט, פראַקטישען קוק אויפ'ן לעבען, מאכט ער א שטאַרקען איינדרוק, און מיט איהם איז זעהר אנגנעהם צו פערברענגען.

די שווערע אַסטמע, וואָס לאָזט איהם ניט רוהען א מינוט, דער ביטערער קאַמפּף זיין גאַנצען לעבען לאַנג מיט דער נויט, די נשמה־לידען, וואָס ער פיהלט, וואָס ער מוז פיהלען אין דער אַרומיגער באַלעבאַטישער, פאַנאַטישער סביבה, האָט ביי איהם ניט צונעגומען

דעם טוט און די איינגעבארענע לעבענס-לוסטיגקייט, ניט געטויט זיינע נעזעלשאפטליכע אידעאלען.

אין דער פערזאן פון אט די איינצעלנע פערוואָרפענע שענע און שטארקע יודען איז אזוי ווי פערקערפערט דאס בעסטע און שענסטע פון דעם ליטווישען יודענטום׳ס פערגאנגענהייט. און א שמערצליך געפיהל דרינגט ניט ווילענדיג אין דער נשמה ביי דעם געדאנק, אז זיי זענען די לעצטע...

דער שוואַרצער דאָקטאָר און זיין ערפינדונג.

(געווידמעט דעם אנדענקען פון דר. קאָראָלטשוק).

היינט ווען אלע יודען זענען „מזכיר נשמות״, די נשמות פון די, וואָס זענען זיי געוועזן ליעב און טייער, וויל איך אויך דערמאָנען א נשמה, וואָס זי איז מיר אויך ליעב און טייער געוועזן,— די נשמה פון דעם שוואַרצען דאָקטאָר.

„שוואַרצער דאָקטאָר״ האָט מען איהם גערופען, ווייל ער איז געוועזן זעהר א שוואַרצער און האָט דערצו געהאט עפּעס א מאָדנעם פּנים: א ברייטען געזיכט, א גרויסען קאָפּ, זעהר א גרויסען אין פּער־העלטנים מיט זיין קערפּער און א קורצע האַלז.

שוואַרץ איז ער געוועזן, אָבער... א שענערען האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן.

און זיין שענקייט איז געלעגען אין זיינע גרויסע, מאָדנע, טיעפע שוואַרצע אויגען. אז ער האָט אויף אייך א קוק געטאָן, האָט איהר ניט ווילענדיג געפיהלט, ווי עס האָט אייך בעגאָסען מיט א שטראָם פון ליבטיגקייט און וואַרימקייט.

אין זיינע אויגען איז געלעגען א מאָדנע קראַפט, א מאַגנעט: עס האָט געצויגען צו איהם, עס האָט זיך געוואָלט קוקען אין זיינע אויגען; עס איז געוועזן א חיות צו בעגעגנען זיך מיט זיינע בליקען.

נאָך שענער, בעצויבערנדער פון זיינע אויגען, איז געווען זיין שמייכעל. מיט זיין שמייכעל האָט ער אַלעמען בעזיגט: אי פריינד, אי נעגנער.

זיין שמייכעל איז קיינמאָל ניט געווען קיין פערעכטליבער, קיין איראָנישער. אין זיין שמייכעל האָט זיך אָבגעשפּינעלט זיין צאַרטע, איידעלע נשמה און דורך איהם האָט ער פערשפּאָרט פיעל צו ריידען.

קיין רעדנער איז דער שוואַרצער דאָקטאָר ניט געווען. ער האָט גערעדט שטיל, לאַנגזאַם. אָבער ער האָט נאָר געדאַרפט עפענען זיין מויל און מיט איהם האָבען שלום געמאַכט די סאַמע פערביסענע נעגנער.

קיין פּראַזען, קיין באָמבעס, קיין פייערווערק האָט דער שוואַר־צער דאָקטאָר ניט געברויכט, און ער האָט זיי אויך ניט גערדאַרפט. זיין שפּראַך איז געווען קלאָר, ווי זיין נשמה. רוהיג און שטיל האָט ער גערעדט. אָבער זיין רעדע איז געווען פול מיט אייזערנער לאָגיק און פאַקטען. וואָרום פאַר קיינעם פון זיין קרייז זענען ניט געווען אַזוי אָפען די „טויערן פון וויסענשאַפט״, ווי פאַר דעם שוואַרצען דאָקטאָר.

נאָך אלס יונגעל איז ער געווען בעריהמט פאַר אַ־עלוי. פון קליוז איז ער אריין אין די לעצטע קלאַסען גימנאַזיע, און איז געווען איבעראַל דער ערשטער שילער. ער האָט געענדיגט צוויי פאַקולטעטען, ארויס מיט אַ גלענצענדען דיפּלאָם. שוין די ערשטע יאָהרען, נאָך זיין ארויסגעהן פון אוניווערזיטעט, האָט ער געמאַכט אַ וויכטיגע ערפינדונג אין דער נאַטור־וויסענשאַפט. מיט דער ערפינדונג האָבען געקלונגען די וויסענשאַפטס־בלעטער, און דעם שוואַרצען דאָקטאָר האָט ערוואַרט אַ גלענצענדע צוקונפט. ער האָט געקענט ווערען אַ פּראָפעסאָר אין די העכערע שולען.

אָבער ער איז געווען אַ יוד, און דעריבער האָט ער געמוזט זיך בעזעצען פּראַקטיקירען, ווי זיינע איבעריגע חברים, אין אַ יודישער שטאָדט, אַלס דאָקטאָר.

אַ פּראַקטיק האָט געהאַט דער שוואַרצער דאָקטאָר אַ גרויסע. נאָר פאַרדינט האָט ער ווענינ. זיינע פּאַציענטען זענען געווען אַלע

קבצנים פון שטאָדט און געדונגען האָט ער זיך קיינמאָל נים.

געלעבט האָט ער פון קינד־וויז אָן בהרחבה: ער איז געווען איין איינציגער זוהן ביי א יודישען גוטסבעזיצער. נאָר זיין הארץ האָט געצויגען צו קבצנים נאָך פון יונגעל־וויז אָן. ער האָט געטיילט זיין ווארמעס און זיין געלד מיט אָרימע קלויזניקעס, און דערנאָך, מיט אָרימע חברים אין גימנאזיע און אוניווערזיטעט.

און ווי מיט זיין געלד, אזוי האָט ער זיך אויך געטיילט מיט זיין גייסט—מיט אַלע אָרימע יודישע בחורים. ער האָט געגעבען אומזיסטע לעקציעס צעהנדליגע יונגע לייט, האָט אָרגאַניזירט גרופּעס און געזעהן, אז קיין יודישער בחור, וואָס וויל זיך בילדען, זאָל נים פעהלען קיין בוך און קיין לעהרער.

זייענדיג א סטודענט אין פּעטערסבורג, איז ער געווען דער מיטעלפּונקט פון דער יודישער סטודענטען־וועלט. פון אַלץ, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען גייסטיגעס, סימפּאַטישעס, איז ער געווען איינער פון די ערשטע שעפּער און אָנפיהרער.

קיין וויכטיגע זאך, קיין איינציגע פראגע פון דער וויסענשאַפט, ווי אויך פון געזעלשאַפטליכען און פּאָליטישען לעבען, האָט ער נים דורכגעלאָזען, וואו ער זאָל עס נים ערנסט דורכדענקען. נאָר מעהר פון אַלץ האָט איהם אינטערעסירט דאָס לעבען פון די יודישע מאסען און דער יודישער אינטעליגענץ. אין יעדער פראגע פון דעם יודישען פאָלקס־לעבען, אין וועלכער די אינטעליגענץ האָט זיך בעטייליגט, האָט ער גענומען דעם גרעסטען חלק.

אין וויטעבסק, דער מיטעלמעסיגער יודישער פּראָווינץ־שטאָדט, וואוהין ער איז אָנגעקומען פּראַקטיקירען, איז דער לעבען נעגאַנגען לאנגזאַם און פויל. ער אַליין האָט געלעבט רוהיג און גליקליך אין זיין פאמיליען־קרייז. אָבער דאָס גליק פון פּערזענליכען לעבען האָט נים גע־קאָנט צופרידען שטעלען דעם שוואַרצען דאָקטאָר. ער האָט געפיהלט אין זיין בוזעם א מעכטיגען שטראָם פון ענערגיע און האָט נים געהאַט וואו אהין צו טאָן זי. בעשעפטיגען זיך מיט צדקה־זאכען אין זיין שטאָדט, קומען אין בעריהרונג מיט פערשידענע קהל'שע פּערזאָנען, שטאָדט־

בעלי־טובות, קעמפפען מיט זיי פאר גבאות איבער די אָרימע לייט — דאָס איז געווען ניט פאר איהם. דאָס יודישע געזעלשאפטליכע לעבען בכלל, איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַ פערגליווערטען צושטאַנד. די אַלטע פילאַנטראָפיש־בטל'אָנישע „חבת ציון" האָט געהאַלטען ביים אָבשטאַרבען. די נייע ציוניסטיש־קולטורעלע און פּאָליטישע בעוועגונג איז נאָך ניט בעשאַפען געוואָרען. די יודישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז נאָך געווען זעהר קליין און האָט ווייט ניט געהאַט דעם מאַסען־כאַראַקטער וואָס מיט איינינע יאָהר שפּעטער.

דער שווארצער דאָקטאָר האָט פיינד געהאַט צו שפּילען אין חברות און פּראַזירען, זייענדיג און אָנהויב פון דער „חובבי ציון"־בעוועגונג, נאָך די פּאָגראָמען פון איין און אכציגסטען יאָהר, אַ פייערדינער „חובב ציון" — דאָס איז געווען במעט אין זיינע יונגעלשע יאָהרען — איז ער געשטאַנען אָן אַ זייט פון אָט דער בעוועגונג שפּעטער, ווען ער האָט געזעהען, אַז זי האָט ניט געשאַפען, ניט קיין מענשען, ניט קיין מעשים.

דער יודישער תחום האָט דעמאָלט אין אַלגעמיין איבערגעלעבט אַ מאָמענט פון שטיקענעס און שטילער פערצווייפלונג. די שטיקענעס און די כמארע איז געווען, ווי פאר אַ שטורם. אָבער דעם שטורם האָט נאָך קיינער ניט געפיהלט. ניט דער שווארצער דאָקטאָר אַליין איז געווען דעמאָלט אָבהענדיג, יעדער אינטעליגענט מיט ענערגיע און גייסט האָט זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען.

און אום ער זאָל ניט פערזונקען ווערן אינגאַנצען אין דעם קליינליכען טאָג־טעגליכען רוהיגען פאַמיליען־לעבען, האָט ער אויסגעשריבען צו זיך פון אַן'אַנדער שטאָדט אַ חבר, אַ אינטעליגענט, אַ פּריוואַט לעהרער, אַ פּעסימיסט, אַ בייסענדען קריטיקער; האָט פאַר איהם געקראָגען לעקציעס, בלויז מיט דעם צוועק, יענער זאָל מיט זיין פּעסימיזם איהם ניט לאָזען איינשלאָפען.

יענער מאָמענט האָט זיך ענדליך אומגעביטען. אויף דער סצענע איז ארויסגעטראָטען אנשטאט דעם גוסס'ן „ישוב ארץ ישראל" דער הערצל'שער ציוניזם פון איין זייט און פון דער אנדער זייט האָבען זיך

געלאָזט מערקען שאַרפע שפּורען פון אַן'אָבגעפּרישטער, אויפלעבענ־דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

אין דער לופט האָט אָנגעהויבען שמעקען מיט לעבען און קאַמפּף.

נאָך איז אין זיין אָבגעלעגענער שטאָט געווען שטיל און לאַנגווייליג. אָבער ער האָט זיך מיט אַלע נערוועין שוין צוגעהערט צוביידע ווינטען, וואָס האָבען געבלאָזען פון ביידע זייטען און האָט געשפּירט אַז עס איז געקומען זיין צייט ווידער אַרויסצוטרעטען אין פעלד.

עס איז שווער צו בעצייכענען מיט איין וואָרט די וועלט-אַנשויאונג פון דעם שוואַרצען דאָקטאָר. ער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, אַ העברייער און אַ זעלטענער קענער פון דער ביבעל. ער האָט ליעב געהאַט די יודישע געשיכטע, די יודישע ליטעראַטור, די העברעאישע שפּראַך, בעזונדערס די שפּראַך פון די נביאים מיט אַ פאַנאַטישער ליבע. ער האָט דעם תנ"ך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו שטודירען. דעם יודישען פאָלק איז ער געווען איבערגעגעבען מיט'ן גוף און מיט דער נשמה. און דאָך איז ער ניט געווען קיין נאַציאָנאַליסט אין דעם אַל־געמיינעם זין. ער איז מעהר געווען קאָסמאָפּאָליט און וויסענשאַפטסמאַן, ווי נאַציאָנאַליסט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעלאָזען צו אַ געפיהל, ווי טייער דאָס געפיהל האָט איהם געמענט זיין, ווען עס האָט ניט געהאַט אין זיינע אויגען קיין וויסענשאַפטליכען פונדאַמענט. ער האָט געגלויבט אין אַ יודישער מדינה, ער איז צוגעשטאַנען צום ציוניזם אין זיין נייער פּראַקטיש-פּאָליטישער פאָרם. אָבער דער ציוניזם אַליין פאַר זיך האָט ביי איהם געהאַט וועניגער ווערט און בעדייטונג, ווי זיין אַלמענשליכע, „קאָסמאָפּאָליטישע" זייט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט שטאַרק שטודירט דעם באָדען פון ארץ ישראל, זיין קלימאַט, זיין קולטור, ער האָט טיף דורכגעשטודירט די פּאַלעסטינישע פער־יאָדע פון דער יודישער געשיכטע, און האָט בעהויפּטעט, אַז זעלטען איז אַ לאַנד מסוגל, ביי געוויסע בעדינגונגען, צו ענטוויקלען אַזאַ הויכע מאָראַלישע קולטור, ווי פּאַלעסטינאַ. ווען דאָס יודישע פאָלק שטעלט זיך אומעטום, אין אַלע צייטען, אַן דער שפּיץ פון פּראָגרעס, אין די ערשטע רייהען פון קאַמפּף פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט — האָט

עס צו פערדאנקען, מייסטענטיילס, דעם „קשה עורף־גייסט", דער חויבער מאראלישער ערציהונג, וואס עס האט בעקומען מיט טויזענ־דער יאהרען צוריק אין פאלעסטינא; דעם גייסט, וואס די שרעקליכע אומשטענדען פון גלות האבען געקענט נאר פערשטיקען, אבער ניט אונטערדריקען. ער האט געגלויבט אין א יודישער „מיסיע", אין א שליחות, אנ׳אויפגאבע פונם׳ס יודישען פאלק צו זיין דער טרעגער פון ליכט און פרייהייטס־אידעאלען פאר דער גאנצער מענשהייט; און אום די יודען זאלען קענען ערפילען זייער אויפגאבע אין הארמאניע מיט זייערע קרעפטען, מוזען זיי זיך אומקעהרען צו דעם לאנד, צו דער נאטור, וועלכע האט אט די קרעפטען געשאפען און ערצויגען.

וואס אנבעלאנגט אבער דער הויבונג פון דעם עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען פון דעם יודישען פאלק, ניט אין דעם אידעאלען זין, נאר בכלל, האט דער שווארצער דאקטאר געהאלטען, אז דאס איז מעגליך און מוז זיין אויך אין די לענדער, וואו יודען לעבען יעצט; ער האט געהאלטען, אז ווען אפילו דער יודענשטאאט זאל ווערען א פאקט, וועט נאר א געוויסער, מעהר אידעאליסטישער טייל פון דעם יודישען פאלק אוועק אהין. דער דורכשניטליכער טייל—און דאס איז די גרויסע מעהרהייט,—וועט אימער בלייבען דארט, וואו זיי זענען. און דעריבער—איז געווען זיין מיינונג—מוז דאס יודישע פאלק נעהמען אנ׳אנטייל אין דעם לעבען פון די נאציאנען, צווישען וועלכע זיי וואוינען, מוז טיילען זייערע פריידען און ליידען, מוז קעמפפען זייערע קאמפפען פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. ווייל, וואס פרייער און ליכטיגער —האט ער געזאגט—עס איז ארום אונז, אלץ פרייער און ליכטיגער, קען זיין ביי אונז אינוועניג.

פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט האט דער שווארצער דאקטאר געהאט גרויס רעספעקט צו די יודישע רעוואלוציאנערען. דאס איז געווען ערב דער בעשאפונג פונ׳ם „בונד". דער רעוואלוציאנערער גייסט האט נאך דערוויל געהערשט בלויז אין א טייל פון דער אינטעליגענץ, אבער שוין אין די מאסען האט ביסלעכווייז אנגעהויבען צו קאכען און זידען.

האָבענדיג זיין פּראַקטיקע במעט נאָר אין די אָרימע „באַלופּקעס",

האָט דער שוואַרצער דאָקטאָר יעצט, מעהר ווי פריהער, געהאַט די געלעגענהייט צוצוקוקען זיך צו דעם אינערליכען לעבען פון דער יודישער מאַסע. די קוועטשענעס און מאַטערנעס פון דעם המון האָט איהם געריהרט טיף אין דער נשמה. אָבער נאָך מעהר האָט איהם גע־שמאַרצט, ווען ער האָט צו געזעהן, די גייסטיגע יסורים פון די יודישע יונגע לייט. זיין הויז איז געווען אָפען פאַר יעדען יודישען בחור אָדער מיידעל, וואָס האָט געדורשט נאָך בילדונג, נאָך אַן עצה. ער האָט אַלעמען געהאָלפען מיט וואָס ער האָט געקאָנט. ביי איהם אין הויז האָט מען געקענט זעהען ניי־מאָדישע קלויזניקעס, וואָס זענען געקומען ביי איהם פרעגען אַ הארבע שאלה אין קראָכמאַל'ס „מורה נבוכי הזמן", אָדער פּשוט אין דער גמרא, „סאַמאָאוטשקעס" (אַליין־לערנער) מיט אַ שווערע „זאַדאַטשע" אין מאַטעמאַטיק אָדער פיזיק; יונגע רבנים מיט אַ שטיקעל חקירה אין „רמבם", אַנדערע מיט אַ שאלה אין פּאָ־ליטישע עקאָנאָמיע, אָדער פיזיאָלאָגיע. ביי איהם האָט מען געקענט טרעפען אַמאָל אַ ציוניסטישע פערזאַמלונג און ציימענווייז אַ געהיימע, אַ סאָציאַליסטישע.

צווישען ציוניסטען און סאָציאַליסטען איז געווען אַ קאָנקורענץ איבער דעם שוואַרצען דאָקטאָר, אַזוי ווי אַמאָל די זיבען גריכישע שטעדט האָבען זיך געקריגט איבער דעם פּאָעט האָמער. די האָבען געזאָגט: ער איז אונזערער, און יענע האָבען גע'טענה'ט: ער איז אונזערער. דער אמת איז אָבער געווען, אַז דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט געהערט אומעטום, וואו ער האָט בעמערקט ליידען און שטרעבען נאָך ליכט.

נאָר מעהר פון אַלעמען האָט ער געהערט צו זיין שענעם טרוים, זיין אידעע. די אידעע איז געווען אי אַ נאַציאָנאַלע, אי אַ קאָסמאָפּאָ־ליטישע, אי אַ וויסענשאַפטליכע—איינע פון די גרעסטע וויסענשאַפט־פּראָבלעמען, וואָס האָבען ווען עס איז בעהערשט די גרעסטע וויסענ־שאַפטליכע גייסטער,— אי אַן אונגלויבליכע קינדישע פאַנטאַזיע.

און אַז ער האָט וועגען איהר גערעדט, וועגען זיין שענער אידעע,

האבען זיינע גרויסע, שווארצע, טיפע, אויגען, אזוי געבלישטשעט און זיינע ליפען האבען אזוי גליקליך, אזוי קינדיש מילד געשמייכעלט אז אייך האט זיך געדוכט: איהר זעהט פאר זיך נים א מאן פון גרויסער געלעהרזאמקייט און זעלטענער פיעלזייטיגער ענטוויקלונג. נאר א קינד, וואס לעבט נים אין דער ווירקליכקייט, נאר אין זיין צויבערהאפטער, אונבעשרענקטער פאנטאזיע.

פון זיין אידעע האט ער אבער, במעט, מיט קיינעם ניט גערעדט. נאר עטליכע געציילטע, גאנץ נאהענטע מענשען האט ער זי פערטרויט.

זיין אידעע איז געווען א וויסענשאפטליכע ערפינדונג. די דאזיגע ערפינדונג האט געדארפט מאכען א גאנצע איבערקערעניש אין דעם לעבען פון די פעלקער, אזוי ווי די ערפינדונג פון דרוק, פון דאמפף, פון עלעקטריצעט און פיליכט נאך מעהר. זיין ערפינדונג האט געזאלט זיין אויך א בענשונג פאר אלעס, וואס לעבט און אטעמט, ווי פאר מענשען, אזוי אויך פאר חיות און פלאנצונגען.

זיין אידעע איז געווען א פערווירקליכונג פון די שענע פאעטישע צוקונפט-בילדער פון די נביאים:

„ישישום מדבר וציה—עס וועלען זיך פרייען די וויסטענעס און פארטריקענטע לענדער, ותגל ערבה—פרייליך וועט אויפזינגען די פערדארטע סטעפ, ותפרח כחבצלת—און זי וועט בליהען ווי א ליליענבלום... כי נבקעו במדבר מים—ווארום וואסער וועט קוועלען דורך דער וויסטע, ונהלים בערבה—און טייכען וועלען פליסען דורך די זאמדיגע סטעפעס"...

ווארום דער שווארצער דאקטאר האט אויסגעפונען א מיטעל צו מאכען קינסטליכע וואלקענס און שאפען קינסטליכען רעגען.

דאס מערקווירדיגסטע פון דעם שווארצען דאקטאר'ס ערפינדונג איז געווען זיין בעהויפטונג, אז די ערפינדונג איז שוין געמאכט געווארען מיט טויזענדער יאהרען צוריק, געמאכט געווארען דורך די יודישע נביאים. די געהיימניס איז פערגעסען געווארען, און ער האט זי ווידער ערפונדען.

ער איז געווען א גרויסער קענער אין דעם ביבעל-שטודיום און

האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג, זיין אייגענע סיסטעם צו ערקלערען די פאַקטען, וואָס ווערען דערצעהלט אין תנ״ך.

ער האָט בעהויפּטעט, אז אַ גרויסער טייל פון די ביבלישע ערצעהלונגען און וואונדער־מעשיות זענען, אין גרונד, אמת׳ע פּאַסירונגען. זיי שיינען אונז אונגלויבליך, ווייל אונז פעהלט דער שליסעל צו פאַרשטעהן די שפּראַך פון די אַמאָליגע יודישע היסטאָריקער.

און ער האָט געגלויבט, אז ער האָט געפונען דעם שליסעל. די ערצעהלונגען וועגען דעם וואונדערליכען רעגען, וואָס די נביאים פלעגען ברייגגען, האָט ער ערקלערט אזוי: די נביאים האָבען בעזעסען די געהיימנים צו שאַפען, מיט דער קראַפט פון עלעקטרעציטעט, קינסטליכע וואָלקענס און בריינגען רעגען. דאָס איז די אורזאַך, פאַר וואָס ארץ ישראל איז פאַר זייער צייט געווען אַ געבענשטע לאַנד, אַנ׳ארץ זבת חלב ודבש. ארץ ישראל איז יעצט פאַרוויסט, ווייל די געהיימנים פון אַ קינסטליכען רעגען איז פאַרגעסען געוואָרען מיט דער פאַרשווינדונג פון די נביאים.

דערמיט האָט ער אויך ערקלערט די אורזאַך: פאַר וואָס די נביאים, אָט די רעוואָלוציאָנערען פון פאַר טויזענדער יאָהרען, האָבען געהאַט אַזאַ אונגעהויערע מאַכט איבער די מאַסען און איבער די הערשער אין יענע פינסטערע צייטען, ווען אַזעלכע פרייע דענקער און פאָלקסקעמפּפער האָבען אונמעגליך געקאָנט עקזיסטירען. די נביאים אזוי ווי די „חרטומים״ פון מצרים און די „מהגים״ פון בבל, האָבען בעזעסען אַ סך וויסענשאַפטליכע סעקרעטען. אָבער אנשטאַט דעם, וואָס די עגיפּטישע און באַבילאָנישע געלעהרטע האָבען בענוצט זייער חכמה צו אונטערדריקען די מאַסען, צו שרעקען זיי און האַלטען זיי אין דער פינסטער,— האָבען די נביאים, אין געגענטייל, בענוצט זייער וויסענשאַפט צום נוצען פון דעם פאָלק און צו שרעקען די הערשער. נאָר זעלטען, זעהר זעלטען, ווען דאָס פאָלק איז אָבגעטראָטען פון דעם גלייכען וועג, וואָס די נביאים האָבען זיי געלערנט, ווען אנשטאַט ברידערשאַפט און גערעכטיגקייט זענען פול געווען די הייזער מיט רויב; אָרימע לייט האָט מען געדריקט, אויף אלמנות און יתומים האָט

מען קיין רחמנות נים געהאט,—האבען זיך די נביאים ערלויבט אויפצוהאלטען דעם רעגען נאר אויף א קורצע ציים, כדי אנצושרעקען די זינדיגע.

די לאבאראטאריעס, וואו די נביאים האבען פאבריצירט רעגען, דונערן און בליצען, זענען געווען אויף די שפיצען בערג. דארט איז געווען די לופט מסוגל דערצו. דעריבער האבען די ארומיגע שכנים, די גוים, געזאגט, אז די יודישע געטער זענען נאר אויף די שפיצען בערג (אלוהי הרים—אלוהיהם). געוויסע שפיצען בערג אין ארץ ישראל זענען יעצט אויך מסוגל דערצו, און דער שווארצער דאקטאר האט זיך פארבערייט געמאכט צו גרינדען דארטען מיט דער צייט זיין „רעגען־פאבריק", צו בויען דארט זיין „הייל פאר די פעלקער און רעטונג פאר דער גאנצער מענשהייט".

ווארום נים בלויז זיין פאלק האט דער שווארצער דאקטאר געוואלט דינען מיט זיין ערפינדונג, נאר דער גאנצער מענשהייט. אבער זיין סעקרעט האט ער בעשלאסען אוועקצוגעבען א געשענק דעם יודישען פאלק. דאס איז געווען א נקמה די פעלקער, פאר די טויזענ־דער יעהריגע פייניגונגען, וואס דאס יודישע פאלק האט פון זיי, פון די פעלקער, אויסגעשטאנען. אבער—די עדעלסטע נקמה, וואס האט ווען עס איז געגעבען.

„איהר האט אונז טויזענדער יאהרען געהעצט, געפייניגט, געברענט, געבראטען, געטרונקען אונזער בלוט ווי וואסער,—און מיר צאהלען אייך מיט גליק, מיט וואוילטאג, מיט פרייד.

„הוי, כל צמא, לכו למים!—א, קומט אהער, ווער עס האט נאר דורשט, קומט נאך וואסער; ואשר אין לו כסף—און ווער עס האט קיין געלד נים—לכו שברו ואכלו, נעהמט קויפט און עסט; ולכו שברו בלא כסף—נעהמט קויפט אהן געלד; ובלא מחיר—גאר אומזיסט נעהמט—יין וחלב, וויין און מילך. יעדעס פאלק און יעדעס לאנד, וואס ליידט נאר מאנגעל אין וואסער, מאנגעל אין רעגען, גיט א סטאפעט צום יודישען פאלק אין דער יודישער מדינה און מען בעקומט, פילייכט דורך דראטלאזען טעלעגראף... רעגען, שטראמען וואסער, בלא כסף

בלי מחיר—אומזיסט גאָר אָהן געלד...

דער שווארצער דאָקטאָר האָט געמאַכט עקספּערימענטען אין זיין אייגענעם הויזיגען לאַבאָראַטאָריום. און יעדער עקספּערימענט האָט איהם צוגעגעבען אַלץ מעהר מוט און האָפנונג אויף אַ גלענצענדען ערפאָלג.

דאָס זענען אָבער אַלץ געווען קליינינקע פּראָבעס. צו ערנסטע עקספּערימענטען האָט מען געמוזט האָבען גאַנץ אַנדערע אינסטרומענטען, וועלכע זענען מעגליך צו דערוויייזען נאָר אין אַזעלכע גרויסע לאַבאָראַטאָריעס פאַר נאַטור־וויסענשאַפט, וועלכע זענען פאַראַן אין וויען, פּאַריז אָדער בערלין.

און דער שווארצער דאָקטאָר האָט בעשלאָסען אויפצוגעבען אויף יאָהרען זיינע פּערזענליכע אינטערעסען, אַוועק פון זיין פאַמיליע, פון זיין געליעבטע פרוי און קינד און בעזעצען זיך אין וויען, וואו דער ציוניסטישער אַקציאָנס-קאָמיטעט (ער האָט זיך דאַן נאָר וואָס געגרינדעט) האָט געזאָלט געבען די מיטלען—אַזוי האָט ער געהאָפט —צו זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און עקספּערימענטען.

איך האָב אַ האַלב יאָהר צייט פערבראַכט אין יענער שטאָדט, וואו דער שווארצער דאָקטאָר האָט געוואוינט, און פלעג זיך אָפט צוזאַמענטרעפען מיט איהם אין אַ קרייזעל פון אַלגעמיינע בעקאַנטע און ביי איהם אין דער היים. ער איז דאַן ארויסגעטראָטען אין דער פּרעסע און האָט פּראַקטיש געאַרבייט פאַר אַ גרויסע אונטערנעהמונג צו הויבען די עקאָנאָמישע און פיזישע לאַגע פון דער יודישער מאַסע אין רוסלאַנד דורך ענטוויקלונג פון גערטנעריי און סעדעריי. אין אָט דער אונטערנעהמונג האָט ער געהאַט אין זיין שטאָדט די סימפּאַטיע און שטיצע פון אַלע קלאַסען מענשען. מעהר פון אַלעמען האָט איהם געהאָלפען די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ. דער שווארצער דאָקטאָר האָט געהאַט די פעהיגקייט אָבצוגעבען זיך די סאַמע פאַנטאַסטישע טרוימען, און צו דערזעלבער צייט—אין זיין פּראַקטישער טעטיגקייט—ניט אָבצוטרעטען אַ שריט פון דער ווירקליכקייט.

די אומשטענדען האָבען מיך געצוואונגען צו געזעגענען זיך מיט'ן

שוואַרצען דאָקטאָר און פאַהרען צוריק אַ היים, אין מיין שטאָדט.

אין צוויי מאָנאטען ארום האָב איך בעקומען פון דער זעלבער שטאָדט פון מיינער אַ בעקאַנטער פאָלגענדען בריף:

...איך קום ערשט פון דער לויה. מיר האָבען בעגלייט דעם... שוואַרצען דאָקטאָר. איך קען אייך ניט פאַרשטעלען, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטאָדט, אויפ'ן בית עולם. עס זענען געווען אַלט און יונג, איבערהויפט ארבייטער. ער איז געשטאָרבען, ווי אַ סאָלדאַט, אויף זיין פּאָסטען. ער האָט געאָפּפערט זיין לעבען פאַר די אָרימע און ליידענדע... אין שטאָדט האָט געהערשט אַ טיפוס־עפּידעמיע. דער גאַנצער חורבן איז געווען אין די אָרימע קוואַרטאַלען. דער שוואַרצער דאָקטאָר האָט ניט געהאַט קיין טאָג און קיין נאַכט. ער האָט ממש ניט געגעסען, ניט געטרונקען, מיט אַלע קרעפטען געזוכט ראַטעווען די אָפּפער. און איז אַליין געפאַלען אַנ'אָפּפער. אין אַ אָרימע הויז האָט ער זיך אָנגענומען די טיפוס־קראַנקהייט און גלייך זיך דערפיהלט שלעכט. אָבער אַנשטאַט צו געהן אַ היים, אויסרוהען זיך, איז ער אַוועק אויף אַ פערזאַמלונג און גערעדט אייניגע שטונדען נאָכאַנאַנד, וועקענדיג מיטלייד צו די קראַנקע און אָרימע. דאָס האָט איהם דער'הרג'עט. קומענדיג אַ היים האָט ער זיך גלייך געלעגט אויף זיין בעט, פון וועלבער ער איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען.

גלויבט זיך אייך, אַז אונזער פריינד, דער שוואַרצער דאָקטאָר, איז געשטאָרבען״?

ניין, איך האָב ניט געגלויבט. ווי אַזוי האָב איך געקענט גלויבען? ער איז געווען יונג, פריש, געזונד און פול מיט לעבען, מיט ענערגיע, מיט די שענסטע פאַנטאַזיען, וואָס אַ טרוימער האָט ווען עס איז געקענט איינפאַלען, און — פּלוצלונג...

די גאַנצע יודישע פרעסע איז דעמאָלט פול געווען מיט הספדים נאָכ'ן שוואַרצען דאָקטאָר. נאָר מערקווירדיג: ווענען זיין סעקרעט איז ערגעץ אַ וואָרט ניט געווען דערמאָנט.

די לעצטע צייט, פאַר מיין שיידען זיך מיט איהם, האָט ער פיעל געאַרבייט ביי זיך אין קאַבינעט. איך האָב איהם אויפמערקזאַם

געמאכט, אז ער שטרעגנט זיך אַז צו פיעל, צו וואָס איילט ער זיך אזוי ?

— אונזערער א מענש, — האָט ער געענטפערט, — מוז זיך אימער איילען. מיר זענען, וועניגער פון יעדען איינעם, זי־ כער מיט'ן מאָרגענדיגען טאָג.

ער האָט עקספערימענטירט און געשריבען וועגען זיין אי־ דעאל, וועגען זיין ערפינדונג.

צו האָט ער איבערגעלאָזען אימיצען פון זיינע קאָלעגען און פריינד זיין געהיימנים, אָדער ער האָט עס מיט זיך אין קבר גענומען, ווייס איך ניט ביז היינטיגען טאָג.

דאָקטאָר חאזאנאָוויטש

(אַ ביאַליסטאָקער פאָלקס-פריינד).

דאָקטאָר חאזאנאָוויטש, פון ביאַליסטאָק,*) איז אַ טיעף אינטער־רעסאַנטער טיפּ. כאָטש ער האָט געלעבט יאָהרען־לאַנג אין ביאַליסטאָק, כמעט ניט ארויספאָהרענדיג פון שטאָדט, דאָך איז זיין נאָמען בעקאַנט אַלע רוסישע יודען.

בעקאַנט איז דאָקטאָר חאזאנאָוויטש מיט זיין יודישער ביבליאָטעק אין ירושלים. ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט, פון די ערשטע „חובבי ציון". נור מיט זיין טעטיגקייט איז ער ניט גלייך צו אַנדערע. ער האָט זיך אויסגעקליבען אַ ווינקעל, זיין ווינקעל, אין וועלכען ער האָט געארבייט צעהנדליגע יאָהרען, כמעט איינער אַליין.

דאָקטאָר חאזאנאָוויטש האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפען אין פאַלעסטינא אַ גרויסע ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק זאָל דיענען אַלס קוועל פאַר יודישע וויסענשאַפט, היסטאָריע, קולטור. אַלעס וואָס בעלאַנגט צו יודישער וויסענשאַפט, צום יודישען לעבען אַ מאָל און איצט; וואָס עס איז נור ווען עס איז געשריבען געוואָרען יודישעס אויף יעדער שפּראַך, זאָל זיך געפינען אין אָט דער ביבליאָטעק.

עס איז ניטאָ קיין איין ציוניסט, פון די אַלטע, צי פון די נייע, וואָס זאָל ניט סימפּאַטיזירען שטאַרק מיט דאָקטאָר חאזאנאָוויטשעס

דאָקטאָר חאזאנאָוויטש

אידעע. „אחד העם", דער בעוואוסטער לידער פון די קולטורעלע ציתיסטען, וויל, אז פאלעסטינא זאל זיין דער קולטורעלער צענטער פון דעם יודישען פאלק. דאקטאר חאזאנאוויטש האט געוואלט, אז זיין ביבליאטעק זאל זיין דער צענטער פון אט דעם צענטער.

אין חאזאנאוויטשעס ביבליאטעק, וועלכע געפינט זיך אין ירושלים, איז איצט דא העכער ווי צוואנציג טויזענד בענד. פאר א יודישע ביבליאטעק איז דאס א גרויסע ציפער. ווען קארנעגי וויל גרינדען א ביבליאטעק, ווערט ביי איהם אזעלכע בעשאפען אין איין טאג. אבער דאקטאר חאזאנאוויטש איז נים קארנעגי. איהם האט בילדען אזא ביבליאטעק געקאסט צוואנציג יאהר לעבען.

אט דאס איז געווען דאקטאר חאזאנאוויטשעס אידעאל. דער אידעאל פון זיין לעבען. זיין גאנצע פרייע צייט, יעדען אבגעשפארטען רובל פון זיין פערדינסט, האט ער אוועקגעגעבען אט דעם אידעאל. ער פלעגט קויפען ביכער אליין, און אויסבעטלען ביי וועמען ער האט געקאנט, און פלעגט טראנספארטירען די ביכער אין זיין ביבליאטעק, אין ירושלים.

די ביבליאטעק אין ירושלים בעשטעהט פון א פאר ארימע צימערן. דאס איז די נדבה פון די „בני ברית". די ציוניסטען גיבען עפעס א קלייניגקייט צו שטייער אויף אויסצוהאלטען די ביבליאטעק, נור ווייטער דערפון געהט זייער אינטערעסירען זיך נים.

דאקטאר חאזאנאוויטש איז בייז געווען אויף די ציוניסטען דערפאר. בעזאנדערס אויף די קולטורעלע ציוניסטען, פאר וועמעס אידעע דאקטאר חאזאנאוויטש'עס אונטערנעהמונג איז א פונדאמענט. די ציוניסטען בעשטעהען אפילו פון פערשידענע פראקציעס, נים בלויז פון „קולטוריסטען". נאר וואס פאר א ריכטונג און פראגראם די אדער יענע ציוניסטישע פראקציע זאל נים האבען—די קולטורעלע ארבייט אין פאלעסטינא האט ביי אלעמען א וויכטיגע בעדייטונג. אפילו ציוניסטען־אנארכיסטען, אפילו געגנער פון ציוניזם געפינען, אז א חוץ אלע ציוניסטישע שטרעבונגען, איז קולטורעלע ארבייט אין ארץ ישראל, איבערהויפט אין ירושלים—דער דאזיגער נעסט פון פינסטער־

ניס, אבערגלויבען און „חלוקה״ — שוין זעלבסט פאר זיך זעהר א וויכטיגע זאך.

א חוץ די ציוניסטען זענען פאראן צעהנדליגע אלטע און נייע חברות, אין איירא͏פּא, אין אמעריקא, אין דער גאנצער וועלט, וואס זייער ספּעציעלע טעטיגקייט, אדער א טייל דערפון איז פאר פאלעס־טינא. דער „אליאנס״, „יקא״, די „בני ברית״, בערלינער „עזרא״ — דאס זענען רייכע חברות, וואס טוען א סך אום צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען די פאלעסטינער יודען. נאר קיינער פון זיי — אויסער די „בני ברית״ — קימערט זיך כמעט ניט וועגען דאקטאר חאזאנאוויטש׳עס ביבליאטעק. דר. חאזאנאוויטש האט געהאט א גרונד צו זיין ברוגז.

וואלט דר. חאזאנאוויטש געקאנט שרייען, רעקלאמירען זיך, ליארמען, ווי דאס רוב היינטיגע כלל־טוער טוען, וואלט ער שוין לאנג געהאט דערגרייכט זיין צוועק און מיט איהם וואלטען קלינגען די בלעטער. נור דר. חאזאנאוויטש איז בטבע געוועזן א שטילער מענש, מיט א העכסט דעליקאטער נשמה. ער האט ניט געקאנט פערטראגען קיין טומעל, קיין רעקלאמע, קיין גאוה, קיין אפענעם אדער פערמאס־קירטען ליגען. ער האט געארבייט עניוות׳דיג אין זיין ווינקעל, אין זיין אידעאל, וועלכען ער האט זיך געשטעלט אלס לעבענס־אויפגאבע. ער האט געארבייט, ווי א מילב, פלייסיג, אין דער שטיל, קלייבענדיג א בוך צו א בוך, טראנספּארטירענדיג א קאסטען נאך א קאסטען, און ער איז געוועזן גליקליך מיט דעם געדאנק, אז דארטען וואקסט דאך זיין ארבייט און ווען עס איז וועט זי ברייגנען פרוכט.

דאס איז געוועזן דר. חאזאנאוויטש, אלס נאציאנאליסט און קולטורעלער טוער. פון אט דער זייט איז ער בעקאנט אלע רוסישע יודען און וויט איבער דער רוסישער גרענעץ.

אבער נאך פיעל אינטערעסאנטער איז געוועזן די פּערזענליכקייט פון ח. אלס מענש, און אלס דאקטאר. און פון אט דער זייט האט איהם כמעט קיינער ניט געקענט אויסער די גרענעצען פון זיין שטאדט.

צו קענען חאזאנאוויטש׳ן, אלס מענש און אלס דאקטאר, האט איהר געמוזט זיין אין ביאליסטאק, געמוזט ריידען מיט איהם און

רייִדען מיט זיינע פּאַציענטען און, בכלל, מיט ביאַליסטאָקער יודען.

פון אָט דער זייט, איז דר. חאַזאַנאָוויטש געווען זעהר פּאָפּולער אין ביאַליסטאָק, וואו מען האָט ווענינער ווי אומעטום געוואוסט פון זיינע ביבליאָטעק־ירושלים־ביזנעס. ער איז פּאָפּולער געווען, ווי קיין דאָקטאָר ערגעץ וואו אין יודישען תחום.

אין ביאַליסטאָק האָט מען איהם גערופען דער „משוגענער דאָקטאָר". און דאָך האָט דער „משוגענער" דאָקטאָר אזוי פיעל פּראַקטיק געהאַט אין אַלע קלאַסען פון דער יודישער געזעלשאַפט, אי ביי גבירים, אי ביי אָרימע לייט, אַז ער האָט פּשוט קיין כח ניט געהאַט פאַרטיג צו ווערען מיט אַלע וויזיטען.

פאַר וואָס רופט מען דר. חאַזאַנאָוויטש „דער משוגענער דאָקטאָר?"

דאָס וועט פערענטפערט ווערען, ווען איך וועל ברענגען אייניגע אילוסטראַציעס פון זיין פּראַקטיק, לויט ווי זיינע פּאַציענטען האָבען מיר איבערגעגעבען.

עיקר „משוגעת'ן" האָט דר. חאַזאַנאָוויטש געהאַט צוויי. ערשטענס פלעגט ער זיך שילטען. שילטען, אויסוואָגלען פון וואָרצעל, ניט דעם קראַנקען אַליין, נור זיין גאַנצע משפּחה, און פאַר איין גאַנג שוין אַלע יודען בכלל. שילטען זיך ווי דער גרעסטער אַנטיסעמיט. און — מערקווירדיג! דער חולה האָט אויסגעהערט די קללות, ממש אַ פערציטערטער געוואָרען, און אויף מאָרגען, אַז מען האָט גענויטיגט דעם דאָקטאָר, האָט מען גערופען דוקא חאַזאַנאָוויטש'ען.

די צווייטע חאַזאַנאָוויטשעס „משוגעת" איז געווען, וואָס, קומענדיג צום חולה, פלעגט ער טאַפּען אַזעלכע זאַכען און מאַכען אַזעלכע שאלות, וואָס קיין דאָקטאָר קריכט ניט אַזוי ווייט און אינטערעסירט זיך דערמיט לחלוטין ניט.

אַן אנדער דאָקטאָר, למשל, אַז ער קומט צו אַ חולה, שטעלט ער אָן אַ פּנים, אויב ניט פון אַ גאָט, איז ווייניגסטענס, פון אַ פּראָפעסאָר. טוט אַ פּיקעל מיט'ן פינגער איבער דעם אָרט, וואָס טוט וועה; אין בעסטען פאַל הערט ער אויס דעם פּולס, און זעצט זיך באַלד שרייבען

„קאלי בראָמאַטי" אָדער „בינינום זולפוריקום" מיט אזא מינע, אַז דער קראַנקער איז פעסט איבערצייגט, אַז אָט דאָ ליגט זיין „ישועה", נעהמט אָב די פּאָר גראָשען און געהט אוועק.

דר. חאַזאָנאָוויטש איז ניט אזא מענש געווען. ער האָט אויסגעטאַפּט דעם קראַנקען אינגאַנצען. און דאָס איז איהם נאָך ווענינ געווען. איז ער געקראָכען אין דעם חולה'ס שיסעל און טעפּעל, האָט געדאַרפט וויסען דעם קראַנקען'ס גאַנצען „סדר היחוס": וואָס ער טוט און ווי ער פיהרט זיך.

און אַז מען זוכט, געפינט מען. דר. חאַזאַנאָוויטש פלעגט תמיד געפינען, און דאָ הויבען זיך אָן די קללות.

איך וועל דאָ ברענגען אַ מוסטער פון אַ געשפּרעך, וואָס דר. חאַזאַנאָוויטש פלעגט פיהרען אין אַ הויז פון אַ קראַנקע שניידערין, צי אַ זאָקענמאַכערין, צי אַ אַנדערע קבצנ'טע־פּראָלעטאַרקע. ער האָט בודק געווען דעם אָרט, וואָס טוט וועה, און דעם גאַנצען קערפּער. און געהט, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווייטער. זוכט און געפינט: אַ גיל־דערנעם רינג אויף דעם פינגער פון דער שניידערין, אָדער אַ גילדערנעם בראַסלעטעל אויף איהר האַנד.

— אין הארצען אַ וועהטאָג, ניטאָ קיין קאַפּ בלוט, מ'עסט קדחת, און גאָלד דאַרפען זיי האָבען... אַ!.. אַ קלאָג צו אייך, אַ גרויסער!... אָי, אַן אונגליק! מ'לויפט נאָך חאַזאַנאַוויטשען! וואָס איז? טשאַכאָטקע! פון וואנען קומט טשאַכאָטקע?... איהר ווייסט?... מ'עסט ניט, מען טרינקט ניט, מען שטיקט זיך אין שטוב אין שמוץ, אין ענגשאַפט; מען קוקט ניט, ווי מען לעבט! כאַפּט מען אַוועהטאָג, אַ שטעכענעם... פריהער — אַ ביסעל... פערלאָזט מען דאָס... דערנאָך מעהר... פערלאָזט מען דאָס. דערנאָך, אַז מען האָט אויסגעשפּייט אַ שטיק לונג, לויפט מען צו חאַזאַנאָוויטשען: ראַטעוועט! נייע לונגען אַ ריינשטעלען! אַ נייע הארץ אריינגעבען זיי... איהר טראָגט מיר האַלבע רובלס! אויף וואָס דאַרף איך אייערע האַלבע רובלס? נעהמט בעסער דאָס געלד און קויפט פלייש, מילך, אייער... עסט און שווארץ יאָהרען. עסט! וועט איהר האָבען בלוט, וועט איהר האָבען

כה, ווען איהר מיך ניט דארפען... ניין... פינגערלעך גילדערנע דארפען זיי, בראסלעטען, זייגערלעך גילדערנע! קליידער וואָלענע, צו צוואנציג רובל א קלייד!... פאר לייטען! פאר דער מאָדע!... און אונטער דער שענער קלייד, אויפ׳ן לייב, א שמוציגע העמד... און דער לייב איז דאַר ווי א שפּאָן, ניטאָ קיין קאַפּ בלוט... פון וואנען זאָלט איהר האָבען געזונד?...

עס קומט אריין צו דר. חאזאנאָוויטש א גביר מיט א פיינעם בויך. דעם גביר האָט ער אויך פיינד, נאָך מעהר.

— וואָס איז?

— קאָפּ שמערצען... הער דאָקטאָר.

דער „הער דאָקטאָר” גיט א קוק אויפ׳ן גראָבען בויך.

— קאָפּ שמערצען? זאָגט חאזאנאָוויטש מיט א ביטערע איראָניע — איך האָב אויך קאָפּ שמערצען, נו? צו וועמען זאָל איך געהן?

מען רופט דר. חאזאנאָוויטש צו א גבירישען חולה. עס האלט שלעכט. אלע דאָקטוירים ווייסען ניט, וואָס צו טאָן. ער הייסט געבען א געוויסע דאָזע מאָרפיום. דער לעצטער מיטעל. מען פאָלגט. מען האָט קיין ברירה ניט. עס ווירקט. דער קריזיס ענדיגט זיך גוט. עס קומט א פּראָפעסאר פון אויסלאנד און גיט זיין פולע הסכמה צו חאזאנאָוויטש׳עס פעראָרדנונג. דער קראנקער ווערט געזונד. די ארומיגע ווייסען ניט, ווי דאנקבאר צו זיין איהם: אַ׳, הער דאָקטאָר, פריהער גאָט און דערנאָך איהר...

נאר דר. חאזאנאָוויטש ענטפערט מיט א פערעכטליכען שמייכעל.

— אזוי, פריהער גאט און דערנאָך דער דאָקטאָר! און אז ס׳וואָלט געווען פערקעהרט? וואלט שוין געווען א קלאג, א ברעכענעס צום דאָקטאָר! ער האָט אונגליקליך געמאַכט! גאט איז שוין דעמאלט ניטאָ! דער דאָקטאָר אליין איז שולדיג... נו, איך זאג אייך, אז דאָ איז בלויז א צופאל, ניט מעהר. מיין חכמה איז דא גאר נישט...

אָט אזוי פלעגט בעהאנדלען דר. חאזאנאווטש זיינע פאציענטען. און פון דעסטוועגען האט ער, ווי געזאגט, די בעסטע פראקטיק געהאט

טען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גוטען דאָקטאָר און אַן אמת'ן מענשען. בשעת ער האָט געשאָלטען און גערודעלט האָט עס טאַקע פערדראָסען, נור יעדערער האָט געפיהלט, אַז דר. חאַזאַנאָוויטש'עס האַרץ קרענקט מיט דעם קראַנקען צוזאַמען; אַז, ווי דער אַמאָליגער נביא, האָט ער געליבט דאָס אָרימע פאָלק, שילטענדיג עס.

דערפאַר, אַז דר. חאַזאַנאָוויטש איז געקומען אויף די „חאַנאַי־קעס" וואו די נויט און אָרימקייט איז ניט געמישט מיט נאַרישע גאוה; וואו די שמוציגע העמד איז ניט בעדעקט מיט אַ קאָרסעט און אַ זיידענעם יאַקעל; וואו נויט און עלענד זענען בלויז און נאַקעט פאַר זיך און פאַר אַלעמען,— דאָ האָט ער ניט געצאַרנט און ניט גע־שאָלטען; דאָ האָט ער אויך אָפט גאָר קיין געלד ניט גענומען. פער־קעהרט: ער פלעגט נאָך אונטערן קיסען ניט זעלטען אַ דריי-רובלדיגע אַרונטערלעגען.

דר. חאַזאַנאָוויטש איז ניט געווען פערהייראַט. זיין הויז איז אַ בערוז געווען פאַר אָרימע קלויזניקעס און אנדערע שטודירענדיגע יונגע לייט. גאַנץ אָפט פלעגען זיי נעכטיגען ביי איהם, צו עטליבע מיט אַמאָל. אַז ער איז געקומען ביי נאַכט פון די וויזיטען אַ היים, האָט ער אַרויסגעשאָטען דאָס געלד פון די קעשענעס און געזאָגט צום עולם: „נו, חברה, נעהמט אייך „מעשר" וויפיעל ווער עס דאַרף".

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך קיינמאָל ניט געדונגען. האָט אָבער אַמאָל געטראָפען, אַז אַ קאַרגער גביר האָט איהם געוואָלט עקספּלאָ־אַטירען, און שפּאָרט איהם אריין אין האַנד אַ האַלבען קארב, האָט עס חאַזאַנאָוויטש ניט געקענט פערטראָגען. „חזרים"!— האָט ער דאַן מכבר געווען די קאַרגע בורזשוקעס — אַ „חאַנאַיקער" יוד גיט אַ האַלבען רובל און איהר גיט אויך אַ האַלבען רובל! קראַנק זייט איהר צו צאַהלען אי פאַר זיך, אי פאַר די „חאַנאַיקעס!".

זייענדיג אַ פינף יאָהר פאַר זיין טויט אין ביאַליסטאָק, האָב איך בעזוכט דר. חאַזאַנאָוויטש. איך האָב מיך געמעלדעט, אַלס ליטעראַט. ער האָט מיך צוגענומען קאַלט. אַז איך האָב איהם געזאָגט: איך שרייב העברעאיש אויך, איז ער געוואָרען צו מיר פריינדליכער.

נאָך ווען איך האָב איהם געמעלדעט, אַז איך וויל שענקען עטליכע ביכער פאַר זיין ביבליאָטעק אין ירושלים,—האָט ער זיך שוין געלאָזען אין זעהר אַ וואַרימען און אָפענהערציגען געשפּרעך מיט מיר.

דר. ח. איז שוין ווייס־גראָה געווען דעמאָלט, כאָטש ער האָט געשיינט צו זיין נים עלטער פון אַ יאָהר זעכציג. די שטריכען פון זיין פּנים זענען געווען זעהר אָריגינעלע. עפּעס איז אויסגעגאָסען געווען אויף זיין געזיכט אַ קינדערשע תמימות. דורך די אויגען האָט אייך געלויכטען אַ נאַטירליכקייט און ריינקייט פון דער נשמה און צו דער זעלבער צייט האָט איהר אין זיי בעמערקט עפּעס אַ שמערצליכע ערבימערונג און טיפעס ליידען. מען זאָגט, אַז דער פּאָגראָם האָט אויף איהם געמאַכט אַ מורא׳דיגען רושם. ער האָט, זינט דעם פּאָגראָם, זיך איינגאַנצען צוריקגעצויגען. אין די שטאָדטישע זאַכען האָט ער זיך נים געמישט. אויבען אָן נים געקראָכען. וואו עס האָט געשמעקט מיט טומעל און מיני גאוה, פון דאָרט איז ער אַנטלאָפען. רעקלאַמען האָט ער פיינט געהאַט און געלעבט זיך אין דער שטיל, אליין מיט זיינע חולאים, אם מעהרסטען פון די „חאַנאיקעס“, אָבגעבענדיג די פרייע צייט זיין לעבענס־אידעאַל, דער יודישער ביבליאָטעק אין ירושלים.

צעבראָכענע נשמות.

צעבראָכענע נשמות.

I.

טיפּען און בילדער פון יודישע משוגעים.—חאַנע קראַוויעץ, די „פּער״ פון די משוגעים.—די דראַמאַ פון זיין וואַהנזין, זיין לעבען און זיין סוף.—אַברהם־על ע דער זינגער; הורוויץ־דער גובערנאַטאָר; טעוועלע דער אַפּיקורוס; יונה מיט זיינע הינט; זלאַטע די פּרינצעסין; אַ משוגענער אַ בעל צדקה.—וואו און ווי עס לעבט דער יודישער משוגענער.—די גאַס און די ווייסע חברה׳ניקעס.—די ערשטע יודישע הייל־קאָלאָניע פאַר גייסטיגע קראַנקע אין רוסלאַנד.—די ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די משוגעים—דאס זענען פארשטעהער פון אַ בעסערער וועלט, אַ צוהרג׳עטע, צוקאַליעטשעטע, אָבער דאָך אַ שענערע, ווייל דארט איז אַלעס מעגליך, און דאָס איבערנאַטירליכע—נאַטירליך; ווייל אַלעס איז דארט פאַנטאַזיע, וואס איז איבערגעקומען די ביטערסטע, די שרעקליכסטע ווירקליכקייט און אַוועק אין דעם אונבעגרענעצטען רוים, וואס ווייס ניט פון פערגאַנגענהייט און פון צוקונפט.

זיי כאַראַקטעריזירען אבער דאך אַ ווירקליכע וועלט, זיי ווייזען די קראַנקע יודישע נשמה אין רוסישען געטאָ.

חאַנע קראַוויעץ און זיין דראַמע.

איך וואָלט אייך וועלען צוערשט פאַרשטעלען מיין לאַנדסמאַן חאַנע קראַוויעץ. אָבער ער איז שוין טויט. און זיין טויט איז געווען אזוי

טראגיש, ווי זיין לעבען, ווי די געשיכטע פון זיין וואהנזין. ער איז געשטארבען אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואלוציע, אלס „אנארכיסט". דאס הייסט, מען האט איהם אנגענומען פאר אן אנארכיסט און דערשאסען.

די ידיעה וועגען חאנע קראוויעצ׳ס טויט איז אנגעקומען צו די יודישע בלעטער. וויל ערשטענס איז זיין טויט געווען ניט קיין גע־וועהנליכער, און צווייטענס איז חאנע קראוויעץ געווען ניט קיין געוועהנליכער משוגענער.

יעדע רוסיש־יודישע שטאדט האט איהר משוגענעם. אנדערע האבען צו צוויי, דריי און מעהר. פון זיי זענען ניט ווייניג פאפולער א סך ווייטער פון זייער שטאדט. נאר קיין משוגענער פונ׳ם יודישען געטא אין רוסלאנד איז געוויס ניט געווען אזוי וועלט-בעריהמט, ווי חאנע קראוויעץ.

באפט אן א מינסקער יודען, וועט ער אייך דערצעהלען גאנצע געשיכטען וועגען חאנען. זיין שם האט אויך געקלונגען וויט ארום מינסק. אומעטום האט מען געקענט חאנע קראוויעץ.

אבער ווייניגע האבען געוואוסט און וויסען די טראגעדיע פון זיין וואהנזין. דאס איז א שטיק געשיכטע פון דעם רוסישען יודענס גלות־דראמא. איך וועל זי אייך דערצעהלען.

חאנע קראוויעץ, ווי זיין נאמען וויזט (קראוויעץ איז אין פויליש א שניידער), האט געשטאמט פון שניידער. זיין טאטע איז געווען א דאמסקער שניידער, א פראסטער, נאר אן עהרליכער יוד, און האט א סך יאהרען נאך זיין חתונה קיין קינדער ניט געהאט. מען איז געפאה־רען צו „גוטע יודען", צו בעל שם׳ס, צו „טאטערען" און—לאנג געווארט, אבער פארט דערהארט—שוין גאר אין די מיטעלע יאהרען, האט ער בעקומען א נחת—אזוהן—חאנען. חאנע איז ביי איהם געווען א בן יחיד: מעהר האט ער קיין קינדער ניט געהאט. אבער דערפאר איז דאס געווען א גערעטעניש: א שענער און שלאנקער ברונעט, א קלוגער, א פעהיגער, א מתמיד. טאטע־מאמע האבען געשפארט פון עסען און טרינקען, פון אלע נויטיגע בעדערפעניסען און געלאזען חאנען לערנען.

חאַנעלע איז געוואָרען אן עלוי; מיט איהם האָט געקלונגען די שטאָדט. אַלע מאַמעס האָבען זיך מיט איהם געבענשט. חאַנעלע איז געוואָרען אַלט אַכצעהן יאָהר און מען האָט איהם גענומען רעדען שידוכים מיט די פיינסטע באַלעבאַטים.

אָבער די כאַפּער האָבען שוין אויך געוואָרפען אויף חאָנען אן אויג. דאָס איז געווען מיט עטליכע יאָהר פריהער, איידער מען האָט איינגעפיהרט אַלגעמיינע מיליטער־דיענסט. און מען האָט איהם גע־כאַפּט און אָבגעגעבען פאר אַ רעקרוט. די עלטערן זענען געווען זעהר אָרים און דערצו בעלי מלאכות, און האָבען גאָר נישט געקענט מאַכען. חאָנעלען האָט זיך אָבער אויך זעהר ניט געוואָלט דיענען. אַ געשייטער יונג איז ער געווען, איז איהם איינגעפאַלען צו מאַכען זיך משוגע, כדי אויף אַט דעם אופן פּטור צו ווערען פון דינסט. ער האָט אָבגעטאָן די ווילדעסטע שטוקעס. זיין „דיאַדקע" מיט דער גאַנצער נאַטשאַלסטוואָ זענען פון איהם צופּלאַצט געוואָרען. מען האָט בעשטימט קאָמיסיעס צו אונטערזוכען איהם. מען האָט פערשטאַנען, אַז ער מאַכט זיך. מען האָט איהם געפּייניגט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. חאַנע האָט ניט געוואָלט דינען. ענדליך איז ביי איינינע פון די העכערע מיליטער-בעאַמטע אריין אַ ישוב הדעת, אַז עס קען זיין, אַז חאַנע איז טאַקע משוגע. אנדערע, ווידער, זענען געפעלען געווען זיינע וויצען, המצאות און שטוקעס. נאָכ'ן שטייגער פון „אדעליגע פּריצים" האָבען זיי איהם אָפּט געבראַכט צו זיך אויף זייערע הוליאַנקעס, איהם אָנגעשכור'ט און בענוצט איהם אין אַזעלכע פאַלען פאר אַ שפּאַס־מיטעל. חאַנע איז פּטור געוואָרען פונ'ם ווירקליכען דינסט. דערפאַר אָבער האָט ער געדאַרפט דינען אַלס לץ, אַלס שפּאַס־מאַכער, האט געמוזט עסען חזיר, טרינקען בראַנפען ביז צו שכרות און ליידען די נידערינסטע בעליידיגונגען פון די שכור'ע אָפיצירען. זיין פאָטער און מוטער זענען פון פערצווייפלונג געשטאַרבען. ער אַליין האָט אויך ניט געקאָנט אויסהאַלטען די ראָלע ביז צו ענדע. און ביסלעכוויז, ביסלעכוויז האָט די בראַנפען און די מאָראַלישע ערנידערונגען געווירקט אויף זיין גייסט. ווען מ'האָט זיך איבערציינט, אַז חאַנע איז

געוואָרען מיט אַן אמת משוגע, האט מען איהם בעפרייט פון דינסט. חאַנע איז געוואָרען פריי, אָבער אין דער פרייער וועלט האָט ער שוין קיינעם מעהר ניט געהאַט. זיין קערפער און גייסט זענען געווען צובראָכען.

די „פריצים" האָבען אויף איהם „רחמנות" געהאַט. מען האָט איהם צוגעוואָרפען אַמאָל עטליכע קאָפּיקעס, אַ שטיקעל ברויט, און דוקא מיט חזיר, אַ גלעזעל בראנפען. דערפאַר אָבער האָט ער זיי געדאַרפט „אַמוזירען", פרעהליך מאַכען.

פון דעמאָלט אָן איז חאנע געוואָרען „חאַנע קראַוויעץ", דער בעריהמטער מינסקער משוגענער.

נאָר אפילו משוגענערהייד איז ער נאָך אַלץ געבליבען דער שענער ברונעט, דער העלדישער יונג. זיין וואוקס, זיין גאנג, זיין קעהר איז געווען שטאָלץ. זיין „חיונה" האָט ער געצויגען פון די אָפּיצירען מיט די פריצים. ביי יודען האָט ער קיינמאָל גאָר נישט געבעטען. קיינער האָט ניט געזעהן, אַז אַ יוד זאָל איהם עפּעס געבען: עסען, צו אַ גראָשען. אין גאס פלעגט מען איהם זעהן אַלע טאָג אין אַן אנדער פאָזע, אנדערש געקליידעט: דאָ אין אַ צילינדער, אין ווייסע האנדשוה, אין איין שוך און איין קאַלאָש; דא אין אַ אָפּיצירישען מונדיר מיט אַ ציגאַר אין מויל; דא אָבגעגאָלט דער קאָפּ, אדער ראַזירט אַ האלבע באָרד; ווינטער אין אַ לייכטען ווייסען זומער-זשאקעט, מיט צוריסענע נעט, דורך וועלכע עס האָט געפּראַרען זיין נאַקעטער שמוציגער קערפער. זומער אין אַ הויכע באַראַשקענע קוטשמע און אַ פוטער. דאָס פלעגען אַזוי די פריצים „צופּוצען" חאַנען, זייער פריצישער נשמה צום פערגעניגען און דעם עולם צום שפּאַס.

ווייסע חברה׳ניקעס פלעגען איהם נאָכלויפען, וואַרפען מיט שטיינער, אָנרייצען אויף איהם הינט, רייסען איהם, צופּען איהם. חאַנע האָט אַ פליג אויפ׳ן וואנד ניט אָנגעריהרט. וואָס מען האָט איבער איהם ניט צוטאַן, פלעגט ער זיך ניט ערלויבען שלאָגען צוריק; פלעגט ניט שרייען, ניט גוואַלדעווען, ווי אנדערע משוגעים. ער פלעגט זיך אָפּט נאָר, אין מיטען די בעליידיגונגען און פּייניגונגען, אוועק־שטעלען פלוצלונג אין מיטען דער רעדעל, נישט ריידען קיין וואָרט,

נאָר אַ וואָרף טון אויף זיי אַ שטומען בליק. דאַן אַ קעהר טון זיך שטאָלץ צוריק און אוועקגעהן.

דער בליק, פול מיט צאָרן, מיט בעליידיגטען געפיהל און פעראַכטונג, האָט ניט זעלטען געווירקט. און די גרויזאַמע ווייסע חברה פלעגען זיך אויף אָבשטעלען, אַזוי ווי פערשעמט, און לאָזען איהם צורוה. ווען אַזאַ טאַקטיק האָט ניט געהאָלפען, פלעגט חאַנע, אָב־שטעלענדיג זיך, פערפיהרען מיט עמיצען פון דער חברה, אָדער מיט עטליכע אַ געשפּרעך, אַ קינדערשען געשפּרעך, אַזוי ווי איינער פון זיי; פלעגט מיט זיי לאַכען און חוזק׳ען און אין מיטען חוזק׳ען, פלעגט ער זיך פלוצלונג אויסדרייען אָדער אַריין ערגעץ אין אַ הויף און אַזוי ניצול ווערען פון דער קאָמפּאַניע.

חאַנע האָט געהאַט קלוגע איינפאַלען און גלייכווערטלעך, און יודישע יונגע לייט האָבען זיך אויך ניט געשעמט אַריינצונעהמען איהם און פערברענגען מיט איהם די צייט. איבערהויפּט—די גבירישע יונגע לייט. דעריבער האָט חאַנע געקענט אַלע גבירים אַזוי גוט, ווי ער האָט געקענט זיינע אָפּיצירען און פריצים. ער האָט געוואוסט, וואָס איט־ליכער פערמאָגט, ווי יעדער לעבט.

ווי ביי דאָס רוב יודישע משוגעים, האָט זיך ביי חאַנען ענטוויקעלט אַ מאַניע פון גרויסקייט. פּריצים און יודישע גבירישע יונגע לייט פלעגען איהם, צו שפּאַס, איינשמועסען, אַז ער איז מיט זיי שותפות אין זייערע עסקים און רייכטום. חאַנע האָט געגלויבט, ווי דאָס מעהרסטע משוגעים, וואָס זענען ניט אימשטאַנד צו אונטערשיידען די ווירקליכקייט פון דער פאַנטאַזיע. אַז ער פלעגט ריידען צו עמיצען וועגען אַ גביר, פלעגט ער געוועהנליך צושטעלען זיין אייגענע פּערזאָן: „איך און שמחה לאַנדע״, אָדער „איך און וואָלף ראַפּאָפּאָרט״ (מינסקער גבירים), אָדער „איך און גראַף טשאַפּסקי״—פלעגט ביי איהם שטענדיג געהן צוזאַמען. מיט דעם גביר האָט ער שותפות געקויפט אַ וואַלד, מיט יענעם געקויפט הייזער; מיט אַן אַנדערען צוזאַמען געגעבען „זשירעס״ אויף וועקסלען, און אויף זיינע זשירעס גיט מען געלד אין אַלע בענק. דערפון געהט אין מינסק אַ ווערטעל „חאַנע מיט די זשירעס״.

אזוי רופט מען געוועהנליך אפוסטען בעל גאוה. מיט דעם נראף האט חאַנע געהאַט גיטער, מיט יענעם פריץ—צוזאַמען גענעסען אויף אבאל. די מויערן זענען געווען זיינע און שמחה לאנדעס, און יענע הויפען—זיינע און דעם פריץ קורקוזעוויטשעס. ער האָט בעזעסען אויף אזא נ׳ארט—און אימער שותפות—גאסען, הייזער, גיטער און גאנצע שטעדטלאך. און זיינע „גרויסע עשירות" זענען געווען די סיבה פון זיין טויט. ער איז געשטאָרבען מיט א רעוואלוציאָנערען טויט—פון „עקספּראָפּריאציע".

עס פערשטעהט זיך, אז ניט מען האט איהם געוואָלט עקס־פּראָפּריאירען, נאָר מען האט געמיינט, אז ער איז געקומען עקספּראָ־פּריאירען, און מען האט איהם געשאָסען, אלס אנאַרכיסט.

אזוי האָבען געמעלדעט די צייטונגען. נאָר איך צווייפעל שטארק אין דער ריכטיגקייט פון אַט דעם צייטונגס־בעריכט. חאַנע איז שוין אלט געווען א יאָהר זעבציג און קיינעם האט ניט געקענט איינפאלען, אז דאָס איז אַן אנאַרכיסט. גיכער איז צו גלויבען, אז א שכורער פריץ האָט איהם דערשאָסען „צום שפּאס", און אום צו אַנטגעהן פון געריכט, האָט ער אויסגעקלערט די מעשה, אז מען האָט געמיינט, ער איז אַן אנאַרכיסט.

חאַנע איז געשטאָרבען אזוי טראגיש, ווי טראגיש עס איז געווען זיין לעבען און די סבה פון זיין וואַהנזין.

II.

דער יודישער וואהנזין איז ניט קיין קאָביגער, ניט קיין רעש׳דיגער, ניט קיין שעדליכער פאַר אַנדערע. ער איז שטיל, פערטיפט אין זיך און שוצלאָז. אזוינע סאָרטען משוגעת, וואָס קומען פון שכרות, פון א צולאָזענעם לעבען, וואס דריקט זיך אוים אין מאָרד און זעלבסטמאָרד, אין שלאָגען זיך — „בויאַנען״ — בעגעגענט איהר זעהר זעלטען אין דער יודישער גאַס. דאָס רוב יודישע גייסט-קראַנקע זענען אָדער מעלאַנכאָליקער, אָדער, פערקעהרט—פרעהליכע „לונג־און-לעבערס״. איןביידע פאַלען אָבער—גאַנץ אונשעדליכע און אונשולדיגע. דער יודישער וואהנזין איז א פּראָדוקט פון דעם יודענס אוננאָרמאַלער פּאָליטישער און סאָציאַלער לאַגע אין רוסלאַנד, פון זיין גרויזאַמער רעכטלאָזינקייט. דאָס רוב יודישע משוגעים זענען מענשען מיט געבאָרענע פעהיגקייטען, וואָס די שרעקליכע ווירקליכקייט האָט ניט געלאָזען זיי ענטוויקלען זיך נאָרמאַל און פערקריפּעלט זייערע נשמות אין קאַמפּף מיט די קייטען און פּענטעס, פון וועלכע זיי האָבען געשטרעבט זיך אַרויסצורייסען אין דער ליכטיגער פּרייער וועלט.

דער גרעסטער פּאָליטישער עלענד אין יודישען לעבען פון רוסלאַנד איז די קאַטאָרגע פון דעם רעקרוטען־דינסט, די אַמאָליגע רוסישע קאַזאַרמע. אין סלוצק איז געווען אַ משוגענער יודעל, מיט וועלכען עס האָט פּאַסירט די זעלבע דראַמע, וואָס מיט חאַנע קראַוויעץ. יודעל איז אויך געווען אַ בחור אַן עלוי. ער האָט געפּרובט דעם זעלבען מיטעל לויז צו ווערען פון רעקרוטען־דינסט און מ׳האָט איהם אויך

אזוי פערפייניגט, ווי האָנען, און ארויסגעלאָזט פון קאזארמע א גייסטיגען קריפעל.

די צרות און בלוט-זויגעניש פון די פאָליציייאישע קאָנצעלאריעס און סודען האָבען ניט איין מענשען געטריבען צום וואהנזין. אין מינסק פלעגט, אויך אזוי ווי האָנע, אומגעהן איבער די גאסען א משוגע־נער, הורוויץ, אן עלטערער יוד, וועמעס איינבילדונג איז בעשטאַנען אין דעם, אז ער איז א גובערנאטאר. אָפט פלעגט מען איהם זעהן, שפּאצירענדיג איבער די גאסען א צוגעפּוצטער אין עפּאָלעטען און אין א מיליטערישער היטעל. די געשיכטע פון זיין וואהנזין איז ניט ווייניגער טראגיש, ווי האָנעס און יודעל'ס. זיין טאטע איז געווען אן ארענדאר ביי א פריץ. דער פריץ האָט איהם (זיין טאטען) פערשמיסען צום טויט. ער איז ניט באלד געשטאָרבען, נאָר אין א קורצע צייט ארום, פון הארצוועהטאָג. דער זוהן האָט ניט געקענט פערגעסען דעם פאָטערס בעליידיגונג. ער האָט געזוכט אין אלע קאָנצעלאריעס גערעכטיגקייט. צו נעהמען נקמה אָן זיין פאָטערס בעליידיגער און מערדער איז געווען זיין איינציגע אויפגאבע אין לעבען. די גאנצע ירושה און וואָס ער האָט פערדינט—פון מלמדות—האָט ער אוועקגעגעבען אויף „פאפּירען" און רעכט־זוכעניש איבער די קאָנצעלאריעס. מען האָט ביי איהם דאָס געלד ארויסגעצאָפּט און צו קיין משפּט האָט ער זיך ניט דערשלאָגען. ער האָט ניט געקענט—ניט עסען, ניט טרינקען, ניט רוהען. דאָס האָט איהם ענדליך געריהרט פון זינען. אין זיין קראנקען מוח איז אריין א געדאנק, אז צו דערגעהן די גערעכטיגקייט מוז ער סיידען ווערען אליין א גובערנאטאר,—די העכסטע דיסטאנץ נאָך א יודישען באלעבאטישען בעגריף, וואָס האָט די מאכט דערצו. און צווישען „וועלען" און „ווערען" איז, ווי בעוואוסט, אין א קראנקער פאנטאזיע נאָר א קליינער גרענעץ. זיין צושטרייטע איינבילדונג האָט איהם געמאכט פאר א גובערנאטאר און דאן האָט ער זיך בערוהיגט.

די קרומע שידוכים, די צוזאמענשטויסונגען, אויף אָט דעם באָדען, צווישען פאנאטישע און דעספּאָטישע עלטערן און זייערע קינדער האָט געבראכט ניט ווייניג גייסטיגע אָפּפער. אין ביאליסטאָק

איז געווען א וואהנזיניגער, וואס זיין איינרעדעניש איז בעשטאנען אין דעם, אז זיין טאטע האט איהם פערקויפט. ער האט צו זיך אליין ניט בעלאנגט; ער האט ניט געהאט קיין שום פערזענליכע פרייהייט; זיין קערפער איז ניט געווען זיינער; קיין זאך אין איהם איז ניט געווען זיינע; „ער איז פערקויפט“—דאס איז געווען נאכאנאנד זיין טענה.

די אונמעגליכקייט—צוליב עקאנאמישע, אדער אנדערע אורזאכען - חתונה צו האבען, שאפט אויך א סך אפפער. אין סמאלעוויטש, מינסקער גובערניע, איז געווען א משוגענע זלאטע, וועלכע איז געווען איבערצייגט, אז זי איז דעם קיסר׳ס כלה; אז ער האט איהר געשיקט גאנצע וואגאנעס מיט אל-דאס גוטס און זי האלט אין איין ווארטען אויף אן עקסטרא טעלעגראמע, זי זאל זיך אנטאן אין בגדי מלכות און קומען צו איהם. האט מען איהר געגעבען א פאפירעל, און געזאגט, א דאס איז א בריוועל צי א טעלעגראמע פון קיסר, האט זי געבעטען לייענען און דאס צוגענומען און בעהאלטען מיט דער גרעסטער ליבשאפט.

א סך וואהנזיניגע טרעפט איהר אין די יודישע שטעדט פון רוסלאנד — אפפער פון צופיעל אנגעשטרענגטע גייסטיגע ארבייט — געוועזענע וואויל-לערנער, מתמידים. דאס זענען די שטילסטע און רוהיגסטע משוגעים. אין מינסק אליין זענען געווען א פאר א זעלכע: אברהם׳עלע און יונה. דער ערשטער האט געקענט אלע יודישע פאלקסלידער און בעלי מלאכות האבען ליעב געהאט איהם אריינצונעהמען אין זייערע ווערק-שעפער און הערען זיינע נגונים. דערפאר פלעגט ער קריגען לייכט א גראשען. יונה איז געווען בעריהמט דערמיט, אז וואס ער האט בעקומען, פלעגט ער זיך טיילען מיט זיין קאמפאניע הינט, וואס זענען תמיד געווען ארום איהם. אין מאנאסטירשטשינע, מאהליווער גובערניע, איז דא, אויך פון דעם טיפ, א משוגענער בעל צדקה. וואס ער בעקומט ווארפט ער אין שוהל אין די פושקעס, אדער צוטיילט ארימע לייט. ער האט אויך אין שוהל אן אייגענע ספר תורה, וואס ער האט געלאזען שרייבען פאר זיינע אויפגעקליבענע גראשענס. אליין נעהרט ער זיך מיט ברויט און וואסער, אדער א ביסעלע קרופניק.

דאָגעגען איז געווען אין מינסק אַ משוגענער—אַן אַפּיקורוס—טעווע. ער פלעגט שטעלען פייגען צום הימעל און אויסרעדען אויף גאָט, וואָס אין קאָרט שטעהט. דערפאַר פלעגט ער ביי יודען זעלטען אַ נדבה קריגען און האָט זיך תמיד אויפגעהאַלטען אין אוטשאַסטאָק, וואו ער פלעגט הייצען די הרובעס און קריגען פון די פּאָליציסטען דערפאַר אַ שטיקעל ברויט, אַמאָל מיט אַ שטיקעל חזיר.

דער משוגענער איז אַ געוועהנליכע ערשיינונג אין דעם יודישען געטאָ. אָהן אַ משוגענעם קען מען זיך ניט פאָרשטעלען אַ יודישע קהלה, ווי עס איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען זי אָהן אַ רב, אַ מקוה און אַ פּאָליציסט. אין דער זעהר יונגער קליין שטעדטעלע וואָלאָמין, לעבען וואַרשאַ, וואו עס זענען דאָ אינגאַנצען עטליכע צעהנדליגע יודישע פאַמיליעס, איז נאָך קיין אייגענער בית עלמין ניט געווען, און אַן אייגענעם משוגענעם האָבען זיי שוין פערמאָגט.

דער משוגענער וואוינט אין יודישען געטאָ—האַלב אין גאַס, האַלב אין שוהל, אין דער ווייבערשער אָבטיילונג, אָדער „להבדיל" אין מרחץ אונטער'ן אויווען. ער לעבט פון די גראָשענס, שטיקלעך ברויט, איי־בערבלייבעכצען פון געקעכץ, וואָס מ'ווארפט איהם צו. ביי דער מאַסע איז ער אַן אייגענער מענש, אַ שטוב־מענש, און דער אָרימסטער באַלעבאָס, אָדער באַלעבאָסטע לאָזט דעם משוגענעם ניט ארויס פון שטוב מיט גאָר נישט. דערפאַר פאַרברייינגען מיט איהם אייגפאַכערע, ווענינער ענטוויקעלטע ארבייטער, די צייט; מען לאַכט פון זיינע המצאות, לידלעך, וויצען. דער משוגענער שטאַרבט ניט פון הונגער אין דער יודישער גאַס. דערפאַר אָבער איז שוין דאָרט קיין רעטונג ניטאָ פאַר זיין קראַנקען גייסט. איז איינער נור עטוואָס ניט געזונד און וואָלט נאָך געקענט אויסגעהיילט ווערען, ווערט ער שוין פערקריפּעלט, ווי ער פאַלט נור אריין אין גאַס. די ווייסע חברה מאַכט איהם אינגאַנצען און האָפנונגסלאָז צודולט.

אַ קראַנקען־הויז איז ביי יודען איינע פון די ערשטע צדקה־זאַכען. אַ „הקדש" איז כמעט דאָ אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל. אָבער פאַר די אונגליקליכסטע אָפּפער, פאַר די גייסטיג־קראַנקע ווערט

כמעט גאָר ניט געזאָרגט. אלס אויסנאַהמע ווערט אין אייניגע שפּיטאָלען, ווי אין ביאַליסטאָק און מינסק, אין ווילנא—אין „מושב זקנים" אויפגעהאַלטען עטליכע וואַהנזיניגע, רוהיגערע און קערפּערליך געזונדע. ערשט די לעצטע צייט איז אין ווארשא געמאַכט געוואָרען אַן ערנסטער שריט צו גרינדען אַרום שטאָדט, אויפ'ן לאַנד, אַ קאָלאָניע פאַר גייסטיג־קראַנקע.

וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט געהאַט די רוסישע רעוואָלוציע אויף די מענשען, וואָס זענען גענייגט צו גייסטיגער ערקרענקונג?

אין פלוג, דוכט זיך, אַז די שרעקליכע צוטרייסלעניש אין אַלע זייטען פונ'ם עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען האָט געדאַרפט שאַפען פיעל מעהר אַפּפער אין אָט דער הינזיכט. אין אמת'ן אָבער האָט זיך בעמערקט דעם היפּך. די צאָהל פון אידיאָטען און משוגעים אין די יודישע גאַסען פון רוסלאַנד איז, אין פערגלייך מיט פריהער, דאַן אַ סך קלענער געוואָרען. אידיאָטיזם און וואַהנזין איז די פרוכט פון פערצווייפלונג און אונבעוועגליכקייט. די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך, ווי אַ שטורם, אַריינגעריסען אין דער יודישער נשמה, אָבער ווי אַ פריהלינגס־שטורם, וואָס צושטערט ניט, נאָר פערקעהרט: בעלעבט און רייצט אויף צו אַ פרישערע און שטאַרקערע טעטיגקייט. די דער־מאָקראַטישע אידעען האָבען געגעבען דער יודישער יוגענד אַ אידעאַל, וואָס נעהרט און שטאַרקט די נשמה און היט איהר אָב פון טעמפּ־קייט און שימעל. ווי אַ פרישער טוי פון האָפנונג און טרייסט דרינגט אַריין אָט דער אידעאַל אַלץ ווייטער און טיפער אין די שוואַכסטע נשמות און רעגט זיי, און מונטערט זיי אויף, און העלפט זיי איבער־טראָגען די שווערסטע קריזיסען. אַ סך אוננאָרמאַלע ערשיינונגען האָט די רעוואָלוציע, אמת, אַריינגעבראַכט אין דער יודישער גאַס. אָבער אָט די אוננאָרמאַלע ערשיינונגען האָבען קיין שום שייכות ניט מיט גייסטיגער שוואַכקייט און אידיאָטיזם. פערקעהרט: אין זיי בעמערקט זיך די דרייסטקייט און הינרייסונג פון געזונדע יוגענדליכע קרעפטען. אפילו די פעהלערן פון דער דעמאָקראַטישער יוגענד זענען

סימפאטיש מיט זייער גייסטיגער מונטערקייט און פרישקייט, און ווייזען, אז די יודישע קראנקע נשמה לעבט דורך א גענעזענדע; קריזים. פריהער צו שפעטער וועט זי ארויס פון קריזים געשטארקט און פעהיג צו א געזונדער שאפענדער ארבייט.

בעליידיגטע ליעבע.

דאָס איז אַ צוויישפּאַבע דראַמע, וואָס איך וויל איצט דערצעהלען. אַ געשיכטע פון מענער׳ס גרויזאַמקייט. אויף אַט דער דראַמע, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, צווי דראַמעס, האָב איך זיך גאַנץ צופעליג אָנגעשטויסען אויפ׳ן הויף פון ביאַליסטאָקער יודישען שפּיטאַל, באַלד נאָכ׳ן פּאָגראָם. געהענדיג צווישען די רייהען בעטלעך מיט די פּאָגראָם־פערוואונדעטע, בין איך געוועזן איבעררעשט דורך אַן ענגלישע פראַזע, וואָס האָט מיר פּלוצלונג אַ קלונג געטאָן אין אויער.

— וואַי דאָנטש יו וואַש יורסעלף, יו דאָירטי טהינג? *)

איך האָב זיך ניט ווילענדיג אָבגעקעהרט אַ קוק טאָן: פון וואַנען נעהמט דאָס די ענגליש? און האָב דערזעהן פאַרביי מיר לויפענדיג אַ יונג מיידעל אין אַ אונטער־קליידעל, מיט אַ גאַנץ אויפגעשפּילעטען יאַקעל, צושויבערטע האָר און שמוציגען פּנים. נאָך איהר יאָגט זיך עפּיס אַ פרוי אין מיטעלע יאָהרען, אין אַ פאַרטוך, מיט פערקאַטשעטע אַרבעל; האַלט אין איין האַנד אַ קענדעל וואַסער, יאָגט זיך מיט איהר נאָך דעם מיידעל, קאָן זי אָבער ניט כאַפּען און האַלט אין איין שרייען, שטאַרק בייז:

— סטאָפּ, אַי טעל יו, דאָנט ראָן עוויי, סטאָפּ! **)

*) וואָס וואַשטו זיך ניט, דו שמוציגע זאַך?

**) האַלט, זאָג איך דיר, לויף נישט אַוועק, האַלט!

די סצענע האָט ארויסגערופען ביי די ארומיגע, אי די קראנקע, אי די געזונטע, א געלעכטער.

— ווער איז זי? ווער זענען זיי? — האָב איך געפרעגט ביי איי־נעם פון מיינע בעגלייטער, א לייכט-פערוואונדעטער ארבייטער, וועלכער איז געווען א האלבער באַלעבאָס אין שפּיטאָל און געקענט אַלע איבעריגע פערוואונדעטע און קראנקע בכלל.

— ביידע משוגענע, — האָט ער געענטפערט, — די צוויי איינציגע משוגעים פון שפּיטאָל.

— האָבען זיי עפּיס א שייכות צום פּאָגראָם? — האָב איך איהם געפרעגט.

— וואו! זיי זענען שוין דאָ אלטע בירגעריננס, יענע, די אלטע — א יאָהר צוועלף, און דאָס מיידעל אויך א יאָהר דריי.

— ווי אזוי קומען זיי אהער? און פון וואנען קען די פרוי ריידען ענגליש?

— זי איז אָנגעקומען אהער גלייך פון אמעריקא. זי איז א שוועסטער פון איינעם, וואָס דינט דאָ. האָט ער געפּועלט, אז מען זאָל זי צונעהמען און לאָזען דאָ זיין אין שפּיטאָל.

— און די אנדערע? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס מיידעל איז שוין משוגע געוואָרען דאָ, באַלד ווי זי איז געקומען צוריק פון אמעריקא. זי איז אויך געווען אין אמעריקא. עס איז א גאַנצע געשיכטע מיט זיי. א טרויעריגע געשיכטע. פרעגט זיך ביי איהר, ביי דער „מאמען", וועט זי אייך אפשר דערצעהלען.

— איהר זאָגט: ביי דער „מאמען"; איז זי דען דער מיידעל'ס א מאמע?

— ניין, נור זי האלט איהר, ווי א מאמע איהר קינד, און ניט ווי א געוועהנליך קינד, נאָר ווי א מאמע צערטעלט א ליעבע א פערצוויגענע בת יחיד'קע.

דאָס האָט מיך נאָך מעהר פעראינטערעסירט.

איך בין געווען זעהר נייגיריג צו וויסען די טרויעריגע געשיכטע פון אָט די ביידע אמעריקאנער אומגליקליכע לאנדס-פרויען, און מיין

בעגלייטער האָט מיר דערצעהלט אָט וואָס:

די אַלטע דבורה'קע האָט געלעבט מיט איהר מאַן אין ענגלאַנד; פון דאָרט זענען זיי אָבגעפאָהרען נאָך אמעריקא. איהר מאַן איז, דאכט זיך, געווען אַ פעדלער. זיי האָבען זיך געהאט זייער אויסקומעניש ניט שלעכט. זיי האָבען מעהר ניט געהאט ווי איין־איינציג קינד. די מוטער איז געווען שטארק צוגעבונדען צום קינד.

נאָר דאָס קינד איז געשטאָרבען, און פון דעמאָלט אָן איז געוואָרען אַ שטארקער ריס אין דעם לעבען פון דער קליינער פאמיליע.

דעם מאַן האָט זי ניט ווענינער געליבט. נאָר ער האָט איהר ניט געקאָנט פערבייטען דאָס קינד. ער האָט זיך גיכער געטרייסט פון איהר. אַז זי איז געריהרט געוואָרען פון זינען, האָט ער געקראָגען אַ מיטעל פטור צו ווערען פון איהר. ער האָט איהר „אריינגעשפארט אַ גט און איינגעשמועסט צו פאָהרען אַ היים נאָך רוסלאַנד. זי איז געפאָהרען און האָט אין דער היים ניט אויפגעהערט צו בענקען—אין צווייען: נאָך איהר איינציג קינד און דעם מאַן, וועלכען זי האָט ניט אויפגעהערט צו ליבען. ער איז, פאר איהר אוועקפאָהרען, געווען צו איהר זעהר פריינדליך און האָט איהר ניט אויפגעהערט איינצושמועסען, אַז ער שיקט זי נור אהיים, זי זאָל זיך אביסעל צושטרייען, און אין קורצען וועט ער איהר שיקען אַ שיפסקארטע, זי זאָל קומען צוריק.

איהר קראַנקהייט איז געווען אַן אונהיילבארע, אָבער זי איז ניט געווען קיין רוישענדע, בעלעסטיגענדע און ניט קיין מעלאַנכאָלישע. זי איז פון דעם סאָרט גייסטיגע קראנקע, וואָס זענען אין געוויסע צייטען פאָלקאָם נאָרמאל און אין זייער קרענקליכען געדאנק וואכט שטענדיג דאָס בעוואוסטזיין פון זייער גייסטיגער קראנקהייט.

זענענדיג אַן'ארבייטזאמע פון דער נאטור און כדי צו פער־שלאָגען איהר בענקעניש, האָט זי אין שפיטאָל זיך געכאפט ארבייטען, וואָס זי האָט געקענט. זי ארבייט מיט אַ טאָלק ווי אַ געזונטער מענש, און איז, ווי געזאָגט, געוואָרען אין שפיטאָל אַ גאנצע באַלע־באָסטע. האָבענדיג פון נאטור אַ צערטליך־ליבענד הארץ, האָט זי זיך ביסלעכוויז צוגעבונדען צו די קראנקע און תמיד געהאָוועט ארום זיי.

דאָס האווענייש און פּאָדעניש ארום די קראַנקע האָבען אין איהר אַ ביסעל פערשלאָגען דאָס בענקעניש. זי האָט, ווי עס שיינט, פערשטאַנען, אַז זי בלייבט דאָ אויף אייביג, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט זעהן איהר קינד'ס קבר און איהר מאַן; קיינמאָל ניט. זי האָט זיך אויך, שפּעטער אַ ביסעל, דערוואוסט, אַז איהר מאַן האָט חתונה געהאַט, און לעבט גאַנץ גוט, האָט אנדערע קינדער.

די האָט זיך פאר קיינעם ניט געקלאָגט. אָבער אין הארצען ביי איהר האָט ניט אויפגעהערט צו נאָגען דער אלטער טיפער וועהטאָג, ביז זי האָט ניט בעקומען אַ טרייסט אין איהר „בת-יחידי'קע, שרה'לע.

שרה'לע איז געווען אַ שענע שניידערין. אין איהר האָט זיך געליבט אַנ'ארבייטער—אויך אַ שניידער, און אפשר אַ שטעפּער—איך געדענק ניט אַקוראַט. קיין תנאים איז נאָך ביי זיי ניט געווען. אָבער צווישען זיי איז שוין געווען אָבגערעדט, און אלע בעקאַנטע ארבייטער און ארבייטאָרינס האָבען געוואוסט, אַז זיי זענען חתן-כלה.

איהר געליבטער האָט געדאַרפט געהן דינען. און שרה'לע האָט איהם געגעבען איהרע הונדערט רובל, וואָס זי האָט געהאַט אָבגעשפּאָרט פון דער ארבייט, קלויבענדיג יאָהרען-לאַנג אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע. ער איז אוועק אין אמעריקא. דערפאַר האָט ער איהר צוגעזאָגט, אַז ווי נור ער וועט אָנהויבען פערדינען, וועט ער איהר ארויסשיקען אַ שיפסקאַרטע, און זי וועט קומען צו איהם אין אמעריקא, און זיי וועלען דאָרט חתונה האָבען.

איהר געליבטער איז אוועק און שרה'לע האָט געוואַרט פון איהם אויף אַ בריף.

זי האָט געוואַרט אַ חודש, צוויי, דריי, פיער, אַ האַלב יאָהר, אַ יאָהר און—פון איהר „ליבען, טרייען שלומ'קען" איז קיין וואָרט ניטאָ.

זי האָט געשריבען צו בעקאַנטע, האָט געבעטען רחמים, מ'זאָל איהר ענטפערן: צי לעבט ער? צי איז ער געזונד? פאַרוואָס שרייבט ער ניט?

האָט איהר עמיצער ענדליך געענטפערט, אַז ער איז געזונד און פערדינט געלד, נאָר ער דרעהט זיך ארום מיט אַנ'אַנדערער.

האָט זי צונויפגעקליבען ווי־עס־איז אויף הוצאות; אַ ביסעל האָבען אייגענע אויסגעליהען. און איז אוועק נאָך איהם קיין אמעריקא.

אָבער אַז זי איז געקומען קיין אמעריקא, האָט זי געפונען, אַז איהר שלומ׳קע איז שוין געוואָרען אַ חתן מיט יענער מיידעל און מיט איהר האָט ער אפילו ניט געוואָלט ריידען.

וואָס דאָרט האָט פּאַסירט, אין אמעריקא, איז אַקוראַט ניט בעוואוסט. מ׳ווייסט נור, אַז זי איז קראַנק געוואָרען און ער האָט זיך איבער איהר מרחם געווען און האָט איהר אָבגעשיקט צוריק מיט אַנ׳אָקסען-שיף.

דאָס פּאָהרען אויפ׳ן אָקסען-שיף און דאָס טיפע קלעמעניש איבער איהר בעליידיגטער ליבע האָבען איהר געריהרט פון מוח. זי איז אריינגעפאַלען אין אַ טיפע מעלאַנכאָליע און איז אָנגעקומען אין ביאַליסטאָקער שפּיטאָל.

אַז שרה׳לע איז אָנגעקומען מיט דריי יאָהר צוריק, אין שפּיטאָל, און דבורה׳לע האָט זיך דערוואוסט איהר טרויעריגע געשיכטע, האָט איהר אייגען בעליידיגט הארץ אליין נור געפיהלט דעם טיפען עלענד פון דער אומגליקליכער מיידעל. זי האָט זיך צוגעבונדען צו איהר מיט אַלע פעדים פון איהר אייגענער ליידענדער נשמה. די אונבעפרידיגטע הייסע ליבע פון אַ מוטער און אַ פרוי האָט געפונען אַנ׳אויסגאַנג אין איהר צערטליכקייט און פּאַרעניש אַרום דער מיידעל. זי איז פאַר איהר געוואָרען אַ הייליגטום; זי האָט אין איהר, ווי עס שיינט, געפונען אַ צוועק, אַנ׳אויפגאַבע אין איהר אייגענעם צובראָכענעם לעבען.

שרה׳לע איז געוואָרען איהר קינד. זי האָט זי געקעמט און געוואַשען און דערלאַנגט עסען און געהאָלפען אָנטון זיך. שרה׳לען האָט קיינער אין שפּיטאָל ניט געטאָרט בעליידיגען. האָט מען זיך צו שרה׳לען צוגעריהרט, איז געווען גוואַלדען פון דבורה׳קען.

דאָס אומגליקליכע מיידעל פיהלט די צובינדליכקייט פון דער מאַמען און האַלט זיך אָפּט, ווי אַנ׳אמת׳ע צובאַלעוועטע בת-יחיד׳קע.

דבורה׳קע האָט ליב אָפּט צו געברויכען אַנ׳ענגלישע פראַזע: בעזונדערס, ווען זי רעדט מיט שרה׳לען. עס מאַכט איהר פערגניגען,

וואָס קיינער פערשטעהט איהר נים, אויסער שרה׳לען. און שרה׳לע, כאָטש זי איז נים לאַנג געווען אין אמעריקא, פערשטעהם, וואָס דבורה׳לע רעדם צו איהר. פיליייכט מיט׳ן בלויזען אינסטינקט.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהר, צו דבורה׳קען, און געוואָלט מאַכען מיט איהר אַ געשפּרעך.

— האַו דו יו דו, מעם? *)—האָב איך מיר פּלוצלונג צו איהר געווענדעט — אַי עם ע קאונטרי-מען אָף יורס **).

מיין „שלום־עליכם" האָט איהר מאָדנע איבערראַשט. זי האָט נים ערוואַרט צו הערען דאָ אַנ׳ענגלישען „האַו דו יו דו" און האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר שטאַרע, העכסט פערוואונדערטע אויגען.

איך האָב איהר געזאָגט: איך האָב געהערט, אַז זי האָט אין אמעריקא אַ מאַן, און אַז דער מאַן האָט זיך מיט איהר נים אָרענטליך בעגאַנגען.

— אָ, נאָו, נאָו, סער! ***)—האָט זי מיר איבערגעריסען די רייד, אַי העוו נאָטהינג ענעינסט הים, נאָטהינג! ****) הי איז ע נאָבל מען, ע נאָבל מען *****)...

אין מיטען דערינען האָט עמיצער פון די אַרומיגע אַ משפּט געטאָן שרה׳לען, וועלכע איז געלעגען, ווי אַ צובאַלעוועטע בת־יחיד׳קע, — אויסגעצויגען אויפ׳ן גראָז, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איין האַנד און געקוקט מיט איהרע אונבעוועגליכע שטאַרע אויגען ערגיץ אין אַ זיים, אין הימעל אַריין.

דבורה׳קע, וועלכע איז ביז איצט געשטאַנען רוהיג און גערעדט מיט מיר גאַנץ נאָרמאַל, איז אויפגעשפּרונגען, ווי עמיצער וואָלט

---

*) וואָס מאַכט איהר, מאַדאַם?

**) איך בין אייערער אַ לאַנדסמאַן.

***) אָ, ניין, ניין, הער.

****) איך האָב גאָרנישט צו איהם, גאָרנישט.

*****) ער איז אַנ׳איידעל מאַן, אַנ׳איידעל מאַן.

איהר א בים געטאָן, און מיט א ביטערן פאָרוואורף זיך געווענדעט צו מיר:

— איגנאָרענט פיפל, יו נאָו, וואַט דהעי העוו טו דהיז טשאַילד? *)

עמיצער האָט נאָכאמאָל אטשעפע געטאָן איהר „בת יחידקע".

דבורה׳לע האָט געכאפט א בעזעם און מיט געשרייען און גוואלדען א לאָז געטאָן זיך צו יענעם.

דער גאַנצער עולם האָט זיך צולאָכט.

*) אונוויסענדע מענשען, איהר ווייסט; וואָס האָבען זיי צו דעם קינד?

צעדרעהטע נשמות.

אַ יודישער הייד.

דאָס איז איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפּען, וואָס איהר געפינט אין ווילנער אָדער מינסקער יודישער גאַס. זיין אמת׳ן נאָמען האָט מען שוין לאַנג פערגעסען און גערופען האָט מען איהם „שמידט“. אונטער דעם דאָזיגען נאָמען האָט איהם אין מינסק געקענט קינד און קייט. נאָר זיין אמת׳ער פאַמיליען־נאָמען איז געווען ראָטשטיין. „שמידט“ האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען נאָך דעם פּערפאָסער פונ׳ם בעוואוסטען דייטשען ווערטער־בוך. וואָרום „שמידט“ האָט געקענט אַ סך שפּראַכען, און אזוי ווי אַמאָל האָבען יודישע משכילים געלערנט דייטש פון מענדעלסאָנס „תרגום אשכנזי“—דייטשע איבער־זעצונג פון דער ביבעל—אָדער פון שמידט׳ס ווערטער־בוך, האָט מען ראָטשטיינ׳ען אַ נאָמען געגעבען „שמידט“, בעצייכנענדיג דערמיט זיין גרויס געלערנטקייט. לייט האָבען געזאָגט, אַז ער איז קלאָר אין שמידט׳ס ווערטער־בוך פון טאָוועל ביז טאָוועל.

נאָר שמידט האָט אַ חוץ דייטש פערשטאַנען אויך פראַנצויזיש, גריכיש און לאַטיין, און האָט געלעזען די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען אין אָריגינאַל. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען אַ משכיל, אַ קענער און אַנ׳אפּיקורוס האָט געהייסען דער יעניגער, וואָס האָט געלעזען בלויז „אדם הכהנ׳ס“ שירים, אָדער מאַפּו׳ס „עיט צבוע“. קענט איהר זיך גרינג פאָרשטעלען, ווי אזוי די יודישע גאַס האָט אין יענער צייט

געקוקט אויף שמידט׳ן.

נאָר די מערקווירדיגקייט פון שמידט׳ן איז ניט בעשטאנען בלויז דערין, וואָס ער איז געווען „שמידט״, דאָס הייסט, וואָס ער האָט געקענט שפּראַכען. שמידט איז געווען אַ פילאָזאָף; דאָס איז געווען אַ מין יודישער דיאָגענעס — דער בעריהמטער גריכישער פילאָזאָף פון אַלטערטום, וואָס האָט געלעבט אין אַ פאַס. דאָס איז געווען אַ מענש, ביי וועמען דער געדאַנק און דאָס לעבען זענען ניט געווען צוויי בעזונדערע זאַכען. בעקומען פון אַ בוך אַ נייע אידעע, האָט ער זי גלייך געמוזט דורכפיהרען אין לעבען. פריהער פון אַלץ אין זיין אייגענעם לעבען.

לויט זיין כאַראַקטער איז שמידט געווען אַ גראַד-ליניגער מענש, וואָס ווייס ניט פון קונצען, וואָס וויל ניט וויסען פון קיין שום פּשרות.

די אַלטע גריכישע דענקער, בעזונדערס פּלאַטאָן און אַריסטאָטלעס, האָבען אויף זיין גייסט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. נאָך מעהר — די גריכישע קיניקער, יענע אַלטע פילאָזאָפען־פּעסימיסטען, וואָס האָבען געזעהן אין דעם לעבען נאָר ליידען, וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אַלע תענוגים און בעגרענעצט זייערע בעדערפנישען ביז צו אַנ׳עקסטרעם. ער האָט זיך איבערגעגעבען אינגאַנצען זייער מאַכט: ער האָט געלעבט בלויז אין דער אַלטער גריכישער וועלט, אָבער ניט אין דער וועלט פון דער מונטערער, לעבענס-לוסטיגער גריכישער קונסט, נאָר אין דער אָבגעשיידטער וועלט פון די גריכישע פילאָזאָפען־פּעסימיסטען, וואָס זייער שאַרפסטער פאַרשטעהער איז געווען דיאָגענעס.

„שמידט״ איז געווען אַ רב׳ס אַ זוהן, האָט אַליין אויך געקענט גוט תלמוד און די אַלטע יודישע ליטעראַטור, איז אויך געווען בעקאַנט מיט די השכלה־ספרים פון יענער צייט. נאָר די גייסטיגע וועלט, וואָס אין איהר האָט ער געלעבט, איז געווען אַ היידנישע וועלט. און אויף שמידט׳ן איז ניט שייך געווען צו זאָגען: „ניט פרום״, „אפיקורוס״. דאָס איז געווען אַנ׳אַלטער גריכישער הייד אין דער יודישער גאַס.

וויפיל „שמידט״ האָט געליטען רדיפות די ערשטע צייט, זינט

ער האָט זיך בעקעהרט צו דעם נייעם גלויבען פון דער גריביש־קינישער פילאָזאָפיע, איז אונבעקאַנט, מסתמא זעהר פיעל. נאָר מיט דער אייזערנער פעסטקייט פון אַנ'אמת'ן סטאָאיקער האָט ער עס איבער־געטראָגען. אזוי ווי ספינאָזא האָט ער זיך בעזעצט אויסער דעם תחום פון דער יודישער גאַס; האָט זיך געדונגען עק שטאָדט, אין א קריסט־ליכער געגענד, עפּעס אַנ'אָרים שטיבעל, און האט דאָרטען געלעבט. צום לעבען האָט ער נעדאַרפט זעהר ווינציג—וואָרום "שמידט" האָט געקענט אָבקומען מיט טרוקען ברויט און א ציבעלע, טראָגען אקאַפּאָטע צוואַנציג יאָהר, א העמד—א האַלב יאָהר, און אויף די שטיוועל האָט ער אליין געלעגט לאַטעס פון אויבען און זוילען פון אונטען. בכן איז ער אום קיינעם ניט בעשטאַנען, און דער עולם האָט איהם אין גיכען געלאָזען צו רוה.

נאָר איין זאַך האָט מען שמידט'ן ניט געקענט מוחל זיין: וואָס ער נעהמט אום מיט דער פּיפּקע "יום כפּור" איבער'ן שטאָדט־גאָרטען. דאָס פלעגט ער טון ניט מיט א צרלהכעיס, נאָר פּשוט, ווייל ער איז מיט'ן יודישען יום-כפּור קיין מחותן ניט געווען. ווייסע חברה'ניקעס פלעגען איהם, פערשטעהט זיך, וואַרפען מיט שטיינער. נאָר "שמידט" פלעגט דערפון ניט נתפּעל ווערען, און האָט די פּיפּקע ניט געלאָזען פון מויל. דאָס איז געווען זיין איינציגע ליידענשאַפט.

ביסלעכווייז איז די פיינדליכע שטימונג צו "שמידט'ען" איבער־געגאַנגען אין נייגירינקייט. א טייל יודישע משכילים האָבען אָפּטמאָלס דערוועגט זיך, בשתיקה פון די עלטערן, צו בעזוכען שמידט'ן אין זיין באַלופּקע. דערנאָך האָט מען ביי איהם אָנגעהויבען נעהמען שטונ־דען אויף דייטש און פראַנצויזיש. שמידט האָט געלערנט לויט די אַלטע מעטאָדעס, האָט אָבער ניט געקוקט אויף דער צייט און גענומען וואָלוויל: דריי רובל א חודש פאַר א שטונדע.

שמידט האָט אָבגעלעבט אין מינסק א יאָהר פערציג, פופציג, און האָט געצעהלט זיינע שילער אין די הונדערטער. ער האָט זיי געהאַט צווישען אלע קלאַסען. ער האָט פערדינט זיינע פינף, זעקס רובל א וואָך, און דאָס איז איהם געווען איבערגענוג. געלעבט האָט ער שטענדיג

אויף זיין שטייגער. ער האָט זיך ערלויבט אויסצוגעבן געלד נאָר אויף ביכער, אי דאָס בלויז אויף אַלטע, פילאזאָפישע,—אין פראַנצויזיש, גריכיש, אָדער לאַטיין. פון די נייע פילאזאָפען האָט ער ניט געהאַלטען. די נייע פילאזאָפען—פלעגט ער זאָגען—בויען זייערע סיסטעמעס אויפ'ן אויג (עקספערימענטאַלע פילאָזאָפיע). די אויג קאָן נאַרען. די אַלטע האָבען זיך געשטיצט אויפ'ן שכל, און דער שכל; פלעגט ער זאָגען, קען קיינמאָל ניט נאַרען.

זינט מינסק געדענקט שמידט'ן, פלעגט מען איהם תמיד זעהן אין דערזעלביגער לאַנגער שמוציגער קאַפּאָטע און אין דערזעלביגער פערשמאָלצעוועטער היטעל, די הויזען אין די כאָליאַוועס, דער פנים און די הענד שוואַרץ און שמוציג. באָרד און האָר זענען ביי איהם געווען צעפלאָנטערט, און ער האָט זיי, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געשאָרען און ניט געקעמט. עס איז אויך שווער צו זאָגען, צי האָט ער זיך ווען עס איז געוואַשען. קורץ: מיט זיין אויסזעהן איז שמידט געווען ענליך צו די אָרימסטע יודישע בעטלער, וואָס געהען איבער די הייזער.

און דאָך איז זיין פנים, זיין גאַנג, זיין גאַנצע פיגור געווען אַזוי אָריגינעל, אַז שוין פון ווייטען האָט מען זיך געמוזט אָבשטעלען און בעטראַכטען זיין מערקווירדיגע פערזאָן.

געהענדיג פלעגט ער האַלטען די אויגען אַראָב, ווי ער וואָלט ניט וועלען בעווירדיגען די נאַרישע „ברואים" אַרום מיט זיינעם אַ קוק.

אין זיין בליק איז געלעגען אַ פינסטערע גלייכגילטיגקייט. ווען ער האָט מיט אייך גערעדט, האָט ער זעהר זעלטען אויף אייך אויפגעהויבען די אויג, און דעמאָלט האָט ער געקוקט שטרענג, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז שמידט האָט אַלץ און אַלעמען פיינט. נאָר אין דער אמת'ן האָט ער קיינעם ניט פיינט געהאַט, קיינעם ניט ליב געהאַט, ער איז געווען צו אַלצדינג און צו אַלעמען — אַ חוץ זיין פּיפּקע און זיינע עטליכע אַלטע ביכער — גלייכגילטיג און קאַלט, ווי די גלייכגילטיגע קאַלטע נאַטור אַליין.

חתונה האָט „שמידט" געהאַט עטליכע מאָל, און ווייבער פלעגט ער, דאָס רוב, נעהמען, ווי דער עולם פלעגט זיך אויסדריקען,

פון „שענעם אָרט", דאָס הייסט, פשוט גערעדט, פון „דעק". אַזוי איז שוין געווען זיין מנהג. צי איז דאָס געווען ביי איהם אַ פּראָטעסט קעגען דער בירגערליכער געזעלשאַפט, וואָס זי האָט איהם פיינט געהאַט און וואָס ער האָט זי פעראַכטעט, אָדער פּשוט, ווייל די אָרימסטע באַלעבאַטישע יודישע פרוי האָט ניט געוואָלט געהן פאַר דעם „משוגענעם אפּיקורוס", דאָס איז ניט בעוואוסט. עס איז מעגליך, אַז ביידע סבּות צוזאַמען האָבען דאָ געשפּילט אַ ראָלע. מיט די ווייבער האָט „שמידט" קיין הצלחה ניט געהאַט. ווען אַ „געפאַלענע" האָט זיך יע געקוואָפּעט צו נעהמען אַזאַ „נפש", אבי צו פערדעקען די שאַנד פון איהר פריהערדיגען אויסגעלאַסענעם לעבען און ווערען אַ באַלעבאָסטע, ווי אַלע „אָרנטליכע ווייבער", האָט זי אָבער לאַנג ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם שניט פון שמידט'ס לעבען. זיין „אפּיקורסות" האָט, נאַטירליך, אַזאַ פרוי ניט געאַרט. אָבער צום „עולם הזה", וואָס דערצו האָט „שמידט" זיך פערהאַלטען מיט פעראַכטונג, איז „שמידטיכע" גאָר ניט געווען גלייכגילטיג. בכן, האָט „שמידט" געלעבט מיט זיינע ווייבער נאָר אַ קורצע צייט. דאָס רוב פלעגט ער זיך מיט די ווייבער אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך דער חתונה גט'ען; אַנדערע פלעגען איהם בע'גנב'ען און אַנטלויפען מיט ליובאָווניקעס. איינע פון אָט די ווייבער איז געווען די, שפּעטער איבער גאַנץ רוסלאַנד בעריהמ'טע „גאָלדענע הענטיל" — „זאָלאָטאיא רוטשקא", אין רוסיש. מיט איהר זענען פול געווען, די רוסישע קרימינעלע כראָניקעס און מיט איהרע קרימינעלע מעשים האָבען געקלונגען אַלע רוסישע בלעטער. זי איז אויך געראַבענט געווען צווישען די העלדען פון סאַכאַלינער קאַטאָרגע. די „גאָלדענע הענטיל" פערנעהמט אַ וויכטיגען פּלאַץ אין די סאַכאַלינער טיפען פון טשעכאָוו און דאָראָשעוויטש.

פון עטליכע ווייבער האָט „שמידט" געהאַט קינדער: וועגען דער קינדערשער ערציהונג האָט ער ניט געזאָרגט. לערנען זיינע קינדער האָט ער ניט געהאַלטען פאַר נויטיג. זיין עלטסטער זוהן, וואָס מיט איהם האָט ער שפּעטער געוואוינט צוזאַמען, איז געווען אַנ'אויוועז'הייצער אין מינסקער גרויסען בית המדרש.

איך בין מיט שמידט'ן בעקאנט געוואָרען עטליכע יאָהר פאַר זיין טויט. דעמאָלט איז ער שוין געוועזן אַלט, געגאַנגען איינגעבויגען מיט אַ שטעקען און האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אַלץ און אַלעמען ארום מיט זיין רויהען, פילאָזאָפיש־פעסימיסטישען און גלייכגילטיג־פערעכטליכען בליק.

קיין שטונדען האָט ער דעמאָלט ניט געהאַט. ער איז שוין לאַנג געוועזן אויס מאָדע. דערנעהרט האט ער זיך פון נדבות, וואָס ער פלעגט געהן קלייבען איבער די קראָמען, איך וויים ניט, ווי אַזוי האָט זיך דער שטאָלצער „דיאָגענעס פון דער יודישער גאַס" געקענט בעשליסען אויסצושטרעקען אַ האַנד. מסתמא איז דאָס איהם ניט גרינג אָנגעקו־מען. אָבער דער עולם האָט איהם קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט. ער פלעגט ניט אריין אינעווייניג אין קראָם (איבער די הייזער פלעגט ער ניט געהן, בלויז איבער די קראָמען) און האט ניט אויסגעשטעלט די האַנד און ניט געבעטען, ווי אנדערע אָרימע לייט. ער פלעגט נאָר האַלב אָנ'עפען טון די טיר און אריינשטעקען דעם קאָפּ. גלייך ווי מען האָט דערזעהן שמידט'ס קאָפּ, האָט מען איהם שוין געטראָגען אנטקעגען די קאָפּיקע. ער פלעגט ניט בעדאַנקען, אפילו ניט רעדען אַ וואָרט. נאָר אַ מאַך טון די טיר צוריק און אין דערזעלבער פאָזע אוועק אין דער צווייטער קראָם. געגאַנגען איז ער בלויז צו די, וואָס האבען איהם געקענט: אַזויגע זענען איבריגענס געוועזן האַלב שטאָדט. אָבזאָגען פלעגט איהם קיינער ניט.

צולעצט איז איינינע מינסקער אינטעליגענטען עפּיס געוואָרען אַ חרפּה צו זעהן דעם אלטען „שמידט" אין דער ראָלע פון אַ בעטלער. זיי האָבען געוואוסט, אַז דעם אַלטען, אויף זיין שטייגער, פילאָזאָף־אידעאַליסט, דאַרף דאָס קאָסטען נים ווייניג געזונד און שפיכת דמים. די צאָהל פון זיינע שילער איז אין מינסק געוועזן אין די הונדערטער. אַ סך פון זיי זענען שוין יעצט געוועזן דאָקטוירים, סוחרים, בכלל רייכע מענשען. אָט די האבען זייער אַלטען לעהרער ניט געדאַרפט דערלאָזען צו אַזאַ צושטאַנד.

עמיצער האט אָנגעשריבען אין דער מינסקער רוסישער צייטונג

א הילפס־אויפרוף פאר דעם אלטען „שמידט". דער אויפרוף איז ניט געבליבען גאנץ אהן א ווירקונג. מען האט צוגעשיקט אין דער רעדאקציע עטליכע רובל, און איך האב אויף זיך גענומען איבערצוגעבען די געלד שמידט'ן אין האנד. אט אזוי בין איך מיט איהם געווארען בעקאנט.

איך וועל קיינמאל ניט פערגעסען דעם איינדרוק, וואס עס האט אויף מיר געמאכט „שמידט" אליין און די שרעקליכע ארימקייט און עלענד ארום איהם אין זיין פינסטערער, שמוציגער שטוב. אליין איז ער געלעגען אויפ'ן אויווען, איינגעהילט אין אניצעס, און האט גלייכגילטיג גערויכערט זיין פיפקע און דערביי געלעזען אנ'אלטען פראנצויזישען בוך. ווי אלט און שוואך און געבראכען ער איז ניט געווען, איז נאך זיין האלטונג געווען מיט שטאלץ און זעלבסטווירדע. ער האט ניט בעדאנקט פאר די געלד, האט זיך אויף קיין זאך ניט בעקלאגט. נאר פון מיין בעזוך איז ער געווען צופרידען און האט מיר גערן מיטגעטיילט ידיעות פון זיין לעבען, וואס איך האב זיי דא בענוצט.

דער „גאון" פון „שפּיק־נאָדעל".

געטראָפען האָב איך זיך מיט איהם אין מינסק, דאָרט האָט ר דעמאָלט געוואוינט. אייגענטליך בעלאַנגט ער ניט צו מינסק אליין. ער איז „מלא כל הארץ כבודו", ער איז פול און פּאָפּולער אין דער גאַנצער וועלט. ער איז געוועזן אין בערלין, אין וויען, אין פּאריז, אין לאָנדאָן, אין ניויאָרק. וועד רעדט פון אזוינע שטעדט, ווי פּעטערבורג, קיעוו, אָדעס, רינא און אלע גרויסע יודישע שטעדט אין רוסלאַנד — דאָ איז ער אלע ווײַלע. ער האַלט בכלל אין איין פאָהרען. עס טראָגט איהם ווי דער ווינט. היינט איז ער דאָ און איבערמאָרגען אין פּעטער־בורג; אין עטליכע טעג ארום אין בערלין, און ווידער אין אָדעס, און ווידער אין קיעוו.

אָט זעהט איהר זיך מיט איהם אין ווילנא. אין עטליכע וואָכען ארום בעגעגענט איהר איהם אין וואַגאָן:

— פון וואַנען פאָהרט איהר, פּאַניע?

— אָט, פון ניי־ראָק פאָהר איך.

אין אוועלכע עס איז פּאָר מאָנאַטען צייט איז ער שוין געוועזן אין ניי־ראָק, אין ניו־יאָרק הייסט דאָס, און צוריק אויפ'ן וועג האָט ער זיך נאָך אָבגעשטעלט אין אפּאָר „קרעטשמעס" אין אייראָפּא.

בשעת ער רעדט מיט אייך, קוקט ער ניט אויף אייך, נאָר ער האַלט אויפגעהויבען די אויגען אריבער, און קוקט, דאַכט זיך, ערגיץ ווייט, העט אויפ'ן הימעל, אויף די שפּיצען דעכער און ענטפערט אייך

פערטראָגן, מיט אזא טאָן, אזוי ווי איהר וואָלט איהם איבערגעריסען אין גאָט ווייס וועלכע טיפע געדאַנקען.

אזוי דוכט זיך אייך, בשעת איהר רעדט מיט איהם. אין אמת'ן, אָבער האָט ר. דער קורנאָסער שדכן, גאָר ניט קיין טיפע רעיונות. איך צווייפעל, אויב ער האָט בכלל „רעיונות".

וואָרום כאָטש ר., דער קורנאָסער שדכן, איז אומעטום בעריהמט פאַר אַ געוועזענעם עלוי, און ער האָט איבעראַשט מיט זיינע אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, אי רבי יצחק אלחנ'ען, אי צדוק הכהן פון פאַריז, אי ראַבינער הילדעסהיימער פון בערלין און די גרעסטע וויסענשאַפטס־מענער פון אייראָפּא, פונדעסטוועגען איז זיין געדאַנק בכלל ניט טיפער פון יעדען אנדער שדכן, און ער אינטערעסירט זיך אין אלגעמיין וועניג מיט הויכע ענינים, סיי אין דער גמרא, סיי אין השכלה, סיי אין וועלט־זאַכען. ווייבער רופען איהם אפילו די „באָבע" פאַר זיינע „ניין מאָס רייד". און בשעת ער פיהרט אַ געשפּרעך מיט די ווייבער, קען ער, פערטראָגענערהייד, אריינריידען וועגען אַ קאָצערע, אַ לאָפּעטע, קוריץ, וועגען אַלץ, אויף וואָס זיין אויג פאַלט, בשעת ער רעדט.

ר.'ס „גאונות" בעשטעהט אין אַ פענאָמענאַלען (זעלטענעם, וואונדערליכען) זכרון. ער האָט אַן אונגעהויערע, אונבעגרייפליכע פאָרשטעלונגס־קראַפט. זעהט ער איינמאָל אַ זאַך, וועט ער עס געדענקען זיין גאַנצען לעבען מיט אלע איינצעלנע, פאַר דאָס געוועהנליכע אויג פערלאָרענע, שטריכען. גיט איהם אַ בוך צו לעזען, וועט ער דאָס געלעזענע בלאָט — כאָטש אַ חוץ די אותיות, מעג דער אינהאַלט, די שפּראַך איהם זיין אונבעקאַנט — צומאַכענדיג די אויגען, אייך איבערזאָגען, און ניט איבערזאָגען בלויז, ווי ער האָט עס געלעזען, נאָר היין און צוריק, ארויף און אראָב די שורות. דאָס בלאָט שטעהט איהם פאַר די אויגען אַ לעבעדיגס, ווען ער וויל נאָר ארויסרופען אין זינען די פאָרשטעלונג דעריבער.

בשעת ער איז געווען אַ קלויזניק, אַן עלוי, אין דער ישיבה, האָט איהם אייגענטליך אינטערעסירט ניט אזוי דער ענין, דער טיפער

געדאנק, וואָס דאָרט ליגט אינ׳ם בלאַט גמרא, נאָר דאָס בלאַט גמרא אַליין פאַר זיך. וואָס ער האָט נאָר איינמאָל איבערגעזעהן, איז ביי איהם געבליבען אין מוח. אָט אַזוי האָבען זיך אויפגעקליבען אין זיין מוח טויזענדער בלאַט גמרא. אַז איהר זאָגט איהם נאָר איין וואָרט, דאָס ערשטע, אָדער לעצטע וואָרט פון אַן „עמוד" גמרא, זאָגט ער אייך גלייך ניט בלויז אין וועלכער „מסכתא", וועלכען „פרק", וועלכען „עמוד" דאָס וואָרט שטעהט; ער זאָגט אייך דעם גאַנצען עמוד הין און צוריק, די ווערטער ארויף און אראָב, — אין וועלכער אָרדנונג איהר ווילט. איין וואָרט מאַכט פאַר איהם לעבעדיג דאָס גאַנצע בלאַט, שטעלט איהם אַוועק פאַר די אויגען, און ער לעזט עס, ווי עס וואָלט שטעהן ווירקליך פאַר איהם.

נאָר דאס איז נאָך ווייניג. דאָס אונבעגרייפליכסטע פון זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט איז, וואָס, ווען איהר עפענט אַ גמרא, שטעקט אריין אַ נאָדעל אין וועלכען עס איז בלאַט, אויף אירגענד וועלכען בוכשטאַב, זאָגט ער אייך גלייך אויף וועלכען בלאַט, וואָרט און בוכשטאַב דער שפּיץ פון נאָדעל האָט זיך אָבגעשטעלט און וועלכע ווערטער און בוכשטאַבען די נאָדעל איז דורכגעגאַנגען.

איהר זעהט אַלזאָ, אַז ניט אומזיסט רופט מען דעם קורנאָסען שרכן: „דער גאון פון שפּיץ נאָדעל". מיט זיין וואונדערליכער פאָר־שטעלונגס־קראַפט האָבען זיך פעראינטערעסירט אַלע גרויסע רבנים, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען־פּסיכאָלאָגען אין רוסלאַנד און אין אויס־לאַנד. מ׳האָט געמאַכט איבער איהם עקספּערימענטען; ער האָט געגעבען עפענטליכע פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבען אַלעמען איבער־ראַשט: אי איינפאַכע מענשען, אי וויסענשאַפטס־מענער. ער האָט פון אַ סך גרויסע רבנים און פּראָפעסאָרען בריף, וועלכע בעשטעטיגען און בעוואונדערען זיין פענאָמענאַלע פאָרשטעלונגס־קראַפט.

ווען דער „גאון פון שפּיץ נאָדעל" ווערט געבאָרען ניט אין דער יודישער גאַס, וואָלט פון איהם אפשר ארויסגעוואַקסען אַ גרויסער דיכטער, אַ קינסטלער, אָדער אַ געניאַלער טעכניקער. אין עקסטען פאַל — אַ מערקווירדיגער ביבליאָגראַף, אַ פיהרער פון אַ גרויסער

ביבליאָטעק, קורץ אַ מענש, וואָס וואָלט צוגעפּאַסט זיין אונגעוועהנליכע פאַרשטעלונגס-קראַפט צו אַ נוצליכער ארבייט.

אָבער אין דער יודישער גאַס, וואו ניט ער, ניט די ערטיגע מענשען האָבען געוואוסט, וואָס צו טון מיט אזא „כלי", האָט דער „עלוי" זיין ריזיגען זכרון פערקריפּעלט דורך נאָדעל-עקספּערימענטען, האָט אָנגעלאָדען זיין וואונדערליכען מוח מיט טויזענדער אַלטע צעטריקענטע בלעטער, אַטראָפירט (געטויט) דעם מאַרך דורך הונדערטער טויזענדער בוכשטאַבען אָהן אַ זין. מענשען האָבען איהם אָנגעקוקט, ווי מ'קוקט אָן אַ משונה'דיגע חיה, און אין בעסטען פאַל, האָט מען איהם צוגעוואָרפען פאַר דער וואונדערליכער פאַרשטעלונג, וואָס ער האָט געוויזען, עטליכע קאָפּיקעס, ער זאָל ניט שטאַרבען פאַר הונגער.

און דער „עלוי" פון „שפּיץ נאָדעל" איז נאָך יונג געבליבען אַ פערקריפּעלטער; האָט צו קיין זאַך ניט געטויגט, און גענומען זיך נעהמען צו שדכנות.

און אפילו צו אָט דער פּרנסה, האַבען מיר געזאָגט שדכנים, טויג ער אויך ניט. אַ שדכן, זאָגען זיי, דאַרף אויך האָבען אַ קאָפּ, אַנ־איינפאַל, און ער האָט זיין מוח גע'פּטר'ט, צושטאָכען מיט דער נאָדעל. דער מוח דענקט ניט, נאָר ער ט ר אָ ג ט. שדוכים פיהרט ער ניט אויס זעלבשטשטענדיג. נאָר ער טשעפּעט זיך צו צו אַ שותפות און כאַפּט עטליכע רובל פון אַ שדוך, וואָס אַנ'אנדערער פיהרט אויס.

פויל איז ער ניט, דער קורנאָסער שדכן. ער האָוועט און שמייעט און האַלט אין איין פאָהרען. אויף הוצאות גיבען מחותנים. נאָר זיינע שדוכים פיהרט ער ניט אויס. ער האָט ניט קיין גלייכען קאָפּ. דערפאַר האָט ער אויפ'ן קאָפּ אַלע כלות מיט אַלע חתנים, וואָס אַלע אנדערע שדכנים האָבען אין זייערע ביכלעך. האָט ער איינמאָל געזעהן אַ חתן, אַ כלה, געדענקט ער און קאָן זיי אייך אָבמאָלען מיט אַלע פּישטשעווקעס: מיט אַלע באַראָדאַווקעס, מיט אַלע סמנים אויף די קליידער, אויף די שיך; מיט אַלע תנועות, מיט יעדער בעוועגונג פון קערפּער. און ניט בלויז חתן-כלה, נאָר אויך מחותנים, שוועסטער און ברידער.

וויים יעדערענס יחוס, יעדערענס מעלות און חסרונות, בילדונגס־שטופע א. א. וו. מיט איין וואָרט—דאָס איז אַ לעבעדיגע ענצי׳קלאָפּעדיע פון חתנים און כלות. און צוליב די דאָזיגע ידיעות גראָט אַ׳חם לייכט צוצומאַכען זיך צו אַ שדוך און כאַפּען עטליכע רובל.

אַנ׳אָרימאַן פונדעסטוועגען איז ר. דער שדכן — אַ גרויסער, ווי־טיטוס איז געווען אַ רשע. נאָר אַ מוסטערהאַפטער פאַמיליען־מאַן.

ווערט ביי איהם גרויס אַ קינד, נעהמט ער עס מיט אין וואַגאָן, אין שיף און פעקעלט עס אַריבער אין אַמעריקא. אמעריקא — זאָגט ער — איז פאַר יודען דאָס בעסטע לאַנד. און אַז ער זאָגט, מעגט איהר איהם גלויבען. וואָרום ער איז אויסען געווען די גאַנצע וועלט. אַליין פונדעסטוועגען וויל ער זיך ניט בעזעצען אין אַמעריקא, קען זיך בכלל ניט בעזעצען אויף איין אָרט. זיין היים איז דער גאַנצע ערד־קוגעל..

„אליהו הנביא" דער דריטער.

איך פלעג זיך בעגעגענען מיט איהם ניט זעלטען, מיט „אליהו הנביא" דעם דריטען, אין די ווילנער גאסען, אָדער ביי א בעקאַנטען. פאר אליהו הנביא דעם ערשטען איז ביי יודען גרייט אויף יעדען ברית אַ שטוהל און צו יעדען סדר אַ כוס. פאר „אליהו הנביא" דעם דריטען איז ערגעץ ניט אָנגעגרייט ניט קיין כוס, ניט קיין שטוהל. ער זיצט ניט אויפ'ן שטוהל, נאָר דער שטוהל זיצט אויף איהם.

און ניט איין שטוהל—אַ סך שטוהלען טראָגט ער אויף זיך. וואָרום „אליהו הנביא" דער דריטער איז אַן ארבייטער, איז אַ סטאָליער.

ארבייטען ביי יענעם, ביין ווארשטאַט, קען ער ניט פארטראָגען. מאַכען אליין אַ ווארשטאַט, האָבען אויפ'ן קאָפּ דעם יאָך און דעם טומעל פון אַ באַלעבאָס, קאָן ער אויך ניט ליידען. ער האָט ליב צו זיין, ווי אַ גאָט'ס פויגעלע, אויף די פרייע גאַסען. דעריבער געהט ער אום, נאָם איין—נאָם אויס, מיט אַ זעקעל געצייג און אַ בינטעל ברעטלעך פון שטוהלען אויפ'ן פלייצע, קומט אריין אין די הייזער און שלאָגט פאָר: ווער דאַרף פעררריכטען אַ קאַליקען, אַ הינקענדיגען שטוהל?

און אַזוי ווי אין יעדער יודישער הויז איז געווים דאָ אַ פּאָר שטוהלען, וואָס הינקען אונטער, אָדער האָבען אַנ'אַנדער „מום", און ברויכען אַן אָפּעראַציע, האָט „אליהו הנביא" דער דריטער תמיד ארבייט. בעזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט קיין „לב" ניט צו דינגען

זיך: נעהמט ווי פיעל מען גיט. א פערצינער — איז א פערצינער; א גריוונ׳ע איז אויך א מטבע.

די שטוהלען־אפעראציעס זענען אָבער ביי „אליהו הנביא״ דעם דריטען א ביי־זאך. דער עיקר אויפגאבע פון זיין לעבען איז צו זעהן, אז ביי יודען זאָל זיין שלום און אחדות. וואָרום שלום — זאָגט ער — איז דער איינציגער מיטעל צו דערנעהנען די גאולה, אראָבצוברייגנען משיח׳ן.

וואוהין „אליהו הנביא״ דער דריטער קומט, זאָגט ער אָן, אז עס איז משיח־צייט, אז משיח נעהט און ער וועט שוין גאָר אין גיכען קומען. עס האַלט איהם נור אויף, וואָס ביי יודען איז קיין שלום ניטאָ. „יודען — שלום! גוואלד, שלום!״ שרייט ער, בעט ער זיך.

און בשעת ער רעדט וועגען משיח׳ן און משיח־צייט, בשעת ער אגיטירט וועגען שלום, וועגען די גרויסע מעלות פון שלום — שטראַהלען זיינע סאָרע קינדישע אויגען מיט גליקזעליגקייט; זיין גאַנצער פּנים שיינט און יעדער שטריכעלע פון זיין געזיכט טאַנצט פון שמחה. ער קומט אריין אין א מאָדנע התפעלות, און וואָס ער רעדט אַלץ מעהר וועגען „יענער שענער צייט״ — „משיח־צייט״ אַלץ מעהר קומט ער אריין אין א שטילער אָבער טיפער התלהבות, וואָס ענדיגט זיך געוועהנליך מיט א לאנגען, געצויגענעם „א־א־אא!...״ און דעם „א־א־א־אא!...״ רעדט ער ארויס אזוי ווי איינער, וואָס האָט נאָר וואָס געגעסען א געשמאַקען מאכל, אזא מאכל, וואָס ער האָט אזוינס אויפ׳ן לעבענס־טאָג ניט פערזוכט.

דער עולם רופט איהם „משיח״. נאָר ער איז דערפאַר ברוגז. ער איז ניט „משיח״, זאָגט ער, נור דער „מבשר״ דער אָנזאָגער, אז משיח האַלט אין געהן, און מען זאָל זיין גרייט.....

ווי אזוי און ווען איהם איז אריינגעפאלען אין קאָפּ די „מיסיע״ די „שליחות״ אָנצוזאָגען, אז משיח נעהט, ווייס מען ניט. „נתגלה״ געוואָרען איז ער אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען, לויט זיין אויסדרוק, גרויסע „ספּרייקען״ און „לימעסטראַציעס״; ווען די יונגע חב״ח, די „קאָמוניסטען״ האָבען געוואָלט די „וועלט איבער־קעהרען״, די גאולה ברענגען.

„אליהו הנביא" דער דריטער ווייס פון די „קאָמוניסטען"; ער ווייס אויך, וואָס זיי ווילען. זיי ווילען אויך, עס זאָל זיין שלום, זאָגט ער, אָבער זיי, די „קאָמוניסטען" ווילען דאָס מאַכען אליין, מיט דער נאַטור, און איך וועל דאָס אראָבברייינגען „מן השמים". וואָרום—זאָגט ער—אַז דאָס וועט זיין „מן השמים" וועט שוין דאָס ניט אָבגעמאַכט ווערען צוריק. פערפאַלען! האָדזשעו!...

און דעריבער וויל ער, אַז מ'זאָל זיין פרום. און ניט אַזוי פרום, ווי גום. און דער עיקר: עס זאָל זיין שלום.

דער הויפט שלום דאַרף זיין צווישען מאַן און ווייב. און „אליהו הנביא" דער דריטער לעגט זיך אריין מיט אַלע קרעפטען צו מאַכען שלום צווישען מאַן און ווייב. און, חלילה, ער שרייט ניט, ער בייזערט זיך ניט. ער רעדט נאָר מיט גוטען, ער בעט זיך. אַז זיי זאָלען ניט אָבהאַלטען די גאולה דורך זייער קריג, וואָרום משיח איז שוין גאָר נאָהענט, גאָר נאָהענט, און אַז ער וועט קומען און זעהן, ווי מאַן און ווייב קריגען זיך, וועט ער געוויס אַוועק צוריק.

אַז ער קומט אריין אין אַ שטוב פרעגען אויף ארבייט, וואו דער מאַן וויל יע געבען פעררינטען אַ שטוהל און די ווייב ניט, צי פאַרקערט: זי טראָגט איהם ארויס פעררינכטען דעם שטוהל און ער, דער מאַן, איז דאַגעגען,—וועט ער שוין דאָ אויף קיין פאַל ניט נעהמען די ארבייט. ביידע מוזען איינשטימען: אי מאַן, אי ווייב

זיין פּראָפּאַגאַנדע פיהרט „אליהו הנביא" אומעטום: אי ביי יודען, אי ביי קריסטען. קריסטען האַלטען איהם פאַר אַ מין הייליגען, האַלטען פון איהם מעהר, ווי יודען, און גיבען איהם גערן ארבייט. יודען לאַכען פון איהם. די יונגערע האַלטען איהם פאַר אַ תם. די עלטערע—פאַר אַ האַלבען משוגענעם, און מ'גיט איהם ארבייט, צי אַמאָל אַ קאָפּיקע—פון רחמנות.

און „אליהו הנביא" דער דריטער האָט אַ סך ווינציגער אָנהענגער אין ווילנא, ווי דער בעריהמטער דיווי, אין אַמעריקאַ, וואָס האָט זיך אויסגענעבען פאַר „אליהו הנביא" דעם צווייטען. כאָטש אַלס מאָראַלישע פּערזענליכקייט איז דער ווילנער אַ סך העכער פאַר

דעם שיקאַגאָ'ער „נביא". ער האָט זשאָר גאָר קיין אָנהעבנער גיט, ווען מען זאָל ניט רעכענען די שטוהל-ברעטלעך וואָס הענגען ביי איהם אויפ'ן פּלייצע....

„אליהו הנביא" דער דריטער בענוגענט זיך, איבריגענס, מיט אַ סך ווינציגער ווי „אליהו הנביא" דער צווייטער. ער דאַרף—זאָגט ער—מעהר ניט האָבען ווי פינף-זעקס רובל אַ וואָך. און ער מאַכט דאָס. פּעהלט ארבייט, שעמט ער זיך ניט צו בעטען אַ קאָפּיקע. און דער עולם גיט. וואָרום מען וויים, אז כל זמן „אליהו הנביא" קריגט די קאָפּיקע דורך פּראַצע, וועט ער ניט בעטען קיין נדבה.

קיין למדן איז גאָר ניט „אליהו הנביא" דער דריטער. בין מנחה למעריב און נאָך מעריב איז ער אַפילו תמיד אין שוהל און הערט, ווי מען לערנט. אָבער קיין גאַנצע ענינים: צי פון „עין יעקב" צי פון „מדרש", צי אַזוי פון אַ מוסר ספר בענעהמט ניט זיין קאָפּ. נור אַ פּסוק האָט ער ליעב. אַי, האָט ער ליעב אַ פּסוק! איהם אַרט ניט וואָס פאַר אַ פּסוק. ער וויים ניט, וואו דער פּסוק שטעהט, ווי אַזוי און פון וואַנען ער איז צו איהם געקומען. אַבי ער האָט גוטע ווערטער. איבערהויפּט האָט ער ליעב אַ פּסוק, וואו עס איז פאַראַן דאָס וואָרט „שלום", וואו עס איז דאָ אַ וואונק אויף דער גאולה, אויף ישועות פאַר יודען. אז אימיצער רעדט מיט איהם, פרעגט ער, די ערשטע זאַך: ווי רופט מען איהם. און אויף יעדען נאָמען האָט ער שוין גלייך אַ פּסוק, וואָס איז מיט איהם פערבונדען, וואָס האָט אין זיך אַ גוט וואָרט. אז איינעם רופט מען: אברהם, יצחק, יעקב, דוד, משה, שלמה—איז דער פּסוק גלייך אויפ'ן צונג. נאָר טאָמער רופט מען אייך „טאָדרעס", ווערט „אליהו הנביא" אויך ניט אַראָבגעפאַלען. איז ניטאָ קיין פּסוק, איז פאַראַן גלאַט אַ גוט וואָרט.

— ווי רופט מען אייך?

— טאָדרעס!

— טאָדרעס?... „אליהו הנביא" בלייבט אַ פערטעל מינוט אין פערלעגענהייט. „טאָדרעס?"... נו, נו, עס מאַכט ניט אויס... דער אויבערשטער וועט געבען גוטס אייך און כל ישראל, עס זאָל קומען

משיח, במהרה בימינו.....

נור, אז מען רופט אייך „שלום״, אָט דאָ שיינט „אליהו הנביא״ אויף; עס שטראַהלען זיינע אויגען מיט אַ גליק, ממש ניט אויסצודריקען. דער פסוק איז גלייך אויפ׳ן צונג.

— שלום? אַ־אַ־אַ! שלום, שלום לרחוק ולקרוב, אמר אַדיישעם...

— שלום דעם נאָהענטען, שלום דעם ווייטען. עס וועט קומען משיח און וועט ברייננען שלום אויף אַלע יודען.

„אליהו הנביא״ דער דריטער איז אויך אַ שדכן. אָבער ניט פון געצאַהלט וועגען, נור כדי צו פערדינען אַ מצוה. בעצאַהלט מען עפּעס — מהיכא תיתא. אז ניט, איז ער צופרידען שוין דערמיט, וואָס ער האָט צוגעהאָלפען דעם „השם יתברך״ אין „מזוג זווגים״ זיין. אַבי דאָס פּאָר פאָלק זאָל נור האָבען אַ גוט לעבען און עס זאָל זיין ביי זיי שלום,

ליידער, כאָטש דער גאַנצער אינהאַלט פון „אליהו הנביא׳ס״ פיהלען און דענקען איז נור „שלום״, איז ביי איהם אַליין אין שטוב ניטאָ קיין שלום. ער האָט אַ פינסטערע „מערכה״ פאַר זיין ווייב. די שילט איהם און וואָגעלט איהם אויס פון וואָרצעל. ער גיט איהר דריי רובל אַ וואָך אויף דער הוצאה. אַ חוץ דעם גיט ער בעזונדער אויף שבת, אויף יום־טוב; צאָהלט שכר למוד פאַר׳ן יונגעל. אַן עלטרן בחור האָט ער — אַ מאַלער; אַ מיידעל — אַ שניידערקע.ביידע פערדינען. פונדעסטוועגען זענען זיי ביי איהם. אַ חוץ דירה און עסען העלפט ער נאָך אַמאָל זיי אויס אויף אַ בגד, אויף אַ פּאָר שיך. די גאַנצע פאַמיליע וואוינט אין אַ קאַמער פאַר דריי רובל אַ חודש.

— און די ווייב אייערע טוט גאָרנישט? — האָב איך געפרעגט „אליהו הנביא״, בעגעגנענדיג איהם ביי אַ בעקאַנטען.

— זי טוט! ווי זשע! האַלט צוויי פרעמדע קינדער, קליינע, דער באַלעבאָסטעס, טאַקע פון דער קאַמער, וואו מיר וואוינען. זי, די באַ־לעבאָסטע, געהט אין פאַבריק ארבייטען; לאָזט זי אויף מיין ווייב די קליינע קינדער.

— וואָס האָט אייער ווייב דערפון?

— וואָס האָט זי? אַ רובל אַ וואָך! פיער רובל אַ חודש פאַר

ביידע קינדער. איין קינד שלאָפט אפילו מיט איהר ביי אונז אין קאמער. מיר קאָסט — מעחר ווי אכט.

— לעגט איהר דאָך צו?

— מסתמא!

— צו וואָס זשע דארפט איהר דאָס?

— איך ווייס? פרעגט זיך ביי איהר! איך האָב שוין געהאַט וואָס צו טאָן: איך דארף ניט דיינע פרנסות! זאָל זי, די באַלעבאָסטע, אָבגעבען די קינדער אין פריי־יוט! ניין! וויל זי ניט. זי איז שוין צוגעוועהנט — זאָגט זי — צו די קינדער.....

זי האָט זיי ליעב, קען זיך פון זיי ניט שיידען. דערצו: דארף זי, פערשטעהט איהר מיך, וויזען, אז זי איז אויך אַ פערדינערקע... ליעב האָט זי די קינדער, ווי דעם לעבען... מיין דאגה איז דאָס... האַלט זי... אבי לאָז מיך צו רוה..... זאָל זיין שלום.....

„משיח בן דוד."

דאָס איז געווען אויפ'ן זיבעטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָהר 1905.

דער קאָנגרעס איז נאָך ניט געווען געעפענט. דער גאַנצער קאָנגרעס-עולם איז נאָך ניט געווען אָנגעקומען. די קאָרעספּאָנדענטען פון פערשידענע צייטונגען זענען שוין אָבער געווען אויפ'ן פּלאַץ. אויף די ווענד פון די קאָרידאָרען אין קאָנגרעס זאַל, האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אַנאָנסען: וועגען אַ סעריע לעקטשורס, וואָס פּראָפעסאָרען פון שווייצער אוניווערזיטעטען ווילען פּאָרלעזען אין באַזעלער אוניווערזיטעט איבער פּאַלעסטינא; אַנאָנסען איבער אַ מיטינג פון די טעריטאָריאַליסטען, סאָציאַליסטען־ציוניסטען, פון די פּועלי ציון; אַ פּראָגראַם פון די ליבהאָבער פון דער העברעאישער שפּראַך; אַ מודעה פון אַ יודישען רייזענדער־קלוב לעבען דעם באַרג סיני, וואָס האָט דעם צוועק צו ווייזען די רייזענדע—ארץ ישראל און, ספּעציעל ירושלים. די מערקווירדיגסטע אַנאָנסע איז אָבער געווען פון אַ פּערזאָן, וואָס האָט זיך גערופען „בנימין הצעיר", האָט זיך אויסגעגעבען פאַר „משיח בן דוד" און זיך אָנגענומען אָבצונעהמען ביים טערק „ארץ ישראל," אויב די יודען וועלען אין איהם גלויבען און אויסריכטען איהם צום סולטאַן אין זייער נאָמען.

אַזאַ „סחורה" איז, פערשטעהט זיך, געווען פאַר די

קאָרעספּאָנדענטען, וואָס זענען אומגעגאַנגען דערווייל אָהן אַ שטאָך ארבייט, אַ גרויסע געפינס. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן אונגעזאמט צום נייעם „משיח". דער אינטערעס איז געוואָרען נאָך שטארקער דערפון, וואָס עטליכע סטודענטען האָבען געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין געוועהנליכער פאַנטאַזירער, נאָר אַ מענש מיט בילדונג, וואָס האָט בעזוכט די היידעלבורגער אוניווערזיטעט.

איך האָב געוואָלט מיט איהם נעהענטער בעקאַנט ווערען און —בעזוכט איהם אויף זיין קווארטיר. איך האָב איהם געטראָפען איינעם אליין אין זיין צימער און געהאַט מיט איהם אַ לאַנגען געשפּרעך. ער האָט עהאַט אַסימפּאַטישען אויסזעהן און געמאַכט אַן׳אַנגענעהמען איינדרוק. ער איז אַלט געוועזן, לויט ווי ער אליין האָט געזאָגט, פינף און פערציג יאָהר, נאָר האָט אויסגעזעהן ניט מעהר ווי עטליכע און דרייסיג. געקליידט איז ער געוועזן אין אַ לייכטען ווייסען וואָלענעם זומער־אַנצוג מיט אַ פּערסישע יאַרמולקע. ווען איהר רעדט מיט איהם, מאַכט ער אויף קיין פאַל ניט דעם איינדרוק פון אַ אונגאָרמאַלען מענשען. ער האָט בעזעסען זעקס שפּראַכען און גערעדט זעהר גוט פראַנצויזיש און ענגליש. אליין איז ער פון שוואַבאַך, אַ שטעדטעל אין בייערן, דייטשלאַנד. האָט אַ פרוי, נאָר לעבט מיט איהר ניט. האָט פערבראַכט אַ סך יאָהרען אין ענגלאַנד, אַלס אַנגעשטעלטער אין ענגלישע האַנדעלס־הייזער; צייטענווייז האָט ער געגעבען אונטערריכט אין זינגען. די לעצטע עטליכע יאָהר האָט ער פערלעבט אין פּאַלעסטינא. דאָרטען, אין ירושלים, איז איהם געקומען דער געדאַנק, אַז ער איז משיח. העברעאיש און די תלמודישע ליטעראַטור האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו לערנען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. דאָס איז אַלץ וועגען זיין פּערזאָן. וואָס אַנבעלאַנגט זיין ראָלע, אַלס „משיח", איז ער׳אין איהר אַרויסגעטראָטען עפענטליך, יעצט, צום ערשטען מאָל, אויפ׳ן קאָנגרעס אין באַזעל. נאָר האַלב עפענטליך האָט ער זיך שוין געלאָזט מעלדען פריהער אַ סך רבנים, און גלאַט ציוניסטען, אויך הערצלען און נאָרדאַו, וועלכע האָבען איהם ניט געוואָלט אַנערקענען — ווי ער ערקלערט מיט אַ טרויערינגען נעמיט —כאָטש ער האָט גאָר ניט געמיינט אָבצונעהמען ביי הערצלען די

מאכט. ער אליין האָט נעהאַלטען הערצלען פאר "משיח בן יוסף" און זיך פאַר "משיח בן דוד". ווי עס איז ידוע פון דער יודישער לעגענדע, דאַרף פריהער קומען "משיח בן יוסף", ער וועט זיך מיהען ארויסנעהמען די יודען פון גלות. אָבער דאָס וועט איהם ניט געראָטען, און ער וועט אומקומען. אָבער וואָס עס איז ניט געלונגען "משיח בן יוסף", דאָס וועט געלינגען "משיח בן דוד" — דאָס הייסט — איהם, וועלכער רופט זיך בנימין הצעיר.

איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר ערקלערען, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק, אַז ער איז "משיח", און ווי אַזוי קען ער דאָס אַנדערע איבערצייגען.

— איהר ווייסט דאָך, — האָב איך געזאָגט, אַז היינטיגער דור איז געוואָרען אפּיקורסיש, און אַזעלכע זאַכען לאָזט מען זיך ניט לייכט איינרעדען

— וועל, — האָט ער געענטפערט מיט אַן ענגלישען וואָרט — אַזעלכע זאַכען לאָזען זיך אָבער ניט איבערצייגען. אין דעם מוז מען גלויבען. איך בין אַ נביא; ניט ווי משה רבינו, נאָר ווי די קלענערע נביאים, מיט וועלכע גאָט רעדט אין חלום, ווי דער פּסוק זאָגט, "בחלום אדבר בו". מיר האָט גאָט אין חלום אַ סך זאַכען געוויזען. איך האָב זיי פאַראויס געזאָגט און אַזוי איז געווען. איך האָב געשריבען בריף צום סולטאַן, צום רוסישען, צום דייטשען קיסר, צו פּלעהווען, און האָב פערלאַנגט מ'זאָל מיר צולאָזען ריידען מיט זיי און ערקלערען זיי מיין שליחות.

נאָר איך האָב פון זיי קיין ענטפער ניט דערהאַלטען.

וועגען זיין שטאַמען פון "בית דוד," זאָגט ער, אַז ער האָט אויף דעם יחוס־בריף אין זיין פאַמיליע, אַז זי קומט ארויס פון "רש"י", וועלכער קומט ארויס פון "בית דוד".

— ווי אַזוי דענקט איהר פּראַקטיש אייער פּלאַן אויספיהרען צו קענען? האָב איך איהם געפרעגט.

— ווען די יודען וועלען אין מיר גלויבען — האָט ער מיר גאַנץ ערנסט און רוהיג געענטפערט — דאַן וועל איך זעצען אַ סנהדרין

ערוועהלט פון דעם גאנצען יודישען פאלק, און אן דער שפיצע בונ'ם סנהדרין וועל איך מיר בעגעבען צום סולטאן. איך וועל ניט געהן מיט הערצעל'ס וועג. ניט מיט דיפלאמאטיע, און ניט מיט שוחד וועלען די יודען ערלעזט ווערען, ווי אין פסוק שטעהט: „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו". דאס הייסט: אומזיסט זייט איהר פערקויפט געווארען און ניט מיט געלד וועט איהר אויסגעלעזט ווערען. איך וועל פאדערן פונ'ם סולטאן און פון אלע מלוכות ארץ ישראל אומזיסט.

דא האט ער מיר ערקלערט, ווי אזוי די מזרח-פראגע מוז ברענגען דערצו, אז „ארץ ישראל" וועט אבגעגעבען ווערען ווידער צו יודען; אז קיין מלוכה קען זי ניט בעקומען, ווייל יעדע, וויל זי. ער האט גערעדט ווי א מענש, וואס האט פיעל געלעזען און איז גוט בעקאנט מיט דער פאליטיק פון דער מזרח־פראגע.

— ווי אזוי רעכענט איהר צו בויען דעם יודישען שטאאט? האב איך איהם געפרעגט.

— איך בין איינפערשטאנען מיט פראפעסאר אפענהיימער — האט ער געזאגט.

דאס לאנד דארף זיין נאציאנאליזירט, געהערען צו דער גאנצער נאציאן, וועלכע וועט זי פערטיילען צו איינצעלנע געמיינדען, אבער ניט אויף אייביג.

— ווי דענקט איהר דארט צו לעזען די ארבייטער־פראגע? און וואס דענקט איהר וועגען סאציאליזם? — האב איך ריזיקירט צו פרעגען.

— ביי אונז וועט עס ניט געבען קיין ארבייטער־פראגע, אלעס וועט בעלאנגען צום פאלק — האט ער מיר רוהיג געענטפערט. סאציאליזמוס?.... יע, סאציאליזמוס איז א שענע אידעע. אבער... מיר יודען דארפען זיך ניט מישען... „דינא דמלכותא דינא", קיין סאציאליזמוס! קיין סאציאליזמוס!

— און וואס וועט איהר טאן, אז מ'וועט אין אייך ניט גלויבען? האב איך ענדליך געפרעגט.

— דאן, דאן—וועל איך אוועק אן א זייט און ווארטען, ווארטען, ביז עס וועט קומען די צייט... ווארום די צייט מוז קומען און די גאנצע

וועלט און די יודען וועלען מוזען אנערקענען, אז איך בין א נביא, געשיקט פון גאָט צו ברייגנען די גאולה; אז איך בין „משיח בן דוד״.

אויפ'ן קאָנגרעס האָט ער געוואָלט ארויסטרעטען מיט גרויס פאראד. דאָס האָט זיך איהם אָבער ניט איינגעגעבען.

זיינע נביאות איז ניט מקוים געוואָרען. דאָס פאָלק האָט איהם ניט אנערקענט. און דאָס איז נאַטירליך: די צייט פון אַליינגערופענע משיחים איז שוין לאַנג אוועק.

לאה די גבאי׳טע.

דאָס איז געווען אַ מין דבורה אסתר, וועלכער איז שוין דעם לעזער בעקאַנט, נור גאַר אויף אַן אנדער שטייגער. דבורה אסתר איז געווען אַ חכמה, אַ קאָפּ־מענש, אַ אידעאַליסטין מיט אַ ברייטע קוק אויף איהר ראָלע און בערוף פאַר אָרימע און ליידענדע. באָטש זי איז געווען אַ פּראָסטע יודענע. לאה די גבאי׳טע, דאַגעגען, איז אַ תמ׳עוואַטע יודענע, האָרעט באָטש ארום טאָג און נאַכט, קלייבענדיג איהרע קאָפּיקעס און גראָשענס, געהט אָבער ארויס פון אַן ענגערען, מעהר עגאָאיסטישען שטאַנדפּונקט: זי האָט איהר גאַנצען לעבען אויף דער ערד דאָ געליטען, וויל זי זיך אָנגרייטען, אַ פעטען „חלק" דאָרטען, אויף יענער וועלט.

און דעריבער איז די בעציהונג פון נאַוואָראָד (דער „דעק" פון דער יודישער ווילנא) צו לאה דער גבאי׳טע, אַ גאַנץ אַנדערע, ווי זי איז געווען צו דבורה אסתר׳ן. צו דער לעצטער האָט מען געהאַט אַ טיפען רעספּעקט אין אַלע הייזער, סיי די וואָס האָבען איהר געגעבען, סיי די וואָס האָבען ביי איהר גענומען. מען האָט געהאַט אַ רעספּעקט צו איהר פערזענליכקייט אליין, גאַנץ אונאַבהענגיג פון איהר טעטיגקייט. לאה די גבאי׳טע האַלט מען פאַר אַ צודרייטע. יונגלאַך טרייבען מיט איהר קאַטאָוועס, גרויסע פערברענגען מיט איהר ניט, ווי מיט אַ מענשען, נאָר מען וואַרפט איהר צו דעם גראָשען, צי די קאָפּיקע,

מעהר פון מיטלייד און רעספּעקט צו איהרע יאָהרען, (זי איז אַלט אַ יאָהר־הונדערט) ווי צו איהר פּערזאָן.

פון מיין געשפּרעך מיט איהר, האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָס געפיהל פון מענשענווירדע, איז דאָך ביי איהר ניט אַזוי שוואַך, ווי מען מיינט. זי פיהלט זיך טיעף געקרענקט פון דעם, וואָס די קינדער מאַכען פון איהר שפּאַס אין די הייזער און קראָמען, וואוהין זי שווימט אריין נאָך אַ נדבה. זי איז אָבער ניט פעהיג זיך אנדערש אוועקצושטעלען. און האַסענדיג, פיליכט, אין הארצען, די וואָס גיבען איהר די נדבה מיט בזיונות, ליידט זי דאָך די בעליידיגונג, ניט קענענדיג זיך אָבזאָגען פון איהר טעטינקייט. נאָך אַן אונטערשייד איז דאָ צווישען דבורה אסתר'ן און לאה די גבאי'טע. יענע איז געווען אַ קינדערלאָזע, און די האָט קינדער. און אָט דאָס דארף איהר אויפהויבען ביי אונז אין די אויגען, ווייל דאָס ווייזט, אַז ניט דער "קדיש" און "יענע וועלט" אַליין שפּילען אַ ראָלע אין איהר "מצוות טאָן", נור אַ נאַטירליכער אינסטינקט צו געזעלשאַפטליכער ארבייט, וועלכע זי פערשטעהט און פיהרט אויס, נאַטירליך, אויף איהר שטייגער.

לאה די גבאי'טע לייקענט איהרע יאָהרען: עס קען זיין, אַז זי האָט אָנגעוואָרען דעם רעכענונג: זי געדענקט ניט אַקוראַט, וויפיעל עס כאַפּט אריבער די ניינציג. און עס קען זיין, אַז זי האָט מורא פאַר "עין הרע". דעריבער האַלט זי זיך שוין פון אַ יאָהר צעהן פאַר דער גלייכער צאָהל—"ניינציג". דער מאַן איהרער, לאה די גבאי'טעס, איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, און האָט דעם גאַנצען לעבען, נאָך דער סלוזשבע און נאָך דער חתונה געדרעהט די ראָד אין אַ דרוקעריי. דערפאַר האָט ער זיין גאַנצען לעבען בעקומען דריי רובל אַ וואָך. און דערפון האָט מען געלעבט. געשטאָרבען איז איהר מאַן שוין לאַנג. בשעת זי האָט געהאַלטען ביי זיבעציג. די קינדער זענען זיך אויך שוין לאַנג צו פאָהרען—זי איז געבליבען אַליין. און פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרען "לאה די גבאי'טע". ווי אַזוי לאה, נאָך איידער זי איז געוואָרען די "גבאי'טע", האָט זיך איינגעביטרעוועט צו לעבען מיט אַ געזינד, אויסצוהאָדעווען און אויסצוגעבען קינדער און דערלעבען

ביז זיבעציג יאָהר, אַלץ פון די דריי רובל אַ וואָך, דאָס איז פון די סודות, וואָס עס וועט אַמאָל מסתמא דערקלערען דער קומענדינער היסטאָריקער פון „נאָוונראָד".

נאָך איהר מאַנ'ס טויט (מיט'ן מאַן האָט זי פון אָנהויב ניט געלעבט שוה בשוה, נאָר צום סוף האָט ער איהר, זאָגט זי, נעהאַלטען טייער) האָט לאה זיך ארומגעזעהן, אַז זי האָט אָבגעלעבט אַזוי פיעל, זיבעציג יאָהר, האָט אַזוי פיעל, אַזוי פיעל געזינדיגט, און האָט גאָר נישט געטאָן פאַר דער נשמה. פון דעמאָלט אָן האָט זי איהר אייגענעם לעבען, דאָס לעבען פון גוף, אין גאַנצען אויפגעגעבען, און לעבט נאָר פאַר דער נשמה. וואָס זי עסט, און ווען זי עסט, ווייסט זי ניט און קיינער ווייס ניט. לויפענדיג, כאַפּט זי אַ בייגעל אין גאַס, דוקא אַן אַלטען, וואָס קאָסט אַ גראָשען, אָדער בעקומט ערגעץ אין אַ שטוב אַ גלעזעל טיי, צי אַ טעלערעל קרופּניק, און—דערמיט איז זי פאַרטיג. זי עסט איין מאָל אַ טאָג, און אַמאָל—איבער אַ טאָג, בכלל געהט „טיש" ניט אריין אין איהר „בודזשעט". פאַר איהר איז דאָס אַ צופעליגע זאַך — אַ „מותרות". נור דירה, זעהט איהר, דאָס איז שוין אַנדערש. דירה, דאָס הייסט—אַ בעטעל אין אַ קעלער קאָסט איהר פינף גילדען אַ חודש. גאַנץ אָפט כאַפּט דאָס אָבער ביז אַכט גילדען און אפשר צוויי מאָל פינף, טאַקע די זעלבע דירה. וואָרום כאָטש בעדונגען איז פינף גילדען, פונדעסטוועגען נעהמען ביי איהר די באַלעבאַטים אַ סך מעהר.

די מעשה דערפון איז, וואָס לאה איז ניט בעהאַוונט אין לוח. און די באַלעבאָסטע קומט צו איהר בעטען דירה געלד פאַר אַ חודש, ווען עס איז באמת נאָר אריבער דריי וואָכען, און אַמאָל טאַקע מעהר ניט, ווי צוויי... אַ חוץ דעם טרעפט, אַז מען גנב'עט פשוט ביי איהר ארויס פון זאַק גאַנצע רובלס. לאה ווייס נאָר, וויפיעל זי קלייבט, און וויפיעל מען גנב'עט ביי איהר ווייס זי קיינמאָל ניט; וואָרום קיין בוכהאַלטעריע פיהרט זי ניט.

דערפאַר איז אָבער „לאה די גבאי'טע" מאָדנע גענייט אין איהרע „הייזער". איהר דיסטריקט (ראַיאָן) איז שטרענג צוטיילט נאָך די טעג פון וואָך. אַלע הייזער און קראָמען, וועלכע זי געהט ארום, האָבען ביי

איהר שוין בעשטימטע סמנים. איין טייל בעלאנגט צו זונטאג; אן אנדער טייל—צו מאנטאג און אז. וו. נאטירליך, קומט אמאל פאר א טעות אויך. און דא איז לאה די גבאי׳טע מאדנע ביטרע. פאלט זי אריין, למשל, אין א הויז א צווייטען מאל די זעלבע וואך, איז שוין דאס פערפאלען, ס׳איז א י ה ר גליק. מיט ליידיגען וועט זי בשום אופן ניט אוועקגעהן. טרעפט אבער, אז זי פעהלט אויס א הויז על פי טעות, און אנשטאט איין מאל אין וואך, איז זי א הער געקומען איין מאל אין צוויי וואכען, איז דאס ניט איהר היזק: איהר מוז מען איינצאהלען פארביידע וואכען. דערצו, אז מען גיט איהר א גלעזעל טיי, צי א טעלערעל קרופניק (בעטען, בעט זי קיינמאל ניט), קען דאס קיינמאל ניט געהן אויף דעם חשבון פון דעם גראשען, צי דער קאפיקע. די נדבה מוז נעגעבען ווערען אין מזומן.

פאר די צוואנציג יאהר פון איהרע גבאות, האט לאה די גבאי׳טע אויפגעטאן ניט ווינציג. ערשטענס האט זי זיך אליין פאלקאם פערזארגט. ביי איהר איז שוין אנגעגרייט תכריכים פון דעם בעסטען סארט לייווענט — אמת׳ע האלענדער; ארץ־ישראל־ערד אויך פון בעסטען סארט. א חוץ דעם ליגט א געוויסע סומע געלד אויף די במלנים פון „קברנים שטיבעל״, זיי זאלען נאך איהר לערנען אלע טאג א פרק משניות. א חוץ דעם האט זי איינגעגעבען אין „קברנים שטיבעל״ א רייניגקייט, געלאזען מאכען און אויסנייען א פרוכת, געגעבען א נדבה א הענגלייכטער—אלץ אין „קברנים שטיבעל״. דערצו האט זי ניט איין מאל געהאלפען אויסגעבען אן אלטע ארימע מויד—געגעבען אויף „הכנסת כלה״. קורץ לאה די גבאי׳טע איז שוין „דארטען״ פאלקאם פערזארגט. דא איז זי נור אן אורח׳טע און ווארט, ווען מען וועט איהר קומען „אבנעהמען״. זי איז גרייט אלע טאג צו דער רייזע.....

און דעריבער איז זי גלייבגילטיג צו אלץ, וואס פאסירט דא אין דער „אכסניא״. זי איז גלייבגילטיג צו הונגער, צו קעלט, צו די לצנות פון די יונגלעך, וואס טרייבען מיט איהר קאטאוועס. זי טוט נאכאנאנד און שווימט ארום איבער איהרע קונדען, און איז זיכער, אז מיט יעדען גראשען קומט איהר עפעס „דארטען״ צו...

דער פֿרומער יודישער... קאַטאָליק.

אין די גרעסטע פּרעסט פּלעג איך איהם אָפט בעגעגענען אין די ווילנער יודישע גאַסען, ווי ער געהט אין צוריסענע שיך, צעריסענע הויזען, אַ צעריסענעם מאַנטעל, אייגענטליך ניט קיין מאַנטעל, נאָר שטיקער פון עפּעס, וואָס איז אמאָל געווען אַ מאַנטעל הענגען אויף איהם פון אַלע זייטען; אַ צעריסען היטעל, פון וועלכער עס זעהט זיך אַרויס דער גרויסער שטערן, הויל ביז צום פּאַטילניצע. נאָר פון ביידע זייטען קאָפּ זענען אנגעשטעקט שמאַלע בעזעמלאַך שוואַרצע האָר, שטאַרק געמישט מיט גרוי. אזא איז אויך די באָרד; אַ מיטעלמעסיגע, ניט זעהר קיין ברייטע, ניט זעהר קיין לאַנגע. זיין פּנים איז בלאַס; די אויגען איינגעפאַלען, די באַקען איינגעצוינען—פון הונגער, פון נויט, וואס איהם קומט אויס אָפט צו פיהלען. אָבער דאָך איז אויפ'ן פּנים ק יין שפּור פון פּיזישע ליידען. אַ פּערקלערטע רוהיגקייט, איבערגעבענקייט צום שיקזאל, ליגט אויף איהם. אין אַלע זיינע שטריכען, אין דער פּיגור איז אויסגעגאָסען אַ געוויסע אינטעליגענץ. אַ מאָדנע געהויבענע, טיעף־רעליגיעזע שטימונג אטעמט פון אַלעס אין איהם און אויף איהם. אפילו זיינע טראַנטעס מאַכען אויף אייך ניט דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכען די זעלבע טראַנטעס אויף אַן אנדער אָרימאַן, אָדער משוגענעם, וואָס געהט איבער די גאַסען.

און דעריבער טרעפט אָפט, אַז די קונדסים, וואָס לויפען איהם

נאָך אין גאַס, אָדער וואַרפען אויף איהם מיט שטיינער און בלאָטע, שטעלען זיך פּלוצלונג אָב, ווי פערשעמטע, ווען ער שטעלט זיך אָב, גיט אויף זיי אַ קוק מיט זיינע פערקלערטע, שוואַרצע, טיעף איינגעגראָבענע אויגען, און פרעגט זיי: ליעבע קינדער, וואָס האָב איך אייך געטאָן?

דער טאָן, מיט וועלכען ער זאָגט דאָס, איז מילד און ערנסט. די קינדער בלייבען דאַן שטעהן, ווי פערבליפט, וואגען איהם מעהר ניט אָנצוריהרען, געהען זיך לאַנגזאַם פאַרנאַנדער, צו וואַרפענדיג איהם פון ווייטען: — גוי! משומד! מיסיאָנער!

נאָר ער איז ניט צופריעדען, וואָס די קינדער זענען פון איהם אַוועק. ער לאָזט זיך געהן צו זיי, קלייבט אויס איינעם פון זיי, אַ גרעסערן, וואָס געפעלט איהם מעהר, און זאָגט:

— מיין ליבעס קינד, ווען דו וואָלסט וויסען, ווער קריסטוס איז געוועזן, וואָלסטו דאָס ניט געשריען.

און ער הויבט איהם אָן צו פּראָפּאַגאַנדירען, צו דערצעהלען, ווי אַזוי קריסטוס איז דער „זוהן גאָטעס" און וואָס דאָס הייסט: דער „זוהן גאָטעס", און ווי אַזוי ער האָט געליטען פאַר די זינד פון די מענשען; ווי אַזוי די ידען האָבען איהם, זייער משיח, זייער ערלויזער ניט פערשטאַנען, ניט דערקענט, און האָבען איהם געקרייציגט. און פון דעמאָלט אָן ליידען „מיר יודען", ביז דער אויבערשטער וועט זיך אויף אונז דערבאַרעמען, מיר וועלען תשובה טאָן, וועלען זיך אומקעהרען צו „איהם"...

דער יונגעל הערט, הערט, דערנאָך גיט ער זיך אַ לאָז פון איהם, אויסשרייענדיג פון ווייטען:

— מיסיאָנער! משומד!

עס טרעפט אָבער אויך אָפט, אז דער צוהערער לאָזט זיך מיט איהם אין אַ וכוח.

דאָס איז ער זעהר גערן. דער יונגעל היצט זיך, ווייזט איהם אויף פון פסוקים, וואָס ער האָט געלערנט, און ער דער „יודישער קאַטאָליק" ענטפערט איהם אויך מיט פסוקים, וואָס ער האָט געלערנט,

און ער דער „יודישער קאטאליק", ענטפערט איהם אויך מיט פסוקים, וואס ער האט געלערנט, ענטפערט געלאסען, מיט א מילדען שמייכעל. און ווען עס טרעפט, אז ער ווערט אוועקגעשטעלט ביי א הארבער קשיא, וואס ער קען זי ניט פערענטפערן, פערלירט ער זיך אויך ניט. עס זענען פאראן, זאגט ער, א סך זאכען, וואס א מענשליכער שכל קען עס ניט בעגרייפען. דאס ווייס נאר דער גוטער אלמעכטיגער גאט (דערביי ווייזט ער מיט'ן האנד צום הימעל).

דער יודישער קאטאליק האט זיך בעוויזען אויף די ווילנער גאסען אין דער צייט, ווען עס האט געקאכט מיט דער צווייטער דומע.

פאר ווילנא איז אזא טיפ קיין נייעס ניט געווען. ווילנא האט שוין געהאט א יודישען מיסיאנער, ראזענסאן, איינער פון די גרעסטע ווילנער גבירים פון פאריגען דור. אבער יענער איז געווען א נגיד און דער — אן ארימאן. אמת, ניט קיין געוועהנליכער ארימאן. ער בעט ביי יודען קיינמאל קיין נדבה ניט. האלט זיך, אויב ניט שטאלץ (שטאלצקייט פאר א פרומען קריסט איז בכלל א זינד) איז — אונאבהענגיג פריי, זאגאר מיט א געוויסער גרויסמוטיגער איינזעהענעס, ווי פון א מענשען, וואס האט „געפונען" דעם אמת צו די וואס „בלאנדזשען" נאך אין דער פינסטער.

מיר האט זיך זעהר געוואלט בעקאנט ווערען מיט'ן „יודישען קאטאליק" און איך האב א לענגערע צייט געזוכט וועגען, ווי אזוי דאס אויסצופיהרען. מיט אזא „נפש" קענט איהר ניט שליסען בעקאנטשאפט אזוי איינפאך, ווי מיט אנדערע גאס־און מארק־יודען. א פאר מאל האב איך זיך צוגעהערט, אלס שטומער פארבייגעהער, צו זיינע גאס־דרשות. יעדעס מאל איז מיר דער יודישער קריסטוס־פרעדיגער אלץ אינטערעסאנטער געווארען. ענדליך איז מיר איינגעפאלען א געדאנק צו בעזוכען די ביכהאנדלונג פון די מיסיאנערען. דארט וועל איך זיך מיט איהם געוויס טרעפען, האב איך געטראכט.

און אזוי איז געווען. איינמאל א שבת האב איך זיך מיט איהם געטראפען דארט, ביי די מיסיאנערען. ער איז געזעסען ביי א טישעל,

מעשה היימישער מענש, און די זעלבע אָניצעס, ווי אימער. ער האָט געפיהרט אַ הייסען וכוח מיט אַ בחור'ל מכח דריי-איינינקייט און גאָטעס־מוטער. איך האָב אָבגעוואַרט ביז דער דיספוט איז געווען צו ענד. און בין אַריין מיט איהם אין אַ געשפּרעך. ביסלאַכווייז, פאָרזיכטיג בין איך פונ'ם רעליגיעזען באָדען, אַריבערגעגאַנגען אויף אַ שמועס וועגען זיין אייגענער פּערזאָן. מיך האָט אינטערעסירט: ווען און ווי אַזוי די „בעקעהרונג" איז ביי איהם פאָרגעקומען, אויך האָט מיך אינ־טערעסירט זיין פּערזענליכעס לעבען.

איך מוז דאָ צוגעבען, איידער איך וועל ווייטער דערצעהלען מיין אינטערוויו מיט'ן יודישען קאַטאָליק, אַז שוין נאָך די ערשטע פּאָר מינוט אויסהערען זיין דיספּוט און פּערזענליכען אונטערהאַלטען זיך מיט איהם, האָב איך געמוזט אינגאַנצען ענדערן מיין פאָרשטעלונג וועגען איהם אַלס אַ צודרייטען, אָדער האַלב צודרייטען נפש, ווי די יודישע גאַס האָט איהם געהאַלטען. פאַר מיר איז געווען איינע פון די ליידענדע, אמת-זוכענדע נשמות. עפּעס אַפּאָסטאָלישעס, ביבליש־נביאישעס איז געווען אין זיין אַרט ריידען, כאָטש זיינע בעוויזען און אויספיהרען האָבען געשמעקט מיט קינדישער נאַאיוויטעט. זיין געשפּרעך איז אָבער בכלל געווען רוהיג, זעלבסטבעוואוסט און, אויף זיין שטייגער, קאָנסעקווענט. זיין ערנסט און אויפריכטיגקייט האָט שטאַרק געווירקט אויף זיינע עלטערע דיספּוטאַנטען אין דער מיסיאָן, און ווען זיי האָבען זיך ניט געלאָזען איבערציינגען, האָבען זיי דאָך געמוזט ביסלעכווייז לאָזען דעם לצנות־טאָן, מיט וועלכען זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו ריידען מיט איהם און בעציהען זיך צו איהם מיט אַ געוויסען רעספּעקט.

שוין פון אָנהויב געשפּרעך מיט איהם האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַן אמעריקאַנער לאַנדסמאַן. פון אמעריקא איז ער געקומען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק. געווען איז ער דאָרט אַ זעצער. זיין פאַמיליען נאָמען פון דער היים איז מילביקער. אין אמעריקא האָט ער דעם „ביקער" אַרויסגעוואָרפען, איז געבליבען „מיל"—אַן עכט־ענגלישע פאַמיליע.

אין אמעריקא איז ער אָבגעווען גאַנצע צוואַנציג יאָהר. פון דער היים, פון ווילנא איז ער שוין דרייסיג יאָהר. ער איז אַוועק פון פּריזיוו. געקומען צוערשט אין וויען. דאָרט—אויסגעלערנט זיך פּאַר אַ זעצער, געאַרבייט אין „השחר" דעם בעריהמטען העברעאישען זשורנאַל, פון פּרץ סמאָלענסקין, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פאָריגען דור, אויפ'ן גרעניץ פון „השכלה" און ציוניזם. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגען, ביי „יציאת נשמה", אי פונ'ם זשורנאַל, אי פון זיין רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער (ביידע זענען געשטאָרבען אין איין יאָהר). דאַן האָט ער זיך געלאָזען ווייטער וואַנדערווען. געהונגערט אין לאָנדאָן, געפּאַסט אין פּאַריז, געליטען נויט די ערשטע יאָהרען אין ניו־יאָרק. דאָ איז ער ענדליך אריין אין דער יוניאָן. פון דעמאָלט אָן איז זיין מאַטריעלע לאַגע געווען געזיכערט. ס'איז געווען, פערשטעהט זיך „סלאָו" *) און „סלעק" **) אויך. דערצו איז ער אַמאָל געווען אַ לעבע־קינד, איז ניט פעהיג געווען צו קלערען וועגען מאָרגען. אין אַלגעמיין אָבער האָט זיך די גאַנצע צוואַנציג יאָהר אין ניויאָרק געלעבט ניט שלעכט.

אַזוי האָט ער אָבגעלעבט אין ניויאָרק אַ יאָהר פופצעהן. דאַן איז פאָרגעקומען אַ קריזיס: ניט אין זיין מאַטעריעלען, נאָר אין זיין גייסטיגען לעבען.

פון זיין יוגענד אָן איז ער געווען אַן אַטעאיסט; האָט אין קיין זאַך ניט געגלויבט. אין ניויאָרק איז פּאָראַנען מיט וואָס צו פערשלאָגען זיך. האָט ער אויך ניט געשפּירט, אַז איהם פעהלט גלויבען. איז ער אָבער געוואָרען עלטער. די צעשטרייאונגען פון דער יוגענד זענען מעהר ניט געווען אין שטאַנד צו פערשלאָגען דעם מוח. איבערהויפּט — דאָס האַרץ.

— איך האָב זעהר געליטען—זאָגט ער—איהר קענט אייך ניט פאָרשטעלען. אָט דאָ איז געקומען קריסטוס און האָט מיר געגעבען אַ טרייסט און אַ היילונג צו מיין נשמה.

*) ווייניג אַרבייט.

**) אַרבייטסלאָזיגקייט.

איך האב איהם געפרעגט:

— פאר וואס עפעס גראד קריסטוס? האט איהר ניט געפרובט זוכען ערנסטע ביכער וועגען א ריינערן יודענטום. ענדליך וויסענשאפט־ליכע ביכער איבערהויפט וועגען געזעלשאפטליכע פראגען. האט איהר זיך ניט געפרובט אינטערעסירען מיט געזעלשאפטליכע ארבייט?

— דאס אלץ האב איך געפרובט, — זאגט ער — איך האב שוין פריהער א סך ביכער געלעזען, און העברעאיש, און דייטש, און ענגליש, תלמוד קען איך אויך. אבער איך האב דארט ניט געפונען, וואס איך האב געזוכט.

— האבען אויף אייך מיסיאנערען געווירקט? האב איך געפרעגט.

— ניין, דערנאך שוין האב איך בעזוכט זייערע לעזונגען, אבער פון אנהויב האב איך אלץ פון זיך אליין. דער אויבערשטער האט געוואלט איך זאל מיך בעקערען. השגחה פרטית...

— וואס עפעס גראד קאטאליציזם? האב איך ווייטער געפרעגט. און האט איהר אין ניו־יארק ניט געקאנט געפונען א ריינערע פארם פון קריסטענטום?

— ווייל די קאטאליקען האבען איבערגענומען פון דער ערשטער קוועלע.

וואס איהם האט בעוואויגען צו פאהרען צוריק קיין רוסלאנד, האב איך גענוי ניט געקאנט ביי איהם דערגעהן. פיליכט אן אלטע ערוואכטע בענקשאפט נאך דער היים. אפשר א מאטעריעלער גרונד. זיין פאטער איז געשטארבען און האט געלאזען ירושה—א הויז. פיליכט דער פערלאנג צו „ראטעווען" די היימישע „פערבלאנדזשעטע נשמות". און אמעריקא האט זיך די לעצטע צייט ניט גוט געלעבט: אפט סלעק און דער געזונד איז אויך געוועז ניט אם בעסטען.

אין דער היים האט ער געהאט און האט נאך יעצט אויסצו־שטעהן א סך. פון אנהויב האט ער ניט אנטפלעקט זיין נייעם גלויבען. ער האט געוואוסט, וואס פאר א שטורם עס וועט זיך אנהויבען. דער־נאך האט ער ניט אויסגעהאלטען. ער האט זיינע ברידער געשטראפט און זיין מוטער געמוסר'ט, פאר וואס זיי טוען ניט „תשובה"... די

מוטער האָט ניט איין מאָל געוויינט.

— האָט איהר, וועניגסטענס, פאר דער מוטער ניט געקענט בעהאלטען אייער נייעם גלויבען, האָב איך געפרעגט, און פערשפאָרען איהר שמערצען?

— יע, איך האָב אויף איהר אפילו רחמנות געהאַט, אָבער קריסטוס האָט געהייסען טראָגען צו אלעמען זיין ווארט פון ווארהייט. קריסטוס' געבאָט דארף זיין טייערער פון טאַטען און מאַמען.

און דער פרומער יודישער קאַטאָליק בענוגענט זיך ניט מיט פאַסיווער קאַטוילישער פרומקייט, ער געהט אָפט איבער אין אַטאַקעס.

געהט אריין און שולען, און קלויזען, צלם'ט זיך איבער פריהער „איך לעג אָב מיין עהרענצייכען" לויט זיין אויסדרוק, און נעהמט זיך פּרעדיגען די קלויזניקעס, אָדער בענעגענט דעם סניפּישאָקער רב אין גאַס און פרעגט איהם. „ווען וועט איהר שוין תשובה טון, אלטער זינדער?"

זיין ירושה איז איהם ניט לייכט צו בעקומען. די ברידער זאָגען, אז זיי זענען בילבער פאר דעם „משומד". מ'האָט איהם אפילו פון אָנהויב ניט געוואָלט לאָזען נעכטיגען. ענדליך האָט ער נאַכטלעגער אויסגעקעמפּפט, אָבער קיין בעשעפטיגונג קען ער דאָ ניט קריגען.

געהט ער ארום, לייענט זיינע הייליגע ספרים, און פּרעדיגט קריסטוס גלויבען אין די שולען, אין די גאַסען, פאר יונג און אלט, וואו און פאר וועמען ער האָט די געלעגענהייט. אויף דער הוצאה דארף ער וועניג. אמאָל קריגט ער עפּעס אין דער מיסיאָן, אמאָל פון פרומע קריסטען; אמאָל שיקט איהם צו עפּעס אַ פריינד פון אמעריקא. ניט זעלטען קומט איהם אויס צו הונגערן אויך. נאָר ער בעקלאָגט זיך ניט. זיין גלויבען אין גאָט און אין יעזוס איז שטארק. אז אַ דיספּוטאַנט פרעגט איהם, אַ קוק טוענדיג אויף זיינע טראַנטעס: וואָס גיט איהם דער נייער גלויבען? ענטפערט ער, אויפהויבענדיג אַ פרומען בליק צום הימעל: אָ, ער גיט מיר זעהר פיעל... זעהר פיעל...

אין דער אַלטער היים פיהלט ער זיך אַלץ שלעכטער און

שלעכטער, און ווי אַ סך אנדערע צוריקגעקומענע עמיגראַנטען ציהט איהם צוריק קיין אמעריקא. ער וואַרט, אז די ברידער זאָלען איהם עפּעס ארויסצאָהלען פון דער ירושה און פריינד זאָלען איהם צושיקען אויף הוצאות. דאַן לאָזט ער זיך צוריק אין דער נייער היים, וואָס איז צו איהם געווען אַ סך פריינדליכער, ווי די אַלטע.

דער תעניתים־פאַסטער.

דער תעניתים־פאַסטער איז אַ טיפּ פון דובראָוונע—די בעריהמ־טע יודישע שטעדטעל אין מאָהליווער גובערניע. זיין טאַטע איז אַ שמש אין דער אַלטער דובראָוונער שול—אַ יוד אַ הוליאַקע, אַ טענצער, אַ זינגער אויף אַלע חתונות און קהל'שע שמחות. ער האָט ליעב אַ כוסה, און ניט קיין פּשוט'ע, נאָר טאַקע אַ גאַנצע קווערטעל. האָט אויך ליעב צו פערבייסען, ווען עס איז דאָ וואָס.

ער, זיין זוהן, פערקערט, איז שטאַרק צוקריגט מיט'ן „יצר הרע" פון עסען און טרינקען.

קיין גרויסער למדן איז ער ניט, דער „תעניתים-פאַסטער". לערנען אַ סך האָט ער קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט און האָט איצט אויך ניט. נאָר פּשוט, ווייל ער איז זיין גאַנצען לעבען אַן ארבייטער —אַ וועבער. צו פאַסטען תעניתים האָט איהם אויסגעלערנט די גרויסע אָרימקייט, וואָס ער האָט זיך אין איהר געפּלאָגט זיין גאַנצען לעבען. אין זיין לעבען איז געווען אַ לאַנגע פּעריאָדע, גאַנצע צוועלף יאָהר האָט זי געדויערט, ווען ער האָט פּשוט ניט געהאַט וואָס צו עסען. יאָהרענלאַנג איז ער אָבגעקומען נאָר מיט עטליכע קאָפּיקעס אַ טאָג. אויסשטרעקען די האַנד, געהן לייהען ערגיץ, אַריינגעהן צו יי׳נעם אָבעסען—דאָס האָט ער ניט געקענט. דערצו איז ער אַ צו דעליקאַטע נאַטור. און אַז עס איז מעהר ניט געווען, ווי עטליכע

קאָפּיקעס אַ טאָג, האָט מען געקענט זיך פאַרגינען נאָר הוילען טרוקענעם ברויט, איז דאָס ניט קיין געוועהנליכען, געקויפטען אין קראָם, ווי אַלע מענשען קויפען, נאָר אָבגעקויפט ביי די אָרימע לייט, וואָס געהען איבער די הייזער. דער ברויט פלעגט זיין צוטריקענט און פערשימעלט, אז ווען מ'פלעגט איהם קייען—דערצעהלט דער תעניתים־פאַסטער—דערמאָהנענדיג יענע יאָהרען, פלעגט געהן פון די ציינער אַ גרינער רויך פון דעם פערטריקענטען שימעל. צאָהלען פאַר דירה איז גאָר ניט געווען מיט וואָס, האָט מען געמוזט ערגעץ וואַלגערן זיך אין אַזאַ לאָך, וואָס עס איז ניט מעגליך געווען צו שטעלען דאָרט אַ בעט און אפילו אַ באַנק האָט געקענט שטעהן נאָר איינע. האָט אויף איהר געמוזט שלאָפען די ווייב, און ער האָט גענעכטיגט אין בית המדרש. דאָס וואָרט „נעכטיגען" דאַרף מען ניט אָננעהמען אין געוועהנליכען זין. וואָרום שלאָפען—שלאָפט דער תעניתים־פאַסטער אויך ניט. ער רייבט זיך נאָר איבער עטליכע שעה. און ווי נאָר אַ בליאַסק אויף טאָג, נעהט ער אויפ'ן שולהויף און זוכט עפּעס אַ מלאכה פאַר דער שול: האָלץ האַקען, אַ שטוינער, אָדער וואַסער אָנטראָגען, אָדער אויס־קעהרען, רייניגען.

פערלאַנגען פון „תעניתים־פאַסטער" אַ טעאָרעטישע ערקלערונג פון זיין וועלט־אַנשויאונג איז אַן אומזיסטע ארבייט. ערקלערען איז ער ניט אין שטאַנד. נאָר וויסענדיג די טרויעריגע היסטאָריע פון זיין לעבען, פון דעם גרויסען עלענד, אין וועלכען עס האָט זיך געטרונקען דורות־לאַנג די דובראָוונער יודישע מאַסע, קענט איהר פסיכאָלאָגיש איהם פערשטעהן. עסען האָט זיך איהם געוואָלט נאָר אַזוי לאַנג, ווי עסען איז ניט געווען וואָס. קוים האָט ער אָבער בעקומען זיין פערדאַרט און פערשימעלט שטיק ברויט צו שטילען דעם הונגער, איז איהם דער עסען, צוליב דעם גרינעם שימעל, פערעקעלט געוואָרען. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם שלאָפען: ער האָט זעלטען געקראָגען אַ פּלאַץ, וואו ער וואָלט קענען אויסגלייכען די ביינער און לאָזען זיי אויסרוהען ווי מ'דאַרף. און כדי פּטור צו ווערען פון די עסען־און שלאָפען־יסורים, האָט זיך ביי איהם ביסלעכווייז אויסגעאַרבייט אַ געדאַנק, אונטער

דעם איינפלוס פון אייניגע איבערגעלייענטע מוסר-ספרים, אז די וועלט איז גאָר נישט; אז דער גוף, דער חומר מיט אלע זיינע בעדערפניסען איז אן איבערגעקומענע זאך, און דעם מענשענס ציעל איז לעבען איז נאָר מלחמה צו האלטען מיט די קערפערליכע תאוות. און אזוי ווי עסען און שלאָפען, אָט די צוויי תאוות, זענען געווען זיינע גרעסטע שונאים, האָט ער זיי געזוכט צו בעקעמפפען, און האָט זיי טאקע בעקעמפפט.

איצט איז ביין תעניתים-פאַסטער אַ גוטע צייט. אָט די, אזוי צו זאָגען, „גילדערנע" עפּאָכע אין זיין לעבען, דויערט שוין אַ יאָהר צוועלף, זינט די דובראָוונער פאַבריק פון „יקא" עקזיסטירט. ער בעקומט זיינע דריי רובל מיט קאָפּיקעס אַ וואָך און קען זיך שוין פערגינען ניט בלויז אן „אונטער-אויוועץ", נאָר פערנעהמען אפילו אַ גאַנצע קאַמער, וואו עס קען זיך שטעלען אַ טיש, אַ באַנק, אַ בעט. ער קען זיך אויך פערגינען קאָכען אמאָל אַ קרופּניק, אויב ניט מיט פלייש, איז מיט ביינער. נאָר די קאַמער פערנעהמען און דעם קרופּניק עסען—די ווייב און די קינדער. ער אליין פערברענגט די נאַכט, ווי פריהער, אין שול. אהין קומט ער גלייך פון פאַבריק. דאַווענט מנחה און מעריב, קוקט אריין אין אַ ספר, רייבט זיך אַ ביסעל אין שולהויף, געהט אמאָל ארויס אין גאַס. אזוי געהט אריבער דער אָוונד. קומט האלבע נאַכט, אזוי נעהמט ער זיך „חוזק מאַכען" פונ'ם יצר-הרע. דאָס הייסט ער נעהמט זיך „אָנבייסען" און „צודרעמלען". ביידע „אָבקומענעסען" פּטר'ט ער אָב אין איינעם, האלטענדיג אַ פּנים נידריגער פון זיין ווערד אָבצוגעבען יעדען איינעם פון זיינע אמאָליגע שונאים (איך זאָג „אמאָליגע", ווארום, ווי אויבען איז אָנגעוויזען, האָט ער זיי ביידע שוין לאַנג בעזיגט) בעזונדער צייט און אויפמערקזאמקייט. קייענדיג אַ שטיק ברויט, זיצט ער אויפ'ן באַנק, אָנגעשפּארט אויף אַ שטענדער און דרעמעלט. דרעמלענדיג, קייט ער אַ שטיקעל ברויט. ריכטיגער: עס חלומ'ט זיך איהם, אז ער קייט. דער דאָזיגער צווייפאַכער פּראָצעס דויערט לאַנג—ביי אַ שעה, אָדער צוויי. עס איז ניט זיכער, ווער וועמען עס מאַטערט מעהר: ער דעם הונגער און שלאָף, אָדער זיי—איהם.

די גאַנצע צייט פון דער דאָזיגער „חוזק־מאַכעריי״ איז ער ווי אין אַ מין הימעל־פּלעט. מ׳דאַרף זאָגען דעם אמת, אַז דעם שלאָף האָט ער ניט אינגאַנצען גובר געווען, און דעריבער ווענדעט ער נאָך איצט אָן געגען איהם פערשיידענע געוועהר. אַ שטויגער: ער ציהט זיך קיינמאָל ניט אויס אויפ׳ן באַנק, טאָמער וועט איהם דער שלאָף „פּאַקען״; נאָר ער זיצט איינגעשפּארט אין אַ שטענדער, אָדער שטעהט איבערגעבויגען איבער אַ שטענדער. די דאָזיגע פּאָזיציע איז, אַזוי צו זאָגען, זיין פעסטונג. דאָ איז ער געווען זיכער פאַר׳ן „שונא״. וואָרום, ווי ער באַפּט נאָר אַזוי, שטעהענדיג, אַ דרימעל, פאַלט ער גלייך אַ נידער און קומט צו זיך.

אין פאָלקאָמענער האַרמאָניע מיט דעם „תעניתים־פּאַסטער׳ס״ בעציהונג צו עסען און שלאָפען איז אויך זיין קוק אויף אַרבייט. לויט זיין אייגענע אָבשאַצונג פון זיין אַרבייטספעהיגקייט איז זיין טרחה מעהר ניט ווערט, ווי פינף קאָפּיקעס אַ שעה. גיט מען איהם מעהר, נעהמט ער ניט. מען האָט איהם, אַ שטויגער, געדונגען ער זאָל צו האַקען אַ וואָגען האָלץ (דער תעניתים־פּאַסטער האָט ניט בראַקירט מיט קיין שום מלאכה, איידער עס איז געוואָרען די פאַבריק) און איהם אָבגעגעבען דערפאַר צוויי גילדען. צו האַקען די האָלץ האָט אָבער מעהר ניט געדויערט ביי איהם, ווי פיער שעה. לויט זיין חשבון איז צעהן קאָפּיקעס איבריגע. האָט ער פון די צוויי גילדען זיך גענומען נאָר צוואַנציג קאָפּיקעס און די צעהן קאָפּיקעס אָבגעגעבען צוריק. ווען דער אַרבייטסגעבער האט אָבער ניט געוואָלט נעהמען דאָס געלד, איז ער, חלילה, ניט שולדיג געבליבען: איז ניט געווען מעהר האָלץ צו האַקען, האָט ער די צוויי שעה וואַסער אָנגעטראָגען. איז געבליבען נאָך פון די וואַסער, האָט ער יענעם דעם הויף געקערט, פערריכט עפּעס אין שטוב אַזוי לאַנג, ביז ער איז מיט יענעם געוואָרען קוויט.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז אַזאַ מין אַרבייטער איז פאַר די רעדעל־פיהרער פון דער פאַבריק אַן אוצר. מ׳דאַרף בעמערקען, אַז דער „תעניתים־פּאַסטער״ איז אַן אַרבייטער—אַ ספּעציאַליסט און, לויט די נידריגע פּרייזען, וואָס שטעהען אויף דער פאַבריק, איז זיין

ארבייט ווערט ווייניגסטענס צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי ער בעקומט. די פערוואַלטונג פון דער פאַבריק, וואָס ליידט גאַנץ ווייניג אויף יושר־און—רחמנות־געפיהלען, אפילו זי האָט פון זיך אליין, איהם וויפיעל מאָל געוואָלט העכערן דעם לוין, נאָר ער האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין „אומזיסטע" געלד, און בעקומט תמיד, יאָהר אויס—יאָהר־איין, דריי רובל מיט קליינע קאָפּיקעס אַ וואָך, לויט זיין אייגענעם „טאַריף".

ווי אַזוי בעציהט זיך דעם „תעניתים־פאַסטעד'ס ווייב צו דער טעאָריע און פראַקטיק פון איהר מאַנס לעבען?

— וואָס זאָל טאָן אַ יודישע ווייבעל, נעבאַך? האָבען מיר דובראָוונער ארבייטער ערקלערט. גמ'ן זיך צוליב דעם? טראָגט זי איהר גורל. דער תעניתים־פאַסטער זאָגט איהר גאָרנישט איין, ווי צו פיהרען זיך: לעב, ווי דו פערשטעהסט! זי קאָכט זיך אַלע טאָג געקעכטס, נאַטירליך, זעלטען מיט פלייש. נאָר שבת איז דאָ אפילו חלה און נאָך אַ דראָבישקע דערצו. ניט זעלטען פערזוכט ער, שבת, צי יום טוב, אליין פון דער דראָבישקע. אָבער כדי זיין ווייב זאָל זיך, די קינדער, און איהם אליין ניט צולאָזען, גיט ער אויף דער הוצאה, ניט אָב די גאַנצע שבירות, גיט איהר אפילו ניט מיט מזומן געלד. נאָר מיט צעטעלאַך אויף יעדע זאַך, וואָס ער דאַרף האָבען, צו אַ בעקאַנטען קרעמער. דער קרעמער קלייבט אויף אַלע חודש די צעטעלאַך און בעקומט שוין פון איהר מזומן.

מ'זאָגט, אַז דער „תעניתים־פאַסטער" האָט געלד, טאַקע ביי דעמזעלבען קרעמער. ער קלייבט מסתמא אויף „עולם הבא־זאַכען". וואָרום מיט דער וועלט האָט ער שוין לאַנג זיינע חשבונות געענדיגט.

ער איז נאָך אַ יונגער מאַן דער תעניתים־פאַסטער. אַ יאָהר עטליכע און פערציג איז ער אַלט. ניט קוקענדיג, וואָס ער עסט נאָר איין מאָל אין טאָג אַ שטיקעל ברויט מיט וואַסער, זעהט ער אויס פול און געזונד, און רויטלאַך. נאָר אין איין זאַך לאָזט זיך דערקענען זיין אַסקעטישער לעבען: ווען ער רעדט מיט אייך, איז זיין פנים, זיינע אויגען איבערהויפּט, פערגאָסען מיט אַ מידקייט. ער שמעהט און ווינגט זיך, ווי אַ פערשלאָפענער, ריכטיגער ווי ניט קיין אויסגעשלאָפענער.

אָט, אָט, דאַכט זיך אייך, פאַלט ער פון די פיס. נאָר אַזוי וויגט ער זיך שוין יאָהרענלאַנג, וויגט זיך ביין אָנבייסען צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט; וויגט זיך ביי דער ארבייט אין פאַבריק; וויגט זיך ביין לערנען; וויגט זיך, ווען ער רעדט מיט אייך, ווען ער געהט אין גאַס.

ווי אַזוי קען אַ מענש אויסהאַלטען אַזאַ לעבען?

די דובראָוונער יודען וואונדערן זיך ניט. ס'איז, זאָגען זיי, מופ״ע דעם שמש' שטאָף.

בערעלע דער „לץ".

(א טיפ פון דער מינסקער יודישער גאס).

אז בערעלע וואלט ניט געבארען געווארען אין מינסקער אלטען מארק, נאר ערגעץ אנדערש, צווישען גויים, וואלט פון איהם ארויס־געוואקסען... אפשר ניט קיין דיקענס, גאגאל, אדער מארק טווין, אלענפאלס אבער א היבשער קאמיקער, אדער, וועניגסטענס, א טאלאנטפאלער קלאון אין א צירק.

נאר בערעלע איז געבארען געווארען און געוואקסען ארום מינסקער שעבט־הויז און דעריבער איז ער געוועזען פאפולער בלויז צווי־שען די מיידלעך פון זיין גאס און עטליכע געסלעך ארום.

נאר אז בערעלע וואלט געוועזן פאפולער בלויז אין אלטען מארק, וואלט איך וועגען איהם ניט געשריבען. עס איז געוועזען אבער א מאמענט אין זיין לעבען, ווען בערעלע איז געוועזען פול אין אלע מיילער פון גאנץ שטאדט; ווען מ'האט גערעדט וועגען בערעלען אין גאנץ מינסק, און בעזונדערס ביי די גבירים אין די הייזער. דאס איז געוועזען בשעת בערעלע דער „לץ" האט „אנגעריבען די מינסקער גבירים א נאז", טאקע אין דעם פשוט'ען זין פונ'ם ווארט. די פאסירונג איז בעוואוסט אין מינסק אונטער דעם נאמען: „די אסיפה פון די שווארצע נעזער"...

נאר וועגען דעם—שפעטער. פריהער א פאר ווערטער פון

בערעלע׳ס ביאָגראַפיע.

בערעלע האָט בעלאַנגט צו אַ פֿאַמיליע פֿון אַמאָל געהויבענע דערנאָך געפֿאַלענע באַלעבאַטים פֿון דעם סאָרט, וואָס מען רופֿט זיי אין ליטא „פֿיש-פֿיש״, אָדער „די רעכטע פֿיש־פֿיש״. דאָס זענען די בכבוד׳נע, חשוב׳ע באַלעבאַטים, וואָס מען רופֿט זיי געוועהנליך אויף אַ „ברירה״, וואָס זאָגען מבינות אויף אַ רב, אַ משגיח, אַ שוחט; וואָס זענען די ערשטע איינגעהער ביים רב, ביי די גבירים פֿון שטאָדט; וואָס מיט זיי האַלט מען זיך עצות אין שווערע קהל׳שע עסקים. קורץ זיי זענען האַלבע „קאָבלעפֿעל״—האַלבע „כלי-קודש״.

און דעריבער איז זיי קהל מחויב צו טראָגען אויף די פֿלייצעס. טאָן טוען זיי גאָרנישט. נאָר שטאָדט האַלט זיי אויס, געבענדיג זיי פֿערשידענע קהל׳שע שטעלען.

אַזוי איז, צום ביישפּיל, בערעלע׳ס טאַטע, רבי מאָטע ישורון, געוועזן אַן אויפֿזעהער אין „שחיטת-עופֿות״; בערעלע׳ס עלטערער ברודער — אַ גובה (מאַהנער) אין חברה „חונן־דלים״, און בערעלע׳ן אַליין אין די סטאַלע (סאָלידע) יאָהרען האָט מען אויך געגעבען אַ שטעל פֿון אַגובה אין דעם נייעם „קאָמיטעט״ פֿאַר די אָרימע.

נאָר דאָס איז געוועזן אין בערעלע׳ס סטאַלע־יאָהרען, אַז בערעלע׳ן איז שוין מיאוס געוואָרען אַרומגעהן ליידיג און פֿראַווען „לצנות״, און די משפּחה האָט געמוזט פֿער׳דאגה׳ן פֿאַר איהם אַ תכלית.

אַלס יונגעל און בחור, ביז עטליכע און צוואַנציג יאָהר, איז בערעלע אומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס און איז געוועזן דער „לץ״ פֿון גאַס.

בערעלע׳ס לצנות איז געוועזן פֿון אַ בעזונדער מין. ער האָט ניט געזאָגט קיין וויצען, קיין גלייכווערטלעך, נאָר האָט דערצעהלט מערק-ווירדיגע געשיכטעס. דערצעהלט האָט ער זיי, דאָס רוב, די מיידלעך פֿון גאַס, פֿון די קראָמען. פֿון זיינע געשיכטעס פֿלעגט מען זיך האַלטען ביי די בייכער פֿון געלעכטער.

בערעלע אַליין פֿלעגט ניט לאַכען. ער פֿלעגט אָנהויבען אַ געשיכטע ערנסט, מיט גרויס התפּעלות. דאָס רוב זענען

דאָס געווען משונה׳דיגע פּלאָנטער׳ס, סענסאַציעס, ראָמאַנען, אינטריגעס, סודות אַרויסגעטראָגען פון די הייזער פון אַלגעמיינע בעקאַנטע. מיידלעך, בחורים, יונגע לייט, גבירים, רבנים—בערעל האָט קיינעם ניט געשוינט. עפּעס ווילדע מעשיות זענען דאָס געווען, און דאָך, דאַכט זיך, אמת׳ע, דאָס הייסט זיי האָבען זיך געפּאַסט אַקוראַט צו דער פּערזאָן, וואָס איז געווען דער העלד, אָדער די העלדין, פון זיין געשיכטע. די מיידלעך, ווייבלעך—אַלע צוהערער פלעגען, פּונקט ווי בערעלע אַליין, אימער מעהר אַריינקומען אין התפּעלות און תמיד איבערשלאָגען איהם:

— וואָס רעדסטו בערעלע?! ווען איז דאָס געווען? ווי אַזוי? און וואָס איז געווען ווייטער? מיט וואָס האָט זיך געענדיגט? נו, דערצעהל! גיכער! דערצעהל!

אז בערעלע האָט געענדיגט, לאָזענדיג אימער די רעכטע סענסאַציע צום סוף, און האָט געזעהען, אַז זיין אוידיטאָריום איז אויסער זיך פון דער מעשה—פלעגט ער תמיד פערבייסען מיט אַ ווערטעל, וואָס ער האָט געלאָזען צום סאַמע סוף. ער פלעגט אַביסעל אָברוהען, קוקען זיינע צוהערערינס ערנסט און מיט זעלבסטזווירדע גלייך אין די אויגען, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: אָט אַזוינע מערקווירדיגע זאַכען פערלויפען זיך אויף דער וועלט. דאַן פלעגט ער מיט די זעלביגע פריהערדיגע התלהבות אַ זאָג טאָן:

— האָפּ־טשאַק!...

און דאָס האָט געהייסען: איך האָב געבלאָפט! די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען!...

דאַן פלעגט זיך אָנהויבען אַ סדרה פון קלעפּ און קללות און כאַ־כאַ־כאַ!; מען פלעגט זיך האַלטען אויף דאָס ניי ביי די זייטען פון געלעכטער. און אַזאַ קראַפט איז געווען אין בערעלע׳ס מעשיות, אַז באַטש מ׳האָט געוואוסט, אַז ענדיגען וועט זיך תמיד מיט „האָפּ־טשאַק״, האָט מען איהם פונדעסטוועגען געגלויבט, געוואָלט גלויבען אַזוי לאַנג ווי ער האָט געהאַלטען אין דערצעהלען.

אַמאָל פלעגט טרעפען, אַז אַ מיידעל פלעגט וועלען אַ שפּיל

טאָן מיט בערעלע׳ן און איבעררייסען איהם אין מיטען: „נו, בערעלע: „האָפּ־טשאַק״... דאַן פלעגט ער ווערען ברוגז און ניט וועלען דערצעה־לען ווייטער, כאָטש גיט איהם אַ קרענק. און עס האָט געקאָסט געגוג מיה איבערצובעטען איהם און פועל׳ן, ער זאָל דערצעהלען די מעשה ביז צום סוף.

דעריבער האָט בערעלע געהאַט אויך נאָך אַ נאָמען: „בערעלע האָפּ־טשאַק״.

אייגענטליך האט ער געהאט נאָך אַ דריטען נאָמען, פערצויגען פון זיין פאמיליע: „בערעלע יסורים״. אנשטאט „בערעלע ישורון״. נאָך דעם נאָמען האט ער בעקומען בירושה פון זיין טאַטען. די ווייבער וואָס פלעגען געהן אין שעכט-הויז, האבען דעם טאַטען געגעבען אַ צונעמעניס „מאָטע יסורים״ אנשטאט רבי מרדכי ישורון. ניט זעלטען פלעגט מען דעם צונעמענעם פערלענגערן און זאָגען: „מאָטע—יסורים צו איהם״.

דאָס האט געוויזען, אַז דער המון האט ניט שטארק געהאַלטען פון דעם למדן רבי מרדכי ישורון. נאָך מעהר: מ׳האָט איהם געהאסט און געשאָלטען, און די ווייבער האבען געהאט פאר וואָס.

רבי מאָטע איז געווען, ווי געזאגט, אַן אויפזעהער אין „שחיטת־עופות״. זיין עובדא איז געווען: שטעהן ביי דער טיר און אכטונג געבען, אַז די ווייבער זאלען ניט ארויסטראגען קיין עופות ניט קיין אָפּגעפּליקטע. וואָרום די פעדערען האָבען געהערט צו די שוחטים. אויך די קעפּלעך און די פיסלעך האָבען בעלאַנגט צו די פליקערקעס און אַנדערע כלי־קודש. רייכע ווייבער, אָדער „שטייפע״ באַלעבאָסטעס האָט עס ניט אויסגעמאכט. נאָר די אָרימע פלעגען אָפּט פער׳גנב׳ענען אַ קעפּעל, אַ פיסעל, אמאָל ניט אָבפּליקען אינגאנצען די פעדערען. רבי מאָטע פלעגט אָבער מיט זיין שארפען אויג דערזעהן, ארויסרייסען די הוהן, די קאַטשקע, דעם ענדיק און שלעפּען די יודענע צוריק, אמאָל מיט קלעפּ אויך.

קורץ: ער פלעגט אָנטאָן די ווייבער גרויסע יסורים. און דע־ריבער האָט מען איהם גערופען אין שטאָדט „מאָטע יסורים״.

צו בערעלע'ן אָבער האָט מען, אייגענטליך, גאָרנישט געהאַט. ער האָט קיינעם ניט אָנגעטאָן קיין יסורים. פערקעהרט: ער פלעגט דעם עולם אָפט אַמוזירען, בעזונדערס די קעבינס, דינסטען און קראָם־מיידלעך.

וואָרום כאָטש בערעלע איז געווען פון געהויבענע באַלעבאַטים, פון די רעכטע "פיש־פיש", פונדעסטוועגען איז ער געווען דעמאָקראַטיש געשטימט. זיין בעקאַנטשאַפט איז, דאָס רוב, געווען אין די קיכען, אָרימע קרעמלעך און אָרימע הייזער.

בערעלע'ן פלעגען די מיידלעך רופען "יסורים" ניט חלילה פון שנאה, נאָר מחמת געוואוינהייט. דאָס איז שוין געווען אַ ירושה־זאַך.

"יסורים"! דערצעהל אונז עפּעס—פלעגען זיך די מיידלעך צו איהם ווענדען, און בערעלע האָט קיין פאַראיבעל ניט געהאַט. ער האָט בכלל אויף קיינעם קיין שנאה ניט געטראָגען אַ חוץ די גבירים, צו וועמען ער פלעגט געהען מאַהנען די נדבות. זיי האָט ער געהאַסט, ווי דעם טויט. פון זיי און פון די גביר'טעס מיט זייער גאוה, מיט זייער משוגעת, פלעגט ער אָבלאַכען אין די הויפענס, אָבמאַכען "פענדזשע" פאר זיין אוידיטאָריום, און די מיידלעך פלעגען זיך קאַטשען פון געלעכטער, כאָטש זיי האָבען געוואוסט, אַז די מעשיות זענען ליגען, אַז דאָס איז אַלץ "האָפּ־טשאַק"....

נאָך מעהר פון זיינע "האָפּ־טשאַק מעשיות", איז בערעלע געווען בעריהמט דורך זיינע שטוקעס און שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָבטאָן, דערפון, אייגענטליך, האָט זיך גענומען זיין רעכטע פּאָפּולאַריטעט, וועלכע איז ענדליך ארויסגעגאַנגען פון ענגען אַלטען מארק און האָט זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ מינסק.

אַז איהר וואָלט אַ קוק געטאָן אויף בערעלע'ן אין גאַנצען, אויף זיין שלעפּען זיך, ווי אַ גאַנז, אויף זיין שלימזלדיגע ברייטע, צעלייַ־פּעטע פיגור און אויף זיין, דאַכט זיך, נארישען פּנים, פון איין זייט — וואָלט אייך קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז בערעלע איז פעהיג עפּעס אויף שטוקעס און לצנות, מעשה "שייקע פייפער". דאָס איז אָבער געווען פון איין זייט פּנים. האָט איהר אָבער נאָר אַ בליק געטאָן

אויף דעם אנדער זייט פּנים, אויף זיין לינקען שעלמיש-ווינקענדיגען אויגעל, האָט איהר שוין געגלויבט, אַז בערעלע איז פעהיג אויף אַלץ...

פון זיינע שטוקעס איז די מערקווירדיגסטע, די היסטאָרישע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, געווען — דער שפּיצעל, וואָס איז בעקאַנט אין מינסק אונטער דעם נאָמען „די אסיפה פון די שווארצע נעזער". די „שטוקע" איז געווען אַזוי איינפאַך, וואָס איינפאַכער קען מען זיך ניט פאָרשטעלען. נאָר דער עפעקט איז געווען אַזוי גלענצענד און באָמבאַסטיש, אַז גאַנץ שטאָדט האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען.

די מעשה קען מען דערצעהלען אין דריי ווערטער.

בערעלע האָט אַמאָל אויפגערופען די גבירים אויף אַן אסיפה, דאָס הייסט, מ'האָט איהם געהייסען אויפרופען. ווייל אַ חוץ אַ „גובה", איז ער אויך געווען אַ שמש אין קאָמיטעט. בערעלע האָט פיינד געהאַט די אסיפות פון קאָמיטעט. ער האָט ניט געקאָנט צוזעהען, ווי די גראָבע בייכער פראַווען „צדקה" און „גבאות" איבער די אָרימע לייט, וואָס פלעגען שטעהן פאַר זיי, ווי פאַר קיסרים, נאַקעטע, אָבגעריסענע, באָרוויסע, פער'חושכ'טע, ציטערן, וויינען, און „קליאַנטשען" שטונדען־לאַנג פאַר אַ פּאָר גילדען אויף שבת, יום טוב, צי אויף אַ וועגעלע האָלץ. בערעלע האָט רחמנות געהאַט אויף די אָרימע לייט. ער האָט ניט געקאָנט צוזעהען, ווי די גבירים פערגיסען דאָס בלוט פון די אָרימע לייט, זידלען זיי, שרייען אויף זיי און נעהמען ארויס די נשמה פאַר איטלעכע צוגעוואָרפענע קאָפּיקע. לאַנג האָט ער געטראָגען אויף זיי אַ האַס. ענדליך האָט ער זיך בעשלאָסען אָן זיי זיך נוקם צו זיין.

איך זאָג נאָך אַמאָל: דער פּלאַן איז געווען זעהר איינפאַך, וואָס איינפאַכער קען ניט געבען. בערעלע האָט מיט אַ פערטעל שעה פריהער פאַר דער אסיפהביידע הענטלעך פון טיר, אין קאָמיטעט, פון אינע־ווייניג און פון דרויסען, אויסגעשמירט מיט רוס...

פּסיכאָלאָגיש פונאַנדערנעהמענדיג בערעלע'ס פּלאַן, האָט די מעשה געדאַרפט פאָרקומען אַזוי: יעדער גביר אַריינקומענדיג אין קאָמיטעט האָט נויטווענדיג געמוזט איינשמירען די האַנד אין רוס. אַזוי ווי אַ מענש קען זיך ניט איינהאַלטען, ניט אַ פּיהר טאָנדיג, אין

צייט פון א האלבע שעה, כאָטש איין מאָל מיט'ן פינגער איבער'ן נאָז, האָט יעדער גביר געמוזט איינשמירען, א חוץ די האנד, אויך דעם נאָז. אַי, וואָס, טאָמער האָבען זיך צוויי גבירים בעגעגענט אין טיר און נאָר איינער פון זיי האָט אָנגעריהרט די קליאמקע, איז בערעלע דאָך געווען זיבער, אז די סאַזשע וועט, ווי אן עפּידעמיע, מוזען דורכגעהן אַלע נעזער, דורך דעם „שלום עליכם" און געבען זיך איינער דעם אנדערן די האנד. פאר דער אסיפה—איז בערעלע געווען זיבער—וועט מען זיך ניט כאַפּען. וואָרום אין דעם גרויסען זאַל פון קאָמיטעט איז געווען האלב דונקעל און א פּאָר לאָמפּען האָבען געוואָרפען א מאַטען שיין בלויז אויפ'ן לאנגען טיש, וואָס איז געווען פעררוקט ווייט אין ווינקעל.

בערעלע האָט שיער ניט געפּלאַצט פון נחת, פון דעם פאָר־געשמאַק, ווי אזוי ער וועט דאָס צוזעהען פון ווייטען, פון זיין ווינקעל, ווי אַלע גבירים וועלען, זעצענדיג זיך ארום טיש, צו דער אסיפה, א קוק טאָן איינע די אנדערע אויף די נעזער... און ווי א האלבע מאָה דינע האלענדער טיכלעך וועלען פּלוצלונג א ציה טאָן זיך פון די קעשענעס און נעהמען... רייבען די גבירישע נעזער.

בערעלע האָט, אין זיין ענטציקונג, גאָר פערגעסען מיט וואָס די געשיכטע קען זיך פאר איהם ענדיגען. ער איז געזעסען אין א ווינקעל און זיין הארץ האָט זיך געהויבען, געהויבען פון נחת.

און בערעלע'ס פּלאַן האָט זיך איינגעגעבען אין גאַנצען, כמעט מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט.

מערקווירדיג איז דאָס, וואָס לכתחילה האָט מען זיך גאָרניט געכאַפּט, אז דאָס איז בערעלע'ס ארבייט, כאָטש מ'האָט איהם געקענט און געהאַלטען פאר א האַלבען משוגענעם.

אַז די אסיפה־לייט האָבען זיך צוזעצט, לויט'ן מנהג, ארום דעם לאנגען טיש אין צוויי לאַנגע שורות, און מען האָט גרעסער געמאַכט די פייערען און אָנגעצונדען דעם גרויסען הענגלאָמפּ פון אויבען, איז אַלעמען פינסטער געוואָרען אין די אויגען...

אַן אסיפה פון שוואַרצע נעזער...

אין פלוג האָט מען ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן פריהער: צי

שרייען, צו קאַטשען זיך פֿון געלעכטער, צו שלעפּן די טיכלעך פֿון די קעשענעס. אַלעס האָט זיך אויפֿגעמישט אין איינעם אין אַ מין הילכיגן כאַאָס. מ׳האָט געלאַכט, געבייזערט זיך, געריבן די נעזער, געלאָפֿן צום האַנד־פֿאַס וואַשן דעם נאָז, געשריען: „בערעל, דעם האַנדטוך אַ הער!"

נאָר בערעל האָט געהערט אַלעמען, ווי דעם קאָטער. ער איז געלעגן אין פֿאָלעש און געקייכט און געפּאַטשט אין די „לאַדאָשקעס": האָפּ־טשאַק! האָפּ־טשיק־טשאַק!....

ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז פֿאַר דעם שפּיצעל האָט בערעלע בעצאָהלט מיט זיין שטעלע. מ׳האָט איהם גלייך געגעבען אין קאַרק. דערפֿאַר איז ער געוואָרען אונשטערבליך. און אויב די מעשה איז ניט געוואָרען פֿערשריבען אין מינסקער פּנקס, וועט מען ווייניגסטענס אין מינסקער אַלטען מאַרק נאָך לאַנג געדענקען די גבירישע אסיפה פֿון די „שוואַרצע נעזער".

איך האָב בערעל׳ן געזעהן מיט אַ קורצע צייט צוריק. ער האָט עפּעס ווייטער געקראָגען אַ קהל׳שען אַמט פֿון אַ שמש, צו אַ גובה און איז דאָרט ביז היינטיגען טאָג. די גבירים האָבען איהם מוחל געווען. וואָס זאָל מען טאָן מיט׳ן שלימזל? פֿאָרט איז ער דאָך פֿון די „פֿיש־פֿיש".

זיין קעהר, זיין טראָט איז יעצט געוואָרען נאָך פֿוילער, נאָך מעהר צוליאַפּעט ווי פֿריהער. אַ באָרד האָט ער געקראָגען, ווי אַ פֿאָמעלע, און פֿון איין זייט פּנים איז ער שוין אַן איינגעהויקערטער יוד. נאָר פֿון דעם אַנדער זייט, פֿון דעם לינקען זייט פּנים, בלישטשעט נאָך זיין אויגעל, עכט שייגעצעוואַטע, ווי אַמאָל, און אייך דאַכט זיך, אַז אָט, אָט וועט ער אייך אָבטאָן אַ שפּיצעל... האָפּ־טשאַק....

אַלגעמיינער אינהאַלט־פאַרצייכענים פון אלע 6 בענדער „אידישע נשמות“ נאָכ׳ן „אלף־בית“ *).

א

ר׳ אברהם יעקיניו — ב. 6, ז. 2 (4).
ר׳ אברהם׳ל (פרוסעווער רבי) — ב. 6, ז. 1 (5).
„אגודת הרבנים“ — ב. 6, ז. 7 (5).
„אגודת הרבנים החרדים“ — ב. 6, ז. 10 (5).
אובאַראַוו, מיניסטער — ב. 3, ז. 6 (22).
אוסישקינ׳ס עלטער־זיידע — ב. 1, ז. 6 (22).
דער „אוצר“ — ב. 5, ז. 1 (13).
אידישער אנטיסעמיטיזם — ב. 4, ז. 4 (3).
אידישע גערטנער און בלומען פלאַנץ־שול — ב. 4, ז. 4 (1).
אידישער וועבער — ב. 4, ז. 3 (2).
אידישע קריסטן (צווישן) — ב. 3, ז. 1 (8).
אייגנקלאפערקע — ב. 5, ז. 6 (7).
דוד איידלמאַן — ב. 1, ז. 3 (8).
איליע — ב. 1, ז. 4 (1).
ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער — ב. 1, ז. 10 (4).
ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער — ב. 3, ז. 1 (1).
ר׳ אירעלע פון סאַמבאָר — ב. 6, ז. 3 (1).
„אליהו הנביא“ דער 3־טער — ב. 2, ז. 1 (3).
אַלפאָנסן — ב. 4, ז. 1 (3).
אלטע רעבעצין — ב. 6, ז. 5 (2).
אלעקסאנדער דער 1־טער — ב. 4, ז. 3 (1).
ר׳ אלעזר רוקח — ב. 3, ז. 2 (3).
אמעריקע — ב. 2, ז. 2 (1).

---

*) די ציפער אין קלאַמערן ווייזט אויף דעם נומער פון דעם אַרטיקל אין דעם אינהאַלט־פארצייכענים אין יעדן באַנד באַזונדער. דאָרט וואו די נומעראַציע ווערט איבערגע׳חזר׳ט אין דעם אינהאַלט־פאַרצייכנים עטליכע מאָל וועט דער אויפמערקזאַמער לעזער זיך קענען לייכט אָנשטויסן: וועלכע ציפער איז די פּאַסיקע און וועלכער אַרטיקל עס ווערט געמיינט.

אמסטערדאם, בונדיסט — ב. 1, ז. 8 (21).
אמסטערדאם, ר' נפתלי — ב. 3, ז. 1 (3).
אנטאקאלסקי — ב. 1, ז. 8 (14).
אסימיליאטארן אין דער לידער ישיבה — ב. 2, ז. 4 (4).
אסתר, די גענעראלשע — ב. 1, ז. 1 (11).
אסתר'קע, ב. 1, ז. 5 (8).
אסתר'קע (קעניג קאזעמיר'ס געליבטע) ב. 1, ז. 2 (6).
אפאטאוו (יודל) — ב. 1, ז. 1 (14).
ארבעטער־באוועגונג — ב. 3, ז. 1 (3).

ב

באכראך, ר' ישראל — ב. 1, ז. 2 (6).
באלוט — ב. 4, ז. 4 (2).
בארדיטשעווער (ר' לוי יצחק) ב. 1, ז. 1 (9).
בארדיטשעווער'ס נגון — ב. 1, ז. 8 (16).
בארנשטיין, דוד — ב. 4, ז. 3 (2).
בארשטער פאבריקן — ב. 4, ז. 1 (7).
ברהן (לעצטער אידישער) — ב. 2, ז. 1—4 (3).
בוט שאטש — ב. 5, ז. 1 (10).
דער „בונד" — ב. 3, ז. 2 (2).
ב ז ש ע ז ש י ן א ו ן ז ג ע ר ז ש — ב. 4, ז. 1 (2).
ביאלער הויף — ב. 4, ז. 2 (1).
ביאלער אנטיקן — ב. 4, ז. 1 (1).
ביאלער רביצין — ב. 6, ז. 3 (6).
„ביליגע דירות" אין ווילנע — ב. 4, ז. 5 (7).
בית־עולם טראגעדיעס — ב. 3, ז. 1 (7).
יאקאב ביקל — ב. 5, ז. 1 (6).
בלאזער, ר' יצחק (ר' איצעלע פעטערבורגער) — ב. 3, ז. 1 (3).
בלינדער פאעט פון טיטאניק — ב. 2, ז. 7—1 (7).
בלינדע מוזיקאנטען (צווישן) — ב. 2, 7—1 (4).
בעל עגלה — ב. 3, ז. 1 (1).
בעלז — ב. 6, ז. 1 (1).
בעלזער רבי — ב. 6, ז. 10 (5).
„בעל שם" — ב. 5, ז. 1—6 (1).
„בעל שם טוב" — ב. 5, ז. 3 (9).
בעש"ט — ב. 5, ז. 2 (9).

בעש"ט — ב. 6, ז. 1 (3).
בערעלע דער „ליץ" — ב. 2, 8—1 (8).
ר' בערעניו — ב. 6, ז. 2, (4).
ר' בער — ב. 6, ז. 2 (1).
ר' בערעניו — ב. 6, ז. 1 (7).
בערל בראָדער — ב. 5, ז. 4 (9).
בערשאַדסקי — ב. 1, ז. 3 (3).
בראָדער זינגער — ב. 5, ז. 5 (9).
בראָד — ב. 5, ז. 1 (9).
ברוך דער טרעגער — ב. 4, ז. 1 (3).
ברוך, ר' אברהם יעקב — (א רב — א גלעזער) ב. 2, ז. 5—1 (6).
צבי ברייער — ב. 6, ז. 10 (5).
בריל, יוסף — ב. 3, ז. 1 (4).
בריסקער רעבעצין — ב. 1, ז. 8 (21).
ברך, גאַליציאַנער עלוי — ב. 1, ז. 3 (4).

ג

גאון, (ר' אליהו) — ז. ווילנער גאון.
גאון פון „שפּיץ־נאָדל" — ב. 2, ז. 5—1 (2).
גאָטלאָבער א. ב. — ב. 6, ז. 16 (7).
גאָטליב, מאַרשאַליק — ב. 5, ז. 8 (3).
גאַליציאַנער „דעק"־מענשן — ב. 5, (לעצטער אַרטיקעל).
גבור פון ביאַלע — ב. 1, ז. 1 (16).
גוזיקאָוו, כלי זמר — ב. 1, ז. 11 (21).
גזרת ת"ח — ב. 1, ז. 2 (6).
גינצבערג, א. ד. פאַבריקאַנט — ב. 4, ז. 6 (8).
ר' גרשון קיטעווער (שוואָגער פון'ם „בעל שם") ב. 5, ז. 4 (1).
גרשוני גריגאָרי אַנדרייעוויטש — ב. 3, ז. 2 (1); 4 (1).
רבי גרשון תנחום — ב. 3, ז. (3).
גרעץ (היסטאָריקער) — ב. 5, ז. 2 (5).
גר צדק'ס קבר — ב. 3, ז. 7 (7).
ר' גרשון העניך — ב. 6, ז. 4 (1).
גרעניץ — אידן — ב. 4, ז. 1 (3).
גרעניץ — פּרנסות — ב. 4, ז. 1 (3)
הירש גלאַז — ב. 3, ז. 5 (9).

ד

דאַרזשע באַרנער (שאַפּירניק) — ב. 5, ז. 4 (5).
דאַנאַם — ב. 1, ז. 8 (21).
דאָקטאָר (ערשטער אידישער) ב. 3, ז. 8 (7).
דבוק (לעצטער) — ב. 5, ז. 1 (12).
דבורה אסתר, פון ווילנע — ב. 1, ז. 1 (26).
דובראָוונע — ב. 1, ז. 1 (22).
דובראָוונער טליתים — ב. 1, ז. 1 (22).
ר' דוד משה'ניו (טשאָרטקאָווער רבי) — ב. 5, ז. 2 (5).
ר' דוד משה'ניו — ב. 5, ז. 7 (5.
דיסקין (בריסקער רב) — ב. 1, ז. 8 (21).
דע־ליאָן, לייזער — ב. 1, ז. 1 (8).
דע־נאַטקין — ב, 1, ז. 7 (21).
„דעק" פון וואַרשע — ב. 4, ז. 1 (2).
„דערבאַרעמדיגער" — ב. 1, ז. 13 (2).

ה

האַמבורגער, ר' רפאל — ב. 1, ז. 1 (4).
„הויכע נשמות" — ב. 4, ז. 1 (1).
הורוויץ (די פאַמיליע) — ב. 5, ז. 3 (1).
„הכוכבים" — ב. 3, ז. 2 (2); ב. 6, ז. 2 (5).
משה העלערבאַך (שאַפּירניק — ב. 5, ז. 6 (7).
הערצל — ב. 2, ז. 3–2 (6); ב. 5, ז. 8 (3).
ר' הערש ליב — ב. 1, ז. 1 (4); 8 (21); ב. 3, ז. (1); ב. 1, ז. 5 (29).
ר' הערשעלע — ב. 5, ז. 2 (11).
ר' הערשעלע — ב. 5, ז. 3, 2 (1).
השכלה און חסידות — ב. 5, ז. 1 (1).

וו

וואַגאַן־בילדער — ב. 4, ז. 1 (9).
וואַווער — ב. 4, ז. 5 (6).
וואָלאָזשין — ב. 1, ז. 3 (3).
וואָלמאַן, ישראל מאיר — ב. 3, ז. 1 (2).
וואַרשע אין ליכט און שאָטן — ב. 4, ז. 1 (7).

ווארשעווער לומפן־מארק — ב. 4, ז. 1 (1).
ליבע וואש — ב. 1, ז. 4 (26).
וואוילע יונגען — ב. 4, ז. 1 (2).
וויזשניצער חסידות — ב. 6, ז. 1 (3).
„ווייבערשע קניפלאך" — ב. 3, ז. 2 (2).
ווילייע — ב. 3, ז. 1 (2).
ווילנע — ב. 3, ז. 1 (2); 1 (8).
ווילנער בעל הבית'ל — ב. 1, ז. 1 (13).
ווילנער גאון — ב. 1, ז. 3 (3); ז. 4 (9); ב. 2, ז. 1 (2); ב. 3, ז. 7 (7).
וויערא מאטווייעוונא — ב. 2, ז. 9—1 (2).
וולאצלאוועק — ב. 4, ז. 4 (2).
„ועד ארבע הארצות" — ב. 5, ז. 2 (1); ב. 3, ז. 2 (1).
וועלוועל חיים ליימעס — ב. 3, ז. 1 (6).

ז

זאוויערצע — ב. 4, ז. 1 (8).
זאלושינער רבי — ב. 6, ז. 2 (5); 1, 2, 3, 4 (5).
זאריטש גענעראל — ב. 1, ז. 2 (21).
זארעמבא (גר צדק) — ב. 1, ז. 1 (1).
וועלוויל זבארזשער — ב. 5, ז. 2 (2).
זגערזש — ב. 4, ז. 1 (3).
זגערזש און ביאליסטאק — ב. 4, ז. 2 (2).
זוכאוויצער, ר' ישעיה — ב. 1, ז. 1 (5).

ח — כ

האנע קראוויעץ — ב. 2, ז. 5—1 (1).
הדר פון די „שאפירניקעס" — ב. 5, ז. 2 (6).
חוה'לע (טשארטקאווער רבי'ס טאכטער) — ב. 6, ז. 4 (5).
חזנאוויטש, דר. — ב. 2, 8—1 (8).
ר' חיים'קע וואלאזשינער — ב. 1, ז. 7—3 (3); ב. 3, ז. 1 (1)); ז. 1 (2); ב. 5, ז. 1 (2).
ר' חיים וויטאל פעליקס — ב. 4, ז. 7 (2).
ר' חיים'ל קאסאווער — ב. 6, ז. 2 (3).
„חכמי הקלויז" (אין בראד) — ב. 5, ז. 3 (9).

חסידישע אקאדעמיע אין ליבאוויטש — ב. 3, ז. 1 (3).
חסידישער קינדער־זשורנאל — ב. 3, ז. 4 (3).
„חתם סופר" — ב. 5, ז. 1 (2); ב. 5, ז. 3 (5).
כאפערס — ב. 1, ז. 8 (21).

ט — ת

טאמאשאוו — ב. 4, ז. 1 (2).
טאמאשאווער פאבריקאנטן — ב. 4, ז. 1 (1).
טארנאפאל — ב. 5, ז. 9—1 (1).
ר' טוביה — ב. 1, ז. 2 (6).
טלוסט, גאליציען (בעל שם'ס שטעטל) — ב. 5, ז. 5 (1).
טראק — ב. 3, ז. 1 (1).
דר. טריטש — ב. 6, ז. 11 (5).
טשארטקאוו — ב. 5, ז. 1; ב. 6, 3, 1 (5).
טשארטקאווער מצבות — ב. 5, ז. 3 (1).
טשארטקאווער פנקס — ב. 5, ז. 1 (11); ב. 5, ז. 1 (11).
טשארטקאווער רבי — ב. 5, ז. 3 (1).
טשענסטאכאווער שול פאר איד. נערטנעריי און בלומען־צוכט — ב. 4, ז. 5 (1).
„תורת חיים" — ב. 6, ז. 2 (3).
תכריכים־נייטארינס — ב. 3, ז. 3 (6).
תלמוד תורה־קינדער — ב. 3, ז. 1 (5).
תעניתים־פאסטער — ב. 2, ז. 6—1 (7).
תקיף (דער) ב. 1, ז. 1 (14).

י

קייזער יאזעף דער צווייטער — ב. 5, ז. 3 (1).
„יד חרוצים" — ב. 5, ז. 3 (5).
יאשקעס — ב. 1, ז. 5, 6, 7 (1).
יהודית'ל, די פאר'כשופטע שיינהייט — ב. 2, ז. 6—1 (3).
ר' יוזל (דער מאן פון די לעבער) ב. 2, ז. 6—1 (3).
יוזעפאוו — ב. 4, ז. 5 (6).
יורזדיקע — ב. 3, ז. 1 (7).
יעזואיטן — ב. 1, ז. 3 (6).
דר. יעלינעק — ב. 5, ז. 2 (5).
יעקאטערינע די צווייטע — ב. 1, ז. 2 (22); ז. 7—6 (22).

ר׳ יעקב יצחק (ביאַלער רבי) — ב. 6, ז. 1 (6).
ר׳ יעקב מאיר (מינסקער גוטער איד) ב. 6, ז. 1 (3).
יערגל ב. 1, ז. 4 (22).
יצחק אלחנן, רבי — ב. 2, ז. 1 (5).
דוד ירושלמי (לערער פון די גאַליטשער קאַראַאימען) ב. 5, ז. 1 (8).
ירמיה הנביא פון זגערזש — ב. 4, ז. 1 (2).
יש״ר — ב. 4, ז. 2 (2); ז. 1 (6).
ישראל הערש יאַבעלסאָן — ב. 3, ז. 5 (9).
ר׳ ישראל׳ניו, טשאַרטקאָווער רבי — ב. 6, ז. 3 (5).

ל

לאַדי — ב. 6, ז. 1 (1).
לאַשקעוויצער רבי — ב. 5, ז. 1 (12).
לובלין — ב. 4, ז. (1) (2) (3).
לויפּער־שול — ב. 4, ז. 2 (1).
לוצק — ב. 1, ז. 2 (7).
לוצק — ב. 5, ז. 1 (8).
לוצקער קאַראַאימען — ב. 5, ז. 1 (8).
ר׳ ליב חסיד — ב. 1, ז. 4 (5).
ר׳ ליב צינקעס — ב. 3, ז. 7 (7).
ליבאַוויטש — ב. 6, ז. 1 (2); ב. 3, ז. 1 (3).
ר׳ ליב שרה׳ס — ב. 5, ז. 1 (1).
לידלאַך (פון בלינדע מוזיקאַנטן) — ב. 2, ז. 3—4 (4).
לידער ישיבה — ב. 3, ז. 1 (4).
ליליענטאַלס עפּאָכע — ב. 3, ז. 2 (1).
למד־וואָווניקעס — ב. 2, ז. 8 (3).
לערער (שול־לערער) — ב. 3 ז. 2 (1).
לעווערטאָוו׳ס ווערק — ב. 3, ז. 2 (8).
ר׳ יצחק בער לעווינסאָן — ב. 5, ז. 1 (5); ב. 5, ז. 4 (9).
„לצים - שטיבל״ ב. 5, ז. 3 (9).

מ

מאָהילעוו — ב. 1, ז. 3 (8).
מאָהילעוו — ב. 1, ז. 7 (21).
מאָטקע חב״ד — ז. 6—7 (14).
ר׳ מאיר׳קע (נעסוויזשער רב) ב. 1, ז. 3 (9). . .

מאיר אנשיל, שטאם־פאטער פון די ראטשילדס — ב. 5, ז. 2 (11).
— ב. 6, ז. 2 (3).

ר׳ יוסף משביר (חכם פון די האליטשער קאראאימען)
— ב. 5, ז. 1 (8).

מאיר דער שוסטער — ב. 1, ז. 1 (28).
„מאנטשקע" — ב. 1, ז. 1 (16).
מאניושקא — ב. 1, ז. 4 (13).
משה חשקעס — ב. 1, ז. 5—4 (14).
מאפו — ב. 1, ז. 8 (14).
מאריאוויטן — ב. 4, ז. 5 (2).
מהר"ם — ב. 4, ז. 2 (1).
מהרש"א — ב. 4, ז. 2 (2).
מהרש"א — ב. 3, ז. 3 (3).
„מהרש"ל" — ב. 4, ז. 2, (1).
דער „מומחה" — ב. 4, ז. 1 (4).
מוניע, דובראוונער שמש — ב. 3, ז. 1 (5).
מונקאטש — ב. 5, ז. 3 (5).
מוסר׳ניקעס (צווישן) — ב. 3, ז. 1 (1).
מזח יהושע (לעצטער איד. פאלקס שרייבער) — ב. 2, ז. 7—1 (2).
„מחזיקי הדת" — ב. 6, ז. 7 (5).
מחלוקת צווישן ר׳ ישראל סאלאנטער און ר׳ הערש ליב —
ב. 1, ז. 5 (29).

מייזל, ר׳ אליהו חיים — ז. 1 (1).
מיכל ציגארן־מאכער — ב. 1, ז. 8 (28).
ר׳ מיכל זלאטשאווער — ב. 5, ז. 2 (1).
מיסיאן (קריסטליכע) — ב. 3, ז. 1 (8).
מיסיאנער — ב. 3, ז. 3 (8).
מירער ישיבה — ב. 3, ז. 1 (2).
מלכה די רעבעצין — ב. 3, ז. 1 (1).
מעזעריטש — ב. 4, ז. 1 (1); ז. 1 (7).
מעזעריטשער מגיד (ר׳ בער) — ב. 1, ז. 3 (11).
ר׳ מענדעלע („צמח צדק") — ב. 6, ז. 1 (2).
ר׳ מענדעלע דער צווייטער (ר׳ מענדעלע וויזשניצער).
ר׳ מענדעלע קאסאווער — ב. 6, ז. 2 (3).
ר׳ מענדל קאצקער — ב. 6, ז. 3 (1).
מרדכי „ירא שמים" — ב. 2, ז. 7—1 (8).

ר׳ מרדכי׳ניו — ב. 6, ז. 2 (4).
משה ג״ח — ב. 1, ז. 1 (18).
ר׳ משה דוד׳ל — ב. 6, ז. 2 (4).
ר׳ משה׳לע — ב. 6, ז. 6 (3).
ר׳ משה ליב (סאַסעווער רבי) — ב. 5, ז. 2 (1).
משה מאַנטאַלטו — ב. 4, ז. 2 (2).
ר׳ משה קרעמער, ב. 3, ז. 5 (7).
„משיח בן דוד״ — ב. 2, ז. 5—1 (4).

נ

נאָוואָגרודקער מוסר — ב. 3, ז. 1 (3).
נאָוואָגרודקער מוסר׳ניקעס — ב. 3, ז. 1 (4).
נאָווגאָראָד — ב. 1, ז. 1 (29); ב. 2, ז. 2 (1).
נאָוואַראַדער תלמוד תורה — ב. 3, ז. 1 (5).
„נדר פון אַ קאָצקער חסיד״ ב. 4, ז. 1 (4).
ר׳ נחום האַראָדנער — ב. 1, ז. 2 (26); ז. 1 (27).
נאַלעווקעס (1) (2) (3).
ר׳ יוסף שואל נאַטאַנזאָן — ב. 5, ז. 2 (5).
נאָטע שתדלן — ב. 1, ז. 7 (21); ז. 2—1 (22).
ניינציגער — ב. 1, ז. 1 (29).
נאַפּאָלעאָן און דער אַלטער רבי — ב. 6, ז. 1 (1).
נאַרדאָו — ב. 5, ז. 8 (3).
נעסוויזש — ב. 1, ז. 1 (18).
נפתלי פייף — ב. 2, ז. 2—1 (4).
„נתיבות עולם״ — ב. 4, ז. 4—2 (8).
ר׳ נתן לייזער (פילאָזאָף) — ב. 3, ז. 2 (7).

ס — ש

ס. ס. („עס־עס״) — ב. 3, ז. 3 (2).
סאַדיגער — ב. 6, ז. 1 (2).
סאָלאָווייטשיק ר׳ חיים — ב. 2, ז. 1 (4);
ב. 4, ז. 2 (4).
ב. 3, ז. 1 (4).
ב. 6, ז. 7 (5).
ב. 3, ז. 1 (1); 1 (2).

ר׳ ישראל סאַלאַנטער — ב. 1, ז. 5 (29);
סאַלאַנטער׳ס תלמידים — ב. 3, ז. 1 (2).
סאַנדזער רבי (ר׳ חיים האַלבערשטאַם) — ב. 6, ז. 8 (7).
סאַניע ניימארק — (די חכמה) — ב. 3, ז. 1 (1).
אירע מעשה׳לאך: ב. 3, ז. 1 (2); 1 (3);
1 (4); 1 (5); 1 (6); 1 (7).
סאַסאָווער רבי — ב. 6, ז. 8 (3).
סווידער — ב. 4, ז. 5 (6).
סווערזשנע — ב. 3, ז. 1 (7).
סופר׳ס דראַמע — ב. 3, ז. 1 (6).
סטויפץ — ב. 3, ז. 1 (7).
סיגעט (אונגארן) — ב. 5, ז. 2 (1).
סינאַגאָג, מוסר — ב. 1, ז. 8 (21).
סלאָבאָדקער ישיבה — ב. 3, ז. 1 (7).
דער סלאָנימער (גוטער איד) — ב. 6, ז. 1 (4).
סמאָלענסקין, לעאָ — ב. 5, ז. 4 (5).
סמאָלענסקין פרץ—ב. 1, ז. 8 (21).
סמאָלענסקין, פרוי — ב. 5, ז. 8 (21).
ר׳ שמחה זיסל — ב. 3, ז. 1 (3).
שמחה דער שוסטער—ב. 3, ז. 1 (3); ז. 1 (5).
„שרה בת נחום" — ב. 3, ז. 6 (7).
שרה יפה (האשה) מסדרת אותיות — ב. 4, ז. 2 (2).

ע

עפשטיין, ר׳ ליב — ב. 1, ז. 4 (3).
ר׳ יצחק ערטער — ב. 5, ז. 4 (9).
ערנקראַנץ, זעה זבארזשער וועלוועל.

פּ

פּאַדריאַטשיקעס (אמאָליגע) — ב. 1, ז. 1 (8); ז. 1 (29).
פּאַזנאַנסקי — ב. 4, ז. 7 (3).
פּאָטאָצקי גראַף — ב. 1, ז. 1 (1).
פּאָטאָק זלאָטי — ב. 6, ז. 2 (4).
פּאָטיאָמקין, פירשט — ב. 1, ז. 2 (21).
פּאָטיאָמקינס „גזרה — ב. 1, ז. 1 (22).

פּאַטשט, אידישע ב. 1, ז. 6 (21).
„פּאַניע קאַבאַנקו“ — ב. 1, ז. 1 (18).
„פּועלי ציון“ — ב. 3, ז. 3 (2); 5 (3); 5 (4).
„פּועלי צדק“ (חברה) — ב. 5, ז. 2 (4).
פּופּן־דאָקטאר — ב. 1, ז. 7—1 (6).
פּורים־שפּיל — ב. 2, ז. 7—4 (1).
פּורים־שפּילער (לעצטער) — ב. 2, ז. 8—־ (1).
„פּטשאַלקע“ — ב. 1, ז. 7 (4).
פּיישע דער שניידער, ב. 3, ז.1 (4).
פּינסקי, דוד — 6—5 (3).
פּלאָנער׳ס — ב. 5, ז. 1 (16).
ר׳ פּנחס׳ל בעל הפלאה — ב. 5, ז. 2 (3).
פּנקס־מעשיות — ב. 1, ז. 23—1 (19).
פּנקס פון בעלי מלאכות (גאַליציען) — ב. 5, ז. 1 (14).
יוסף פּערל — ב. 5, ז. 1 (1).
דער „פּע־פּע־עסניק און זיין ווייב — ב. 4, ז. 1 (14).
פּריץ (דער לעצטער יודישער) — ב. 1, ז. 1 (15).
פּרעסבורג — ב. 5, ז.
פּרעסבורגער ישיבה — ב. 5, ז. 1 (2).

פֿ

פאלעניצע — ב. 4, ז. 5 (6).
„פאמיליע צבי“פון דער לינקער זייט — ב. 4, ז. 5 (3).
מענדל פידלער (שאפּירניק) — ב. 5, ז. 1 (7).
לודוויג, אויגוסט פראנקעל, דר. — ב. 5, ז. 2 (5).
פראנץ יאזעף — ב. 5, ז. 2 (5).
פראנצאז קארל עמיל — ב. 5, ז. 5 (1).
פראוויין, (דר. האמעאפאט) ב. 3, ז. 6 (8).

צ

צונזער — ב. 5, ז. 9 (3).
צוקערמאַן, שמערל — ב. 1, ז. 3 (2).
„צעבראָכענע נשמות“ ב. 2, ז. 6—1 (1).

ק—כ

קאהאן, חיים שמעון — ב. 1, ז. 3 (8).
קאזימיר (דער פוילישער קעניג) — ב. 1, ז. 2 (6).
קאטאליק (דער פרומער אידישער) — ב. 2, ז. 8—1 (6).
קאמוניסטישער קעלער — ב. 4, ז. 1 (3).
„קבורת חמור“ — ב. 1, ז. 8 (21).
קברות לייט (מקברים) — ב. 3, ז. 8 (7).
קאלייקעס — ב. 4, ז. 1 (2).
קאמף צווישען סאנדז און סאדיגער — ב. 6, ז. 8 (7).
קאטיק, יחזקאל — ב. 4, ז. 1 (5).
„קאמבינאטארס“ — ב. 4, ז. 1 (2).
קאנטאניסטן — ב. 2, ז. 5—1 (2).
קאנטראבאנדע־מסחור — ב. 1, ז. 3 (21).
ר' קאפיל חסיד — ב. 6, ז. 2 (3).
ר' קאפיל פרנס — ב. 5, ז. 2 (6).
קאראאימער (אין טראק) — ז. 1 (1).
קאראאימען און אידן אין האליטש — ב. 5, ז. 2 (8).
קאראלטשוק, דר. (שווארצער דאקטאר) ב. 2, ז. 13 — 1 (7).
דער קדוש פון ביאלע — ב. 1, ז. 1 (7).
קדושים פון רוזשינאי — ב. 1, ז. 1 (16).
„קדושת לוי“ — ב. 1, ז. 2 (10).
ק ו ט נ ע — ב. 4, ז. 1 (2).
קוילן־גרעבעריי און אידישע ארבייטער — ב. 4, ז. 5 (3).
קוק־קעסטעלע (דער איד מיט דער) — ב. 2, ז. 7—1 (5).
קורטשעוו, דאס „בית עולם“ שטעטל — ב. 4, ז. 4 (6).
קושעלעווסקי, דר. — ב. 1, ז. 1 (10).
קיידאנער שניידערשער פנקס — ב. 1, ז. 1 (20).
קינקולקין — ב. 1, ז. 3 (11); 1 (12).
ר' שלמה קלוגער — ב. 5, ז. 3 (9).
קלמן ריפע — ב. 2, ז. 2, 3, 4 (4).
קערעשמעזא (אונגארן) — ב. 5, ז. 8 (3).
ר' נחמן קראכמאל — ב. 5, ז. 6 (9).
קרעטשמערס דראמער — ב. 3, ז. 1 (2).
כנסת ישראל — ב. 6, ז. 7 (5).
„כתב־חירות“ — ב. 5, ז. 4 (4).

ר

„ראבטשיק" און „בורילע" — ב. 3, ז. 1 (3).
ראדזיוויל — ב. 1, ז. 1 (16).
ראדזיוויל, קאראָל — ב. 1, ז. 2 (18).
ר א ד ז י ו ו י ל ס — ב. 4, ז. 6 (1).
ר' ראובע'לע — ב. 1, ז. 3 (3).
ראָטשילד — ב. 3, ז. 1 (3).
ראָטשילד (לעגענדע וועגן) — ב. 5, ז. 1 (11).
ראָם'ס דרוקעריי — ב. 3, ז. 1 (9).
ראמאילעס געסל — ב. 3, ז. 2, 3 (2).
ראמאילעס שול — ב. 3, ז. 3 (2).
ראקאוו — ב. 3, ז. 2 (3).
רבייאים און חסידות אין גאליציען — ב. 6, ז. 1 (1).
רבקה רחל (אסתר'קע די דריטע) — ב. 1, ז. 5 (8).
רוזשינאיער פאלקס העלדן — ב. 1, ז. 1 (26).
רוסישע רעוואָלוציע — ב. 2, ז. 5 (3).
„ריזן" — ב. 4, ז. 1, (2).
רייזעלע, די הויכע נשמה — ב. 4, ז. 1 (1).
ריזשינער רבי — ב. 6, ז. 1 (2); ז. 1 (4).
ריזשינער'ס הויף — ב. 6, ז. 7 (7).
ריווע קלאָווער — ב. 2, ז. 3—1 (2).
דר. רייטמאן — ב. 6, ז. 3 (7).
ריינעס, לידער רב, גרינדער פון דער לידער ישיבה,—ב. 3, ז. 1 (4).

ש

„שאגת אריה" — ב. 1, ז. 1 (3).
„שאגת אריה" — ב. 3, ז. 3 (3).
ר' ישעיה מאיר שאפירא — ב. 5, ז. 1 (5).
שאפירניקעס — ב. 5, ז. 7 (5).
שאפירניקעס און חסידים — ב. 5, ז. 7 (5).
שרה שאפירא (העברעאישע דיכטערין) — ב. 5, ז. 3 (1).
שוויגער (גוטע) — ב. 3, ז. 4 (4).
שוויגער (שלעכטע) — ב. 3, ז. 1 (3).
שוסטערס, אידישע, אין בוטשאטש — ב. 5, ז. 7 (10).
„השחר" — ב. 5, ז. 4 (5).

שטאקל, דר. (שאפירניק) ב. 5, ז. 5 (7).
שטערן־משפחה — ב. 5, ז. 4 (10).
שטערן־קאנפארענץ — ב. 5, ז. 6 (10).
ר' שכנא — ב. 6, ז. 2 (1).
של"ה, (ר' ישעיה ליב הורוויץ) — ב. 5, ז. 3 (1).
שלום אש'ם שטעטל — ב. 4, ז. 1 (2).
ר' שלום בער — ב. 6, ז. 3—2 (2).
ר' שלמה רופא לורייא — ב. 4, ז. 2 (2).
„שמד" — ב. 2, ז. 3—1 (3).
„שמד'קעס" — ב. 4, ז. 9, 10 (1); א. ב. ג. ד. ה. ו. ז. ח.
ר' שמואל'קע (גרינדער פון דער מירער ישיבה) — ב. 3, 1, 1 (2).
ר' שמואל'קע (ליבאוויטשער רבי) — ב. 6, ז. 2 (2).
שמולעוויזנע — ב. 4, ז. 1 (7).
„שמיט" (א „אידישער הייד") — ב. 2, ז.1 (1).
„שמן הטוב" (ספר) — ב. 5, ז. 2 (11).
שמעון קאפטאן — ב. 1, ז. 2 (26).
ר' שמעלקע פון ניקלסבורג — ב. 5, ז. 2 (1).
ר' שמעלקע פון ניקלשבורג — ב. 5, ז. 2 (3).
ר' שניאור זלמן (אלטער רבי) — ב. 6, ז. 3 (1).
ב. 1, ז. 3 (4).

שקלאוו — ב. 1, ז. 1 (21).
שקלאווער גבירים — ב. 1, ז. 5 (21).
„שקלאווסקי דוואריאנין" — ב. 1, ז. 1 (12).